STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01237

YIDISHE GESHIKHTE

Heinrich Graetz

Permanent preservation of this book was made possible
by Benjamin Bromberg
in memory of
Sol D. Bromberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ה. גרעץ

יידישע געשיכטע

פיערטער באַנד

פון יהודה'ס אונטערגאַנג ביז די גאונים

מיט אַ פאָררעדע וועגען גרעץ און זיין ביאָגראַפיע פון פ. לאַחאָווער
דער היסטאָריקער אַלס קינסטלער און שרייבער פון יעקב פיכמאַן
גרעץ און זיין מאָנומענטאַל ווערק פון דר. יצחק שיפּער

פערלאַג ב. שימין וואַרשע / פאַרקויף געז. „צענטראַל" וואַרשע

Printed in Poland

PROF. DR. H. GRAETZ
HISTORJA ŻYDÓW
:: :: ::   :: :: ::
Druk. Sikora i Mylner, Warszawa,
Nowolipki 6.

גלות־עפּאָכע

די איבערגאַנגס־צייט

מטבעות צום זכר פון רוימישען נצחון
(Judea Copta — בעזיגטע יהודה)

ערשטעס קאַפּיטעל

די לאַגע אין יהודה און דער נייער גייסטיגער צענטער אין יבנה

מיט דעם אונטערגאַנג פון ירושלים אַלס צענטער פון יהודה׳ס נאַציאָנאַל־פּאָליטישען לעבען, הויבט זיך אָן אַ נייע, מערקווירדיגע עפּאָכע אין דער יודישער געשיכטע.

דער מעכטיגער שונא האָט אַלץ פערניכטעט; פון דער גאַנצער בעפעלקערונג אין יהודה איז נאָר אַ קלייִנער טייל איבערגעבליבען, און ער איז כמעט אינגאַנצען פערטויבט און צוטומעלט געוועזען פון דעם שרעקליכען חורבן. „דאָס גאַנצע לאַנד איז פּוסט, חרוב און פערווילדעט; ווער דען אָט דער טויט־שוואַכער קערפּער זיך קענען דערהאַלטען? ווער די טאָלטער יהודה קענען נאָך ווען ס׳איז צו זיך קומען פון איהר שרעקליכען קלאַפּ? עס זענען, אמת, נאָך פערהאַן גרויסע יודישע קהלות אין סיריען און אין בבל, אין קליין אזיען און מצרים; די דאָזיגע קהלות האָבען אָבער די גאַנצע צייט געצויגען זייער גייסטיגע יניקה פון דער הייליגער יהודה׳שער הויפּטשטאָדט, פון ירושלים, און איצט שטעהען זיי אויך פערצווייפעלטע, דערשלאָגענע, ווי אָהן אַ זיכער׳ן פעסטען באָדען

אונטער די פּנים. וואָס וועט אַלזאָ זײַן? צי איז ווירקליך נישט אָנגעקומען די לעצטע שעה פֿאַר דעם טויזענד־יעהריגען יודישען שטאַאַט, און ער געהט אונטער, ווײַל דאָס איז דער ווילען פֿון דער אויבערשטער השגחה?"— אַזעלכע טרויריגע געדאַנקען האָבען בעהערשט דעם מעהר ענטוויקעלטען עלעמענט פֿון די איבערגעבליבענע יודישע מאַסען, און אַנדערע פֿון זיי האָבען אַפּילו בעטראַכט אָט די השערה פֿאַר אַ זיכערען פֿאַקט *).

און די פֿאָלגען פֿון דער דאָזיגער פֿערצווייפֿלונג זענען געוועזען פֿערשיעדען. אַ סך האָבען זיך אינגאַנצען דערווייטערט פֿון דער וועלט און פֿון אַלע לעבענס־תּענוגים, זענען פֿערזונקען געוואָרען אין אַ אייביגען טרויער, כּדי אויף אַזאַ אופֿן צו שטילען דעם צאָרן פֿון גאָט געגען זײַן פֿאָלק ישׂראל; אַנדערע, ווידער, וועלכע האָבען זיך בעזונדער שטאַרק גענומען צום האַרצען די אבֿידה פֿון בית המקדש, אַלס היילינגער אָרט פֿון תּשובֿה און חרטה פֿאַר גאָט, האָבען זיך אַרײַנגעוואָרפֿען אין די אָרעמס פֿון די יונגע קריסטליכע סעקטעס, אום אויסצופֿילען דעם חלל אין זייערע הערצער מיט קרבּנות פֿון רײַנע געפֿיהלען און האָפֿנונגען אויף דער נאָהנטער „מלכות השמים". ווי אַזוי־זשע, פֿרעגט זיך, זענען עס נאָך אַלעם דעם די איבערגעבליבענע צוריסענע גלידער פֿון פֿאָלק דאָך בײַגעקומען די שרעקליכע געפֿאַהר? ווי אַזוי־זשע האָבען עס די דאָזיגע צושפּליטערטע כּחות בעוויזען, זיך צו דערהאַלטען, ווי איין גאַנצער, פֿעסטער אָרגאַניזם, אין דעם משך פֿון הונדערטער דורות?

די ערקלערונג פֿון דעם פֿאַקט, — וועלכער בלײַבט דאָך איינע פֿון די מערקווירדיגסטע ערשײַנונגען אין דער מענשליכער געשיכטע—ליגט, ערשטענס, אין דעם אייגענאַרטיגען גײַסטיגען לעבען, מיט וועלכען דער יודישער שטאַאַט האָט זיך אויסגעצייכענט באַלד אין אָנהויב פֿון זײַן ענטשטעהן. דורכגעדרונגען מיט אַ אוננעוועהנליכער אָנגעצווירענער רעליגיעזיטעט, מיט אַ טיעפֿען אָנגעבוירענעם זין פֿאַר דאָס איבערערדישע, היילינגע אין׳ם מענשלי־

---

*) עס איז בעקאַנט, למשל, דאָס אליעזר, דער העלדישער אָנפֿיהרער פֿון דער פֿעסטונג מסדה, האָט פֿאַר דעם, איידער ער האָט אַרײַנגעזעצט זײַן שווערד צו זיך אין ברוסט, אַ פֿערצווייפֿעלטער אויסגעשריען, אַז גאָט האָט זיך פֿערבייזערט אויף זײַן אויסדערוועהלטען פֿאָלק און האָט איהם פֿער׳משפּט צום אונטערגעהן.

לען לעבען, — איז דאס יודישע פאלק, אין תוך גענומען, לכתחילה גלייך אזוי ווי בעשאפען געווארען נישט פאר קיין רעגולירטער וועלטליכער מלוכה־מאכט, וואס מוז זיך שטיצען אויף דער פיזישער קראפט. די שענסטע און רייכסטע גייסטער פון דער יודישער אומה זענען פון אייביג־אן געווען געגען די פערטרעטער פון דער מלוכה, און די לעצטע זענען, אייגענטליך, נאר אויף אזוי פיעל געווען חירקליכע מלוכה־מענשען, אויף וויפיעל זיי זענען פרעמד געווען דעם אריגינעלען יודישען גייסט, אויף וויפיעל זיי זענען ווייט געווען פון די אייגענטימליכע יודישע טראדיציעס. אין דער צייט, ווען די פארשטעהער פון דער מלוכה פלעגען זוכען צו ערציהען דעם פאלק אויף די אידעאלען פון מאכט און קראפט, פון וועלטליכער גרויסקייט און ערדישער עשירות, — אין דער צייט האבען די אמת'ע לעהרער פון פאלק אונטערגעגראבען דעם יסוד פון די דאזיגע בעגריפען, פלאנצענדיג אין איהם דעם בעוואוסטזיין פון זיין הויכער שליחות, פון זיינע געטליכע אידעאלען, די אידעאלען פון גייסטיגער ריינקייט און היילגקייט, פון „לעבען ווי גאט האט געבאטען”, אדער גאר — אין גאט און מיט גאט; און דאס פאלק האט זיך צוגעהערט צו זיינע לעהרער מעהר ווי צו זיינע פיהרער — די ערשטע זענען שטענדיג געשטאנען אויף זיין זייט, האבען אויסגעדריקט זיינע נויטען און פיינען, און אין זיין נאמען געקעמפפט אנטקעגען די פערשכור'טע, אויסגעלאסענע אריסטאקראטען —: די גאנצע רייהע דורות, וואס איז אריבער פון דער צייט, זינט דער דאזיגער פערביטערטער קאמפף האט זיך אנגעהויבען, איז איין גרויסער טריאומף פון דאס געטליכע איבער דאס ערדישע אינ'ם יודישען פאלקס־לעבען. פון דור צו דור האט זיך די לעבענסאנשויאונג פון דער נבואה, איהרע בעגריפען פון גאט, מענש און וועלט, איהר פארשטעלונג וועגען דער בעזונדער געטליכער שליחות פון דער יודישער אומה, — אלץ מעהר און מעהר איינגעזויגען אינ'ם בלוט און מארך פון די יודישע מאסען, און אט די נבואה־בעגריפען, וועלכע זענען מיט דער צייט פערוואנדעלט געווארען אין שטרענגע קלאר־בעשטימטע דינים, גזירות און חומרות, האבען ארויפגעלעגט א אייגענארטיגען שטעמפעל אויף דער גאנצער פסיכיק פון דער יודישער אומה. דאס פאלק האט טיעף אינערליך נישט אנערקענט קיין שום מאכט, אויסער דער אונבעגרענעצטער אלמעכטיגקייט פון גאט אין הימעל; יעדער יחיד פון דער אומה האט קודם כל געקוקט אויף זיך

נישט, ווי אויף אַ בירגער פון אַ בעשטימטער מלוכה, נאָר ווי אויף אַ מיטגליעד פון אַ בעשטימטען כלל, פון אַ בעשטימטען, אויסדערוועהלטען שטאַם, וואָס האָט אויף זיך בעזונדערע פליכטען, און קיין זאַך האָט נישט אַזוי אָנגעגריפען און אויפגעבראַכט אָט די יחידים, ווי די פערלעצונג פון דעם רעליגיעזען געפיהל. נישט קיין בלויזע רעוואָלוציאָנערען און פרייהייטס-קעמפפער האָבען דורכגענעצט די ערד פון יהודה מיט זייער הייסען בלוט, נאָר פיעל מעהר — און אפשר בלויז — מערטירער, מענשען בעגייסטערטע פון אַ געוויסער רעליגיעזער פאָרשטעלונג, וואָס האָבען זיך דערפאַר מוסר נפש געווען.

אָם יודישע פאָלק האָט, אויף אַזאַ אופן, נישט געקענט אונטערגעהן צוזאַמען מיט דער יודישער מלוכה שוין נאָר דערפאַר אַליין, וואָס אָט די ביידע בעגריפען זענען צווישען זיך די גאַנצע צייט נישט אָרגאַניש פעראייניגט געווען, און וועהרענד די מלוכה האָט כסדר געקרענקט און געגוסס'ט, האָט נאָך דאָס פאָלק געהאַט די גאַנצע סומע וואַקסענדע גייסטיגע כחות פון אַ געזונדטען, לעבענספעהיגען אָרגאַניזם; פאַקטיש זענען דאָ אָבער געווען אויך אַנדערע קרעפטען, וואָס האָבען שטאַרק מיטגעווירקט צו דערהאַלטען די גאַנצקייט פון דער אומה און איהר לייכטער צו מאַכען דעם איבערגאַנג פון איין לאַגע אין דער אַנדערער. אָט די קרעפטען זענען: דער שאָטען פון פאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, וואָס האָט נאָך געשוועבט איבער אַ געוויסען טייל פון לאַנד (אין גליל), און בעזונדער דער נייער גייסטיגער צענטר פאַר דעם גאַנצען פאָלק, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען אויף די חורבות פון בית המקדש, נאָך איידער דער לעצטער איז געהאַט אונטערגעגאַנגען אינגאַנצען. דאָס איז געווען אַ אונגעהויער ווייטזיכטיגער שריט פון איינעם פון די גרעסטע יודישע גייסטער, וועלכע דער נאַציאָנאַלער ערהאַלטונגס-אינסטינקט האָט שטענדיג אַזוי ווי צוגעגרייט פאָראויס פאַר יעדען קריטישען מאָמענט אין דער יודישער געשיכטע.

אין די ערשטע צעהנדליגער יאָהרען נאָכ'ן חורבן איז יהודה כמעט אינגאַנצען פוסט געווען. די רוימישע רעגיערונג האָט אפילו געפונען פאַר נויטיג, צו האַלטען אין לאַנד אַ בעזונדער פערטרעטער מיט אַ בעדייטענדער מיליטערישער מאַכט; די לעצטע האָבען אָבער, ווי ס'איז צו גלויבען, קיין גרויסע אַרבייט נישט געהאַט, און אין דער

ידישער געשיכטע איז פון זיי קיין זכר נישט איבערגעבליבען. די רעזידענץ פון די דאזיגע פערטרעטער איז פערבליבען, ווי פריהער, קסריה, וואס איז איצט, אויף וועספאסיאנ׳ס בעפעהל, פערוואנדעלט געווארען אין א „רוימישער קאלאניע”. א שטארקער מיליטערישער גארניזאן האט זיך געפונען שטענדיג אויך אין ירושלים, חאטש די שטאדט איז אינגאנצען צעשטערט געווען, און, ווי יוסף־פלאוויוס זאגט עדות, „האט זיך גארנישט געלאזען גלויבען, אז אויף דעם ארט האבען אמאל מענשען געוואוינט”. דער גרעסטער טייל ערד פון די ידידה׳שע שטעדט און דערפער איז בעזעצט געווארען פון רוימישע קאלאניסטען, וועלכע פלעגען אפילו אוועקנעהמען די ערד מיט געוואלד פון איהרע יודישע בעלי בתים (סקריקון). בעזונדער האבען זיך אט די קאלאניסטען בעזעצט אין דער פראווינץ שומרון, און דא, נעבען דער הייליגער הויפטשטאדט פון די שומרונים, שכם, האט זיך מיט דער צייט אויסגעבילדעט דער נייער רוימישער ישוב נעאפאליס (נאבלוס), וואו ס׳האט זיך געפונען א צעאוס־טעמפעל און א פלאץ פאר די אלימפישע שפילען. בעזעצט פון יודען איז געבליבען נאר דער דרום־מערב־טייל פון יהודה, אבער אויך דא האט זיך די ערד איצט גערעכענט פאר א אייגענטום פון דעם רוימישען קייזערליכען הויז און די יודען האבען פאר זייער ערד געמוזט אבצאהלען א געוויסען מס. צו דעם דאזיגען ערד־אבצאהל איז נאך צוגעקומען דער יעהרליכער מס פון א האלבען שקל (א ערך פון 65 ק.), וואס פלעגט שטרענג אויפגעמאהנט ווערן פון אלע יודען אין דער גאנצער רוימישער אימפעריע פאר דעם קאפיטאלישען יופיטער־טעמפעל. אט דער „פיסקוס יודאאיקוס” האט פאר די יודען געהאט א בעזונדער בעליידיגענדע זייט, ווייל ער האט געשטאמט פון דעם האלבען שקל, וואס די יודען פון אלע לענדער פלעגען יאהר יעהרליך שיקען אלס נדבה פאר׳ן בית המקדש אין ירושלים.

אין א פיעל בעסערער לאגע האבען זיך געפונען די יודען אין גליל. דא האט דער געטרייער רוימישער וואסאל אגריפוס II נאך אלץ געגאלטען פאר א קעניג, און נאך דעם אויסגאנג פון דער גרויסער מלחמה האט איהם וועספאסיאן נישט אויפגעהערט ארויסצעווייזען פערשיעדענע חסדים און טובות. פערברענגענדיג די מעהרסטע צייט אין רוים, אין וועספאסיאנ׳ס הויף, האט דער דאזיגער „פעררעטערישער קעניג” דאך נישט איין מאל זיך אנגענומען פאר זיינע דערשלאגענע אונטערטאנען און אויסגעפועל׳ט פאר זיי פערשיעדענע הנחות. נאך א

גרעסערן איינפלוס אין דער ריכטונג האט געהאט אגריפוס׳עס שוועסטער בערעניקא, די בעריהמטע אונבערוועלקליכע שענהייט, וואס האט גע־לעבט אין טיטוס׳עס פאלאץ און געשפיעלט די ראליע פון א קומענדיגער רוימישער קייזערין. טיטוס׳עס אייפערזוכט צו דער יהודה׳עאישער פרינ־צעסין איז דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז ער האט אמאל געלאזען דער־שטיקען זיין געוועזענעם טיש־חבר צעציגא דערפאר, וואס ער האט איהם חושד געוועזען אין געהיימע בעציהונגען מיט איהר. ווי ס׳איז צו גלויבען, האט טיטוס די ערשטע צייט ווירקליך געמיינט, חתונה צו האבען מיט בערעניקא׳ן און נאר דערמיט ערקלערט זיך דער פאקט, וואס דער ארעאפאג, דער ראט פון די זעקס הונדערט און דאס פאלק פון אטען האבען געלאזען אויפשטעלן בערעניקא׳ן א מאנומענט מיט א אויפשריפט, אין וועלכען זי ווערט בעטיטולט: די גרויסע קעניגין, טאכטער פון דעם גרויסען קעניג יוליוס אגריפא. פון טיטוס׳עס פלאן האט זיך אבער גארנישט אויסגעלאזען, ווייל זיין פאטער, וועס־פאסיאן, און מיט צ[illegible] די גאנצע רוימישע אריסטאקראטיע זענען געוועזען נעגען דעם שי[illegible]. [illegible]ערעניקא איז דאן אוועק פון רוים, און איז אהין צוריקגעקומען ער[illegible] וועספאסיאנ׳ס טויט איצט האט זי שוין אבער געהאט נעגען זיך אויך טיטוס׳ען אליין, וועלכער איז פאר דער צייט אבגעקיהלט געווארען צו איהר און האט כסדר געזוכט, אונטערצוי־הנפה׳נען דעם רוימישען פאלק. דאס האט געמאכט א שטארקען איינדריק נישט בלויז אויף בערעניקא׳ן, נאר אויך אויף אגריפוס׳ען; זיי האבען זיך ביידע צוריקגעצויגען אינגאנצען פון דער רוימישער געזעלשאפט און זיי פערבראכט די לעצטע יאהרען איינזאם און פערלאזען אין זייערע פא־לעסטינישע נחלאות. אגריפוס האט פון יענער צייט אנגעהויבען ארויס־צעווייזען מעהר צוגעבונדענקייט צו זיינע ברידער־אונטערטאנען, און זיי האבען זיך צו איהם אויך שטארקער צוגעבונדען. די בלוטיגע מלחמה האט אין דער דאזיגער פראווינץ אויך נישט איבערגעלאזען נאך זיך אזא חורבן, ווי אין יהודה, — דא האט דער קאמפף געדויערט בלויז עטליכע חדשים און האט זיך געענדיגט מיט דער צושטערונג פון עטליכע פעסטונגען — און די צוויי גרויסע שטעדט צפורה און טבריה, זענען פערפולט געוועזען פון יודען, וואס זענען געקומען אהער זיך זוכען א שוץ אונטער די פליגלען פון דעם יודישען „קעניג״.

א דאנק אגריפוס׳עס השתדלות׳ען האבען זיך מיט דער צייט

אויפגעבויט צוריק מעהרערע שטעדט אויך אין יהודה. עס איז רעסטאווירט געווארען די האנדעלס-שטאדט לידדא, די געגענד מיט רייכע וואסער-קוועלען ארום חמת, און אויך יריחו. דא האבען זיך געפונען רייכע פלאנטאציעס פון די טייערסטע באלזאם-פלאנצונגען, איבער וועלכע ס'האט זיך בעת'ן קריעג צופלאקערט א בלוטיג געשלעכט צווישען די רוימער און יודען, ווייל די לעצטע האבען עס געוואלט בעסער אינגאנצען פערניכטען, איידער איבערגעבען דעם שונא. געענדיגט האט זיך דער סכסוך דערמיט, וואס די פעלדער מיט די דאזיגע טייערע פלאנצונגען זענען איבערגעגאנגען אינ'ם רוימישען אוצר המלוכה, און כדי צו היטען אט דעם געוואלדיגען מקור פון הכנסות און איהם נאך צו פערגרעסערן, האט וועספאסיאן געמוזט איינשטימען, צו לאזען צוריק אויפבויען די שטאדט און צוזוציהען אהער וואס מעהר יודישע גערטנער. צוזאמען מיט די שטעדט אין דער געגענד פון ירדן, האבען זיך צוריק ארגאניזירט מעהרערע יודישע ישובים אויך אין דער מערב-געגענד, ארום ים.

צו אגריפּוס'ען האבען זיך די איבערגעבליבענע יודען פון גליל און יהודה בעצויגען מיט ליעבע, און ווען ער איז אמאל געקומען אין דרום-יהודה, איז די גאנצע בעפעלקערונג געלאפען איהם בעגריסען. די דערשלאגענע יודען האבען קודם כל געזעהען איצט אין אגריפּוס'ן דעם שאטען פון דער פריהערדיגער זעלבסטשטענדיגקייט, און אט די לעבעדיגע ערינערונג פון די בעסערע צייטען האט זיי מילד און וויך געמאכט אויך צו די שווערע פערברעכענס, וואס דער זעלביגער אגריפּוס איז בעגאנגען געגען זיין אומה, בעת דעם גרויסען פרייהייטס-קריעג.

דער עלענדער שאטען-קעניג איז אבער דאך נישט אימשטאנד געווען, צו קאנצענטרירען ארום זיך די אלע צושפּליטערטע איינצעלנע קהלות, וועלכע האבען זיך נישט געהאט, אן וואס אנצוהאלטען און זענען געווען אינגאנצען הילפלאז נישט בלויז בנוגע צו זייער פּאליטישער לאגע, נאר אויך — און בעזונדער שטארק — בנוגע צו זייערע רעליגיעזע פליכטען. אזוי לאנג, ווי דער בית המקדש איז געשטאנען, האבען די קרבנות געדיענט פאר דעם מיטעל-פונקט פון דער גאנצער רעליגיעזער פראקטיק; האט א יוד געזינדיגט אין וועלכער ס'איז הינזיכט, האט ער געוואוסט, אז ער האט צו ברענגען אזא און אזא קרבן און זיין זינד וועט איהם פערגעבען ווערן. דער קרבן איז אויף אזא אופן געווען כמעט דער שטארקסטער באנד, וואס האט פערבונדען יעדען יחיד פון דער אומה מיט

דער גאטהייט; עס האט אלזא געקענט הייסען, אז איצט, אהן בית המקדש און אהן א מזבח, איז אינגאנצען נישט מעגליך קיין שום דערנעהנטערונג צו גאט, אדער גאר, אז גאט האט זיך אבגעזאגט פון זיין פאלק און וויל מעהר מיט איהם קיינע בעציהונגען נישט האבען. דאס זעלבע איז געוועזען אויך מיט דער בעשטימונג פון די צייטען, ווען עס געפאלט אוים שבת און יום־טוב, און מיט די פראקטישע געבאטען פון דעם אלטעגליכען לעבען בכלל. אט די אלע פונקציעס האבען אנגעהערט צום סנהדרין אין ירושלים, וואס האט געדיענט אלם העכסטער אויטאריטעט פאר דער גאנצער אומה; אונטער די חורבות פון ירושלים איז אבער אויך די אינסטיטוציע בעגראבען געווארען, און דאס פאלק איז געבליבען, ווי א שיף אהן א רודער. וואס וועט־זשע וויטער זיין? ווער וועט דעם פאלק פיהרען און דעם ריכטיגען וועג ווייזען? ווער וועט ערקלערן די געזעצען פון דער תורה און זאגען, וואס מ׳מעג און וואס מ׳טאר נישט, וואס ס׳איז כשר און וואס — טרפה, וואס מ׳דארף און וואס מ׳דארף נישט טאן?

פון דער פערצווייפעלטער לאגע האט דעם פאלק ארויסגעהאלפען דער גרויסער רבן יוחנן בן זכאי. אט דער ליכטיגער און ווייטזיכטיגער גייסט האט געזעהען די געפאהר, וואס שטעהט פאר דעם קיום פון דער אומה, נאך איידער עס האט זיך געענדיגט דער בלוטיגער אויפשטאנד, און ווי א נאכפאלגער פון דעם גרויסען הלל, איז איהם אויך געלונגען, די געפאהר צו פערהיטען. ער האט געשאפען א נייעם גייסטיגען צענטר, וואס האט ווידער פעראייניגט ארום זיך אלע צושפליטערטע טיילען פון דער אומה און געדיענט אלם פעסטען באדען פאר דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פון יודענטום.

רבן יוחנן בן זכאי איז געוועזען פון די אנגעזעהענסטע געזעץ־לעהרער אין ירושלים, ווען דער בית המקדש איז נאך געשטאנען. אין א אבגעלעגענעם ווינקעל פון גאט׳ס הויז, וויים פון דעם גאנצען גאסען־טומעל און פון אלע פאליטישע אונרוהען, פלעגט ער זיצען מיט א רייהע תלמידים און לערנען מיט זיי גאט׳ס תורה, גאט׳ס געזעצען, און זיין אנזעהען אין ירושלים איז געוועזען אזוי גרוים, אז אויסער דעם נשיא פון סנהדרין, ר׳ שמעון בן גמליאל, האט ער אויך געהאט דאס רעכט, מבטל צו זיין אנ׳אלטען אנגענומענעם מנהג. פון דער נאטור ווייך און מילד און אינגאנצען א תלמיד פון דעם גרויסען רודף שלום, הלל הבבלי, איז ר׳ יוחנן אויך געווען געגען די אקטיווע ארויסטרעטונגען פון די

פאנאטישע רעוואלוציאנערען און ער האט צוגערעדט די זעלאטען, זיי זאלען זיך בעסער אויסגלייכען מיט'ן שונא און שליסען שלום מיט איהם. ווען די בעלאגערונג האט זיך אנגעהויבען און די זעלאטען האבען, אונטער דער געפאהר פון טויט-שטראף, פערבאטען, צו פערלאזען די שטאדט, האט ר' יוחנן דאך פעסט בעשלאסען, צוצוקומען צום מעכטיגען שונא, כדי אויסצופועל'ן ביי איהם א רוהיגען ווינקעל פאר דער יודישער געזעץ-לעהרע, פאר דער וויטערדיגער אויסבילדונג פון דעם יודישען גייסט. צו דעם צוועק האט ר' יוחנן זיך פערטרויט פאר איין אנפיהרער פון די סיקאריער-באנדען, אבא סיקרא, און א דאנק יענעמס הילף איז עס זיינע צוויי תלמידים, יהושע און אליעזר, געלונגען, ארויסצוטראגען איהם, ווי א טויטען, פון שטאדט. דא איז ער געבראכט געווארען פאר טיטוס'ען און דער לעצטער האט איהם פריינדליך אויפגענומען, וויל עס איז בעקאנט געווען, אז ר' יוחנן האט אנגעהערט צו די לאיאלע בירגער און געראטען, זיך אונטערצוגעבען. די דאזיגע געניוגטקייט פון דעם רוימישען האר האט ר' יוחנן אויסגענוצט און איהם פארגעלעגט עטליכע בעשיידענע בקשות, פון וועלכע די בעדייטענדסטע איז געווען, צו לאזען איהם, דעם פריעדליכען יודישען געזעץ-לעהרער, זיך בעזעצען אין דעם שטעדטיל יבנה, וואס האט זיך געפונען אויף דעם רוימישען געביעט, און גרינדען דארט א ישיבה. און טיטוס האט די בקשה ערפילט — דעם רוימישען בעלאגערער איז גארנישט איינגעפאלען אפילו א טראכט צו טאן, אז אט די קליינע „ישיבה" וועט ווערן א קוואל פון פרישע לעבענס-כחות פאר דער דערשלאגענער אומה, און זי וועט א דאנק דעם מיט טויזענדער יאהרען איבערלעבען איהם מיט זיין רוימערטום צוזאמען!

אזוי האט זיך ר' יוחנן מיט זיינע תלמידים בעזעצט אין יבנה, — א שטעדטיל נישט וויט פון ברעג מיטעללענדישען ים, צווישען דער האפענשטאדט יפו און דער אמאליגער בעריהמטער פלשתים-שטאדט אשדוד. אזוי לאנג, ווי דער פערביטערטער קאמפף האט געשטורמט אין דער הייליגער הויפטשטאדט און פאר די וועגט פון בית המקדש, — האט אבער נאך קיין רייד נישט געקענט זיין וועגען צוטרעטען צו א אינטענסיווער אקאדעמישער טעטיגקייט. ווען ס'איז אנגעקומען קיין יבנה די טרויעריגע בשורה, אז ירושלים איז געפאלען און דער בית המקדש שטעהט אין פלאמען, האבען ר' יוחנן מיט די תלמידים צוריסען אויף זיך זייערע קליידער און געוויינט, ווי מ'וויינט איבער א נאהנטען מענשען,

וואס איז געשטארבען; דער רבי האט אבער נישט געלאזען די תלמידים זיך איינגאנצען מיאש זיין. די לעצטע האבען געגלויבט, אז דאס גאנצע יודענטום איז ארגאניש פערבונדען מיט'ן בית המקדש און מיט די קרבנות, און קוים איז גאט'ס הויז חרוב געווארען, וועט דאס יודענטום שוין אויך מעהר קיין תקומה נישט האבען. אויף דעם האט זיי ר' יוחנן ערקלערט, אז דער בית המקדש מיט'ן מזבח איז איינגאנצען געווען נישט מעהר, ווי א טייל פון דאס גאנצע יודענטום, וואס איז פיעל העכער און ברייטער. זיך שטיצענדיג אויף פיעל פסוקים פון די נביאים, האט ער איבערצייגט די תלמידים, אז די קרבנות אליין זענען נישט אזוי וויכטיג, ווי דער זיין זייערער און אז גאט פערלאנגט נאר איינערליכע זיטליכקייט און גוטע מעשים, און נישט קיין קרבנות. די דאזיגע פרייערע מיינונג וועגען דער בעדייטונג פון די קרבנות האט געמוזט ארויסרופען ביי ר' יוחנן דעם געדאנק וועגען שאפען א נייעם מיטעלפונקט אנשטאט דעם בית המקדש, און ער האט ארגאניזירט אין יבנה א גרויסען בית דין (טריבונאל), וואס האט פאקטיש איבערגענומען אין זיינע הענד אלע פונקציעס פון דעם אונטערגעגאנגענעם סנהדרין אין ירושלים, און געדיענט אלס העכסטע געזעצגעבענדע אינסטיטוציע פארן גאנצען פאלק. פון דער רוימישער זייט האט מען דעם לאיאלען ר' יוחנן קיינע שטערונגען נישט געמאכט ביי דער גרינדונג פון דעם בית דין, וויסענדיג, אז ער וועט זיך בעשעפטיגען בלויז מיט געזעלשאפטליך־רעליגיעזע פראגען און וועט זיך נישט צושרייבען קיין שום פאליטישע פונקציע; דאגעגען האבען זיך אין די יודישע ספערען גופא געפונען בעדייטענדע געגנער פון אזא אינסטיטוציע, אנערקענענדיג, אז דאס סנהדרין האט בעזעסען די ענטשיידענדע געזעצגעבענדע מאכט, נאר אזוי לאנג, ווי עס האט זיך געפונען אין דעם לשכת הגזית פון בית המקדש און האט זיך גערעכענט פאר איין טייל פון דעם אלגעמיינעם רעליגיעזען צערעמאניאל אין גאט'ס הויז; קוים אבער ווערט עס איבערגעטראגען אויף אן'אנדער ארט, פערליערט עס דעם גאנצען געטליכען אויטאריטעט און הערט אויף צו זיין די פערטרעטונג פון דער אומה. ר' יוחנן האט זיך אבער פאר דעם אלעם נישט אבגעשטעלט און א דאנק זיין פערזענליכער בערימטקייט אין אלע קרייזען פון פאלק, איז איהם דאך געלונגען, אויפצושטעלן די נייע אינסטיטוציע אויף א פעסטען באדען און צו געווינען פאר איהר די נויטיגע שטיצע און סימפאטיע; אזוי האט דער גרויסער בית דין אין יבנה פערטרעטען פון

איצט דעם סנהדרין אין ירושלים און איז געוואָרען דער רעליגיעזער און נאציאָנאַלער מיטעלפונקט פאַר דער גאַנצער דיאַספּאָראַ. דאָ פלעגט רעגולירט ווערן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטליכע און רעליגיעזע לעבען פון פאָלק, דאָ פלעגט מען בעשטימען גענוי די צייט פון חדשים און יום־טובים, און פון דאַנען פלעגען שלוחים צושיקט ווערן אין אַלע שטעדט פון סיריען און בבל, כדי איבערצוגעבען די דאָרטיגע יודישע קהלות די בעשטימונגען פון דעם גרויסען „בית דין" אין יבנה.

און דאָס פאָלק האָט זיך ביסליכווייז צוגעוועהנט צו דער נייער לאַגע. דערצו האָט אַ סך מיטגעווירקט דאָס, וואָס דער נייער גייסטי־גער צענטער, פערטרעטענדיג פון איין זייט, דעם פּלאַץ פון די קרבנות אין בית המקדש, האָט, פון דער צווייטער זייט, דאָך נישט פערקלע־נערט די הויכע בעדייטונג פון דער דאָזיגער טראַדיציע. דער בעשעפער פון דער נייער אינסטיטוציע, ר' יוחנן בן זכאי אליין, איז אויך נישט אַרויסגעטרעטען נעגען דעם עצם מהות פון די קרבנות; ער האָט נאָר געלערנט, אַז דערווייל, כל זמן דער בית המקדש איז צעשטערט און מ'קען קיין קרבנות נישט מקריב זיין, זאָל מען דאָס אויספילען מיט צדקה און מעשים טובים. דערביי האָט ער אָבער אויך נישט אויפ־געהערט, צו פלאַנצען אין פאָלק די האָפנונג, אַז באַלד וועט גאָט אַראָבשיקען זיין געזאַלבטען שליח, משיח'ן, און ירושלים צוזאַמען מיט'ן בית המקדש וועלן צוריק אויפגעבויט ווערן.

ר' יוחנן'ס טעטיגקייט אין יבנה גופא האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנצער רייהע גזירות און תקנות, וואָס האָבען געהאַט דעם צוועק, צוצופאַסען דאָס איצטיגע רעליגיעזע און בירגערליכע לעבען פון דער אומה צו די נייע פּאָליטישע בעדינגונגען. אַ סך מנהגים פון דער עבודה אין בית המקדש זענען דורך דעם בית דין איינגעפיהרט געוואָרען אויך אין דעם איצטיגען גאָטעסדיענסט (דאַוונען) צום אָנדענקען פון דער פערגאַנגענהייט (צו די געהערן, למשל, דאָס דוכנען, ד. ה. די פייער־ליכע צערעמאָניע ביי דער ענדע פון דאַוונען, ווען די כהנים בענשען דאָס פאָלק; דאָס שופר בלאָזען, די פיער מינים: אתרוג, לולב, הושענות און ערבות — אום סוכות א. א. וו.); געבליבען זענען אין זייער קראַפט אויך די פערשידענע געזעצען וועגען ברענגען מעשר די כהנים און די לויים — דאָס האָט געזאָלט דערמאָנען דעם פאָלק, אַז אַט די גאָט'ס דינער וועלן זיך אין גיכען צוריק אומקעהרען צו זייער הייליגער אַרבייט. צו דעם צוועק פון איינפיהרען אַ אַלגעמיינעם פאָלקס

פריער נאך דעם אומגעקומענעם בית המקדש, האט ר׳ יוחנן פעראָרדענט, אז חתן=כלה זאָלען אין דעם טאָג פון זייער חתונה נישט טראָגען מעהר אויפ׳ן קאָפּ קיין בלומען=קרענץ, ווי דאָס איז געוועזן איינגעפיהרט ביז דאן, און עס זאָלען נישט געשפּיעלט ווערן דערביי קיין לוסטיגע נגונים.

אין פּאָליטישער הינזיכט איז ר׳ יוחנן אויך געגאַנגען אין די וועגען פון דעם גרויסען הלל, און ער האָט געזוכט דאָס אוועקצושטעלן אלס יסוד פאר דעם געמיינדע=לעבען, וואָס ער האָט געשאַפען. ער איז געוועזן פריינדליך געשטימט צו די געצענדיענער און האָט זיי קיינע שטערונגען נישט געמאַכט, ווען זיי האָבען געוואָלט איבערגעהן צום יודענטום; דערמיט איז ער געוועזן פונקט דער היפך פון פיעל פון זיינע חברים, וועלכע זענען נאָכ׳ן חורבן נאָך מעהר פערביסען געוואָרען געגען די געצענדיענער. אַט די חברים האָבען אויסגעטייטשט, למשל, דעם פּסוק: וחסד לאמים חטאת (די גנעדיגקייט פון די פעלקער איז זינד) אין דעם זין, אז „די געצענדיענער מעגען אונז גוטס טאָן, וויפיעל זיי ווילען, און זיי וועט דאָס אלץ פערערכענט ווערן פאר זינד, ווייל וואָס זיי טוען, טוען זיי נאָר, כדי זיך צו רייצען מיט אונז״; דאַגעגען אָבער האָט איהם ר׳ יוחנן אויסגעטייטשט מיט אַ טיעפען געפיהל פון פריעדליכקייט און ריינער מענשענליעבע: „אַזוי ווי די קרבנות פערגעבען די זינד פון ישראל, אזוי ווערט די זינד פון די פרעמדע פעלקער פערגעבען דורך גנעדיגקייט און מעשים טובים״. פאַראויסזעהענדיג די געפעהרליכע פאָלגען, צו וועלכע עס קען ברענגען יעדע פערביסענע שטימונג פון פאָלק בנוגע צו דער רוימישער מאַכט, האָט ר׳ יוחנן געזוכט, צו ווירקען אויף די יודישע מאסען און צו פלאַנצען אין זיי געפיהלען פון פריעדליכקייט און לאָיאַליטעט. דערפאַר טאַקי האָבען די ערשטע פלאַוויאַנישע מלכים, וועספּאַסיאַנוס און טיטוס, זיך בעצויגען נישט זעהר שטרענג צו די יהודה׳עאישע קהלות. ביז דעם בלוטדורשטיגען דאָמיציאַן האָבען די פערבליעבענע יודען נישט געשפּירט קיין בעזונדער פּאָליטישען דרוק, און דאָס איינציגע, וואָס האָט פערוואונדעט זייער הארץ און זיי דערמאָנט אָן דעם שרעקליכען חורבן, איז געוועזן דער מס פאַר דעם רוימישען יופּיטער=טעמפּעל. ר׳ יוחנן האָט אָבער פערשטאַנען, אויך די אויפרעגונג צו מילדערן, אַרויפלעגענדיג די שולד פון דער גזירה אויף די יודען אַליין. „אונגליקליך פאָלק! — האָט ר׳ יוחנן געקלאָגט — איהר האָט נישט געוואָלט דינען דעם הימעל (גאָט),

מוזט איהר איצט דינען פרעמדע פעלקער; איהר האָט נישט געוואָלט
צושטייער געבען איין האַלבען שקל פאַר דער עבודה אין בית המקדש, מוזט
איהר איצט פופצעהן שקלים געבען פאַר דער מלוכה פון אייער שונא;
איהר האָט נישט געוואָלט האַלטען אין אָרדנונג אייערע וועגען און גאַ=
סען און פעסטונגען, מוזט איהר איצט היטען די קאַזאַרמעס, כדי צו
שיצען דעם קייזער'ס ווייַנגערטנער". מיט אַזעלכע מיטלען האָט ר' יוחנן
בן זכאי געווירקט אויף די איבערגעבליבענע טיילען פון דער אומה,
און פון דעם קליינעם מיטעלפונקט אין יבנה אַרויסגעגעבען בעפעהלען
און פעראָרדנונגען פאַר אַלע יודישע קהלות אין דער רוימישער אימפעריע
און אין בבל.

פיעל דויערהאַפטער און טיעפער איז אָבער געוועזען די ווירקונג
פון ר' יוחנן'ס אַקאַדעמישער טעטיגקייט. ר' יוחנן האָט פער=
זאַמעלט אַרום זיך אַ רייהע תלמידים און געגרינדעט אַ פרייע אַקאַדעמיע
אויף צו שטודירען די תורה אונטערן נאָמען בית המדרש. אָט דער
בית המדרש איז געוועזען אָרגאַניש פערבונדען מיט'ן בית דין און די
מיטגליעדער פון דער אַקאַדעמיע האָבען זיך בעטייליגט אויך אין דער
אינסטיטוציע, וואָס האָט געדאַרפט רעאַליזירען די טעאָרעטישע בעגרינ=
דונגען פון געזעץ און איהר פּראַקטיש צופּאַסען צום לעבען. אַלס לעה=
רער פון דער אַקאַדעמיע האָט ר' יוחנן קודם כל איבערגעגעבען זיינע
תלמידים דעם רייכען מאַטעריאַל פון מונדליכע מסורות, וואָס האָבען
געשטאַמט נאָך פון די אוראַלטע צייטען און זענען פערמעהרט און בע=
רייכערט געוואָרען אין די ישיבות פון שמאי און הלל; דערצו זענען
נאָך צוגעקומען די לאָגישע פאָרמולעס (מדות), וואָס אַ דאַנק זיי האָבען
די נייע געזעץ=איינפיהרונגען געקענט אַרויסגעדרונגען ווערן פון דער
תורה גופא. אָט דער מאַטעריאַל פון מסורות, לאָגישע יסודות צו
דרשה'נען די תורה, פערשיעדענע גזירות, סיגים און תקנות, וואָס
זענען איינגעפיהרט געוואָרען אין פערשיעדענע תקופות פון פערשיעדענע
אויטאָריטעטען, — האָט געדיענט אַלס גרונד=שטאָף פאַר דער משנה
(דאָס איבערגעחזר'טע, צווייטע געזעץ) און דאָ, אין יבנה, האָט ער
אָנגעהויבען סיסטעמאַטיש בעאַרבייט צו ווערן. ער איז איינגעטיילט
געוואָרען אין צוויי זעלבסטשטענדיגע טיילען: הלכה און אגדה; די
הלכה האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער אויסטייטשונג און בעגרינדונג פון
די געזעצען, מיט זייערע פּראַקטישע אויספיהרונגען און בכלל מיט אַלע,
וואָס שטיצט זיך אויף די געבאָטען פון דער תורה; דאַגעגען בע=

שטעהט די אגדה פון מאראלישע און טעאלאגישע דרשות, נעבויט אויף די פערשידענע ספורים און מוסר-פסוקים פון דער תורה און די נביאים, וואס האבען נישט די קראפט פון א פערפליכטונג. די אגדות האבען געהאט דעם צוועק, אויסצוטייטשען דעם פשט פון פסוק און בעזונדער, צו פלאנצען אין די צוהערער (די אגדות פלעגען אמאהרם-טענטייל געדרשה'נט פאר'ן ה מ ו ן) גוטע מדות, צוגעבונדענקייט צו די זכרונות פון דער אומה און ווארימע געפיהלען בנוגע צו אלע איהרע ליידען, פריידען און האפנונגען.

אין דעם לעצטען טייל, אין דער אגדה, זענען פון דעם גרויסען ר' יוחנן אויך פערבליבען גלענצענדע מוסטערן, וואס זאגען עדות אויף זיין מילדער, עניוות'דיגער און מענשענפריינדליכער נאטור. ער פלעגט זאגען: „אויב דו האסט געלערנט א סך תורה, האלט זיך נישט גרויס דערמיט, דען דו ביזט דערצו בעשאפען געווארען". ער האט געפרעגט זיינע תלמידים: „וועלכער איז דער גוטער וועג, וואס דער מענש זאל זיך בעהעפטען אין איהם?" אויף דעם האט רבי אליעזר געענטפערט: „א גוט אויג"; רבי יהושע — „א גוטער חבר", רבי יוסי — „א גוטער שכן"; רבי שמעון — „זעהען די צוקונפט" און רבי אלעזר האט געענט-פערט: „א גוט הארץ". דאן האט רבן יוחנן געזאגט: מיר געפעלן די רייד פון רבי אלעזר בן ערך בעסער פון אייערע רייד, ווייל אין זיינע רייד זענען שוין דא אייערע אויך".

ר' יוחנן איז געשטארבען אויף זיין בעט אין די ארעמס פון זיינע תלמידים. די לעגענדע דערצעהלט, אז דער גרויסער חולה האט פאר'ן טויט זיך שטארק פונאנדערגעוויינט, און ווען זיינע תלמידים האבען איהם געפרעגט: „אונזער רבי, ליכט פון ישראל, רעכטער זייל, שטארקער האמער, פארוואס וויינסטו?" האט ער זיי ערקלערט, אז ער שרעקט זיך פאר דעם אלמעכטיגען „מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא" און פאר זיין משפט. דאן האבען די תלמידים צו איהם גע-זאגט: „רבי! בענש אונז"; אויף דעם האט ער געענטפערט: „הלואי זאל די מורא פאר גאט זיין אויף אייך אזוי שטארק, ווי די מורא פאר מענשען". דאס איז געווען נישט בלויז א רעליגיעזע צוואה, נאר אויך א נאציאנאלע: דאס פאלק, וואס האט פערלוירען די מלוכה-דיסציפלין, דארף זיך אונטערגעבען דער דיסציפלין פון דעם געטליכען ווארט און היטען זי אזוי שטארק פונקט, ווי ווען זי וואלט געשטיצט ווערן פון א

מענשליכער מאכט" *).

אזוי האט געלעבט און געווירקט דער מעכטיגער יודישער גייסט, וואס שטעהט ווי א ליכט-זייל אויף דער שוועל פון דער גאנצער נאך-חורבן'דיגער ערא אין דער יודישער געשיכטע. ר' יוחנן האט פעראייניגט די פערבליבענע צושפליטערטע גלידער פון דער אומה און געמאכט פון זיי איין גאנצען פאלקס-ארגאניזם, און אט דעם ארגאניזם האט ער פערזיכערט א וויטערדיגע זיכערע עקזיסטענץ דערמיט, וואס ער האט איהם בהדרגה ארויסגעפיהרט פון דעם רוישיגען, פערוויקעלטען מלוכה-לעבען און צוגעבראכט צו דעם שטיל אבער נישט וועניגער רייכען לעבען פון גוט ארגאניזירטע ק ה ל ו ת, פון גייסטיגע, אייביגע שאפונגען.

נאך ר' יוחנן'ס טויט האבען זיינע תלמידים אבגעהאלטען א בעראטונג וועגען דער וויטערדיגער הנהגה פון די פאלקס-אנגעלעגענהייטען און וועגען דעם ארט, וואו עס זאל פארטגעזעצט ווערן די אנגעהויבענע אקאדעמישע טעטיגקייט. די מעהרהייט פון די תלמידים איז געווען דערפאר, אז די ישיבה זאל וויטער אויך בלייבען אין יבנה; נאר איין רבי א ל ע ז ר ב ן ע ר ך, ר' יוחנן'ס ליעבלינג, איז בעשטאנען דערויף, אז די ישיבה זאל דורכאויס איבערגעטראגען ווערן אין ח מ ת. און ער האט זיינם דורכגעפיהרט: גלויבענדיג, אז די איבריגע תלמידים וועלן זיך אהן איהם קיין עצה נישט קענען געבען, איז ער גלייך אוועק אין דעם דערביאיגען שטעדטיל חמת און זיך געגרינדעט דארטין א אייגענע בעזונדערע ישיבה. זיין האפנונג האט זיך אבער נישט פערווירקליכט: א אבגעשניטענער פון דער ארומיגער וועלט און פון דעם לעבעדיגען געדאנקען-אויסטויש, זענען זיינע קענטנישען וואס וויטער אלץ שוואכער און וועניגער געווארען, און אין דער צייט, ווען ער, דער שטאלצער בן ערך, האט נישט איבערגעלאזען קיין זכר נאך זיך אין דער יודישער געשיכטע, האבען זיינע חברים פארטגעזעצט די אנגעהויבענע ארבייט פון זייער גרויסען רבי'ן און זייער נאמען איז געבליבען צום אייביגען אנדענקען פאר די קומענדיגע דורות. אינ'ם פאדערגרונד פון דער דאזיגער געטרייע גרופע תלמידים זענען ארויסגעטרעטען ר' ג מ ל י א ל ה נ ש י א, ר' י ה ו ש ע ב ן ח נ נ י ה, ר'

---

*) דובנאוו.

אליעזר בן הורקנוס, און שפעטער אויך ר' עקיבא בן יוסף, וועלכע האבן געבילדעט דעם קבוץ פון די ערשטע תנאים.

יבנה איז אויף אזא אופן פערבליבען אויך אויף ווייטער דער אויפהאלטונגס-ארט פון דעם גרויסען בית-דין, און ממילא אויך דער גייסטיגער צענטר פאר דער גאנצער אומה; די אקאדעמישע טעטיגקייט האט זיך אבער פארט נישט דערהאלטען בלויז אין יבנה אליין, און מיט דער צייט זענען ענטשטאנען נאך צוויי גרויסע ישיבות, איינע אין לידא אונטער דער אנפיהרונג פון ר' אליעזר, און די אנדערע אין בקיעין (צווישען לידא און יבנה), אונטער דער אנפיהרונג פון ר' יהושע. די פערטיעפונג און פערברייטערונג פון דער יודישער געזעצ-לעהרע האט פון דער דאזיגער צענטראליזאציע א סך פערדיענט; דער-פאר אבער האט שטארק געליטען דערפון איהר איינהייט און גאנצקייט, וואס איז נאך געווען גאנץ שוואך בעפעסטיגט און האט זיך געשטיצט ביז אהער נאר אויף דעם אויטאריטעט פון דעם גרויסען רבן יוחנן. עס האט זיך פון דאסניי פונאנדערגעקאכט די אלטע מחלוקת צווישען די בית שמאי און די בית הלל; יעדער ישיבה האט אנדערש אויסגעטייטשט די פסוקים פון דער תורה און ממילא אויך — ארויסגעדרונגען פון זיי אנדערע אנווענדונגען בנוגע צו פראקטישע, אלטעגליכע פראגען; דאס, וואס אין איין ארט איז געווען ערלויבט, איז פערבאטען געווען אין א צווייטען, און „פון דער איין תורה — ווי די לעגענדע דריקט זיך אויס — זענען געווארען צוויי תורות".

אין אט, אום א סוף צו מאכען מיט די דאזיגע מחלוקת'ען, צו בעפעסטיגען די אבגעשוואכטע איינהייט פון יודענטום און זי צו בעשיצען אויך אויף ווייטער פון יעדען עהנליכען אנפאל, דאס איז געווארען די לעבענס-אויפגאבע פון רבן גמליאל II, וועלכע ער האט זי דורכגעפיהרט מיט א אונגעוועהנליכער פעסטקייט און מיט דעם בעוואוסטזיין פון דער גרויסער נאציאנאלער נויטווענדיגקייט, וואס מאכט ווייך אפילו די הארטסטע מיטלען.

רבן גמליאל איז געווען דער זוהן פון דעם נשיא ר' שמעון בן גמליאל, וועלכער האט אנגעהערט צו דער פארטיי פון די מעסיגע זע-לאטען און איז געשטאנען א געוויסע צייט בראש פון דער מלחמה געגען די רוימער. בעת דעם אונטערגאנג פון דער יהודה'שער מלוכה איז ר' גמליאל, וואַרשיינליך, נאך יונג געווען און נישט צייטיג גענוג, אום איבערצונעהמען אזא פעראנטווארטליכען פאסטען, ווי ס'איז געווען צו

יענער צייט די נשיאות (פאטריארכאט) איבערן סנהדרין און ממילא אויך איבער דער יודישער אומה; מעגליך איז אויך דאס, אז די רוימישע רעגירונג האט די ערשטע צייט געקוקט קרום אויפ'ן זוהן פון דעם פאטריאטישען פאטריארך און נישט געוואלט בעשטעטיגען די וואהל פון דער יהודה'עאישער אינטעליגענץ. די נשיאות איבערן סנהדרין איז דעריבער נאר צייטווייליג איבערגעגאנגען צו ר' יוחנן בן זכאי, און דעמאלס איז שוין אויך פאר אלעמען קלאר געווען, אז דער אמת'ער יורש פון דעם טיטול איז הלל'ס אייניקעל, וועמענס פאטער, זיידע און עלטער-זיידע עס זענען געווען נשיאים. נאך ר' יוחנן'ס טויט איז די נשיאות אלזא ממילא, אלס א זעלבסטפערשטענדליכער, נאטירליכער פאקט, איבערגעגאנגען צו דעם געזעצליכען יורש, און ווי ס'איז צו גלויבען, האט די רוימישע רעגירונג איצט שוין יא סאנקציאנירט די וואהל פון פאלק. צום אונטערשייד פון זיין זיידען, ר' גמליאל הזקן, האט מען דעם איצטיגען נשיא גערופען ר' גמליאל פון יבנה. פון זיין פריוואט-לעבען איז אונז ווייניג בעקאנט; דאס ביסעל אבער, וואס איז יא דערגאנגען צו אונז, זאגט עדות אויף זיין מענשליך-שענעם, מילדען כאראקטער. ער האט פערמאגט גרויסע נחלאות, וועלכע ער פלעגט וועקגעבען ארימע גערטנער אין ארענדע פאר א קליינעם פרייז; ער האט געהאט שקלאפען, און אין דער בעציהונג איז בעזונדער ריהרענד זיין ליעבע צו דעם געצענדיגערישען שקלאף טאבי, וועלכען ער האט הארציג בעוויינט, ווען יענער איז געשטארבען, און האט איהם אפילו געוואלט בעפרייען פארן לעבען, נאר זיין שוואגער, ר' אליעזר, האט עס געפונען פאר א פערברעך געגען געזעץ. ר' גמליאל האט אויסער זיינע טיעפע קענטענישען אין דער יודישער געזעץ-לעהרע, בעזעסען אויך פיעל אלגעמיינע, וועלטליכע ידיעות: ער האט געקענט די גריכישע און לאטיינישע שפראכען און איז געווען גוט בעהאוועגט אין אסטראנאמיע. פון דער נאטור א קרענקליכער און שוואכער, האט ער דאך ארויסגעוויזען א אונגעוועהנליכע ווילענס-קראפט, און דארט, וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען כלל, וועגען דער אומה, — האט ער פון קיין שוואכקייט נישט געוואוסט

אלס נשיא (אויף רוימיש: פאטריארך) פון דער אומה האט ר' גמליאל געהאט אין זיין מאכט אויך געוויסע פאליטישע פונקציעס און עטליכע מאל האט ער געדארפט פערטרעטען די יודישע קהלות ביי דער רוימישער אדמיניסטראציע. די צייט פון זיין פאטריארכאט איז

געוועזען זעהר א אונרוהיגע, אי אינוועניג, אי אויסוועניג; פון איין זייט האט די רוימישע רעגירונג, אונטער די בלוטיגע מלכים דאָמיציאַן און טראַיאַנוס, שטאַרק גערודפ׳ט די יודען פון דער רוימישער אימפעריע און אלע מאָל ארויסגעגעבען געגען זיי נייע גזירות; פון דער צווייטער זייט, ווידער, האָט זיך אין דער יודישער וועלט גופא אָנגעהויבען דעמאָלס די שפּאַלטונג צווישען די אָרטאָדאָקסישע אָנהענגער פון די יודישע געזעצען און טראַדיציעס און די פערשידענע קריסטליכע סעקטעס, און ס׳איז פאָרגעשטאַנען א בעדייטענדע געפאַהר, אז די המוני׳שע יודען זאָלען נישט איבערגעהן גאַנצע מאַסען אין די רייהען פון די יודען-קריסטען (יודעאַ-חריסטיאַנער). דער נשיא איז צוליעב דעם אַלעמען געצוואונגען געוועזען, אויסצוניצען זיין פאָלמאַכט מיט א געוויסער שטרענגקייט, מיט א געוויסער האַרטקייט אַפילו, אום צו קענען עפּעס אויפטאָן פאַר דער לאַגע, און דאָס האָט א סך געגעבען די מעגליכקייט, איהם צוצושרייבען פערשידענע בייזע און דעספּאָטישע כוונות. רבן גמליאל האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר א ציעל, צוריקצוגעבען דער נשיאות איהר כבוד און צו מאַכען איהר פאַר׳ן צענטער פון דעם געמיינדע-לעבען, כדי די איינהייט פון דער יודישער געזעץ-לעהרע זאָל אויף ווייטער געשיצט זיין פון דער צושפּליטערונג, וואָס די דערמאָנטע ישיבות האָבען מיט זיך מיטגעבראַכט. זיין פּלאַן איז דעריבער געוועזען, אז יעדער דין, איבער וועלכען עס קומט פאָר א מחלוקת צווישען די פערשידענע ישיבות, זאָל געבראַכט ווערן פאַרן סנהדרין, וואו די ענדגילטיגע ענטשיידונג געהערט צום נשיא; דערביי האָט ער אָבער נישט ארויסגעוויזען קיין דעספּאָטישע נייגונגען און האָט זיך נישט ערלויבט צו ענטשיידען די צווייפעלהאַפטע פראַגען לויט זיין פערזענליכען איינזעהען; ער האָט נאָר פעראָרדענט, אז דאָס סנהדרין זאָל צוטרעטען פון דאָס ניי צו קאָנטראָלירען די כללים און יסודות פון די בית שמאי און בית הלל, כדי דאַן דורך א אַלגעמיינער אָבשטימונג, איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסט צו בעשליעסען, וועלכע כללים ס׳דאַרפען אָנערקענט ווערן פאַר דעם יסוד פון דער יודישער געזעצגעבונג. דער אויפטו איז אָבער ר׳ גמליאל׳ן נישט אזוי לייכט אָנגעקומען; די לעגענדע דערצעהלט, אז דריי מיט א האַלבען יאָהר האָבען זיך געצויגען די דאָזיגע אַקאַדעמישע זיצונגען פון סנהדרין, אין וועלכע ס׳האָבען זיך בעטייליגט פערטרעטער פון ביידע פאַרטייען, און קיינע פון זיי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען פון איהרע מסורות און לאָגישע בעגרינדונגען. דאַן איז ארויס

אַ בת קול פון הימעל און האָט אויסגערופען: בײדע אי די כללים פון בית שמאי, אי פון בית הלל, זענען די רײד פון דעם לעבעדיגען גאָט; אין דער פּראַקטיק אָבער זענען גילטיג נאָר די דינים פון בית הלל״. די מעהרהײט מיטגליעדער פון סנהדרין איז אײַנגעגאַנגען אויף דער געטליכער ענטשײדונג; נאָר אײן ר׳ יהושע האָט זיך פון דעם בת קול אויך נישט געלאָזען איבערצײַגען; ער האָט אויסגעשריען: „מיר רעכנען זיך נישט מיט קײן בת קול! די תורה איז נישט אין הימעל, נאָר אויף דר׳ערד״. דער פּערעקשנ׳טער װידערשטאַנד, — װעלכען עס האָט אונטערגעשטיצט אויך ר׳ גמליאל׳ס שװאָגער, ר׳ אליעזר — האָט אָבער דאָך קײן ערפאָלג נישט געהאַט; ר׳ גמליאל האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען, װאָס ער האָט נאָר געהאַט אין זײַן מאַכט, אַלס נשיא, און האָט ענערגיש דורכגעפיהרט די בעשטימונג פון דער מעהרהײַט.

אַזוי האָט זיך דערװײַל געענדיגט די גרויסע מחלוקת, און די יודישע געזעצלעהרע האָט ענדליך דאָך בעקומען אַ פעסטען אײנהײַטליכען יסוד, אין דער געשטאַלט פון הלל׳ס מסורות און כללים. פאַר די יודישע מאַסען איז אָט די בעשטימונג געװען אַ אונגעהויערע פערלײַכטערונג, װײַל זײ זענען אַ דאַנק דעם בעפרײַט געװאָרען פון אַ מאַסע דריקענדע גזירות און חומרות אינ׳ם אַלטעגליכען לעבען; די פאַנאַטישע אַנהענגער, װידער, פון די דאָזיגע חומרות זענען אויך אין קײן זאַך נישט געשטערט געװאָרען, װײַל די בעשטימונג פון סנהדרין האָט בכלל נישט געטראָגען קײן רעפּרעסיװען כאַראַקטער. קײנער האָט די שמאַיאיטען נישט געצװאונגען, צו ענדערן מיט אַמאָל זײער גאַנצע אַרט לעבען, לויט דעם גײַסט פון די אָנגענומענע בעשלוסען; יעדער אײנציגער פאַר זיך האָט גאַנץ פרײַ געקענט לעבען װײַטער אויך לויט זײַנע שמאַיאיטישע איבערצײַגונגען, — עס האָט זיך געהאַנדעלט נאָר װעגען דער אַלגעמײנער נאָרמע, װעגען כלל. דאָ האָט ר׳ גמליאל אַרויסגעװיזען זײַן גאַנצע ענערגיע און זײַן גאַנצע מאַכט, און דאָס האָט אַרויסגערופען געגען איהם אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע; יעדער שריט פון דער מינדערהײַט, צו שטערן דעם אָנגענומענעם בעשלוס פון סנהדרין, איז שטרענג בעשטראָפט געװאָרען, און דערבײַ האָט זיך ר׳ גמליאל נישט אָבגעשטעלט אפילו פאַר די בערימטעסטע געזעצלעהרער. און דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצען געװען: דער ענערגישער פאַטריאַרך איז אַזוי װײַט אַװעק אין זײַן אײפער פאַר דער אײנהײַט פון דער יודישער געזעצלעהרע, אַז ער האָט בעפוילען, אינגאַנצען נישט אַרײַנצולאָזען אין

דער ישיבה קיין נישט עהרליכע און קריעגערישע תלמידים.

אָט דער בעפעהל האָט געמאַכט א געוואַלדיגען רושם, און פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט בעהאַלטענע טענות נעגען דעם דעספּאָטישען נשיא, וועלכער וויל הערשען איבער דעם גייסט פון זיינע חברים און צווינגען זיי, צו דענקען אַזוי ווי ער. דאָך האָט דערווייל נאָך קיינער נישט געוואַגט אָפען אַרויסצוטרעטען געגען דעם געאַכפּערטען ר׳ גמליאל׳ן, און דאָס איז געשעהען ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך ערלויבט, אַרויפצולעגען די האַרטסטע שטראָף, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין מאַכט, דעם חרם (נדוי, שמתא), אויף דעם בעריהמטען געזעצלעהרער ר׳ אליעזר בן הורקנוס. זייענדיג א הייסער אָנהענגער פון שמאַי׳ס געזעץ־אויסטייטשונגען, האָט ר׳ אליעזר זיך פעסט געהאַלטען ביי די אַלטע, שמאַי׳איטישע, טראַדיציעם, און איינמאָל האָט ער געגען דעם בעשלוס פון סנהדרין, וואָס האָט שוין געהאַט געפסק׳עט די שאלה ווי די בית הלל, בעשטימט א דין לויט די בית שמאי. אַלס שטראָף דערפאַר, האָט ר׳ גמליאל בעפוהלען, אויסצורופען א חרם אויף ר׳ אליעזר׳ן, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער לעצטער איז געווען זיינער א שוואָגער, און ווען עטליכע חברים האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט אויף ר׳ אליעזר׳ס גרויסקייט, האָט ר׳ גמליאל אויסגערופען: „רבונו של עולם! פאַר דיר איינעם איז אָפען און ענטפּלעקט, אַז נישט צוליעב מיין כבוד און נישט צוליעב דעם כבוד פון מיינע עלטערן (הלל׳ס קינדער) האָב איך דאָס געטאָן, נאָר צוליעב דייז כבוד עם זאלעז זיה נישט מעהרעז קיין מחלוקת ביי יודען!"

ר׳ גמליאל האָט אָבער א טעות געהאַט, ווען ער האָט געגלויבט אַז איהם וועט זיך איינגעבען מיט אַזעלכע מיטלען צו דערהאַלטען די איינהייט און דעם פּרעסטיזש פון סנהדרין. די רעפּרעסיעס נעגען איינצעלנע בעריהמטע מיטגליעדער פון דעם קאָלעגיום זענען געוואָרען אַלץ אָפטער צוליעב דער אָפּאָזיציע, וואָס די דאָזיגע מיטגליעדער האָבען אַרויסגעוויזען געגען די החלטות פונ׳ם נשיא, און דאָס האָט ווידער געגעבען מאַטעריאַל פאַר נייע קאָנפליקטען. א בעזונדער שטאַרקען איינדריק האָט געמאַכט דער צוזאַמענשטויס צווישען דעם מעכטיגען נשיא און דעם אָרימען אָבער בעליעבטען און איינפלוסרייכען ר׳ יהושע בן חנניה. ר׳ יהושע, א אָרימער תלמיד חכם, וואָס האָט זיך געשפּייזט פון זיין איינענער פיזישער אַרבייט, האָט זיך

אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכער גוטהערציגקייט און עניוות, און זענענדיג אויסערליך זעהר נישט שען, פלעגט ער דאך מאכען דעם בעסטען איינדרוק אויף מענשען, א דאנק זיינע טיעפע און שארפזיניגע איינפאלען. בנוגע צו ר׳ גמליאל׳ן האט ר׳ יהושע זיך אויך געפונען אין דער אפאזיציע, האטש ער איז בכלל געווען פון הלל׳ס תלמידים און האט א לאנגע צייט נישט ארויסגעוויזען אפען זיין אונצופרידענהייט מיט די בעשטימונגען פון נשיא. איינמאל האט זיך אבער געמאכט, אז ר׳ גמליאל האט בעשטימט דעם אנהויב פון חודש תשרי — דער חודש, אין וועלכען עס געפאלען אויס די גרעסטע יודישע יום-טובים און אויך יום כפור — לויט די לבנה-בעאבאכטונגען פון צוויי נישט קיין זיכערע עדות. ר׳ יהושע האט אנגעוויזען אויף א בעדייטענדען פעהלער אין ר׳ גמליאל׳ס בעשטימונג און אויפגעפאדערט די חברים פון קאלעגיום, צו בעשטימען א נייע בעאבאכטונג פון דער לבנה און מטילא אויך צו ענדערן די צייט פון די יום-טובים. ר׳ גמליאל׳ס שטענדיגער אנהענגער און פערעהרער, ר׳ יוחנן בן נורי, און דער רייכער ר׳ דוסא בן הרכינס, זענען דאס מאל אויך געווען אויף ר׳ יהושע׳ס זייט און האבען צוזאמען מיט איהם אנערקענט, אז די עדות זענען פאלשע. דער נשיא האט אבער דורכאויס געוואלט דערהאלטען זיין אויטאריטעט, און ער האט געשיקט זאגען ר׳ יהושע׳ן: „איך בין גוזר אויף דיר, דו זאלסט קומען צו מיר מיט דיין שטעקעל און טארבע און געלד-בייטעל אין דעם טאג, וואס לויט דיין רעכנונג געפאלט אויס איהם אין יום כפור". ר׳ יהושע׳ן האט דער דיקטאטארישער בעפעהל שרעקליך אנגעגריפען, און איהם איז שווער געווען צו פועל׳ן ביי זיך, ער זאל מחלל זיין דעם היילינגען יום טוב; זיינע חברים, צווישען זיי אויך ר׳ עקיבא און דער אלטער ר׳ דוסא, האבען איהם אבער איבערצייגט, אז ער מוז פאלגען דעם נשיא׳ס בעפעהל, „ווארום אויב מיר וועלן נעהמען נאכטראכטען נאך ר׳ גמליאל׳ס בית דין, דארפען מיר שוין נאכטראכטען אויך נאך אלע בית-דין׳ס, וואס זענען געווען ביי יודען פון משה רבינו ביז היינטיגען טאג". דאס האט אויף ר׳ יהושע׳ן געווירקט און ער איז געקומען אין דעם בעשטימטען טאג צו ר׳ גמליאל׳ן, ווי יענער האט איהם בעפוילען. פון דער געהארכזאמקייט איז ר׳ גמליאל אזוי גערירהט געווארען, אז ער האט איהם הארציג אויפגענומען און געזאגט: „קום ארײן אין פרידען, מיין רבי און מיין תלמיד! מיין רבי — אין חכמה, און מיין תלמיד — וייל

דו האָסט מיר אַרויסגעוויזען אַזאַ געהאָרכזאַמקייט. וואָרום איז דעם דור, און וועלכען די גרויסע הערען זיך צו צו די קלענערע".

דער דאָזיגער שלום האָט זיך אָבער ניט לאַנג געהאַלטען. צוליעב די שטרענגע מיטלען, וואָס ר' גמליאל האָט אָנגעווענדט געגען זיינע געגנער איז געשאַפען געוואָרען אַ גאַנצע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל, אַראָבצוזעצען דעם דיקטאַטאָרישען נשיא פון זיין שטוהל, און אַרויפצוזעצען אויף איהם אַן אַנדערן, אַ ווייניגער שטרענגען. אַזוי ווי ר' גמליאל האָט געהאַט אַ גרונד, חושד צו זיין ר' יהושע'ן, אַז ער שטעהט בראש פון דער דאָזיגער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, האָט ער איהם נאָך עטליכע מאָל האַרט אָנגעגריפען. ר' יהושע'ס אָנהענגער האָבען דאָס גוט געדענקט, און ענדליך איז עס געקומען צו אַן אָפענעם אויסברוך, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ פאָלשטענדיגער איבערקעהרעניש אין דעם סנהדרין פון יבנה. — דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן: צווישען די תקנות, וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבען מתקן געווען, זענען געווען אויך תפילות צוגעפּאַסטע צו יעדען קרבן, וואָס זענען געווען אַ חוב פאַר אַלע יודען אי אין בית המקדש, אי אויסער איהם. אָט דער מנהג, צו דאַוונען עטליכע מאָל אין טאָג, האָט זיך פּראַקטיצירט ביי יודען פון גלות בבל אָן; אַזוי אָבער, ווי אין בית המקדש איז געווען נאָר אַ קרבן תמיד של שחר (אַ שטענדיגער פריהמאָרגען-קרבן) און אַ קרבן של בין ערבים (פּאַרנאַכטיגער קרבן) און ניט קיין קרבן פון ביינאַכט, איז די תפילה פון ביינאַכט אויך געווען ניט זעהר פערשפּרייט און אַ סך מיטגליעדער פון סנהדרין האָבען געהאַלטען, אַז דאָס מעריב דאַוונען איז ניט קיין פליכט פאַר אַלע. געגען דעם איז געווען ר' גמליאל, וועלכער האָט בכלל געזעהען אין די תפילות אַ שטאַרקען חזוק פאַר דעם קיום פון דער אומה און האָט מתקן געווען, אַז יעדער יוד איז מחויב, צו דאַוונען דריי מאָל אין מעת לעת: אין דער פריה, פאַרנאַכט און ביינאַכט. האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ מעשה, אַז איין תלמיד איז געקומען צו ר' יהושע'ן און האָט איהם געפרעגט: די תפילה פון ביינאַכט איז אַ רשות פרייוויליגע טעטיגקייט צי אַ חוב? און ר' יהושע האָט איהם געענטפערט: אַ רשות. דערנאָך איז דער זעלביגער תלמיד געגאַנגען צו ר' גמליאל'ן און האָט איהם אויך געפרעגט די זעלביגע שאלה, און ר' גמליאל האָט איהם געענטפערט: אַ חוב. האָט איהם דער תלמיד געפרעגט: סטייטש, ר' יהושע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז ס'איז אַ

רשות? האט ר׳ גמליאל איהם געזאגט: ווארט, ביז די חכמים וועלן אריינקומען אין בית המדרש, און ווען זיי זענען אריינגעקומען, האט ער געפסק׳עט, אז מעריב דאוונען איז א חוב. דערנאך האט ער זיך געווענדט צו דעם גאנצען קאלעגיום מיט דער שאלה: קיינער קריעגט נישט אויף דער בעשטימונג מיינער? און ר׳ יהושע האט געענטפערט: ניין! דאס האט דעם שטרענגען נשיא שטארק אנגעגריפען, און ער האט אויסגעשריען: „יהושע! שטעל דיך אויף דיינע פיס און זאל מען איבער דיר עדות זאגען! האט זיך ר׳ יהושע געשטעלט און געזאגט: ווען איך וואלט זיין א לעבעדיגער און ער א טויטער, קען א לעבעדיגער אבלייקענען א טויטען; איצט אבער, אז איך לעב און ער לעבט — ווי קען איין לעבעדיגער אבלייקענען דעם אנדערן? איז ר׳ גמליאל געזעסען און געדרשה׳נט און ר׳ יהושע איז אלץ געשטאנען אויף די פיס, ביז אלע תלמידים זענען אויפגעקאכט געווארען און האבען א געשריי געטאן צו חוצפית דעם מתורגמן (ערקלערער, אויסטייטשער): האלט! און ער איז שטיל געווארען״. דא האבען זיך פון אלע זייטען דערהערט אויסרופען: „ווי לאנג וועט ער איהם (יהושע׳ן) אזוי מצער זיין! שוין דאס דריטע מאל פייניגט ער איהם! און ווער האט שוין פון איהם נישט געליטען, — קומט לאמיר איהם מעביר זיין פון דער נשיאות!״ און דער גאנצער קאלעגיום איז גלייך צוגעטרעטען, אויסצעוועהלען א נייעם נשיא. דא זענען געווען שטימען פאר דעם זעלביגען ר׳ יהושע, ר׳ גמליאל׳ס הויפט-געגנער, די מעהרהייט האט אבער נישט געפועל׳ט ביי זיך, אזוי שטארק צו קרענקען די אייגען-ליעבע פון דעם אלטען נשיא, און דער גורל איז געפאלען אויף דעם יונגען ר׳ אליעזר בן עזריה, „וועלכער איז אי קלוג, אי רייך, אי א צעהנטער דור פון עזרא (הסופר), קלוג — אז מ׳וועט איהם פרעגען, וועט ער וויסען צו ענטפערן; רייך — אז מ׳וועט דארפען זיך משתדל זיין פאר׳ן קייזער, וועט ער עס אויך קענען, און ער איז א צעהנטער דור פון עזרא׳ן — האט ער זכות אבות און ר׳ גמליאל וועט איהם נישט קענען בעשטראפען״.

מיט דער בעשטימונג פון ר׳ אליעזר׳ן פאר א נשיא, זענען אבגעשאפט געווארען די אלע פעראָרדנונגען און בעגרענעצונגען, וואס זענען איינגעפיהרט געווארען פאר ר׳ גמליאל׳ס צייטען. „אין יענעם טאג האט מען אבגעזאגט דעם שומר פון טהיר (פון בית המדרש) און ס׳איז געגעבען געווארען רשות אלע תלמידים אריינצוגעהן״. „דען ר׳ גמליאל

האט געהאלטען, אז לעהרנען מיט נישט קיין עהרליכ״ן תלמיד הייסט דיכטיג, ווי צו-ווארפען א שטיין צו דער עבודה זרה, און ר׳ אליעזר בן עזריה האט געדרשה׳נט: שטענדיג זאל א מענש עוסק זיין אין תורה און מצוות און אפילו שלא לשמה (נישט עהרליך) ווארום פון שלא לשמה וועט ער קומען צו לשמה", די רעפארם איז גלייך אויסגענוצט געווארען, און ווי די לעגענדע גיט איבער, זענען צוגעקומען אין יענעם טאג ביז דריי הונדערט בענק (לויט א צווייטען נוסח זיבען הונדערט בענק) אין בית המדרש; דערמיט האבען זיך אבער די פאלגען פון דער איבערקעהרעניש נישט געענדיגט. די ווירקונג פון די נייע וואהלען איז געוועזען אזוי בעדייטענד, אז דער טאג, ווען די געשעהעניש איז פארגעקומען, איז פערבליבען אין זכרון פון די ווייטע קומענדיגע דורות, ווי א בעריהמטער היסטארישער טאג (בו ביום, אותו היום). אונטער דעם פארזיץ פונ׳ם נייעם נשיא האט זיך דאס סנהדרין גענומען קאנטראלירען און פון דאס ניי דורכשטודירען די אלע געזעצבעשטימונגען און איינפיהרונגען, וועלכע זענען אנגענומען געווארען אונטער דעם איינפלוס פון ר׳ גמליאל׳ס אויטאריטעט אינ׳ם גייסט פון די בית הלל. פון די דאזיגע געזעצען זענען איצט א סך געענדערט געווארען; א גרויסע צאהל שאלות, איבער וועלכע ס׳האט זיך שוין פון יאהרען געצויגען א מחלוקת צווישען די בית שמאי און די בית הלל, זענען פון די „חכמי יבנה" פערענטפערט געווארען אין דעם זין פון א פשרה: „נישט ווי דער און נישט ווי דער"; עס זענען פארגעקומען אויך פאלען, אז די בית הלל אליין האבען חרטה געהאט אויף זייערע פריהערדיגע בעשטימונגען און אנגעהויבען צו פסק׳נען געוויסע הלכות, ווי די בית שמאי. דערביי האט דער נייער נשיא אויפגעטאן נאך א וויכטיגע זאך: ער האט געלאזען צוזאמענרופען די יעניגע אלע, וואס האבען אליין געדענקט נאך די אויטאריטעטען פון די פריהערדיגע דורות און אויפגענומען פון זיי אלע מסורות, וואס זיי האבען געהאט. צווישען די דאזיגע עדות האבען זיך געפונען צוויי בעלי מלאכות פון ירושלים, וואס האבען איבערגעבראכט א וויכטיגע מסורה נאך פון שמעיה און אבטליון. דער פראטאקאל פון אט די היסטארישע זיצונגען איז דערגאנגען צו אונז אין א קליינעם טראקטאט פון דער משנה אונטערן נאמען „עדיות".

פון די פראגען, וואס זענען בעהאנדעלט געווארען „אין יענעם טאג", זענען בעזונדער וויכטיג די פאלגענדע צוויי, וואס האבען א

פרינציפיעלע, אלגעמיינע בעדייטונג. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען א גר פון די עמונים, צי מעג ער נעהמען א יודישע טאכטער. ר' גמליאל האט געפסק'ענט, אז ער טאר דאס נישט, זיך שטיצענדיג אויף דעם בפירוש'ען פסוק: „לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'" (עס זאל נישט אריינגענומען ווערן קיין זוהן פון עמון און מואב אין גאט'ס געמיינדע). אויף דעם האט ר' יהושע געענטפערט: „צי זיצען דען די עמונים און מואבים אויף זייערע ערטער? עס איז דאך שוין לאנג געקומען סנחריב און האט אויסגעמישט די גאנצע וועלט". אין דער צווייטער פראגע האט זיך גערעדט וועגען דער הייליגקייט פון די צוויי ספרים, וואס די מסורה האט צוגעשריבען שלמה המלך, „שיר השירים" און „קהלת". די בית שמאי האבען אנערקענט, אז „קהלת" איז געשריבען געווארען נישט מיט „רוח הקודש" און דארף נישט אריינגענומען ווערן אין דער רייהע פון די „הייליגע שריפטען". דאס זעלבע איז געווען אויך מיט „שיר השירים"; געזיגט האבען אבער אין דער פראגע די בית הלל — דער נאמען שלמה המלך האט מציל געווען די צוויי שענע פערלען פון דער אלט-העברעאישער ליטעראטור.

א מערקווירדיגען איינדריק מאכט ר' גמליאל'ס בעציהונג צו די אלע געשעהענישען פון „דעם טאג", ווי זי ווערט געשילדערט אין דער לעגענדע. דער הייסער אנהענגער פון א צענטראלער אויטאריטעטער מאכט האט זיך איצט אליין אונטערגעווארפען דעם נייעם אויטאריטעט, און נישט אויפגעהערט זיך צו בעטייליגען אין די ווייטערדיגע פערהאנדלונגען פון סנהדרין; און נישט נאר דאס — ר' גמליאל האט איצט אליין אנערקענט, אז ער איז צו ווייט פערגאנגען אין דער פערטיידיגונג פון זיינע מיינונגען, און ער האט גענומען אויף זיך קודם כל, צו פערריכטען אט דעם פעהלער. „ר' גמליאל האט געזאגט: אויב ס'איז אזוי וועל איך געהן איהם (ר' יהושע'ן) איבערבעטען. ווען ער איז צוגעקומען צו ר' יהושע'ס וואוינונג, האט ער געזעהען, אז די ווענט פון שטובען שווארץ, און ר' יהושע זיצט און מאכט נאדלען". דאס האט אויף דעם רייך-ערצויגענעם אריסטאקראט געמאכט א שווערען איינדריק, און ער האט זיך אבגערופען: איז דאס ווירקליך דיין פרנסה?! אויף דעם האט ר' יהושע איהם געענטפערט: „וועה איז צו דעם דור, וואס דו ביזט זיין מנהיג, און וועה איז צו דער שיף, וואס דו ביזט איהר פיהרער! דו ווייסט נישט דעם צער פון די תלמידי חכמים, מיט וואס זיי בעשעפטיגען זיך און פון וואס זיי לעבען". האט ר' גמליאל געזאגט:

„דו ביזט געזעלצט! זיי מיר מוחל!“ ר׳ יהושע האט זיך אבער נישט אומגעקוקט אויף איהם. דאן האט ר׳ גמליאל ווידער געבעטען: „טו דאס אין דעם זכות פון מיינע עלטערן“; דאס האט געווירקט: ר׳ יהושע האט איהם מוחל געווען און איז אליין געגאנגען זיך משתדל זיין, אז ר׳ גמליאל זאל צוריק בעקומען די נשיאות. איצט האט זיך עס געהאנדעלט וועגען דעם, ווי אזוי צו פועל׳ן ביי ר׳ אלעזר׳ן, אז ער זאל זיך אבזאגען פון דעם עהרענטיטול, וואס ער האט ערשט בעקומען, און די שליחות האט ר׳ עקיבא איבערגענומען אויף זיך. ר׳ אלעזר האט אבער גארנישט געקלערט איבער געוואלט זיך אנצוהאלטען אן דעם פאטריארכען-שטוהל, און ער האט גלייך אבגעטרעטען זיין פלאץ דעם נשיא בן נשיא; נאר כדי נישט צו פערשעמען אינגאנצען ר׳ אלעזר׳ן, איז בעשלאסען געווארען, אז ר׳ גמליאל זאל עפנען און פיהרען די זיצונגען פון קאלעגיום צוויי שבתים, און ר׳ אלעזר — דעם דריטען שבת.

פון דאן אן איז די טעטיגקייט פון סנהדרין געגאנגען אהן גרויסע מחלוקת און שרייענדע סכסוכים. ר׳ גמליאל האט אויך ווייטער זיך בעמיהט מיט אלע כחות, אבצוהיטען די איינהייט און דעם אויטאריטעט פון דעם רעליגיעזען און נאציאנאלען צענטר; איהם האט זיך אבער פארט נישט געקענט איינגעבען, צו דערשטיקען אינגאנצען די פערשידענהייט פון די מיינונגען, וואס איז געלעגען אינ׳ם עצם מהות פון די פלפול׳דיגע דרינגענישען און געזעץ-ערקלערונגען. „דער אקאדעמישער קאמפף אין בית מדרש האט זיך נישט געלאזען אונטערווארפען די שטרעבונג פון דעם פראקטישען פאלקס-פיהרער, וואס האט קודם כל געקלערט וועגען פערשטארקען די יודישע קולטורעלע אויטאנאמיע. ר׳ גמליאל׳ן איז נאר געלונגען ווייכער צו מאכען אט דעם קאמפף און נישט צוצולאזען דערצו, אז ער זאל אננעהמען זעהר שארפע פארמען, ער איז אבער נישט אימשטאנד געווען, איהם צו בעזייטיגען אינגאנצען“.

א דאנק ר׳ גמליאל׳ס ענערגישער הנהגה איז דאס סנהדרין אין יבנה געווארען דאס הארץ פון דער יודישער אומה. די יודישע קהלות אין די ווייטסטע לענדער האבען געקוקט אויף דער נשיאות אין יבנה, ווי אויף א איבערבלייבעניש פון דער יודישער מלוכה, וואס ווערט פערטרעטען פון א איינִיקעל פון דוד׳ס הויזגעזינד, און זיי האבען אבגעגעבען דעם נשיא קעניגליכען כבוד. דער לעצטער האט בעזעסען די מאכט, צו בעשטימען ריכטער, פרנסים און אלע אנדערע פאסטען

פאר די קהלות פון דער גאנצער דיאספארא, און די רוימישע אדמיניסטראציע האט זיך כמעט גארנישט געמישט אין די יודישע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. ביי דער גאנצער הייסער שטרעבונג פונ'ם נשיא צו איינהייט, האט ער אבער דאך נישט געשטערט די פארשטעהער פון אייגענע ישיבות אין זייער זעלבסטשטענדיגער טעטיגקייט; די לעצטע האבען געהאט דאס רעכט, צו בעשטימען זייערע תלמידים פאר ריכטער און פאלקס-לעהרער, און אט די בעשטימונג האט געהאט די פולע קראפט, אפילו אהן דער הסכמה פון נשיא. דער אקט פון מסמיך זיין א תלמיד (געבען איהם דעם טיטול רבי, לעהרער) פלעגט צוגעהן זעהר פייערליך; אין דער געגענווארט פון צוויי מיטגליעדער האט דער ראש ישיבה ארויפגעלעגט די האנד אויף דעם אנערקענטען תלמיד, אנגעטאן אויף איהם די טאגא פון א תלמיד חכם און איהם גערופען „ר ב י". די דאזיגע סמיכה האט, איבריגענס, קיין געמיינזאמעס נישט געהאט מיט דער סמיכה, וואס מיר געפינען ביי די נביאים, וועלכע פלעגען אויך אנשפארען די הענד אויף די קעפ פון זייערע תלמידים, די בני הנביאים; דען דער בעגריף פון איבערגעבען דעם הייליגען גייסט איז בכלל פרעמד געווארען דאס יודענטום נאכדעם, ווי ס'האבען זיך אויפגעהערט צו ווייזען אין איהם ערשיינונגען פון עכטער, געטליכער נבואה. די סמיכה פון די זקנים איז געווען נאר א מין הסכמה אדער עדות זאגען אויף דעם מוסמך, אז ער איז גענוג קאמפעטענט צו לעהרנען אנדערע און צו ענטשיידען אלערליי ריין-רעליגיעזע, ווי אויך יורידישע שאלות. דער מוסמך פלעגט אויך קריגען דעם טיטול זקן, וואס האט געדינט פאר א אטעסטאט אויף צו קאנען אריינגענומען ווערן אלס מיטגליעד אין סנהדרין.

די עפענטליכע זיצונגען פון סנהדרין פלעגען אויך צוגעהן זעהר פייערליך. דעם העכסטען פלאץ האט פערנומען דער נשיא, און פאר איהם, אין א האלבען קרייז, האבען זיך ארומגעזעצט די אנגעזעהענסטע געזעצלעהרער. הינטער די דאזיגע מיטגליעדער זענען געזעסען אין עטליכע שורות די „זקנים"; הינטער זיי ווידער זענען געשטאנען די תלמידים און גאר צו לעצט איז דאס פאלק געלעגען אויף דר'ערד און זיך צוגעהערט. עפנען די זיצונג פלעגט דער נשיא מיט וועלכער ס'איז הלכה אדער מיט דעם אויסרוף: „פרעגט!", וואס האט געגעבען יעדערן פון קאלעגיום דאס רעכט, פארצולעגען זיינע ספיקות און שאלות. דער נשיא אליין האט נישט גערעדט צום גאנצען סנהדרין; ווען ער האט

געדאַרפט עפּעס ענטשיידען, האָט ער דאָס אין קורצען איבערגעגעבען דעם מתורגמן, און יענער האָט עס דערנאָך גענוי מסביר געווען און ערקלערט פאַר'ן גאַנצען עולם. ביי יעדער שאלה זענען פאָרגעקומען דעבאַטען, אין וועלכע ס'האָבען זיך בעטייליגט כמעט אַלע מיטגלידער, און נאָר דער נשיא אַליין האָט געהאַט דאָס רעכט, זיי אָבצושטעלען; ער פלעגט דערביי אויסרופען: נגמר הדין (ס'זענען געענדיגט די פערהאַנדלונגען), און נאָכדעם איז מען צוגעטרעטען צו דער אָבשטימונג, וואָס פלעגט זיך אָנהויבען ביי דיני ממונות (געלד-פראַגען) פון דעם גרעסטען מיטגליעד און ביי דיני נפשות (קרימינאַל-פראַגען) פון דעם קלענסטען, כדי די קלענערע, נישט פעסט איבערצייגטע מיטגלידער פון געריכט זאָלען נישט בעאיינפלוסט ווערן אין זייערע מיינונגען פון די גרויסע.

בעזונדער וויכטיג און בעדייטענד איז געווען די פונקציע פון סנהדרין בנוגע צו די בעשטימונגען פון די חדשים און יאָהרען. די צענטראַלע אינסטיטוציע האָט געהאַט אויף זיך די פליכט, צוצושטעלען אַלע צושפּרייטע יודישע קהלות אין די ווייטסטע לענדער גענויע ידיעות וועגען דעם, ווען עס געפאַלען אויס די און די יום-טובים, און אַזוי ווי ס'זענען נאָך דאַן נישט געווען קיין פעסט בעשטימטע קאַלענדאַר-אויסרעכנונגען, האָט דאָס סנהדרין אין יבנה געמוזט איינאָרדנען גענויע אָבסערוואַציעס איבער די פאַזיסען פון דער לבנה און בעזונדער איבער דאָס ערשיינען פון דעם ערשטען לבנה-שטריך, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר דעם אָנהויב פון יודישען חודש

אין פּאַלעסטינא גופא און אין בבל פלעגט די בעשטימונג פון דעם נייעם חודש איבערגעגעבען ווערן אין די ווייטערע קהלות דורך אַ ספּעציעלען סיגנאַל: שייטערהויפענס, וואָס פלעגען אָנגעצונדען ווערן ביינאַכט אויף די שפּיצען פון די הויכע בערג; די יודישע קהלות אָבער אין די „מדינות הים״: מצרים, קליין אַזיען, גריכענלאַנד, וואוהין די סיגנאַלען האָבען נישט געגרייכט, — האָבען נישט געקענט וויסען גענוי דעם טאָג פון'ם נייעם חודש אַזוי לאַנג, ווי ס'זענען נישט אָנגעקומען צו זיי די שלוחים פון סנהדרין, דעריבער האָט מען מתקן געווען, אַז די קהלות אויסער פּאַלעסטינא זאָלען, פון ספק וועגען, פייערן צוויי טעג יום טוב, אַנשטאָט איינעם, און אָט דער מנהג פון די דאָפּעלע יום טובים (יום טוב שני של גליות) איז פערבליבען ביז אויף היינטיגען טאָג.

א דיסקוסיע

מיט דעם צוועק, צו פערשטארקען די אײנהײט פון דער אומה, האט ר׳ גמליאל מתקן געווען נאך א וויכטיגע תקנה: ער האט צוזאמענגעשטעלט איין בעשטימטען נוסח פון שוהל-תפילות (דאווגען) פאר אלע יודען אין דער וועלט. אין דער צייט פון בית המקדש האבען ד׳ תפילות, ווי מיר האבען שוין דערמאנט, געדיענט נאר אלס צוזאץ צו די קרבנות, נישט האבענדיג קיין זעלבסטשטענדיגע בעדייטונג; איצט אבער, ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען און דער קולט פון די קרבנות איז אונטערגעגאנגען, האבען די תפילות געמוזט בילדען דעם מיטעלפונקט פונ׳ם רעליגיעזען לעבען, און דאס האט ר׳ גמליאל פארגעזעהען. ער מיט זיין בית דין האבען אויסגעארבייט א פאלשטענדיגען טעקסט פון אלטעגליכע תפילות, וואס ענטהאלטען א רייהע לויב- און דאנק-מזמורים צו דעם איינציגען גאט פאר די גרויסע לעבענס-מתנות (ליכט, לעבען, גייסט א. א. וו.), וואס ער שענקט דעם מענשען טאג טעגליך, און דאן אויך עטליכע הארציגע בקשות נאציאנאלע: עס זאל צוריק אויפגעבויט ווערן די הייליגע שטאדט מיט׳ן בית המקדש, משיח זאל קומען און אויסלייזען יודען פון גלות און די יודישע אומה זאל בכלל צוריק בעקומען איהר אמאליגען גלאנץ, איהר אמאליגע גרויסקייט. ר׳ גמליאל איז געווען דער ערשטער, וואס האט איינגעפיהרט די שמונה עשרה (אכצעהן ברכות) אלס חוב פאר יעדען יודען דריי מאל אין טאג, און שמעון פון פקולי האט די ברכות רעדאגירט און צוזאמענגעשטעלט. נישט אלע געזעץ-לעהרער האבען אבער מסכים געווען צו דער נייער איינפיהרונג, און א בעזונדער התנגדות האט ארויסגעוויזען דער בעריהמטער ר׳ אליעזר בן הורקנוס, וועלכער האט אנערקענט, אז יעדעס געבעט (תפילה) דארף אויסדריקען א געוויסען לעבעדיגען געפיהל, א געוויסע שטימונג, און קוים מאכט מען עס פאר א קביעות, פאר א בעשטימטען אייביגען נוסח, פערליערט עס אינגאנצען דעם אייגענטליכען כאראקטער און הערט אויף צו זיין א תפילה.

אין יענער צייט איז אויך איינגעפיהרט געווארען דער סדר פון דאווגען בצבור. לויט דעם סדר האט דער עפנטליכער גאטעסדיענסט בעקומען א גאנץ אייגפאכע פארם: יעדער יוד, וואס האט דערגרייכט א געוויסע עלטער, אויב ער איז נאר נישט קיין פערברעכער, מעג ווערן דער „שליח צבור“, ד. ה. ער קען זיך אוועקשטעלן פאר׳ן עמוד און פארזאגען די תפילות אין נאמען פון דער גאנצער עדה.

דאס רעליגיעזע לעבען פון פאלק איז, אויף אזא אופן, אין אלע הינזיכטען רעגולירט געווארען דורכ'ן סנהדרין און דעם נשיא, און די צושטערונג פון בית המקדש האט קיין גרויסען חלל נישט איבערגעלאזען אין הארץ פון יודענטום. דאוונען, לערנען תורה און די איבריגע אנדערע מעשים טובים האבען כמעט אינגאנצען אויסגעפילט דעם פלאץ פון די קרבנות; מעשר די כהנים און לויים, פאה (די תבואה פון די עקען פעלדער) און די איבריגע שטייערן, וואס האבען זיך ביז דאן פראקטיצירט אין יהודה, האבען נישט אויפגעהערט זיך צו פראקטיצירען איצט אויך; די פערשידענע געזעצען, וואס האבען זיך געשטיצט ביז אהער אויף דער הייליגקייט פון יהודה'ס ערד, זענען אויך געבליבען אין זייער קראפט, און בכלל האט דאס גאנצע לעבען פון לאנד נישט פערלוירען זיין פריהערדיגען כאראקטער. עס זענען נאך צוגעקומען פערשידענע מנהגים, וואס האבען געזאלט דערהאלטען אין פאלק דעם לעבעדיגען, טיפען וועהטאג איבער דעם אונטערגאנג פון גאט'ס הויז, און צוזאמען דערמיט אויך די שטארקע האפנונג, אז באלד וועלן זיך פאר יהודה ווידער אומקעהרען איהרע ליכטיגע צייטען. די פאלקס-לעהרע האט פון איין זייט אזוי ווי פערפליכטעט יעדען יודען צו טרויערן איבער דעם חורבן פון ר' יהודה, און אין דער זעלביגער צייט אויך געטרייסט, געפלאנצט אין די הערצער פון איהרע צוהערער די שענסטע האפנונגען; די פיער תעניתים, וואס די גולי בבל האבען פרייוויליג גענומען אויף זיך, נאכ'ן אונטערגאנג פון ערשטען בית המקדש, זענען איצט צוריק איינגעפיהרט געווארען; דאגעגען זענען פערבליבען אין זייער קראפט די טעג פון היסטארישע נאציאנאלע שמחות.

אזוי האט אויסגעזעהען דאס אינווענינגסטע יודישע לעבען. פון אויסווענינג האט זיך יודען געלעבט נישט שלעכט נאר אונטער וועספאסיאנ'ען און טיטוס'ען; אונטער דאמיציאנוס'ען דאגעגען האבען די יודישע אונטערטאנען אין דער גאנצער רוימישער אימפעריע געמוזט אויסשטעהן א רייהע שווערע רעפרעסיעס, און ווי דאס פאלק האט שפעטער דערצעהלט, איז דער נשיא צו יענער צייט געפאהרען קיין רוים, זיך משתדל זיין, אז דער יודישער גורל זאל פערבעסערט ווערן. דאס זאל האבען געשעהען אין דער צייט, ווען דאמיציאנוס האט פלוצליג גוזר געווען אויף אלע יודען פון דער גאנצער רוימישער אימפעריע, אז אין א משך פון דרייסיג טעג זאל פון זיי קיין זכר נישט איבערבלייבען;

זיך דערוויסענדיג דערפון, האט ר׳ גמליאל און מיט איהם זיינע חברים: ר׳ אלעזר בן עזריה, ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ עקיבא בן יוסף, אונטערגענומען א רייזע קיין רוים. דערביי דערצעהלט די לעגענדע, אז דערהערענדיג דעם טומעל פון דער פרעהליכער שטאדט און פון קאפיטאלישען טעמפעל, האבען זיך ר׳ גמליאל, ר׳ יהושע מיט ר׳ אלעזר׳ן פונאנדערגעוויינט, אויף וואס ר׳ עקיבא האט זיי געזאגט: „וואס עפעס וויינען?! אויב גאט גיט אזוי פיעל גוטס א נישט געהארכזאמען פאלק, טא וויפיעל־זשע האט ער שוין אנגעגרייט אין דער צוקונפט פאר זיינע קינדער". אנקומענדיג אין רוים האבען זיך די פיהרער פון דער אומה געווענדט נאך הילף צו א בעקאנטען רוימישען סענאטאר, וואס איז געווען גוט געניגט צום יודענטום, און די פרוי זיינע, וואס האט אויך שטארק געהאלטען פון דער יודישער תורה, האט איהם, דעם מאן, צוגערעדט, ער זאל זיך מקריב זיין פאר „יודישקייט". דאס מקריב זיין זיך, האט געהייסען פשוט: זיך נעהמען דאס לעבען, ווייל ס׳האט געהערשט א מנהג דארטין, אז אויב איין סענאטאר איז געשטארבען, איידער ס׳איז אויסגעפיהרט געווארען די בעשטימונג פון סענאט ווערט די לעצטע אבגעלעגט אויף א געוויסער צייט. און דער יודענפריינדליכער סענאטאר האט דעם קרבן געבראכט: ער האט זיך פערסמ׳ט, אנגעהמענדיג פארן טויט דעם יודישען גלויבען,*) און די גזירה איז אונטער דער צייט בטל געווארען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער רייזע פון די יודישע פערטרעטער קיין רוים זענען דערגאנגען צו אונז נאך א מאסע לעגענדעס, וואס דערצעהלען וועגען רעליגיעזע און פילאזאפישע וכוחים, וועלכע זאלען האבען פארגעקומען צווישען די יודישע זקנים און פארשטעהער פון דער רוימישער אריסטאקראטיע. די לעצטע האבען געפרעגט: „אויב גאט פעראכט אזוי דאס געצענדיענסט, פארוואס־זשע פערניכטעט ער נישט די געצען?" אויף דעם האבען די „זקנים" געענטפערט: „ווען גאט וואלט מיט אזעלכע מיטלען אויפווייזען די מענשליכע אבערגלויבערייען, וואלט איהם אויסקומען צו פערניכטען נישט בלויז די געצען, נאר אויך די זון מיט דער לבנה און די שטערנס, וועלכע א סך געצענדיענער פערגע־

*) לויט אנ׳אנדער נוסח האט דער קייזער בעשטראפט מיט׳ן טויט דעם דאזיגען סענאטאר דערפאר, וואס ער האט ארויסגעוויזען אזא ליעבע צום יודענטום.

טערן. זאָל די גאַנצע וועלט דען אונטערגעהן צוליעב עטליכע שוטים?״ אַנאַנדער „מין״ (נאָמען פון אַ געוויסער קריסטליך־אַפּיקורס׳ישער סעקטע) האָט געזאָגט ר׳ גמליאל׳ן: „אייער גאָט איז אַ גנב — ער האָט איין שלאָף אַוועקגעגנב׳עט אַ זייט ביי אדם׳ען!״ אויף דעם האָט איהם ר׳ גמליאל׳ס טאָכטער געענטפערט: „גאָט האָט דאָ געהאַנדעלט ווי יענער גנב, וואָס איז אַריין אין אַ הויז, האָט צוגענומען אַ זילבערנע וואַזע און אַוועקגעשטעלט אויף איהר אָרט אַ גאָלדענע; ער האָט צוגענומען ביי אדם׳ען אַ זייט און האָט איהם געגעבען אַ שענע פרוי אַ מיטאַרבייטערין — אַזעלכע גנבים קען מען זיך ווינשען, צו האָבען אָפטער ביי זיך״.

נאָכדעם ווי די געפאַהר פון דער גזירה איז אַריבער האָט זיך די דעפּוטאַציע אומגעקעהרט צוריק קיין יהודה, און ר׳ גמליאל האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט אויף דער וואַך פון דעם יודישען פאָלקס־לעבען. דאָס לעצטע האָט זיך כסדר ענטוויקעלט אין דער ריכטונג פון שטרענגער פרומקייט און גאָטס־פאָרלטינקייט; עס האָבען זיך ווייטער פּראַקטיצירט די אַלע ריינהייטס־געזעצען (הלכות טומאה וטהרה) פון בית המקדש, חאָטש אין אַנ׳אַנדער פאָרם. די פרומע פרושים האָבען זיך געהיט צו עסען זייערע אַלטעגליכע מאָלצייטען מיט דער זעלביגער ריינקייט און אָבהיטענדיג די זעלביגע אַלע געזעצען, וואָס די כהנים און לויים האָבען געמוזט אָבהיטען, עסענדיג זייערע הייליגע שפּייזען; די דאָזיגע פרושים האָבען זיך אויך שטאַרק אָבגעהיט פון בעריהרען אַ מת אָדער אַנדערע טמא׳דיגע געגענשטאַנדען, און האָבען זיך געשפּייזט נאָר מיט אַזעלכע תבואות, וואָס זייערע בעלי בתים האָבען פּינקטליך אָבגעשיידט פון זיי אַלע געהעריגע תרומות און מעשרות. אָט די אַלע האָבען געבילדעט אַ מין אָרדען אָדער ברודערשאַפט פון „חברים״ (אַזוי האָבען זיך די פרושים גערופען), וואָס האָט, ווי ס׳איז צו גלויבען, געהאַט אויך אַ פּאָליטישע שאַטירונג; ווער עס האָט געוואָלט אויפ־גענומען ווערן פאַר אַ חבר, האָט זיך געמוזט פערפליכטען צו היטען אַלע רעגעלן פון דער חבורה, און קוים האָט אימיצער זיך מיט עפּעס פערשולדיגט געגען דעם אָרדען, איז ער גלייך אויסגעשלאָסען געוואָרען. צונעהמען אַ נייעם חבר האָבען געקענט נישט וועניגער, ווי דריי אַלטע, און די אַלע, וואָס האָבען געהאַט וועלכע ס׳איז שיכות צו דער רוימי־שער אַדמיניסטראַציע (מוכס׳ניקעס, אויפזעהער א. אַ. וו.) האָבען אין דעם אָרדען בכלל קיין צוטריט נישט געהאַט.

דעם היפּך פון די דאָזיגע „ח ב ר י ם״ האָבען פאָרגעשטעלט מיט

זיך די עמי הארצים ערד-ארבייטער. די ערשטע האבען געבילדעט אין א געוויסער מאס די יודישע פאטריציער, אריסטאקראטען, די לעצטע — דעם המון, די פלעבייער. צווישען אט די ביידע פאלקס-קלאסען איז געלעגען א מורא'דיגער תהום; די עמי הארצים זענען שרעקליך פערווילדעט געווארען אין דער צייט פון די פאליטישע איבערקעהרענישען, און די גאטספארכטיגע, געלעהרנטע „חברים" האבען געמוזט קוקען אויף זיי מיט א טיעפער פעראכטונג. לויט די שילדערונגען פון די „חברים" זענען די עמי הארצים געווען פאלש אין האנדעל, גראב און ברוטאל אין פאמיליען-לעבען, ווילד און מערדעריש אין אומגאנג מיט מענשען און בכלל דער סימבאל פון שלעכטס און זיטליכער פערדארבענקייט; פון די רעליגיעזע געזעצען האבען זיי אבגעהיט נאר יענע, וואס האבען געהערט צו זייערע רויהע אינסטינקטען, און אין אלע אנדערע הינזיכטען זענען זיי געווען חשוד אויף די שרעקליכסטע פערברעכענס. דער תהום און די שנאה צווישען די עמי הארצים און חברים איז דעריבער כסדר געוואקסען, און די זאך איז ענדליך דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז א חבר האט נישט געגעסען ביי איין טיש מיט קיין עם הארץ און האט זיך אבגעהיט פון צוריהרען צו איהם, כדי נישט טמא צו ווערן. חתונה-פערבינדונגען צווישען די ביידע קלאסען זענען געווען א זעלטענהייט — עס האט געהייסען, אז „ווער עס מאכט חתונה זיין טאכטער פאר אנ'עם הארץ טוט ריכטיג, ווי ווען ער וואלט זי בינדען און אוועקלעגען פאר א לייב" (די עמי הארצים פלעגען גראב בעהאנדלען זייערע ווייבער און זיי שלאגען), און די שנאה פון די עמי הארצים, דאגעגען, צו די תלמידי חכמים איז אין אלגעמיין געווען נאך שטארקער, ווי ס'איז געווען די שנאה פון א גוי צו א יודען. „ווען זיי האלטען אונז נישט דארפען צום געשעפטס-פערקעהר, — האט ר' אליעזר געזאגט, — וואלטען זיי אונז מערדעריש בעפאלען און געהרג'עט", און ר' עקיבא, וועלכער האט געשטאמט פון די נידעריגע פאלקס-שיכטען, האט זיך אין די שפעטערדיגע יאהרען אליין מודה געווען, אז זענענדיג אנ'עם הארץ האט ער זיך געוואונשען: „הלואי זאל איך בעגעגנען א תלמיד חכם אליין אין וועג, וואלט איך, ווי אנ'עזעל איהם צובייסען". דאס איז געווען דער נאטירליכער פראטעסט פון די פעראכטעטע און באיקאטירטע, פאר וועלכע די אריסטאקראטען-פרושים האבען פערצוימט יעדען צוטריט צו זיך און צו דעם געמיינדע-לעבען.

אין די פאלגען פון דער שפאלטונג האבען זיך באלד ארויסגעוויזען. צוריקגעשטויסען פון יעדען אומגאנג מיט די העכערע קלאסען, אויסגעשלאסען פון יעדער בעטהייליגונג אין דעם לעבען פון דער קהלה, בערויבט פון יעדער גייסטיגער ווירקונג און אהן א שום פיהרער און ראט-געבער, — האבען זיך אט די פעראכטעטע פאריא'ס אריינגעווארפען אין די ארעמס פון דעם יונגען קריסטענטום. נאכפאלגענדיג דעם געקרייציגטען „משיח" אליין, וועלכער האט זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט געשענקט אט די „בעליידיגטע און דערשלאגענע", האבען די ערשטע קריסטליכע שלוחים אויך זיך געדרעהט נאר צווישען די נידעריגע שיכטען פון פאלק, און די לעצטע האבען ארויסגעוויזען א טיעפע עמפפינדליכקייט פאר דער נייער לעהרע. אויף די פעראכטעטע און פערשטויסענע האט געמוזט מאכען א טיעפע ווירקונג דער פאקט, וואס די הייליגע שלוחים זענען געקומען צו זיי, האבען געגעסען און געטרונקען מיט זיי צוזאמען, און דערצו נאך פערזיכערט, אז נאר צוליעב זיי אליין איז משיח געקומען און געקרייציגט געווארען, כדי זיי זאלען אויך האבען א טייל אין די אלע גיטער פון דער בעסערער וועלט! די געזעצלעהרע פון די פרושים האט ביי זיי אוועקגערויבט די עלעמענטארסטע רעכטען, און דא האבען זיי געהערט פון דעם הייליגען פאאולוס, אז „נישט מיט מעשים און מצוות קען זיך דער מענש רעכטפערטיגען, נאר מיט'ן גלויבען אין משיח'ן"; דאס איינציגע וואס זיי איז געבליעבען צו טאן, איז דעריבער געוועזן, זיך צוצושליעסען צו דער נייער עדה, וואס האט זיי אויפגענומען מיט אפענע ארעמס און צוגעזאגט צו עפנען אלע טויערן פון דער הימעל-מלוכה.

די געזעצלעהרער, פערטיעפט אין זייער אייפער פאר דער פארמירונג פון דעם יודישען רעליגיעזען לעבען, האבען אינגאנצען פערזעהען יענע גרויסע מאסען, פון וועלכע עס זענען שפעטער אויסגעוואקסען פערביטערטע געגנער פון דעם דאזיגען לעבען, און נאך איידער זיי האבען בעוויזען, זיך ארומצוקוקען, איז שוין געשטאנען פאר זיי א מעכטיגער שונא, מיט א פארטיגער וועלט- און לעבענס-אנשויאונג, — א שונא, וואס האט מיט ריזיגע כחות זיך גענומען צושמעטערן און צושטורמען דעם פעלזען-פעסטען בנין פון טראדיציאנעלען יודענטום.

צווייטעס קאפּיטעל

די פאלשטענדיגע שפּאלטונג צווישען יודענטום
און קריסטענטום; די ליטעראטור

מעכטיגע, גרויסע יודישע גייסטער האבען דערהאלטען דאס יודענטום, און אין דער צייט האבען אנדערע, נישט ווייניגער מעכטיגע יודישע פערזענליכקייטען, צוזאמען מיט נאך שטארקערע היסטארישע כחות, געשאפען דאס קריסטענטום. א גליק פאר דער לעהרע פונ׳ם גליל׳ער איז געווען דאס, וואס דער ליידענשאפטליך-פייערדיגער, אנרוהיגער שאול פון תרסי (פּאאולוס) איז פון א פערביסענעם, פאנאטישען געגנער, געווארען נישט בלויז א אנהענגער, נאר אויך איהר פרידיגער און הויפּט-בעגרינדער; אהן פּאאולוס׳ען וואלט די יעזוס-בעוועגונג פערבליבען נישט מעהר ווי א האלב-איסיישע סעקטע, וואס שטיצט זיך אויף א קלייגער גרופּע עמי הארצי׳שע חסידים און ענטוזיאסטיש-היסטערישע פרויען. עס זענען אבער געווען אויך אנדערע, היסטארישע און וועזענטליכע, אומשטענדען, וואס האבען א סך אויפגעטאן פאר דעם ערפאלג פון קריסטענטום; דא האט געשפּיעלט א בעדייטענדע ראליע פון איין זייט דער אינדיפערענטיזם פון די גריכיש-געבילדעטע יודען בנוגע צו די געבאטען פון דער יודישער תורה, און פון דער צווייטער זייט, דער עקעל, וואס די בעסער געשטימטע עלעמענטען פון דער גריכיש-רוימישער וועלט, האבען אנגעהויבען פיהלען צו די געצענדינערישע ווילדקייטען און אינערדענישען. די ערשטע, ווי

די אויבענדערמאהנטע יורישע עמי הארצים, האבען אין פאאולוס'עס קריסטענטום געזעהען פאר זיך א אונגעהויערע פערלייכטערונג: די דאזיגע לעהרע האט זיי אינגאנצען בעפרייט פון די שווערע דינים און סיגים און געגעבען די מעגליכקייט, צו לעבען אין אלע הינזיכטען גלייך מיט די גוים, פערבלייבענדיג דערביי גוטע יודען; די צווייטע ווידער, די גוים גופא, האבען אנשטאט זייערע קערפערליכע געצען בעקומען דא די בעגרייפליכע פארשטעלונג פון א געקרייציגטען משיח, א גאטמענשען און גאט'ס זוהן — דאס האט פאר זיי געבילדעט דעם לייכטסטען איבערגאנג פון דער טראדיציאנעלער פיעלגעטעריי צו דער געטליכער איינהייט פון יודענטום.

בעזונדער גינסטיג פאר'ן קריסטענטום האט געווירקט די צושטערונג פון בית המקדש און דער אויסערליכער אונטערגאנג פון דעם יודישען נאציאנאלען לעבען. די פערצווייפעלטע יודען האבען זיך איצט גערן איבערגעגעבען דעם גלויבען אין די הימעל-חלומות און האפנונגען פון דעם געקרייציגטען משיח. אין געוויסען הינזיכטען האט די קריסטליכע לעהרע געבראכט אויך ממשות'דיגע, פאקטישע נוצען; דאס איז געווען אין יענער צייט, ווען די רוימישע אדמיניסטראציע האט ארויפגעלעגט אויף אלע יודען פון דער רוימישער אימפעריע א גרויסען קאפשטייער, און א סך יודען האבען געפרובט אינגאנצען פערלייקענען זייער אנגעהעריגקייט צו דער יודישער אומה. אונטער דער הערשאפט פון די ערשטע צוויי פלאוויאנישע מלכים איז אזא מין אויסערליכע אסימילאציע פון קיינעם נישט געשטערט געווארען; דער דריטער הערשער פון דער דינאסטיע, דאמיציאן, האט זיך אבער בעצויגען צו די דאזיגע יודען פיעל הארבער: ער האט בעפויהלען שטרענג צו אונטערזוכען יענע יודען, וואס האבען פערלייקענט זייער יודישקייט. דאס האט געצוואונגען די לעצטע צו זוכען פערשידענע מיטלען, און א סך האבען אפילו געפועל'ט ביי זיך, צו לאזען אפערירען דעם איינציגען יודישען צייכען אויף זייער לייב און איהם אונקענטיג צו מאכען; געגען דעם איז שוין די רוימישע אדמיניסטראציע אינגאנצען מאכטלאז געווען. דער פאקט איז אבער שטארק פערפאלגט געווארען מצד דער יודישער געזעצגעבונג, וואס האט דערפאר אבגעזאגט פון עולם הבא. און דא איז געקומען פאאולוס מיט זיין לעהרע, וואס האט בעפרייט אי פון מלה, אי פון אלע אנדערע מצוות און האט נאך צוגעזאגט אלע גליקען פון דער קומענדיגער מלכות השמים — דאס האט געמוזט מאכען א שטאר-

קען רושם אויף די יודען אין רוים און קליין אזיען.

אזוי איז פון פערשידענע זייטען געוואקסען די קהלה פון די קריסטוס-גלויביגע אין די ערשטע צעהנדליגער יאהרען נאכ'ן חורבן. דאס איז שוין נישט געווען קיין גרופע פון אונוויסענדע פלעבייער, פא מוכס'ניקעס און ווייבער, נאר א בעשטימטע בעוועגונג מיט א מאסע אנהענגער פון די רייכע און אינטעליגענטע קרייזען, וואס האט אנגעהויבען צו ווירקען, ווי א נייער עלעמענט אין דער מענשליכער געשיכטע. אין אלע גרעסערע שטעדט פון דער רוימישער אימפעריע האבען זיך געפונען קריסטליכע קהלות, וועלכע זענען שוין פאקטיש געשטאנען אויסער די ראהמען פון דעם יודישען לעבען, חאטש די רוימער האבען נאך אלץ געקוקט אויף זיי, ווי אויף יודען.

אנ'אנדער אויסזעהען, חאטש דעם זעלביגען תוך, האבען געהאט די קריסטליכע קהלות אין יהודה גופא; זיי האבען געבילדעט א בעזונדער סעקטע אין קריסטענטום, א יודישע סעקטע מיט די יסודות פון ישו'ס לעהרע. שטעהענדיג נאך דערווייל אינגאנצען אויף דעם באדען פון פראקטישען יודענטום האבען אט די יודען-קריסטען אדער „מינים" (אביונים, נזירים) כסדר בעטאנט ישו'ס ווערטער: גלויבט נישט, אז איך בין געקומען מבטל זיין די געזעצען (פון דער תורה); ווער עס איז זיי מקיים און גיט זיי איבער אנדערע וועט גרויס זיין אין דער מלכות השמים". זייער בעציהונג אפילו צו קריסטוס'ן אליין האט זיך אויך שטארק אונטערגעשיידט פון דער בעציהונג צו דעם „בן אלהים", וואס פאאולוס האט געפרעדיגט. די יהודה'עאישע קריסטען, די וועלכע האבען ווירקליך געלעבט מיט'ן גליל'ער צוזאמען און איבערגענומען פון איהם דירעקט זיינע אידעען און מיינונגען, — זיי האבען איהם געהאלטען פאר א הייליגען גרויסען מענשען, וואס איז אויף א גאנץ נאטירליכען אופן געבוירען געווארען פון זיינע עלטערן מרים און יוסף וואס האבען געשטאמט פון דוד המלך. אט דער זוהן פון בית דוד האט מקרב געווען די מלכות השמים, ווייל ער האט מענשען געלעהרנט, זיך נישט גרויס צו האלטען, צו פעראכטען מאטעריעלע עשירות און זיך צו שטיצען און צו ליעבען איינער דעם אנדערן, ווי ברידער, ווי קינדער פון איין טאטען — גאט. זייער לאזונג איז געווען ישו'ס אויסרוף: „גליקליך זענען די ארימע, דען זיי געהערט די מלכות השמים".

כדי צו פערשטארקען זייער איינפלוס, האבען אט די ערשטע און

אָריגינעלע קריסטליכע קהלות אָנגעווענדט די זעלביגע מיטעל, וואָס
פּאַולוס האָט אָנגעווענדט, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירען זײַן קריסטענטום.
די מעהר געלעהרנטע צווישען די יהודה'עאישע קריסטען האָבען צוזאַ-
מענגענומען אַלע מסורות און לעגענדעס, וואָס האָבען נאָך פריש גע-
לעבט אין זייערע קרײַזען, און אויף דעם יסוד פערפאַסט ישו'ס לעבענס-
געשיכטע. אין דער לעבענס-בעשרײַבונג, וועלכער זיי האָבען אָנגערו-
פען עוואַנגעליום, איז צווישען די פערשיעדענע מעשות וועגען
ישו'ס הײליגקײַט און זײַנע מופתים, בעזונדער בעטאָנט געוואָרען די
הײליגקײַט, וואָס ישו האָט צוגעשריבען די געבאָטען פון דער תורה.
געשריבען זענען די דאָזיגע עוואַנגעליען געוואָרען אין דער אומגאַנגס-
שפּראַך פון די דעמאָלדיגע יהודה'ער: האַלב העברעאיש און האַלב
אַראַמעאיש, און חאָטש דער טאָן איז דאָ נישט אַזוי לײַדענשאַפטליך-
שטורמיש, ווי דער טאָן פון די פּאַולי'נישע בריעף, האָבען זיי דאָך
צוגעצויגען אויף זייער זײַט אַ בעדײַטענדע צאָהל אָנהענגער פון די יודי-
שע קרײַזען. די לעצטע האָבען גאַנץ ווייניג געדאַרפט ענדערן זייערע
ביז אַהעריגע לעבענס-מנהגים און אמשטאַרקסטען האָט זיך זייער אָנגע-
הערינקײַט צום קריסטענטום אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי האָבען
אויפגעהערט האָפען אויף אַ משיח'דיגער נאַציאָנאַלער גאולה און זענען
אינגאַנצען פערזונקען געוואָרען אין די מיסטישע חלומות וועגען דער
נאָהנטער „מלכות השמים". זיי האָבען-שטאַרק אָבגעהיט דעם איסיי'ש-
קריסטליכען מנהג פון טבילה און אויך די „הײליגע מאָלצײַטען", וואָס
האָבען זיך פּראַקטיצירט בײַ די קריסטען פון אָנהויב אָן.

גענען דער פערשפּרײַטונג פון די דאָזיגע יודען-קריסטען, וואָס
האָבען געשטעלט אין געפאַהר דעם קיום פון דער אומה און אונטער-
געגראָבען דעם נאַציאָנאַלען יסוד פון יודענטום, האָט דאָס סנהדרין אין
יבנה מתקן געווען פערשיעדענע תקנות, און דאָ האָט זיך אויך בעזונ-
דער אויסגעצייכענט דער פּאַטריאַטישער נשיא, ר' גמליאל. ווי מיר
האָבען שוין דערמאָנט, האָט דער לעצטער, צווישען די אַלטעגליכע
תפילות, וואָס ער האָט מתקן געווען, אַרײַנגענומען אויך עטליכע,
וואו ס'האָט זיך גערעדט בעזונדער וועגען דער צוריק-אויפבויאונג פון
ירושלים און דעם בית המקדש; און אַזוי ווי די „מינים" האָבען נישט
געוואָלט אָנערקענען אָט די תפילות, האָט דאָס סנהדרין געפונען פאַר
נויטיג אַרויפצולעגען אויף זיי אַ בעזונדער שטעמפּעל פון פערשאָלטונג,
און זיי אָבצוזונדערן פון דעם יודישען שוהל- און געמיינדע-לעבען. צ

דעם צוועק האט ר' גמליאל צוגעגעבען צו די אכצעהן ברכות נאך א ניינצעהנטע — געגען די מינים, וואס איז דערגאנגען צו אונז אין דעם געענדערטען נוסח פון דער ברכה: ולמלשינים אל תהי תקוה.

א צווייטער פאל פון ארויסטרעטען שארף געגען די „מינים" איז פארגעקומען אין סנהדרין, ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער בעדייטונג פון די עוואנגעלישע שריפטען. אויף דער פראגע, צי האבען נישט די דאזיגע שריפטען עפעס א רעליגיעזען ווערט צוליעב די געטליכע נעמען, וואס ווערן אין זיי דערמאנט, — האט ר' טרפון ערקלערט, אז מ'מעג זיי פריי פערברענען, נישט קוקענדיג אויף דער געטליכקייט פון די נעמען, מיט וועלכע זיי זענען פול. דערביי האט ער צוגעגעבען די פאלגענדע שארפע כאראקטעריסטיק: „ווען א רויבער וואלט זיך געיאגען נאך איינעם, וואלט פאר איהם גלייכער זיין זיך צו ראטעווען אין דער שטוב פון א געצענדינער, איידער אין דער שטוב פון א „מין". ווארום די „מינים" ווייסען דאך פון דער תורה און לייקענען זי אב, און די געצענדינער ווייסען נישט פון איהר".

די געצענדינער, וועלכע פאולוס האט געוואונען פאר'ן קריסטענטום האבען ווידער געהאט גאר אנ'אנדער פארשטעלונג פון דער נייער לעהרע. אין די קרייזען איז דער בעגריף פון א משיח־אויסלייזער אין דער שפראך פון די אפאסטאלען, אינגאנצען פרעמד געווען אין דער יחוס פון א בן דוד האט דא אויך קיין שטארקען רייץ נישט געהאט; דא האט געקענט זיין די רייד נאר וועגען א קאנקרעטען געטליכען וועזען, וועגען א גאט'ס זוהן, און אזוי האבען זיך די ערשטע געצענדינער־קריסטען ווירקליך אויסגעטייטשט די פראפאגאנדא פון די יודישע אפאסטאלען; און קוים איז ווידער אנגענומען געווארען דער בעגריף פון א גאט'ס זוהן, האבען שוין ממילא געמוזט בעזייטיגט ווערן די אלע ערשיינונגען און געשעהענישען אין ישו'ס לעבען, וואס האבען איהם געשילדערט ווי א מענשען. די נאטירליכע געבורט איז געווארען א מין פראפאנאציע (חלול הקודש, פערשוועכונג) און פון דאגען איז שוין נאר איין טריט געוועזן צו דער פארשטעלונג, אז גאט'ס זוהן איז געבוירען געווארען פון א הייליגען גייסט.

דא האט בכלל געפעהלט דער יסוד פון דער אריגינעלער קריסטוםלעהרע — די גריכיש־רוימישע געצענדינער האבען נישט געוואוסט נישט פון קיין תורה און נביאים, נישט פון קיין פראקטישע פערהייליגטע געבאטען; דא האט זיך אפילו נישט געלאזען רעדען וועגען די וועזענטליכ

געבאטען פון אריגינעלען קריסטענטום: דאס קאמוניסטישע לעבען און
די פעראכטונג צו מאטעריעלער עשירות — דאס לעבען אין די שטערט
אין דער ציוויליזירטער רוימישער אימפעריע האט זיך נישט געלאזען
איינשליסען אין די ראהמען פון א אסקעטישען וואנדערער-לעבען אין
דער מדבר; דערביי האבען די דאזיגע געצענדיענער נישט געהאט קיין
לעבעדיגע מסורות פון קריסטוס'עס אייגענעם לעבען און ווירקען, און
דער פועל יוצא פון דעם אלעם איז געווען, אז יעדער העלעניסטישע
קהלה האט זיך געהאט איהר קריסטענטום. די קליינע תלמידים האבען
נאכגעטאן דעם גרויסען רבי'ן, פאאולוס'ען, און אויב ער האט גע-
פונען אין דער קריסטוס-לעגענדע די טיעפקייט און ברייטקייט, וואס
ער האט געוואלט אין איהר געפינען, האבען זיי זיך אויך ערלויבט
אויסצוטייטשען די דאזיגע תורה יעדערער אויף זיין שטייגער. עס איז גע-
שאפען געווארען א גאנצע רייהע קלענערע און גרעסערע סעקטעס, און יע-
דע איינע האט געהאט אנ'אנדער אפאסטאל מיט אנ'אנדער לעהרע. בע-
זונדער שטארק איז געווען די צושפליטערונג אין קליין אזיען, אין די
„זיעבען שטערן און די זיעבען גאלדענע לייכטער“ — די שטערט: עפע-
זוס, סמירנא, פערגאמום, טאטירא, סארדעס, פילארעלפיא און לא-
אדיצעא. דער צענטר פון געצענדיענערישען קריסטענטום איז געווען
עפעזוס; דא האט פון אייביג אן געהערשט א פיינדליכע שטימונג געגען
יודען, און די דאזיגע שטימונג האבען די העלעניסטישע קריסטען איצט
איבערגעטראגען אויף זייערע גלויבענס-ברידער פון יודישער אבשטאמונג.
דאס האט נאכמעהר פערטיעפט דעם תהום צווישען די יודען-קריסטען
און זייערע געצענדיענערישע חברים, און דער קאמפף פון די ערשטע
נעגען פאאולוס'ען מיט זיינע תלמידים איז וואס ווייטער אלץ העפטי-
גער און שטורמישער געווארען. זיי האבען נישט אויפגעהערט צו בע-
שולדיגען פאאולוס'ען, אפילו שוין נאך זיין טויט, אז ער האט פער-
שפרייט א פאלשע תורה און האט אריינגעלעגט אין קריסטענטום אזעל-
כע כונות, וואס קריסטוס אליין איז געווען נעגען זיי. „ווי אזוי האט
זיך קריסטוס געקענט בעוויזען צו דעם אפאסטאל פון די געצענדיענער,
(פאאולוס'ן) — האבען די יודען-קריסטען געפרעגט — ווען ער לעהרנט
פונקט דעם היפך דערפון, וואס קריסטוס האט געלעהרנט?“ און נישט
קענענדיג שענקען איהם דאס, וואס ער האט געפריידיגט פאלשטענדיגע
פרייהייט פון דער תורה און מצוות, האט איהם יעדערער פון זיי גע-
קרוינט מיט אנ'אנדער שפאט-נאמען. בלעם, פערפיהרער, פאלקס-

פֿערדארבער — דאָס זענען געוואָרען פּאַאולוס׳עס געוועהנליכע עפּיטעטען און זײַנע תּלמידים האָבען פֿון די יודען־קריסטען בעקומען דעם נאָמען „שול פֿון שטן״.

די דאָזיגע שפּאַלטונג צווישען יודען־ און הײַדען־קריסטען האָט אויסער דעם אָפּיציעלען רײַן דאָגמאַטישען יסוד געהאַט, ווי ס׳איז צו גלויבען, אויך אַ פּאָליטישען הינטערגרונד. די יודען־קריסטען האָבען געטראָגען אַ טיפֿע שנאה אין הארצען צו די רוימער, צו די רוימישע מלכים און פּראָקוראַטאָרען, און געזעהען אין זיי די פֿערקערפּערונג פֿון אַלדאָס בייז און שלעכטס; אַ געוויסע „נבואה״ פֿון איינעם פֿון די יודען־קריסטען זאָגט פֿאָר רוים די שרעקליכסטע פּלאָגען און אונגליקען, גאָרנישט אהנענדיג אַפֿילו, אַז אָט די שטאָדט וועט אַמאָל ווערן דער וועלט־צענטער פֿון קריסטענטום; דאַגעגען אָבער די פּאַאול׳ינישע שלוחים האָבען כסדר גערעדט וועגען אונטערוואַרפֿען זיך דער רוימישער מאַכט, וועלכע איז בעשטימט פֿון גאָט. „יעדערער זאָל זיך אונטערגעבען דער הערשענדער מאַכט, — האָט איינער פֿון די שלוחים געלעהרנט — ווען עס איז נישטאָ קיין מאַכט נישט פֿון גאָט״. אַזעלכע חניפֿה׳דיגע שמייכלערייען בנוגע צו דער זינדיגער רוים האָבען געמוזט אויפֿרייצען די יודישע מאַסען געגען דעם גאַנצען סיסטעם פֿון די נײַע קריסטען.

אַזוי זענען די יודישע אָנהענגער פֿון ישו׳ס לעהרע געוועזען דערווײַל איינגאַנצען אַליין: צו זײַערע חברים געצענדיגער האָבען זיי זיך נישט צוגעקלעפּט און זײַערע יודישע ברידער האָבען זיך וואָס ווײַטער אַלץ מעהר אָבגערוקט פֿון זיי. אין די ערשטע צײַטען האָט נאָך געהערשט אַ געוויסער אויסערליכער פֿערקעהר צווישען די פּרושים נעזעצלעהרער און געצעהלטע יודיש־קריסטליכע פֿאָרשטעהער. דער שטרענגער ר׳ אליעזר האָט זיך אָפּט אונטערגעהאַלטען מיט דעם קריסט יאַקאָבוס, און ווען ר׳ ישמעאל׳ס אַ שוועסטערנזוהן האָט זיך געדאַרפֿט אויסהיילען פֿון אַ גיפֿטיגען שלאַנגען־ביס, האָט ער געקלערט, זיך צו לאָזען „אָבשפּרעכען״ דעם וועהטאָג פֿון דעם זעלביגען יאַקאָבוס׳ען מיט קריסטוס׳עס נאָמען. עס האָבען זיך נאָך פּראַקטיצירט דאַן אַפֿילו חתונה־פֿערבינדונגען צווישען יודען און יודען־קריסטען, און דער תּהום צווישען די ביידע פֿאָלקס־טיילען איז נאָך בכלל גאַנץ פֿלאַך געוועזען.

אָט דער צושטאַנד האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. דער זײַדעליזירטער און פֿערעהרטער גליל׳ער האָט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר אָנגענומען די געשטאַלט פֿון אַ געטליכען וועזען און די בעגייס־

טערונג פאר איהם איז געוואקסען צוזאמען דערמיט, ווי דער פאקט האט אנגעהויבען ווערן א לעגענדע. וואס מעהר די יודישע אנהענגער האבען זיך פערטיעפט אינ'ם לעבען פון זייער משיח, אלץ מעהר האבען זיי גענומען שטודירען און פארשען די נביאים, כדי צו ענטפלעקען אין זיי אלערליי רמזים אויף אזא און אזא געשעהעניש אין ישו'ס לעבען, און דערנאך האט שוין געמוזט אלץ אזוי געשעהען — די רמזים פון דער נבואה האבען דאך געמוזט מקוים ווערן. די יודענקריסטען זענען דערי־בער אויך נישט געבליבען ביי זייערע אייגפאכע פארשטעלונגען פון ישו'ס משיח'טום, און אליין נישט פיהלענדיג דאס, האבען זיי זיך אלע מאל נעהנטער צוגענויגט צו די הײדען־קריסטען, אין דער הינזיכט פון צושרייבען ישו'ן אלערליי געטליכע אייגענשאפטען און וואונדער־כחות. אזוי איז געוואקסען דער תהום צווישען דאס טראדיציאנעלע יודענטום און די יודיש־קריסטליכע סעקטעס; די „אביונים", וועלכע האבען אין געמיינזאמער, קאלעקטיווער אריםקייט שטרענג אבגעהיט אלע יסודות פון ישו'ס לעהרע, זענען וואס ווייטער אלץ וועניגער געווארען, און דאגעגען איז געוואקסען די צאהל פון די „נזירים", וועלכע האבען זיך אבגעזאגט אי פון דעם קריסטליכען קאמוניזם, אי פון דעם גרעסטען טייל געבאטען פון יודענטום. זיי האבען אבגעהיט מלה און שבת, דערביי האבען זיי אבער אויך געפייערט דעם טאג פון ישו'ס לעבעדיג ווערן — זונטאג. דאס האט, נאטירליך, געמוזט ארויסרופען געגען זיי פערשיעדענע פערפאלגונגען מצד דעם יודישען סנהדרין, און דער פרוד איז ממילא נאך שטארקער געווארען.

צו די „מינים" אדער יודען־קריסטען איז צוגעקומען מיט דער צייט נאך א נייע סעקטע. די נייע לעהרע פון דעם „גאט־מענשען", פער־אייניגט מיט די פילאזאפישע פשט'לעך פון די אלעקסאנדרינישע אלע־גאריסטען, — האט געשאפען גאר א נייע צונויפמישונג פון יודישע, קריסטליכע און מיסטישע עלעמענטען. פון דער צונויפמישונג האט זיך ביי די הײדען־קריסטען ווידער אויסגעבילדעט א נייע לעהרע — די מיסטיק פון דער גנאזיס. די דאזיגע לעהרע האט זיך בעשעפ־טיגט מיט דער אלטער פראגע: פון וואנען שטאמט דאס שלעכטס אין דער וועלט, און ווי לאזט זיך עס דאס שלעכטס בכלל צוזאמענפאסען מיט דעם בעגריף פון א גוטער און גערעכטער השגחה? — און האט זיך געפרובט פערענטפערן די שאלות מיט דער אנערקענונג פון א נייעם געטליכען בעוואוסטזיין. אין דעם קרייז פון אט די גנאסטיקער איז

שפעטער אריבער דער בעריהמטער תנא אלישע בן אבויה, וואס האט בעקומען דערפאר דעם שימפ-נאמען אחר; און ער איז נישט איינער געווען: צווישען די יודישע געזעלצלעהרער גופא האבען זיך אויך געפונען עטליכע, וואס זענען בעאיינפלוסט געווארען פון דער גנאסטישער פילאסאפיע. אינ'ם יסוד פון דער דאזיגער שטה איז געלעגען דער פערסישער דואליזם, וואס בעשטימט א בעזונדער געטליכען מקור פאר גוטס און א בעזונדערן פאר שלעכטס, א בעזונדערן פאר ליכטיגקייט און א בעזונדערן פאר פינסטערניש, און געגען דער מיינונג איז פערפאסט געווארען די ברכה „יוצר אור ובורא חושך", צו ווייזען, אז גאט איז דער בעשעפער אי פון ליכטיגקייט, אי פון פינסטערניש, אי פון גוטס, אי פון שלעכטס. די בעלי התלמוד זענען שארף ארויסגעטרעטען אויך געגען יענע, וואס האבען בעטאנט אין זייערע תפילות דעם בעזונדער נוסח: „דיך, גאט, לויבען די גוטע" אדער „דיין נאמען ווערט דערמאנט צום גוטען", ווייל זיי האבען געזעהען אין דעם א רמז אויף דער צוטיילונג פון גאט'ס וועזען און אויף דער אנערקענונג פון צוויי בעזונדערע געטליכע כחות (שתי רשויות): א גוטען און א שלעכטען. צו דער זעלביגער עפאכע געהערט אויך ר' אליעזר'ס אויסרוף: „זאלען אלע חימען און מאכען וויסען און טיעף איבערצייגט זיין, אז גאט איז דער בעשעפער, דער פיהרער א. א. וו., דאס הייסט: גאט איז דער גאט פון אלץ, דער גאט פון ליכטיגקייט און פינסטערניש, דער גאט פון קערפער און פון גייסט — צוזאמען".

אט די אלע אקאדעמישע ערקלערונגען זענען אבער דאך צו שוואך געווען צו בעשיצען דאס יודענטום פון די אנטי-יודישע עלעמענטען, וואס האבען זיך אנגעהויבען אלץ בולט'ער און שארפער ארויסצעווייזען אין דעם לעבען און אידעען-גאנג פון די קריסטליכע סעקטעס. צו די אייביגע וכוחים און שארפע טעארעטישע ארויסטרעטונגען, זענען מיט דער צייט צוגעקומען אויך ממשות'דיגע צוזאמענשטויסען, וואס האבען געטראגען א פערביטערטען, פיינדליכען כאראקטער, און סוף כל סוף האט זיך דאס סנהדרין געזעהען געצוואונגען, אפצושטעלן די פראגע שארף און קאטעגאריש: וועלכע שטעלונג דארף די יודישע קהלה אנגעהמען בנוגע צו די יודען-קריסטען און צי דארפען נאך די לעצטע איבערהויפט בעטראכט ווערן פאר מיטגליעדער פון כלל ישראל?

און די ענטשיידונג איז אויך געווען קלאר און בעשטימט — עס איז בעשלאסען געווארען אפצושטעלן אנ'אייזערנע וואנט צווישען יודען

און יודען-קריסטען. דאס סנהדרין האט פערבאטען צו קויפען פון די מינים פלייש, ברויט און וויין, כדי אויף אזא אופן איבערצורייסען יעדען פערקעהר צווישען די ביידע פאלקס-שיכטען; איבער די קריסטליכע ווערק איז אויסגערופען געווארען א חרם און מ'האט זיי פערגלייכט מיט כשוף-ספרים. דערביי איז שטרענג פערבאטען געווארען אויך זיך צו היילען מיט די לחשים און אבשפרעכענישען פון די קריסטען. די דאזיגע בעשלוסען זענען דורך בעזונדערע שלוחים צושיקט געווארען אין אלע יודישע קהלות, כדי זיי זאלען וויסען, ווי זיך צו בעגעהן מיט זייערע יודיש-קריסטליכע שכנים; די לעצטע זענען אבער פון די אלע גזירות וועניג נתפעל געווארען. זיי האבען נישט בלויז נישט פראטעסטירט געגען דעם, וואס מ'שליעסט זיי אויס פון דעם יודישען פאלק, נאר האבען נאך אליין אויך זיך אבגעזאגט פון זייערע בזהעריגע שטאם- און גלויבענס-ברידער. די דאזיגע אבזאגונג איז פערפאסט געווארען אין דער פארם פון א בריעף צו „די העברעער"; אין דעם בריעף בעמיהט זיך דער געשיקטער שרייבער, ארויסצודרינגען אויף א פלפולדיגען אופן פון די פסוקים פון די נביאים, אז ישו הנוצרי איז געוועזען דער כהן גדול אינ'ם גרויסען משכן פון דער געטליכער נאטור; „ער איז געקומען נאר איינמאל אינ'ם היילגטום נישט מיט קיין בלוט פון שעפסען און קעלבער, נאר מיט זיין אייגען בלוט, און האט אויסגעלייזט די וועלט אויף שטענדיג".

„ישוע דער משיח — שרייבט אוים דער שרייבער פון בריעף — איז געוועזען געטליך און ער איז דא היינט און וועט זיין אייביג; לאזט זיך נישט פערפיהרען פון פערשידענע פרעמדע תורות, דען בעסער איז פאר'ן הארצען, ווען עס שטיצט זיך אויף גנעדיגקייט און נישט אויף געזעצען וועגען עסען, — געזעצען, וואס טויגען נישט פאר'ן מענשען; מיר האבען א מזבח, וואס די משרתים פון משכן טארען אויך פון איהם נישט עסען, דען די קערפער-טיילען פון די קרבנות, וואס זייער בלוט איז געשפרענגט געווארען אין קדשי קדשים דורכ'ן כהן גדול צו פערגעבען די זינד, — זענען פערברענט געווארען מחוץ למחנה; דעריבער איז ישוע, ווען ער האט געהייליגט דאס פאלק מיט זיין בלוט, אויך געפייניגט געווארען אויסערן טויער (פון שטאדט); לאמיר-זשע דעריבער ארויסגעהן צו איהם מחוץ למחנה און טראגען זיין שאנד; דא האבען מיר נישט קיין אייביגע שטאדט — מיר זוכען די שטאדט פון דער קונפט".

דאס איז געווען א גרויסער מאמענט נישט בלויז אין דער יודישער געשיכטע. דאס יודענטום און דאס קריסטענטום זענען זיך פונאנדערגעגאנגען אין צוויי פיינדליכע, אנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען, דער צווייג האט זיך אבגעריסען פון בוים און אליין אנגעהויבען ווארצלען צו לאזען, — ווארצלען, וואס האבען כסדר געזוכט, צו פערשטעלען און צו דערשטיקען דעם גרויסען אלטען בוים, פון וועלכען זיי האבען אמאל זייער יניקה געצויגען.

און דער קאמפף האט זיך אזוי גיך נישט געענדיגט. דער ערהאלטונגס-אינסטינקט פון יודענטום האט איצט אנגעהויבען ארבייטען מיט זיין גאנצער קראפט און די גייסטיגע פיהרער פון דער אומה האבען זיך גענומען פאר דעם אלטען אויסגעפרובטען מיטעל: אבצוימען, אבזונדערן. אזוי ווי די ווירקונג פון דער גנאסטישער לעהרע האט פערהאפט גאנץ ברייטע קרייזען פון פאלק, האט ר' עקיבא פארגעלעגט, מ'זאל אינגאנצען בעהאלטען פאר די ברייטערע מאסען דעם טעקסט פון יענע שטעלען אין דער תורה און אין די נביאים, וואו עס רעדט זיך וועגען דער יצירה פון דער וועלט און וועגען דעם מהות פון דער העכסטער גאטהייט (מעשי מרכבה), כדי אויף אזא אופן אוועקצונעהמען דעם באדען פון די אלע גנאסטישע טרוימערייען און מעטאפיזישע גריבלענישען. די עוואנגעלישע בריעף, שריפטען און ווערק זענען אינגאנצען פערבאטען געווארען אין דער יודישער גאס און די חכמים האבען געלעהרנט, אז לייענען ספרי מינים הייסט ריכטיג, ווי לייקענען אין דעם יודישען גאט און אין דער יודישער תורה. די תנאים פון יענער צייט האבען געטאן פאר'ן יודענטום דאס זעלבע, וואס די נביאים האבען געטאן אין די אלטע דורות: זיי האבען אבגעהיט די ריינקייט פון דער יודישער אמונה און דערהאלטען אין פאלק די ריינע בעגריפען פון יודענטום וועגען גאט'ס פערהעלטעניש צו דער וועלט און צו די מענשליכע מעשים. און נישט נאר פאר דעם גייסט, — זיי האבען געזארגט אויך פאר די מצוות, פאר די פראקטישע געבאטען פון דער תורה, ווייל די גנאסטיקער האבען געלעהרנט, אז די געזעצען שטאמען נישט פון גאט אליין, נאר פון א קלענערן געטליכען כח; ווייל די קריסטען פון אלערליי סעקטעס האבען בכלל געזעהען אין די געבאטען פון דער תורה, נאר אלעגארישע רמזים און בילדער, — האט מען פון דער יודישער זייט בעטאנט די בוכשטעבליכע הייליגקייט פון געזעץ און זיין שטרענגע קראפט. די מצוות פון דער תורה זענען נישט געגעבען

געוואָרען פון רחמנות וועגען אָדער צוליעב אַנדערע פערשטענדליכע מענשליכע כונות, נאָר ווײַל גאָט׳ס אונבעגרײַפליכער ווילען איז אַזוי בעווען, און „ווער עס זאָגט (צו גאָט): אויף אַ פויגעל-נעסט גרייכט דײַן רחמנות *), הײסט מען איהם שווײַגען", „ווײַל ער מאַכט די מדות פון גאָט פאַר רחמנות-געזעצען און אין דער אמת׳ען זענען זײ נאָר גזרות". אַזוי איז ביסליכווײַז אײַנגעגאַנצען אוועקגעפאַלען די מאָראַליש-ערציהערישע בעדײַטונג פון געזעץ, און אויף דעם אָרט איז אין פאָלק געפלאַנצט געוואָרען דער געדאַנק, אַז די געבאָטען פון דער תורה זענען בעפעהלען פון אַ שטרענגען האַר, פאַר דעם עובר זײַן פון וועלכע מ׳ווערט שטרענג בעשטראָפט. דאָס איז געווען אַ ביטערער טעות, וואָס האָט זיך שעדליך אָבגערופען אויף דער גאַנצער שפּעטערדיגער ענט-וויקלונג פון יודענטום; פאַר דעם מאָמענט איז דאָס אָבער דורכאויס נויטיג געוועזען אַלס געגענגאַץ צו די גריבלעניִשען און אַלעגאָרישע פּשט׳לעך פון די קריסטליכע גנאָסטיקער.

אין יענער עפּאָכע איז געמאַכט געוואָרען נאָך אַ וויכטיגער שריט, וואָס האָט אויך געהאַט אַ אונגעהויערע בעדײַטונג פאַר דעם קיום פון דער אומה: עס זענען אָנגענומען געוואָרען מיטלען אָבצוהיטען די גאַנצקײַט פון די אַלט-יודישע הײליגע שריפטען און זײ רײַן צו האַלטען פון יעדען פרעמדען עלעמענט. אין דער צײַט פון די כנסת הגדולה איז דער ציקל „הײליגע שריפטען" בעשטאַנען פון די דרײַ אָבטײלונגען: תורה, די אַלטסטע כראָניק (ביז׳ן גלות בבל) און די נביא׳שע ביכער. פון יענער צײַט אָן איז אָבער געשאַפען געוואָרען נאָך אַ גאַנצע ליטע-ראַטור פון פּסאַלמען, משלים, פילאָזאָפישע און לירישע ווערק, אַפּאָ-קאַליפּטישע נבואות און נאָך אַזעלכע הײליגע ספרים, און די אַלע טײלען זענען ביסליכווײַז אײַנגעשלאָסען געוואָרען אין דער נײַער אָבטײ-לונג פון די הײליגע שריפטען, אונטערן נאָמען: כתובים. צו די זענען צוגעקומען נאָך אַ בעדײַטענדע צאָהל ווערק, וואָס זענען אין דעם נײַעם ציקל נישט אַרײַנגעגאַנגען, ווײַל מ׳האָט זײ געפונען פאַר צווײַפעלהאַפטיג, און זײ האָבען געטראָגען דעם נאָמען „ספרים חיצונים".

*) ווײַל עס שטעהט אין דער תורה: דו זאָלסט נישט אַוועקנעהמען די פויגעל-מוטער מיט איהרע קינדער צוזאַמען; שיק אַוועק פריהער די מוטער און דערנאָך נעהם דיר די קינדער.

דאָס סנהדרין אין יבנה האָט אָבער דעם צושטאַנד נישט געקענט אָי-
בערלאָזען אַזוי ווי ער איז געווען; דער גאַנצער ציקל פון דעם גייסטי-
גען אוצר, וואָס דאַרף דינען אַלס אַלגעמיינעם הייליגטום פאַר דער
גאַנצער אומה, האָט איינמאָל פאַר אַלע מאָל געמוזט אָ ב ג ע ש ל אָ ס ע ן
ווערן, כדי עס זאָלען זיך אין איהם נישט אַריינרייסען קיין זייטיגע
ווערק, און דאָ, ביי דער געלעגענהייט, איז דערוועקט געוואָרען אַ
פראַגע וועגען עטליכע פון די ווערק, וואָס זענען שוין אַריין אין די
„שריפטען"; בעזונדערע וכוחים האָבען אַרויסגערופען די ספרים: „ש י ר
ה ש י ר י ם", וואָס זעהט אויס, ווי אַ וועלטליך ליעבעס-ליעד אָהן אַ
שום רעליגיעזער שאַטירונג, און „ק ה ל ת", וואָס גראָבט אונטער מיט
זיין סקעפּטיציזם די אמונה אין השארת הנפש. ביי די וכוחים האָט
מען געפּרובט דערמאָנען אויך דאָס, וואָס וועגען די ספרים איז שוין
געווען אַמאָל אַ רייד ביי די חכמים און מ'האָט זיי געוואָלט „ב ע ה אַ ל-
ט ע ן"; דאָס האָט אָבער נישט געווירקט, און סוף כל סוף איז בע-
שלאָסען געוואָרען, איינצושליעסען די ביידע ספרים, וואָס טראָגען אויף
זיך שלמה המלך'ס נאָמען, אין דער רייהע פון די הייליגע שריפטען
(האַגיאָגראַפען). דער וכוח וועגען די דאָזיגע ספרים האָט זיך געענדיגט
אין דעם „בעריהמטען טאָג" פון דער אַקאַדעמישער איבערקעהרעניש
אין יבנה, ווען ר' גמליאל איז אָבגעזאָגט געוואָרען פון דער נשיאות,
און ר' עקיבא האָט וועגען דעם געזאָגט, אַז ס'קען נאָך זיין אַ שטיקעל
קלעהר וועגען „קהלת", אָבער נישט וועגען „שיר השירים". „ס'איז
נישט געווען — האָט ער אויסגערופען — אין דער וועלט נאָך אַזאַ גרוי-
סער טאָג, ווי דער, ווען ס'איז געגעבען געוואָרען שיר השירים. אויב
אַלע „שריפטען" זענען קודש (הייליג) איז דער ספר — קודש קדשים
(דאָס הייליגסטע הייליגטום)".

צו די „ספרים חיצונים" (אויסוועניגסטע ווערק, אַפּאָקריפען),
דאַגעגען, האָבען זיך די מיטגליעדער פון סנהדרין בעצויגען זעהר
שטרענג. זיי האָבען אָבגעשלאָסען די כתובים און צוזאַמענגעשטעלט
דעם גאַנצען ציקל פון די הייליגע שריפטען אין דער געשטאַלט, אין
וועלכער זיי האָבען זיך דערהאַלטען ביי יודען ביז איצט (ת ו ר ה:
בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים; נ ב י א י ם: I יהושע,
שופטים, שמואל, מלכים; II ישעיה, ירמיה, יחזקאל, הושע, עמוס,
עובדיה, יונה, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זכריה, מלאכי;
כ ת ו ב י ם: תהלים, משלי, איוב, שיר השירים, רות, איכה, קהלת,

אסתר, דניאל, עזרא, נחמיה, דברי הימים), און אזעלכע װערק, װי דער „ערשטער ספר המכבים", „בן סירא" זענען געבליבען אױסער דעם ביבלישען קאנאן. צו די ספרים חיצונים זענען צוגערעכענט געװארען אויך די אלע װערק, װאס זענען געשאפען געװארען אין דער עפאכע פון די חשמונאים און די רוימישע פראקוראטארען, און האבען זיך פערופען אויף אלטע אויטאריטעטען („תהלות שלמה", „ספר חנוך" און נאך אנדערע), אדער האבען מיחס געװען זייערע ערצעהלונגען צו די צייטען פון די אלטע מלכים („יהודית", „טוביה"). די גריכיש־גע־שריבענע װערק פון דער יודיש־העלענישער ליטעראטור זענען אויך אריין אין דעם ציקל (די שפעטערדיגע מכבער־ביכער, „שושנה", „חכמת שלמה"), און אזוי װי דאס פאלק האט נישט שטארק אבגע־היט די דאזיגע װאכעדיגע ספרים, זענען א סך פון זיי פערלוירען גע־גאנגען און זייער גרעסטער טייל איז דערגאנגען צו אונז אין גריכישע איבערזעצונגען.

דעם זעלביגען גורל פון די אפאקריפען האבען געהאט אויך די אפאקאליפטישע װערק, די אלעגארישע זעהונגען און נבואות. צו די װערק פון דעם טיפ, װאס זענען געשאפען געװארען לויט דעם מוס־טער פון „ספר דניאל", געהערען דער „פירטער ספר עזרא" און די „זעהונגען פון ברוך (בן נריה)". „אין געהיימע אלעגארישע בילדער װערט דא (אין די װערק) פארגעזאגט דער קומענדיגער גורל פון דער יודישער אומה, װאס האט נאר־װאס איבערגעלעבט א שרעקליכע קא־טאסטראפע. די מחברים פון „עזרא" און „ברוך" טרייסטען דעם פאלק דערמיט, װאס די אלע צרות האט גאט אויף איהם אנגעשיקט, כדי איהם ריין צו מאכען פון זיינע זינד, און אין דער צוקונפט װעלן אנקו־מען פאר איהם ליכטיגע צייטען. „אט דער יאהרהונדערט װעט זיך ענ־דיגען מיט עשו'ס ממשלה, און דער קומענדיגער װעט זיך אנהויבען מיט דער ממשלה פון יעקב'ן" (עזרא VI, 9); „ציון װעט זיין פערװיסט, דערנאך אויפגעבויט, דאן װעט זי װידער פאלען און בלייבען װיסט ביז א געװיסער צייט, נאר צום סוף װעט זי בענייט און בעריהמט װערען און װעט זיין געקרוינט אויף אייביג" (ברוך III, 34 — 31). די דאזיגע צװיי זעהונגען, װאס שטאמען פון ארץ ישראל, זענען גע־װען בעקאנט צװישען אלע יודישע קהלות אויך אין דער דיאספארא. עס האט זיך בעװיזען א גריכישע איבערזעצונג פון „ברוך", צו די זעהונגען פון „עזרא" זענען צוגעגעבען געװארען שטעלען מיט קריסטליכע

טענדענצען, אך אט די אפאקריפען זענען דערנאך אריין אין דעם ביבלישען קאנאן פון דער קריסטליכער קירכע צוזאמען מיט נאך פיעל אנדערע „ספרים היצונים״, וואס דער קאנאן פון סנהדרין האט זיי אויסגעשלאסען״ (דובנאוו).

א בעדייטענדער געווינס פאר דער ליטעראטור פון יענער עפאכע איז געוועזען די נייע גריכישע איבערזעצונג פון דער ביבעל. די נויטווענדיגקייט פון א נייער, עהרליכער ביבעל־איבערזעצונג האט זיך שטארק געפיהלט אין די נאציאנאלע יודישע קרייזען צוליעב דעם, וואס די קריסטען האבען אויסגענוצט די אלטע איבערזעצונג פאר די צוועקען פון זייער פראפאגאנדא. זיי פלעגען לייענען ביי זייער גאטעסדיענסט קאפיטלען פון די נביאים אין דער אלעקסאנדריניישער איבערזעצונג פון די אזוי גערופענע זיעבעציגער (סעפטואגינטא), און כדי ארויסצובעקומען פון די הייליגע טעקסטען פערשיעדענע רמזים אויף קריסטוס׳עס לעבען און ווירקען, האבען זיי דארט געענדערט און צוגעגעבען געוויסע שטעלען—ווי פאר זיי האט געפאסט. עמפערט איבער די דאזיגע פאלשקייטען, האבען די אלעקסאנדריניישע יודען, פון זייער זייט, צוריק איבערגעמאכט די צוגעגעבענע נוסחאות, כדי צו בעזייטיגען פון דארטען די טענדענציעזע רמזים, און אזוי איז די סעפטואגינטא געווארען א מין קאמפפס־פלאץ, אויף וועלכען יעדערע פון די ביידע פארטייען האט איבערגעלאזען איהרע שפורען.

אין די קרייזען פון דעם סנהדרין אין יבנה איז דעריבער געבוירען געווארען דער געדאנק, צו שאפען א נייע פאלשטענדיגע איבערזעצונג פון די הייליגע שריפטען, און גראד האט זיך דארט געפונען איינער, וואס איז אמבעסטען פאסענד געוועזען פאר אזא ריזיגער און פעראנטווארטליכער אונטערנעהמונג; דאס איז געוועזען א געוויסער מיטגליעד פון א רייך־אריסטאקראטישער גריכישער פאמיליע, מיט׳ן נאמען עקילס, וואס איז איבערגעגאנגען צום יודענטום און איז געווארען א איבערגעגעבענער אנהענגער און פריינד פון די יודישע געזעצגעבער, ווי פון דער יודישער געזעצגעבונג גופא. עקילס איז לכתחילה גלייך צוגעגאנגען צו דער ארבייט מיט דעם צוועק, צו קעמפפען מיט די אלע קנייטשען און רמזים פון די קריסטליכע דרשנים, און בעזיצענדיג גרינדליך די ביידע שפראכען, העברעאיש און גריכיש, האט ער זיך מיט א אונגעוועהנליכער פינקטליכקייט גענומען איבערזעצען די תורה ווארט ביי ווארט, נישט דורכלאזענדיג קיין ווארט, קיין אות. איהם איז די הייליגקייט פון

אריגינאל מיערער געוועזן, ווי די שענקייט פון דער איבערזעצונג, און ער האט זיך אפט ערלויבט, צו פערבויגען אפילו די נאטירליכע פאר-מען פון דער גריכישער שפראך דארט, וואו דאס איז נויטיג געוועזן, כדי פינקטליכער איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון טעקסט. ווען ער האט געענדיגט זיין ארבייט האט ער זי פארגעלייענט פאר די געזעצ-לעהרער ר' אליעזר און ר' יהושע, און זיי זענען געבליבען שטארק צופרידען; דא האט ער זיך אבער בעקאנט מיט ר' עקיבא'ן און מיט זיין מעטאדע, אויסצוטייטשען יעדען אות, יעדען תו פון דער תורה און ארויסצודרינגען פון איהם א בעזונדער כונה, — און ער האט זיך גענו-מען איבעראַרבייטען די איבערזעצונג פון דאס ניי. אין דער צווייטער איבערזעצונג האט עקילס נאך פינקטליכער און בוכשטעבליכער איבער-געגעבען דעם העברעאישען טעקסט, און די אויטאריטעטען פון קאלעג-יום האבען אויסגעדריקט זייער טיפע צופריעדענהייט פון דער ארבייט אין דעם מאמר: „גאט האט בעגאבט יפת'ן (דאס גריכענטום) מיט א שעהנער שפראך, איצט וועט זי רוהען אין די געצעלטען פון שם (דאס יודענטום)". אויף ווי ווייט עקילס'עס ווערטליך-טרייע איבערזעצונג פון דער תורה האט אויסגענומען אפילו ביי די פרימסטע איז צו זעהען דערפון, וואס זי האט בעקומען כמעט די הייליגקייט, ווי דער העברע-אישער טעקסט, און דאס סנהדרין האט זי רעקאמענדירט אלע יודישע קהלות צו דעם צוועק פון עפענטליכע פארלעזונגען. אויף אזא אופן איז די סעפטואגינטא אין די ערשטע צייטען ביסליכווייז ארויסגעשטופט גע-ווארען פון די יודישע קהלות און אפילו די קריסטליכע „אביונים" האבען אויך זיך בענוצט בעסער ביי זייער גאטעסדיענסט מיט דער נייער איבערזעצונג, ווי מיט דער אלטער. די דאזיגע „אביונים" זענען אויך געווען געגען די קינסטליך-פאלשע נבואה-רמזים איבער ישו'ס געטליכ-קייט, און צווישען זיי מיט די איבריגע היידען- און יודען-קריסטען זע-נען אויף דעם באדען פארגעקומען שטארקע סכסוכים. (עקילס, למשל, האט איבערגעזעצט די ווערטער פון ישעיה: „זעה, א יונגע פרוי איז מעוברת, וועט א זוהן געבוירען און איהם א נאמען געבען עמנואל", און די קריסטען האבען געלייענט: „זעה, א יונג-פרוי וועט מעוברת ווערן" — כדי אריינצולעגען דעם נביא אין מויל א רמז אויף ישו'ס גע-בורט פון א הייליגער יונגפרוי).

דער ערפאלג און די פאפולאריטעט פון עקילס'עס ביבעל-איבער-זעצונג איז פון דעסטוועגען געווען גאנץ ווייניג דויערהאפט. אין די

שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטער בעגעגענט מען זי שוין זעהר זעלטען, און צו אונז זענען דערגאַנגען פון איהר נאָר די קליינע פראַגמענטען, וואָס האָבען זיך דערהאַלטען אין דער ליטעראַטור פון די ערשטע קריסטלי־כע לעהרער. לויט דעם מוסטער פון עקילס׳עס איבערזעצונג איז שפּע־טער געמאַכט געוואָרען דער כאַלדעאיש־אַראַמעאישער תרגום פון דער תורה; דאָס איז דער תרגום אונקלוס (פערגרייזט פון עקילס), וואָס איז גראָד זעהר פּאָפּולער געוואָרען צווישען אַלע יודען פון דער דיאַס־פּאָרא, און דרוקט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג צוזאַמען מיט׳ן העברע־אישען טעקסט.

אַ בעזונדער אָרט אין דער יודישער ליטעראַטור פון יענער עפּאָ־כע פערנעהמען די ווערק פון יוסף בן מתתיהו אָדער, ווי מ׳האָט איהם שפּעטער גערופען, יאָזעפוס פלאַוויוס. נאָך דעם טרויערי־גען אויסגאַנג פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער מלחמה, אין וועלכער ער, יוסף, האָט געשפּיעלט די ראָליע פון אַ פעררעטער, — איז פאַר איהם צווישען די בעזיעגטע קיין אָרט נישט געבליבען; ער איז דאַן איבערגאַנ־צען אַריבער אין לאַגער פון די רוימער און האָט זיך מיט זיי ענג צו־זאַמענגעלעבט. וועספּאַסיאַן האָט איהם געשענקט גרויסע שטרעקעס ערד אין יהודה אַנשטאָט זיין נחלה נעבען ירושלים, וואָס איז פערנומען גע־וואָרען פון דעם רוימישען גאַרניזאָן; יוסף איז אָבער אין יהודה נישט פערבליבען; ער האָט אַוועקגעגעבען זיין ערד אין אַרענדע, און איז אַליין אַוועק, מיט טיטוס׳ען צוזאַמען, קיין רוים, וואו ער איז פריינד־ליך אויפגענומען געוואָרען פון זיין קייזערליכען בעשיצער, און האָט ביי־געוואוינט אַלע פייערליכקייטען און טריאומף־צוגען פון די פערשכור׳טע בעזיעגער איבער דער דערשלאָגענער יהודה. יוסף׳ן איז אפילו געשענקט געוואָרען דאָס רעכט, אַרויסצונעהמען זיינע פריינד און בעקאַנטע פון צווישען די געפאַנגענע און, ווי ס׳איז צו גלויבען, האָט ער אָט דעם זכות בריוט אויסגענוצט. פון דאַן אָן האָט ער פערבראַכט אין רוים אַ ערך פון דרייסיג יאָהר, זיך געפינענדיג אין די העכסטע קרייזען פון דער דאָרטיגער געזעלשאַפט. וועספּאַסיאַן האָט איהם געגעבען דעם טי־טול „רוימישער בירגער" און בעשטימט אַ יעהרליכע פּענסיע, און די זעלביגע געניגקטקייט האָבען איהם אַרויסגעוויזען אויך די שפּעטערדי־גע פלאַוויאַנישע מלכים, טיטוס און דאָמיציאַן.

ביי זיין גאַנצער צוגעבונדענקייט צו די רוימישע הארען און זייער קולטור, האָט אָבער דער דאָזיגער געוועזענער חבר פון די יודישע

„פרושים" דאך נישט געקענט רוהיג אריבערטראגען די פערפאלגונג, וואס זיינע ברידער האבען איהם ארויסגעוויזען, און ער האט כסדר געזוכט, זיך צו רעהאביליטירען, זיך ריין צו וואשען פון די אלע חטאים, וועלכע מ'האט איהם צוגעשריבען. ער האט געוואלט איבערציינגען זיינע צארענדיגע ברידער, אז אין דעם גאנצען אונגליק פון דער אומה זענען שולדיג געווען נאר די „רוצחים"-זעלאטען, וואס האבען אויפגערייצט געגען יהודה דעם כעס פון די אלמעכטיגע רוימער, און אזוי ווי ער האט בעזעסען א שטארקען ליטערארישען טאלאנט, האט ער זיך גענומען בעשרייבען דעם גאנצען מהלך פון די לעצטע יודישע מלחמות. געטריבען צו אזא ארבייט האט איהם אויך זיין פאטריאטישער געפיהל: די רוימישע היסטאריקער האבען פאלש בעשריבען די לעצטע מלחמה, און חוזק געמאכט פון די יודישע קעמפפער, — און מורא האבענדיג דערפאר, טאמער וועלן די רוימישע הארען געפינען אין זיין בעשרייבונג עפעס א פגיעה בכבוד פאר זיך, האט ער געגעבען דאס ווערק צו לייענען וועספאסיאנ'ען, טיטוס'ען, אגריפוס'ען און די איבריגע הויכגעשטעלטע אנטיילנעהמער פון דער גרויסער מלחמה. די לעצטע האבען בעשטעטיגט יוסף'ס בעשרייבונגען, און ערשט דאן האט ער דאס ווערק פובליקירט פריהער אין זיין אייגענער שפראך, העברעאיש *), און דערנאך אויך אין גריכיש. דאס ווערק האט זיבען טיילען און נעהמט ארום די גאנצע עפאכע פון די חשמונאים און אדום'ער, די הערשאפט פון די רוימישע פראקוראטארען ביז דעם העלדישען אויפשטאנד פון די פאטריאטישע זעלאטען, אין וועלכע דער אויטאר זעהט פון דעסטוועגען נישט מעהר, ווי א באנדע פערברעכערישע פאלקספערפיהרער, באנדיטען און „רוצחים".

גענדיגט דאס ווערק וועגען דער לעצטער עפאכע פון דעם יודישען לעבען, האט זיך יוסף גענומען ארבייטען איבער א ווערק, וואס האט א אונגעהויערע בעדייטונג פאר דער יודישער היסטאריאגראפיע—די געשיכטע פון דער יודישער אומה, פון די אורואלטסטע צייטען ביז צו דעם אונטערגאנג פון בית שני. די „יהודה'עאישע אלטערטימער" — אזוי האט יוסף אנגערופען זיין יודישע געשיכטע, וואס איז לכתחילה

*) דער העברעאישער טעקסט פון דעם ווערק איז מיט דער צייט פערלוירען געווארען, און צו אונז איז דערגאנגען נאר די גריכישע אויסגאבע.

גלייך געשריבען געווארען אין דער גריכישער שפראך — ענטהאלטען צוואנציג ביכער, פון וועלכע די ערשטע צעהן גיבען איבער דעם גאנצען היסטארישען מאטעריאל פון די ביבעל-ווערק, מיט פערשיעדענע לעגענדארישע הוספות און בעלייכטונגען; דאגעגען בעגעגנען זיך אין די אנדערע צעהן ביכער פראגמענטען פון אזעלכע יודישע און גריכישע כראניקעס, וועלכע זענען צו אונז גארנישט דערגאנגען, און בנוגע, למשל, צו דעם לאנגען פעריאד פון די ערשטע חשמונאים ביז דעם יודיש-רוימישען קריעג (אנ׳ערך פון צוויי הונדערט יאהר) איז יוסף׳ס ביגשרייבונג אין זיינע „אלטערטימער“ כמעט דער איינציגער היסטארישער מקור, וואס איז צוגעקומען צו אונז און האט אונז געגעבען די מעגליכקייט זיך צו אריענטירען אין דעם תהום פון די פערנעבעלטע תלמודישע לעגענדעס.

די „יהודה׳עאישע אלטערטימער“ זענען דורכגעדרונגען מיט א ריין נאציאנאלען גייסט. אין די שילדערונגען פון דער אלטער יודישער פערגאנגענהייט, האט טיטוס׳עס פאווארים נישט געהאט וואס מורא צו האבען דערפאר, טאמער וועט ער אנגרייפען די רוימישע איינגעליעבע, און ער האט זיך באמת געגעבען די מיה, אויפצוהויבען דעם יודישען נאציאנאלען כבוד, צו ווארפען א העלע און ליכטיגע שיין אויף דער יודישער תורה, אויף די גרויסע יודישע גייסטער. מיט דעם ווערק האט יוסף אלוא געקענט אבשוואכען אין א געוויסער מאס די שנאה, וואס זיינע ברידער האבען געפיהלט צו איהם פאר זיינע פערראטערישע מעשים; ער איז אבער ארייננעצויגען געווארען באלד אין א שארפער פאלעמיק מיט א פערביטערטען געגנער, וועלכער האט איהם געצוואונגען צוריק אויפצורודערן די אלע אמאליגע וואונדען און זיי נאך שטארקער פונאנ-דערצורייסען.

דער דאזיגער געגנער איז געוועזן יוסטוס פון טבריה, דער פיהרער פון די דארטיגע זעלאטען, וואס האט זיך בעטהייליגט אין דעם גליל׳עאישען אויפשטאנד און אויך פערלאזען די פאהן אין רעכטען ברען פון קאמפף. יוסטוס איז גלייך נאך די ערשטע צוזאמענשטויסען אריבער אין אגריפוס׳עס לאגער: דער לעצטער האט איהם מוחל געוועזן זיינע רעוואלוציאנערע מעשים און געמאכט פאר זיין סעקרעטאר, און אט דער געוועזענער פרייהייטס-קעמפפער איז איצט אויך ארויסגעטרעטען מיט א ווערק וועגען דער לעצטער מלחמה, אין וועלכען ער האט אנגע-קלאגט יוסף׳ן אלס רוימער-פריינד און אלס הויפטשולדיגען און הויפט-

אנפיהרער פון דעם גאנצען גליל'עאישען אויפשטאנד. דער צוועק פון דעם ווערק איז געווען, צו קאמפראמיטירען דעם פערהאסטען יוסף'ן אין די אויגען פון זיינע אדונים; די לאגע אין רוים איז אבער איצט, אין דאמיציאנ'ס צייטען, געווען אזעלכע, אז יוסף'ן איז פשוט פארגעשטאנען א געפאהר פאר זיין לעבען, און דאס האט איהם געבראכט דערצו, אז ביי איהם איז רעכט געווארען, ארויסצוטרעטען מיט א אפענער גיפטיגער בעשולדיגונג געגען זיך אליין, אלס זוהן פון זיין פאלק, אבי נאר זיך דערמיט ווי ס'איז ריין צו וואשען פאר די רוימער. יוסף האט ארויסגעלאזען זיין „לעבענס-בעשרייבונג", וואו ער האט גערעדט הויפטזעכליך וועגען דער לעצטער מלחמה, און אין דער בעשרייבונג האט ער זיך בעמיהט צו דערוויזען, אז ער האט באלד פון ערשטען טאג אן פערראטען זיין פאלק, און נאך אלס קאמענדאנט פון דער יהודה'עאישער פעסטונג אין גליל, האט ער שוין געזוכט מיטלען, ווי אזוי אריבערצוגעהן צו די רוימער.

די ווירקונג פון דעם בוך איז געווען אן'אבשטויסענדע, א עקעלהאפטע, און יוסף איז ווידער געווארען דער סימבאל פון אלדאס בייזעס און פאלשעס פאר דער גאנצער אומה. איהם איז אבער פארט נישט בעשערט געווען, צו שטארבען אין פאלשטענדיגער פערראכטונג, און גראד האט זיך איהם אין יענער צייט געמאכט באלד א גינסטיגע געלעגענהייט ארויסצוטרעטען אלס פערטיידיגער און בעשיצער פון דעם יודישען כבוד, וואס האט געמוזט ארויסרופען א טיעפע דאנקבארקייט צו איהם פון אלע יודישע קרייזען. יוסף איז ארויס מיט א ניי ווערק „געגען אפיאן" אדער „וועגען דער אלטקייט פון דעם יהודה'עאישען פאלק", — א ווערק, וואס האט פעראייביגט זיין נאמען אין דער יודישער געשיכטע אלס טיעפען דענקער, וועלכער איז ווירקליך דורכגעדרונגען געווען מיט א הייסער ליעבע צו זיין פאלק. „געגען אפיאן" איז א פייערדיגע פערטיידיגונג פון יודענטום געגען די אלע פאלשע אנפאלען און בלבולים, מיט וועלכע ס'זענען כסדר ארויסגעטרעטען אלערליי יודאפאבען אין פערשידענע צייטען, אנהויבענדיג פון דעם עגיפטישען כהן מאנעטאן ביז דעם בעריהמטען חוצפה'דיגען יודען-פרעסער אפיאן. דא האט זיך יוסף נישט געשיימט אפילו פאר זיינע רוימישע בעשיצער, און פערטיידיגענדיג אין דעם ווערק מיט א בעזונדער גלוט די שענקייט און טיעפקייט פון די יודישע עטיש-רעליגיעזע אידעאלען, ערלויבט ער זיך זאגאר צו בעטאנען זייער יתרון אנטקעגען די זעלביגע אידעאלען פון דער גריכיש-

רוימישער קולטור. עס פיהלט זיך דא אין יעדער שורה דער טיעפער
גייסטיגער פאטריאטיזם פון דעם פאליטישען פערדעטער, — דאס שמאל-
צע בעוואוסטזיין פון דער איינענער קולטורעלער גרויסקייט, די איבער-
צייגונג פון דער אונגעהויערער בעדייטונג, וואס די יודישע וועלט-
לעבענס-אנשויאונג האט פאר דער גאנצער מענשליכער קולטור. און
וואס מ'פערטיעפט זיך מעהר אין דעם קליינעם ספר קומט מען אלץ
מעהר צו דעם אויספיהר, אז אט דער אריסטאקראטישער סאלאן-פילא-
זאף איז נאר על פי טעות אריינגעצויגען געווארען אינ'ם שטראם פון
די פאליטישע טומלענישען. זיין איינציגעם פערברעכען איז געווען
דאס, וואס ער האט געפועלט ביי זיך אמאל, איבערצונעהמען די קא-
מאנדא פון א רעוואלוציאנערען נארניזאן אין דער צייט, ווען ער האט,
ערשטענס, נישט געגלויבט איננאנצען אין דער רעוואלוציע און איז,
צווייטענס, איבערהויפט נישט געווען קיין מענש פון קריעג און שווערד.
די בלינדע אוסשטענדען האבען דעם פריעדליכען דענקער און היסטא-
ריקער געמאכט פאר א פיהרער פון צוהיצטע, צורייצטע סאלדאטען —
דערפון האט געבויט ארויסקומען נאר דאס, וואס ס'איז ארויסגע-
קומען: שוואכמוטיגע ארויסטרעטונגען, געוועהנליכער סקעפטיציזם און
ענדליך אויך — פערראט.

דריטעס קאַפּיטעל

די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון יודענטום און דער נייער אויפשטאַנד געגען רוים

דער לײַכט־טורעם פאַר דער גאַנצער יודישער אומה איז געווען דאָס סנהדרין אין יבנה, און וויל מען רעדען וועגען די פּערזאָנען, וואָס האָבען געשפּיעלט די הויפּט־ראָליע אין דער אינטענסיווער טעטיגקײַט פון דעם דאָזיגען סנהדרין, מוז מען זיך אָבשטעלען אויף די פאָלגענדע פינף: דער נשיא רבן גמליאל, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ יהושע בן חנניה, ר׳ עקיבא בן יוסף און ר׳ ישמעאל בן אלישע.

אויב ר׳ גמליאל האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אין דעם קאָלעגיום די שטרעבונג צו אײַנהײַט און אויטאָריטעט; די שטרעבונג, צו שאַפען א פעסטען מיטעלפּונקט, וואו עס זאָל בעשטימט און נאָרמירט ווערן דאָס גאַנצע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע לעבען פון דער אומה, — האָט זײַן שוואָגער ר׳ אליעזר דאָ פערטרעטען פּונקט דעם היפּך דערפון: די שטרעבונג, זיך פעסט צו האַלטען בײַ דער אײַגענער איבערצײַגונג אפילו אויך אין דעם פאַל, ווען זי געהט געגען דעם בעשלוס פון דער מעהרהײַט. א אַנהענגער פון די בית שמאי, איז ר׳ אליעזר געווען געגען די אלע נײַע מעטאָדעס און פאָרמולעס (מדות) אויף צו דרשה׳־נען די תורה און אַרויסצודרינגען פון איהר געזעצען און כונות; פאַר איהם האָבען עקסיסטירט נאָר די מונדליכע מסורות, וואָס ער

האָט איבערגענומען בירושה פון די אַלטע אויטאָריטעטען, און זיין לעבענס־אויפגאַבע איז אויך בעשטאַנען נאָר אין דעם, אָבצוהיטען דעם דאָזיגען איבערגענומענעם מאַטעריאַל און איהם איבערצוגעבען גאַנצערהייד די קומענדיגע דורות. זיין אונגעוועהנליכער זכרון האָט איינגעשלאָסען אין זיך אַ גאַנצען אוצר פון איבערגענומענע מסורות, און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געזעהען אין איהם „אַ אויסגעפּלאַסטערטע ציסטערנע, אין וועלכער עס געהט נישט פערלוירען קיין טראָפּען״; ער האָט אָבער אויסגעמיטען יעדע שאלה, אויף וועלכער ער האָט קיין פאַרטיגע תשובה נישט געהאַט, און אין אַזאַ פאַל פלעגט ער ענטפערן: „דאָס האָב איך פון מיינע רביים נישט געלערנט״.

ר׳ אליעזר האָט אַלזאָ געבילדעט דעם קאָנסערוואַטיווען עלעמענט; ער איז געווען דער ז כ ר ו ן, די „אויסגעפּלאַסטערטע ציסטערנע״, וואָס לאָזט קיין טראָפּען נישט אויסרינען, וועלכע לאָזט אָבער אויך קיין נייע טראָפּענס נישט אריינדרינגען; און אַזוי ווי די מעהרהייט פון קאָלעגיום איז שוין געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון הלל׳ס „מדות״, מיט דעם גייסט פון אויסטייטשען די ווערטער פון דער תורה און ארויסדרינגען פון איהר אַלע געזעצען אויף אַ זעלבסטשטענדיגען, לאָגישען אופן, — זענען די צוזאַמענשטויסען צווישען איהם און דעם סנהדרין געווען אונפערמיידליך; דערצו איז ר׳ אליעזר געווען זעהר איינגע׳עקשנ׳ט און לא די, וואָס ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען קיינמאָל פון זיין פּרינציפּ, האָט ער נאָך געפאָדערט דורכאויס, אַז די צווייפעלהאַפטע הלכות זאָלען פּ ר אַ ק ט י ש דורכגעפיהרט לויט ז י י ן איבערצייגונג געגען דעם בעשלוס פון דער מעהרהייט. עס איז דעריבער געקומען ענדליך דערצו, אַז די חברים האָבען זיך פערבייזערט אויף איהם און אַנגעווענדט געגען איהם דעם שאַרפסטען מיטעל, דעם ח ר ם. די הלכה, איבער וועלכער דער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען, איז גראָד געווען נישט קיין זעהר וויכטיגע, עס האָט זיך אָבער געהאַנדעלט וועגען דעם דעספּאָטישען טאָן, וועגען דעם שטרענגען ענטפער אויף אַלע ארגומענטען פון די חברים: „א י ך ט ר ע ט נ י ש ט אָ ב פ ו ן מ י י נ ע ר י י ד״, — און דער חרם איז אויסגערופען געוואָרען. די שליחות, איבערצוגעבען דעם שטרענגען געזעץ־לעהרער די ידיעה וועגען דער הארטער שטראָף, האָט ווידער איבערגענומען אויף זיך דער בעליעבטער ר׳ עקיבא. איינגעהילט אין שוואַרצען, האָט ער זיך אוועקגעשטעלט פאַר ר׳ אליעזר׳ן און געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים: „מיר

דולט, אז די חברים שײדען זיך אָב פון דיר". ר׳ אליעזר׳ן זענען ארויס-
גערונען טרערען פון די אויגען; ער האָט אָבער מקבל געווען אויף זיך די
גזירה פון סנהדרין: „ער האָט צוריסען אויף זיך די קלײדער, אויסגע-
טאָן די שיך און זיך אװעקגעזעצט, אָבגערוקט, אויף דר׳ערד". די
לעגענדע גיט דערבײַ צו, אז צוליעב ר׳ אליעזר׳ס טרערען, איז א
דריטעל פון אלע תבואות און פרוכטען אין דער װעלט צוקלאַפּט גע-
װאָרען און דאָס טײג בײַ די װײַבער אין די הענד איז געװאָרען פײַלט.
פון דאַן אָן האָט ר׳ אליעזר געלעבט װײַט פון זײַנע חברים און װײַט
פון סנהדרין בכלל; װעהרענד דער צײַט האָט ער געפּרובט פערקעה-
רען מיט די יודען-קריסטען, װעלכע זענען נאָך דאַמאָלס נישט אָב-
געריסען געװען פון דער יודישער קהלה, און װען דאָמיציאַנ׳ס שלוחים
האָבען אָנגעהויבען צו רודפ׳ען די קריסטען, זעהענדיג אין זײ א גע-
פאַהר פאַר א נײַעם פּאָליטישען אויפשטאַנד (װײַל לויט דער אמונה פון
קריסטענטום האָט דיער משיח, ישו, געשטאַמט פון די מלכי בית דוד),—
איז ר׳ אליעזר אויך אַרײַנגעצויגען געװאָרען צװישען די בעשולדיגטע.
דער טעות האָט זיך אָבער ארויסגעװיזען, און װען דער שטאַטהאַל-
טער פון קסריה האָט זיך אויסגעדריקט: „ס׳איז אונמעגליך, אז א
מיטגליעד פון סנהדרין זאָל זיך אָבגעבען מיט אזעלכע נאַרישקײַטען",
האָט ר׳ אליעזר איהם ערקלערט, אז ער האָט װירקליך קײן געמײַנזאַ-
מעס נישט מיט די קריסטען.

דער היפך פון ר׳ אליעזר׳ס פערגליװערטקײַט און אײַזערנער
קאָנסעקװענץ איז געװען ר׳ יהושע בן חנניה. ער האָט אַרײַנגע-
בראַכט אין סנהדרין דעם נאָכגיעביגען, בײגזאַמען, פשרה׳דיגען עלע-
מענט, און געשיצט אי די לעהרע, אי דעם פאָלק פון איבערטריעבע-
נער אײַנזײַטיגקײַט. אלס לוי האָט ר׳ יהושע יונגערהײד נאָך געזעהען
דעם גלאַנץ פון בית המקדש, װאו ער האָט געזונגען מיט׳ן לוים-כאָר,
ער איז אָבער נישט אַרײַן אין די רײַהען פון די קעמפּפער, און װען
ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פערלאָזען די בעלאַגערטע הויפּט-שטאָדט, איז
ר׳ יהושע מיט איהם מיטגעגאַנגען. נאָך ר׳ יוחנן׳ס טויט איז ר׳ יהושע
געװאָרען אײנער פון די זײַלען פון קאָלעגיום; ער האָט אָבער דערבײַ
זײַן בעשעפטיגונג נישט אװעקגעװאָרפען, און א דאַנק דעם טאַקי, װאָס
ער איז אין זײַן אלטעגליכען לעבען געשטאַנען נאָהנט צו די ברײטע
שיכטען פון פאָלק, האָט ער געהאַט אויף זײ זעהר א שטאַרקע װיר-
קונג.

ר׳ יהושע איז געווען א טיפער ידען אין אסטראנאמיע און האט זיך בכלל בעשעפטיגט מיט פערשידענע פיזישע און מעטאפיזישע וויסענשאפטען; זיין הויפט־טעטיגקייט איז אבער דאך געווען די יודישע געזעצלעהרע, און דא האט ער זיך אינגאנצען געהאלטען ביי די כללים פון זיין גרויסען רבי׳ן ר׳ יוחנן בן זכאי. א מענש פון לעבען מיט א אפענעם, ליכטיגען בליק אויף גאט׳ס וועלט, איז ר׳ יהושע געווען געגען יעדער פארם פון עקסטרעמער פרומקייט, פון אסקעטיזם, און ווען ער האט געזעהען, אז ס׳ווערט נתרבה די צאהל פון די פרושים־אסקעטען, וואס ווילען קיין פלייש נישט עסען און קיין וויין נישט טרינקען, ווייל מ׳פלעגט זיך דערמיט בענוצען אין בית המקדש צו קרבנות און נסכים, — האט ער זיך געווענדט צו זיי מיט די שארפע ווערטער: „אויב אזוי, דארפען מיר קיין ברויט נישט עסען, ווייל ס׳זענען בטל געווארען די מנחות *), און קיין וואסער נישט טרינקען, ווייל ס׳זענען בטל געווארען די וואסער־גיסונגען! דער תירוץ איז אבער, אז מ׳איז נישט גוזר אויף א צבור אזא גזרה, וואס דער צבור קען געגען איהר נישט בייסטעהן". ר׳ יהושע איז געווען געגען די אלע חומרות און גזירות, וואס האבען נישט געהאט קיין שום מקור אין געזעץ, און זענען ארויסגעגעבען געווארען נאר אלם אבצוימונגען, כדי צו פערהיטען די געזעצען גופא, און ביי איינעם אזא פאל האט ער דאס פערגלייכט מיט א כלי אייל, אין וועלכער מ׳גיסט אריין וואסער: „וואס מעהר וואסער עס קומט אריין, אלץ מעהר אייל רינט אוים". דאס האט געהייסען, אז וואס מעהר בעשרענקונגען און חומרות עס ווערן איינגעפיהרט איבעריגע, אלץ מעהר געהט פערלוירען פונ׳ם עצם יודענטום, פון דער תורה גופא.

ר׳ יהושע׳ם ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון יודענטום איז געווען אונגעהויער גרוים און פרוכטבאר; איהם איז אבער בעדייטענד איבערגעגאנגען דער חבר ר׳ עקיבא בן יוסף, וועלכער איז אהן א שום צווייפעל געווען דער בעגאבטסטער, אריגינעלסטער און איינפלוסרייכסטער צווישען דער רייהע גרויסע פערזענליכקייטען פונ׳ם דעמאלדיגען סנהדרין. דאס פאלק האט שפעטער איינגעהילט די יוגענד־יאהרען פון זיין געליבטען פיהרער אין א נעבעל פון פאעטיש־שענע, ראמאנטישע

---

*) א מין ברויט־קרבן.

לעגענדען ; פון דעם נעבעל שיינט אָבער ארויס אויך די ווירקליכקייט
פון זיין אָבשטאמונג , געבורט און ערציהונג . ר׳ עקיבא בן יוסף האָט
געשטאמט פון אָרימע גרים און אין דער יוגענד האָט ער זיך אויפגע-
האלטען אלס פאסטוך אין די גיטער פון דעם רייכען כלבא שבוע. דער
אָרימער פאסטוך האָט אָבער בעזעסען א שטארקע צוציהונגסקראפט, און
די טאָכטער פון דעם ירושלים׳ער מאגנאט , רחל , האָט זיך אין איהם
פערליעבט . זי איז מרוצה געוואָרען מיט איהם חתונה צו האָבען , אויב
ער וועט אוועק אין א ישיבה לעהרנען און ווערן א געבילדעטער מענש,
און ר׳ עקיבא האָט די בעדינגונג אָנגענומען : ער האָט זיך אוועקגעלאָ-
זען וואנדערן פון איין ישיבה אין דער אנדערער , און זיין נאָמען איז
געוואקסען פון יאָהר צו יאָהר. אונטער דער צייט האָט זיך דער רייכער
אריסטאָקראט דערוואוסט פון זיין טאָכטער׳ם ליעבע צו דעם אָרימען
פאסטוך און ער האָט זי ארויסגעטריבען פון זיין הויז ; זי איז אָבער
טריי געבליבען איהרע געפיהלען , און נישט די שפּאָט פון אלע , און
אויך נישט דער הונגער איז אימשטאנד געווען אויסצולעשען ביי איהר
אין הארצען די גליהענדע ליעבע צו דעם וואקסענדען געניע *) . און
זי האָט זיך דערוואַרט : דער פאסטוך איז געוואָרען איינער פון די אָנ-
געזעהענסטע מיטגליעדער אין דעם סנהדרין פון יבנה , און באלד אין
זיין אייגענע ישיבה אין דעם שטעדטיל בני ברק (נעבען יבנה) גע-
וואָרען א נייער , געוואלדיגער צענטר , וואָס האָט צוגעצויגען טויזענדער
תלמידים פון אלע עקען פון לאנד .

פאר דער וויסענשאפט פון יודענטום , פאר דער יודישער געזעצ-
לעהרע איז ר׳ עקיבא געווען דער דירעקטער נאָכפאָלגער פון הלל
הזקן בנוגע צו דעם גאנג פון אויסטייטשען די ווערטער פון דער תורה
און נישט פערלאָזען זיך אויף דער מסורה אליין ; ער האָט אָבער אויף
דעם יסוד געשאפען אינגאנצען א נייעם בנין , „א נייע שול״ . זיך שטי-
צענדיג אויף הלל׳ם יסוד , האָט ר׳ עקיבא געשאפען א אייגענעם סיס-
טעם , פון וועלכען די קאָנסעקווענצען ענטוויקלען זיך שוין ממילא, פון
זיך אליין. דער דאָזיגער סיסטעם קוקט אויף דעם פערהאנענעם מאטער-
יאל פון איבערגענומענע מסורות נישט, ווי אויף א טויטען אוצר , וואָס

---

*) די לעגענדע דערצעהלט, אז זי האָט אמאָ׳ אין א שרעקליכער נויט [illegible]
ידען איהרע שענע צעפ און זיי פערקויפט פאר [illegible] .

פערשפרייטער פון דער תורה

האָקסט נישט און פערמעהרט זיך נישט און מוז זיך שטיצען נאָר אויף דעם זכרון פון געצעהלטע מענשען; ר' עקיבא בעטראַכט אַט דעם מאַטעריאַל, ווי אַנ'אייביגען לעבעדיגען קוואַל, און וועלכען עס ענטפּלעקען זיך אַלץ נייע אוצרות. אַלס דעם העכסטען גרונדזאַץ פון זיין סיסטעם האָט ר' עקיבא אוועקגעשטעלט דעם כלל, אַז דער הלכי'שער (געזעצען-) טייל פון דער תורה איז אינגאַנצען נישט גלייך צו די זעלביגע טיילען אין אַנדערע געזעץ-ביכער. די מענשליכע אויסשפּראַך בענוצט זיך מיט געוויסע וואָרט-קלאַנגען, ווענדונגען, וואָרט-בילדער, ווידערהאָלונגען, פערשענערונגען, — קורץ: מיט אַ געוויסער פאָרם, וואָס האָט גאָרנישט צום עצם אינהאַלט און איז אויסגערעכענט נאָר פאַר דעם שענערן קלאַנג, פאַר'ן געשמאַק; אַנדערש איז עס אָבער מיט דער אויסשפּראַך פון דער געטליכער תורה: דאָ איז קיין פאָרם אַבסאָלוט נישטאָ, דאָ איז אַלץ אין אַלט. דאָ איז נישטאָ איבריג קיין וואָרט, קיין בוכשטאַב, קיין נקודה, יעדער אויסדריק, יעדעס ביי-, נעבען- און פערבינדונגס-וואָרט — יעדע נקודה — האָט אַ אייגענע, בעזונדערע, געטליכע כונה. צו הלל'ס זיבען מדות, האָט ר' עקיבא דעריבער צוגעגעבען אַ גאַנצע רייהע נייע כללים און פאָרמולען, וואָס האָבען געגעבען די מעגליכקייט אַנצושעפּען גאַנצע בערגער מיט הלכות אויף איין וואָרט פון דער תורה. לויט דעם סיסטעם איז יעדע געוועהנליכע אויסטייטשונג פון דער תורה שוין אַליין געוואָרען אַ מקור פאַר נייע שלום-פאָלגערונגען, און אַזוי האָט זיך עס געקענט ציהען ביז דאָס אונענדליכע. „איך וועל מאַכען אַזוי, — האָט ר' עקיבא זיך אַרויסגערופען — אַז די ווערטער פון די חכמים זאָלען בלייבען אויף אייביג", און ער האָט דורכגעפיהרט זיין סיסטעם מיט אַ אונגעוועהנליכער פעסטקייט, זיך נישט אָבשטעלנדיג אפילו פאַר די שאַרפסטע קאָנסעקווענצען. עס איז פאָרגעקומען אַ פאַל, אַז ר' עקיבא'ס אַ תלמיד, נחמיה פון עמאוס (העמסוני), וועלכער האָט זיך געהאַלטען ביי זיין רבי'ס סיסטעם און האָט אויך געדרשה'נט אַלע את'ען פון דער תורה *), — האָט זיך אָבגעהאַלטען צו דרשה'נען דעם „את" פו

*) את — דיענט אין העברעאיש אויף צו בעצייכענען די געגענשטענדע פאַר האַלטעניש און די בעציהונג פון די ווערטער (פּאַרטיקעל).

פסוק: את ד׳ אלהיך תירא (פאר גאט, דיין גאט זאלסטו מורא
האבען), ווייל ער האט נישט געפועל׳ט ביי זיך, צוצוגעבען נאך איין
ואך אין ז׳ער וועלט, וואס דער מענש זאל זיין פערפליכטעט, מורא צו
האבען דערפאר אזוי ווי פאר גאט; דאן איז ר׳ עקיבא געקומען
און האט געדרשה׳נט: „את ד׳״ — דאס מיינט מען: איהם און זיין
תורה, דאס הייסט, אז אויסער גאט איז יעדער יוד מחויב זיך צו
פארכטען אויך פאר דער תורה (אדער פאר תלמידי חכמים)

מיט זיין סיסטעם האט ר׳ עקיבא אויסגעבראכען א נייעם וועג
און געעפענט נייע האריזאנטען אויף דעם געביעט פון דער יודישער
געזעצפארשונג. די תורה שבעל פה, יעדע איינציגע פון די אלע מונד-
ליכע דינים און גזירות, אויף וועלכע א סך האבען געקוקט, ווי אויף
איינענע, ווילקירליכע אויפטועכצען, וועלכע האבען מיט דעם געטליכען
ווילען גארנישט צו טאן, — האט איצט בעקומען א אנשפארונג אין
וועלכען ס׳איז ווארט פון דער תורה, און א סך הלכי׳שע שטרייטיגקיי-
טען זענען איצט ממילא איבערגעריסען געווארען. אויף די חברים פון
קאלעגיום האט ר׳ עקיבא׳ס נייער סיסטעם געמאכט א אונגעוועהנליכען
איינדריק, און אלע האבען מודה געווען, אז אהן דעם געניאלען אויפטו
פון די נייע כללים, וואלטען די געזעצען פערגעסען אדער פערנאכלע-
סיגט געווארען. ר׳ עקיבא׳ס שארפזיניגע איינפאלען אין דער הינזיכט
פון געפינען אין דער תורה א רמז אדער א אסמכתא (אנשפארונג) אויף
וועלכער ס׳איז מסורה, האבען ארויסגערופען בעגייסטערונג און ערשטוי-
נונג צוזאמען, און אזא גייסטיגער ריעז, ווי ר׳ יהושע בן חנניה, האט
איינמאל אויסגעשריען: „א, ווען איינער וואלט ארא׳בגעהמען די ערד פון
דיינע אויגען, אונזער רבי, יוחנן בן זכאי! דו האסט אמאל געצווייפעלט
ביי דער בעשטימונג פון איין הלכה, ווייל דו האסט נישט געקענט
געפינען פאר איהר קיין מקור אין דער תורה, און אט איז געקומען ר׳
עקיבא און האט אזא מקור גלייך געפונען!״ מיט א עהנליכער בעגייסטע-
רונג איז דורכגעדרונגען אויך ז׳ער אויסרוף פון דעם בעריהמטען ר׳
טרפון: „עקיבא! שיידען זיך פון דיר, הייסט ריכטיג, ווי שיידען
זיך פון לעבען! מיט דיינע כללים מאכסטו צוריק לעבעדיג דאס,
וואס די מסורה אליין האט פערגעסען״.

ר׳ עקיבא האט אונטערגענומען נאך א וויכטיגען שריט, וואס
האט אויך געמאכט א גרויסען רושם אין דער אקאדעמישער וועלט. ביז
שיהם זענען די הלכות געלערנט געווארען אהן א צוזאמענהאנג און

ניִשט גרופּיִרטערהייד, אזוי אז עס האָט זיך געפאָדערט א אונגעוועהנליִכער זכרון און א אונערמיִעדליִכע התמדה, כדי צו געדענקען זיי אין דעם משך פון יאָהרען; דאָס האָט ר׳ עקיבא געוואָלט בעזייטיִגען, און ער איז געקומען דעם זכרון צו הילף. ער האָט גענומען סיִסטעמאַטיִזירען די הלכות און זיי צוזאַמענשטעלען גרופּעס־ווייז לויט׳ן אינהאַלט (וועגען שבת, וועגען עריות, וועגען געלד־ און קרימיִנאַל־ענינים א. ז. וו.). אזוי זענען ענטשטאַנען בעזונדערע, אָבגעטהיילטע טעקסטען (מסכתות), און אין יעדער מסכתא האָט ער איינגעטהיילט די געזעצען לויט דער צאָהל (צום ביישפּיעל: „ניין און דרייסיִג אבות מלאכות (גרונד־ארבייטען) זענען פערבאָטען אום שבת", „אין פופצעהן פעלען זענען די פרויען פריי פון יבום" א. נ. א.). די דאָזיגע „משניות דרבי עקיבא" האָבען געדיענט אלס יסוד פאַר דער שפּעטערדיִגער פאָלשטענדיִגער סיִסטעמאַטיִזירונג פון דער משנה.

רייכע פערלען זענען דערגאַנגען צו אונז פון ר׳ עקיבא׳ן אויך אין דעם מאָראַל־ און רעליִגיעז־פילאָזאָפיִשען טהייל פון תלמוד, אין דער אזוי גערופענער אגדה. ער האָט געזאָגט: „אַלץ (וואָס דער מענש טוט) ווערט (פון גאָט) געזעהען, נאָר דער פרייער ווילען איז געגעבען, און די וועלט ווערט געמשפּט מיט גוטס, און אַלץ איז אָבהענגיג פון דער צאָהל מעשים, וואָס דער מענש איבט אויס" — דאָס קען גערעכענט ווערן פאַר א קורצער לעזונג פון דער אייביגער פראַגע וועגען דעם געגענזאַץ צווישען דער געטליִכער השגחה און דעם מענשענס פרייען ווילען. זיין מיינונג וועגען גאָט׳ס בעציהונג צו דער יודישער אומה, האָט ער אויסגעדריקט אין דעם פאָלגענדען מאמר: טייער איז דער מענש, דען ער איז בעשאַפען אין גאָט׳ס געשטאַלט, נאָכמעהר טייער זענען די יודען, וואָס גאָט רופט זיי אָן: קינדער, און האָט זיי געגעבען א טייערע כלי — די תורה.

ר׳ עקיבא׳ס אָפּטימיזם האָט זיך ניִשט אָבגעשטעלט אפילו פאַר דעם גרויסען אונגליק פון דער אומה. די לעגענדע דערצעהלט: איינמאָל האָט ר׳ עקיבא געוואַנדערט אין דער געגענד פון דער פערוויסטער ירושלים צוזאַמען מיט ר׳ גמליאל הנשיא, ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ אליעזר בן עוריה. צוקומענדיג נעהנטער צום שטאָדט האָבען זיי געריסען קריעה, צום צייכען פון טרויער, און אזוי זענען זיי צוגעגאַנגען צום בית המקדש־באַרג; דאָ האָבען זיי געזעהען, ווי א שאַקאַל איז ארויסגעלאָפען פון צווישען די חורבות פון בית המקדש, און זיי האָבען

זיך פונאנדערגעוויינט, נאר איין ר׳ עקיבא האט זיך געפרעהט. דאן האבען די חברים געפרעגט: „פארוואס פרעהסטו דיך?״ — „פארוואס וויינט איהר?״ האט ער זיי געענטפערט מיט א פראגע. — צי קען מען דען נישט וויינען, צוזעהענדיג, ווי דער קדשי-קדשים, וואו קיינער אויסער'ן כהן-גדול האט נישט געטארט אריינקומען, איז געווארען א ארט פאר ווילדע חיות?״ — „אט דעריבער טאקי פרעה איך מיך — האט ר׳ עקיבא געענטפערט; — אויב ס'איז מקוים געווארען די נבואה, אז ירושלים וועט ווערן א הויפען חורבות, מוז דאך מקוים ווערן אויך די צווייטע בארזאגונג פון אונזערע נביאים, — אז ירושלים וועט צוריק אויפגעבויט ווערן.

א בעזונדער פלאץ אין דעם „כרם שביבנה״ (דעם וויינגארטען אין יבנה: דאס סנהדרין) האט פערנומען ר׳ ישמעאל בן אלישע. אין דער אויסטייטשונג פון געזעץ האט ער פערטרעטען דעם נאטירליכען זין און, אזוי צו זאגען, דעם געזונטען מענשען-פערשטאנד, און דאס האט איהם אוועקגעשטעלט אין א שארפער אפאזיציע בנוגע צו דעם פלפול'דיגען לעהר-סיסטעם פון דעם געניאלען ר׳ עקיבא. —

א זוהן פון דעם לעצטען כהן גדול אין ירושלים, איז ר׳ ישמעאל, אלס קינד נאך, אוועקגעפיהרט געווארען נאכ'ן חורבן קיין רוים צוזאמען מיט אלע געפאנגענע; דא האט ער דורך א צופאל צוגעצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם בעריהמטען ר׳ יהושע בן חנניה (ווען יענער איז געוועזן אין רוים) און דער לעצטער האט איהם אויסגעקויפט און אוועקגעפיהרט קיין יהודה, וואו ער איז אין גיכען געווארען א אנגעזעהענער מיטגליעד פונ'ם סנהדרין אין יבנה. פון איהם ווערט אויך דערצעהלט, אז ער האט פערווענדט זיין גאנץ פערמעגען, אויסצוהאלטען און צו שטיצען די ארימע מיידלעך, וועלכע זענען פעראריםט און פערית'ום'ט געווארען אין דער צייט פון אויפשטאנד.

אי'ם נעגענזאץ צו ר׳ עקיבא'ס כלל, אז די געטליכע תורה איז פול מיט רמזים און כונות, ווייל זי איז אינגאנצען אינהאלט און האט קיין פארם נישט, — האט ר׳ ישמעאל כסדר בעטאנט, אז „די תורה בענוצט זיך מיט א מענשליכער אויסשפראך״ (דברה תורה בלשון בני אדם) און האט אויך וויעדערהאלונגען, ווענדונגען,ווארט-בילדער און רעדנערישע אויסמאלונגען—צו דעם צוועק פון פערשענערן די פארם. דרשה'נען די אותיות אדער די ביי- און נעבען-ווערטער פון דער תורה, הייסט אלזא פשוט אריינלעגען אין די דאזיגע ווערטער איינענע, פאלשע

כונות—אזעלכע, וואס זענען געווען גאָרנישט געווען במציאות אין דעם געטליכען געדאנק. ווי־זשע דען, אלזא, זאָלען די מונדליכע מסורות צוזאמענגעבונדען ווערן מיט דער תורה? אויף דעם זענען פערהאן הלל׳ס זיעבען מדות. אט די מדות דרשה׳נען נישט די אותיות און נקודות פון דער תורה, נאָר דעם זין, די לאָגישע כונה פון דעם געזעץ אין אלגעמיין, אזוי ווי ער איז אויסגעדריקט אין דער שפראך פון געזעצגעבער, און זיי, די מדות גופא, לאָזען זיך אויך אַרויסדרינגען פון דעם זין פון דער תורה. ר׳ ישמעאל האט צו די דאָזיגע זיעבען מדות צוגעגעבען נאך זעקס, און די אלע דרייצעהן כללים זענען אָנגענומען געוואָרען אלס יסוד פאר דער יודישער געזעץ־אויסטייטשונג צוזאמען מיט ר׳ עקיבא׳ס סיסטעם: ביידע זענען געבליבען גלייכבערעכטיגט און די חכמים פון די שפעטערדיגע דורות האבען זיך מיט ביידען גלייך בענוצט אין זייער אקאדעמישער טעטיגקייט. ווי דער גרעסטער טייל פון די מעהר־בעדייטענדע קאָלעגיום־מיטגליעדער, האט אויך ר׳ ישמעאל געהאט א אייגענע ישיבה מיט א סך תלמידים, און די הלכות פון דער ישיבה זענען דערגאנגען צו אונז אין תלמוד אונטער דעם בעזונדערן נאָמען „תנא דבי ר׳ ישמעאל“ (אין ר׳ ישמעאל׳ס ישיבה איז געלעהרנט געוואָרען).

די דאָזיגע פינף זיילען פון סנהדרין — ר׳ גמליאל, דער פערטרעטער פון קאָנצענטרירטער איינהייט, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, דער דערהאלטער פון די מסורות, ר׳ יהושע, דער קלוגער פערמיטלער און אויסגלייכער פון שארפע סתירות, ר׳ עקיבא, דער שארפזיניגער געזעץ־ערקלערער און סיסטעמאטיקער, און ר׳ ישמעאל, דער פערטרעטער פון דעם פשוט׳ען פערשטאנד — האבען צוגעבראכט ביז א בעשטימטען פעסטען פונקט דעם אויסבילדונגס־פראָצעס פון יודענטום. זיי האבען ארויפגעלעגט א אייגענארטיגען שטעמפעל אויף דעם גאנצען בנין פון דער יודישער געזעצלעהרע, און א דאנק זיי איז די לעצטע אזוי געקרעפטיגט געוואָרען, אז זי האט בעקומען די מעגליכקייט נישט בלויז בייצושטעהן געגען יעדען איינפלוס, נאָר אויך אויסצואיבען א גאנץ בעדייטענדען איינפלוס אויף אנדערע. עס איז כסדר געוואקסען די צאָהל פון די אינטעליגענטע געצענדיענער, וואס זענען איבערגעגאנגען צום יודענטום, און ווען מ׳נעהמט אין בעטראכט די שווערע קרבנות, וועלכע אזא מין געצענדיענער האט געמוזט נעהמען אויף זיך, צושליסענדיג זיך צו דער יודישער אומה, מוז מען אנערקענען, אז דאס יודענטום אין

זיין טראדיציאנעלער, ארטאדאקסישער געשטאלט, האט בעזעסען נישט
קיין קלענערע צוציהונגס-קראפט, ווי דאס בענייטע, אבסטראקטע יו-
דענטום — דאס יודענטום פון די קריסטליכע שלוחים. די לעצ-
טע האבען געוואנדערט פון שטאדט צו שטאדט אלס מיסיאנערען-פראָ-
פאגאנדיסטען, און גערעדט און איבערצייגט און אלערליי מופתים גע-
וויזען און אלץ נאכגעגעבען, אבי צו געווינען נייע נפשות פאר זייער
לעהרע; דער ניי-בעקעהרטער קריסט האט קיינע פליכטען אויף זיך נישט
גענומען, ער האט זאגאר זיינע אלטע לעבענס-מנהגים נישט געדארפט
ענדערן און געקענט בלייבען ווייטער אין דעם קרייז פון זיין פאמיליע,
דען עס האט געהייסען ביי די שלוחים: „ווען א ברודער (קריסט) האט
א אונגלויביג (געצענדיענעריש) ווייב, און זי לאזט עס זיך געפעלן, צו
בלייבען וואוינען ביי איהם, זאל ער זיך פון איהר נישט שיידען. און
ווען א (גלויביגע) ווייב האט א אונגלויביגען מאן, און ער איז מרוצה
צו וואוינען ביי איהר, זאל זי זיך פון איהם נישט שיידען".

בנוגע צום יודענטום איז אבער די זאך גאנץ אנדערש צוגעגאנ-
גען. יודען האבען אין דער צייט קיין מיסיאנערען נישט געשיקט, און
לא די, וואס זיי האבען זיך נישט געיאגט נאך קיין גרים, האבען זיי
נאך געמאכט די לעצטע פיעל שוועריגקייטען, ווען יענע האבען זיך
שוין געהאט ענטשלאסען דעם שריט צו מאכען. זיי האבען זיך געמוזט
אינגאנצען אבשיידען פון זייערע פאמיליעס און אבזונדערן פון זיי אין
עסען, אין טרינקען און אין דעם גאנצען אלטעגליכען לעבענס-פער-
קעהר, און נישט קוקענדיג אויף דעם אלעמען, זענען דאך פארגעקו-
מען אפטע פאקטען פון איבערגעהן צום יודענטום אין די מזרח-לענדער,
אין קליין אזיען און בעזונדער אין רוים, — אין דער הויפט-שטאדט פון
דעם לאנד, וואו די יודען זענען שוין דאן אויך אכזריות'דיג פערפאלגט
און גערודפ'ט געווארען.

צופריעדענהייט און א געוויסען שטאלץ האט ארויסגערופען אין
די יודישע קרייזען דאס איבערגעהן צום יודענטום פון דעם גריכישען
אריסטאקראט עקילס. ער האט געשטאמט פון דער געגענד פאנטוס,
וואו ער האט געהאט גרויסע נחלאות און א מאסע שקלאפען, און זע-
גענדיג א מענש מיט טיעפע עטישע נייגונגען און א גרינדליכער פילא-
זאפישער בילדונג, האט ער פערלאזען דאס היידענטום און זיך צוגע-
שלאסען צו די רייהען פון די היידען-קריסטען; באלד האט ער אבער
זיך אבגעזאגט פון קריסטענטום און איהם אויסגעביטען אויף דער

לעהרע פון די יודישע חכמים. דעם יודענטום איז עקילס טריי געבליבען זיין גאנצען לעבען, און ער האט אבגעהיט די שווערסטע פליכטען — די איינער פון די פרימסטע צווישען די יודען פון יענער צייט. ווען זיין פאטער איז געשטארבען, און די ברידער האבען איהם ארויסגעצאהלט זיין חלק ירושה פאר די געצענבילדער, וואס זיי האבען גערשה׳נט, האט ער פון דעם געלד קיין הנאה נישט געוואלט האבען און האט עס אריינגעווארפען אין ים.

בעזונדער בעריהמט האט זיך עקילס געמאכט אין דער יודישער וועלט מיט זיין איבערזעצונג פון דער ביבעל, וועגען וועלכער מיר האבען גערעדט אין דעם פריהערדיגען קאפיטעל. אט די ארבייט האט איהם אריינגעבראכט אין דעם ענגען קרייז פון די גרויסע תנאים, און זיין ליעבע צו ר׳ גמליאל׳ן איז געווען אזוי שטארק, אז ווען דער לעצטער איז געשטארבען, האט ער, צום צייכען פון טרויער, געלאזען פערברענען א מאסע טייערע כלים און קליידער.

אין דער וועלט־שטאדט רוים האט די ערשיינונג פון איבערגעהן צום יודענטום אנגענומען כמעט א מאסען־האפטען כאראקטער. רוימער פון די העכסטע געזעלשאפטליכע קרייזען, זענענדיג דורכגעדרונגען מיט דער ערהויבענקייט פונ׳ם גאט פון ישראל, מיט דעם גייסט פון זיין פערקווירדיגער געשיכטע און מיט די עטיש־רעליגיעזע יסודות פון זיין לעהרע, — זענען געווארען אדער האלבע גרים און האבען אבגעהיט געצעהלטע יודישע מצוות, אדער זיי זענען אינגאנצען אריבער אין דער יודישער קהלה. דער שארפזיכטיגער רוימישער היסטאריקער טאציטוס קען זיך די ערשיינונג נישט ערקלערן, וואס די רוימער אין זיין צייט פערלאזען זייערע געטער, זאגען זיך אב פון זייער פאטערלאנד, פון זייערע עלטערן, קינדער און שוועסטער, נאר אום זיך צוצושליסען צו די יודען; א עהנליכע פערוואונדערונג האבען מיר שוין, אין א פריהערדיגען קאפיטעל, ציטירט פון דעם בעריהמטען סאטיריקער יובענאל, און ווי ס׳איז אנצונעהמען האט עקסיסטירט אין רוים א גאנצער בעזונדער קרייז פון איבערצייגטע אנהענגער פון יודענטום, קאנצענטרירט ארום דעם בעריהמטען עפאפראדיטאס, דעם איבערגעגעבענעם פריינד פון יוסף בן מתתיהו אדער יאזעפוס פלאוויוס. פון די אלע פאקטען האט אבער קיין איינער נישט געמאכט אזא רושם אין רוים, ווי דער פאקט מיט דעם אלטען פעטער פון קייזער און געוועזענעם צווייטען קאנסול פלאוויוס קלעמענס, וועלכער האט ארויסגעוויע-

זען א בעזונדער הייסע ליעבע צום יודענטום.

די ידיעה, אז א פערוואנדטער פון קייזער, א פעטער פון דעם רשע, וואס האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, איז געווארען א הייסער אנהענגער פון יודענטום, האט זיך דערטראגען ביז צו דעם קרייז פון די געזעץ-לעהרער אין פאלעסטינא און ארויסגערופען דארטין פאנטאסטישע האפנונגען. דאס איז געווען גראד אין דער צייט, ווען דאמיציאן האט דערהויבען צוויי זיהן פון דעם זעלבינגען קלעמענס און זיי געמאכט פאר צעזארען, וואס עס האט געהייסען, אז דער פאטער פון דעם קומענדיגען קייזער זאל זיין א הייסער אנהענגער פון יודען און יודענטום!

אונטער דער צייט האט זיך דער בלוטדורשטיגער דאמיציאן דערוואוסט פון דער עפידעמישער נייגונג צום יודענטום, וואס האט ארומגעכאפט די אריסטאקראטישע שיכטען פון דער רוימישער געזעלשאפט, און ער איז געווארען שרעקליך אויפגעקאכט אי געגען די דאזיגע פעררעטערישע רוימער, אי געגען דער „אפיקורסישער" אומה בכלל. עס זענען נישט דערגאנגען צו אונז קיין גענויע קוועלען וועגען דאמיציאנ'ס טעטיגקייט אין זיינע לעצטע יאהרען; עס איז אבער בעקאנט, אז ער האט געלאזען אויספיהרען א מאסע טויט-שטראפען איבער הויכגעשטעלטע רוימער פאר זייערע נייגונגען צום יודענטום, און לויט איין נוסח האט זיך דער זעלבינער קלעמענס אויך געפונען צווישען די דאזיגע קרבנות *).

צו יענער צייט געהערט, ווי ס'איז צו גלויבען, אויך דער שרעקליכער בעפעהל, אויסצוטויטען פאר איין מאל אלע יודען פון דער רוימישער אימפעריע, — דער בעפעהל, וואס צוליעב איהם זענען די פיהרער פון דער אומה געפאהרען קיין רוים זיך משתדל זיין און בעטען. די רעטונג פון דער גזירה איז געקומען אונערווארטעט, אהן דער הילף פון די שלוחים: די הויפישע פערשווערונג, אין וועלכער ס'איז ארייגעגאנגען אויך זיין פרוי, האט ענדליך בעפרייט דער רוימישער וועלט פון דער שרעקליכער חיה אין מענשענגעשטאלט.

*) דעם צווייטען נוסח האבען מיר שוין איבערגעגעבען אין א פריהערדיגען קאפיטעל. לויט איהם האט ער זיך אליין דאס לעבען גענומען, כדי אויף אזא אופן צו ראטעווען די יודען פון דער געפאהר, וואס זיי איז פארגעשטאנען.

דאמיציאנ׳ס נאכפאלגער איז געוועזן דער עהרווירדיגער זען נערווא. גערעכט, קלוג און מענשענפריינדליך, האט איהם געפעהלט נאר די יוגענד אליין, כדי צו בעפעסטיגען זיינע נייע ארדנונגען און צוריק אויפשטעלן דעם בנין פון דער רוימישער מלוכה, וואס איז צושפליטערט און רואינירט געווארען פון דאמיציאנס גרויזאמע אכזריות׳ען, און אין דער קורצער צייט, וואס ער איז געזעסען אויף דעם רוימישען טראן (פון סעפט. 96 ביז יאנ. 98), האט ער אויך בעוויזען א מאסע אויפצוטאן, ווי פאר דער אלגעמיינער ארדנונג אין לאנד, אזוי פאר די גערודפ׳טע יודען און גרים. ער האט ארויסגעגעבען א געזעץ, לויט וועלכען דאס אריבערגעהן צום יודענטום האט זיך נישט גערעכענט פאר קיין אקט פון כפירה, און דערצו האט ער אין א גרויסער מאס פערלייכטערט אויף די צוואנג פון דעם שענדליכען יודענשטייער. לויט זיין פעראָרדנונג האבען אינגאנצען אויפגעהערט די אכזריות׳דיגע העצעס געגען יענע יודען, וואס האבען זיך געוואלט אויסבעהאלטען פון דעם אבצאהל, און די בעדייטונג פון דער הנחה איז געוועזן אזוי גרויס פאר די יודען פון דער רוימישער אימפעריע, אז זיי האבען געלאזען אויסגיעסען א ספעציעלע מטבע צום אנדענקען פון דעם דאזיגען קייזערליכען חסד. די מטבע האט געהאט אויף איין זייט דאס בילד פון קייזער, און אויף דער צווייטער זייט א פאלמע (סימבאל פון דער מלכות יהודה) מיט׳ן אויפשריפט: Fisci Judaiai Calumnia subtada (די אנקלאגען וועגען דעם יודענשטייער זענען אבגעשאפט).

ווי געזאגט, איז די הערשאפט פון דעם דאזיגען מענשליכען הערשער געוועזן גאנץ ווייניג דויערהאפט: ער איז געשטארבען און האט איבערגעלאזען פאר א יורש דעם שפאניער אולפיום טראיאנוס. מיט דער טראן-בעשטייגונג פון דעם לעצטען הויבען זיך צוריק אן די אלטע פיינדליכקייטען און רייבונגען צווישען די יודען און רוימער, און באלד זענען דיביידע פעלקער ווידער געשטאנען מיט וואפען אין די הענד איינס געגען דאס אנדערע.

דער מעכטיגער בעזיגער פון די דאקיער ביים דונאי, האט געחלומ׳ט וועגען די לארבער-קרענץ פון אלעקסאנדער דעם גרויסען, און זיין בליק איז געפאלען אויף די לענדער פונ׳ם ווייטען מזרח. איבער אלע וועלט-טיילען האבען געפלאטערט די אייזערנע פליגעל פון דעם רוימישען אדלער, נאר דארט, אין די טיפעניש פון אזיע, האבען זיך געפונען צוויי גרויסע, בליהענדע לענדער פריי, געלבספ-

שטענדיגע. דאָס האָט שטאַרק געריצט די איינגעליעבטע פון דעם קייזער מיט די גרויסע חלומות, און ער האָט זיך פערנומען דורכאויס, זיי אויסצופיהרען פאַר די פּנים פון זיין טראָן. ער האָט זיך אוועקגעלאָזען קיין מעסאָפּאָטאַמיע (בבל) און אַרמעניע און איז צוגעקומען ביז דער הויפּטשטאָדט פון פּאַרטיען; דער קאַמפּף איבער די דאָזיגע פּראָווינצען איז איהם נישט שווער אָנגעקומען, און ער האָט געקענט האָפען, אַז באַלד וועט ער האָבען אין זיין מאַכט די בּיידע טעריטאָריעס צווישען פּרת און חדקל און צווישען אינדוס און גאַנגעס. דאָ איז אָבער, נאָר אונערוואַרטעט, אויסגעוואַקסען אַ נייע קראַפט, וואָס האָט צושטערט אַלע פּלענער פון דעם גרויסען הערשער.

די יודען, אָנגעקומענע פון נאָכ'ן חורבן, ווי אויך אַלט-בּעזעסענע, האָבען דאָ געלעבט אין גרויסע מאַסען און פערנומען אַליין גאַנצע פּראָווינצען, וואו זיי האָבען געהאַט אייגענע פיהרער מיט גאַנץ זעלבּסטשטענדיגע אינערליכע פערוואַלטונגען. די דאָזיגע יודען האָבען זיך געפיהלט גאַנץ גוט אונטער די פּאַרטישע מלכים, און וועהענדיג איצט פאַר זיך די געפאַהר, אַרונטערצופאַלען אונטער דעם שרעקליכען יאָך פון די צושטערער פון זייער פרייהייט, פאָטערלאַנד און בית המקדש, — האָבען זיי בּעשלאָסען זיך צו נעהמען פאַר'ן געוועהר. נציבין, וועלכע איז געוועזען אינגאַנצען בּעפעלקערט פון יודען, האָט אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען ווידערשטאַנד און האָט אָבגעהאַלטען די מעכטיגע רוימער אַ לאַנגע צייט אויסער די טויערן פון שטאָדט; מוטיג געקעמפפט געגען טראַיאַנ'ס מחנה האָט אויך דאָס פירשטענטום אַדיאַ-בּענע, וואָס איז בּעהערשט געוואָרען פון אַ יודישען קעניג (אַ אייניקעל פון מונבז המלך), און אויב טראַיאַנ'ען האָט זיך איינגעגעבען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד, האָט דאָס איהם אָבער דאָך געהנטער צו דער פערווירקליכונג פון זיין חלום נישט צוגעפיהרט. אין דער צייט, ווען ער האָט געהאַלטען דעם קאַמפּף פאַר געענדיגט און האָט זיך אומגעקעהרט מיט זיין מחנה קיין אַנטיוכיא (115), האָבען די איינגענומענע פּראָווינצען צוריק אויפגעהויבען די פאָהן פון אויפשטאַנד, און אַזוי האָט זיך די מלחמה פערשלעפּט אויף אַ לאַנגע צייט.

די אויפרעגונג צווישען די יודען פון דער דיאַספּאָראַ איבער טראַיאַנ'ס אַרויסטרעטונגען איז דערווייל געוואַקסען פון טאָג און האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשפּרייט. אויסער די פּאַרטישע לענדער האָבען זיך גרויסע יודישע מאַסען געפונען אויך אין סיריען, קליין אַזיע, מצרים

אין צפון אפריקא ; דאס זענען געוועזן אנטלאפענע פון דער גרויסער שחיטה אין יהודה, וועלכע האבען זיך קוים געראטעוועט אין די קהלות פון זייערע ברידער און געבראכט מיט זיך דעם פרישען ווערטאג איבער דער פערלוירענער היימאט און דעם גיפטיגען האס צו די בלוטיגע בעזיגער. אט די אויפגערייצטע שטימונג געגען די רוימער איז איבערגעגאנגען אויך צו די אלטבעזעסענע יודען פון די אלע קהלות, און אין פיעל ערטער האט די דאזיגע שטימונג געבראכט צו ערנסטע צוזאמענשטויסען צווישען די רוימער און יודען.

דער ערשטער אויסברוך פון דעם יודישען צארן אויסער די גרענעצען פון יהודה איז פארגעקומען אין אלעקסאנדריע, אין 73-טען יאהר, נאך דעם טרויעריגען עפילאג פון דער גרויסער מלחמה, ווען די אנטלאפענע פון דער לעצטער פעסטונג מסדה זענען אנגעקומען מאסען-ווייז קיין מצרים און האבען איבערגעגעבען אלע איינצעלהייטען פון דעם שרעקליכען חורבן און פון דער אכזריות, מיט וועלכער די רוימער זענען זיך בעגאנגען מיט זייערע קרבנות. עס האט געשמעקט מיט א ווידערהאלונג פון די אלע שרעקליכע סצענעס אויף דעם עגיפטישען באדען ; ווי אומעטום, איז אבער די יודישע אריסטאקראטיע דא אויך געוועזן געגען מיושב'דיג, נישט צו דערלאזען צו אזא שריט, און די געקומענע פאנאטישע זעלאטען זענען געצוואונגען געוועזן זיך צושפרייטען איבערן לאנד. דא זענען פיעל פון זיי אריינגעפאלען אין די הענד פון דער רוימישער אדמיניסטראציע, וועלכע האט זיי אנגעטאן די שרעקליכסטע יסורים און געצוואונגען, צו אנערקענען זיך פאר געטרייע אונטערטאנען פון דעם רוימישען קייזער. נישט אלע מאל אבער איז דאס די רוימער געלונגען : די פערעקשנ'טע זעלאטען זענען דא אויך נישט וויכער געווארען און האבען דעם שונא נישט געוואלט נאכגעבען.

אויף דעם יסוד פון די אלע פאקטען האט דער רוימישער פראקוראטאר אין אלעקסאנדריע זיך געאיילט, צו-וויסען צו געבען אין רוים וועגען דעם אויפשטאנד פון די יודען אין עגיפטען, און דאס האט דעם בייזען וועספאסיאנ'ען אריינגעבראכט אין אזא גרימצארן, אז ער האט בעפוילען, צו בעשטראפען די יודען אין עגיפטען מיט דער הארבסטער שטראף, וואס ער האט נאר געקענט פאר זיין צוטראכטען ; פערמאכען דעם טעמפעל אין לעאנטאפאליס, וואס איז געשטאנען איבער צוויי הונדערט יאר און האט געדיענט פאר דעם צווייטען רעליגיעזען

צענטר — נאָך דעם בית המקדש אין ירושלים. דערביי זענען אלע כלים פון דעם טעמפעל קאָנפיסקירט געוואָרען פאר דעם רוימישען אוצר המלוכה, און דער בנין אליין איז פערמאכט און פערחתמ׳עט געוואָרען.

דערמיט האָבען זיך אָבער די אונרוהען נאָך נישט געענדיגט. אין דער זעלביגער צייט, ווען וועספאַסיאַנ׳ס משרתים זענען געווען פערנומען מיט די יודישע זעלאָטען אין עגיפטען, האָט אין דער שכנות׳דיגער קירענייקע אויפגעפלאַקערט א נייע בעוועגונג. דאָ האָט דער אנגעקומענער קנאי יהונתן צונויפגענומען ארום זיך ביז צוויי טויזענד מאן פון דער יודישער בעפעלקערונג אין שטאָדט, און האָט געפרובט זיך אנטקעגען שטעלען די רוימישע סאָלדאַטען. נאַטירליך האָט אויך דער אויפשטאַנד זיך געענדיגט נישט בעסער פון די פריהערדיגע; דער רוימישער פערוואלטער פון דעם ליבישען ראיאָן, קאַטולוס, האָט ענדליך דאָך צושלאָגען דעם הייפעל יודישע פאַטריאָטען; דערביי האָט ער דעם דערמאָנטען יהונתן געפאַנגען און אוועקגעפיהרט קיין רוים, אלם הויפט-אָנפיהרער פון דער גאַנצער בעוועגונג. דער זעלביגער קאַטולוס האָט זאָגאַר געפרובט אריינציהען די אָנגעזעהענע יודען פון אלעקסאַנדריע און רוים (צווישען די לעצטע אויך דעם בעריהמטען יאָזעפוס פלאַוויוס,) אלס מיטשולדיגע אין דעם בונד. דער אויפטו האָט זיך איהם אָבער נישט איינגעגעבען: די אַלע בעשולדיגטע זענען בעפרייט געוואָרען, און זיין גאַנצען כעס האָט וועספאַסיאַן אויסגעלאָזען צו דעם געפאַנגענעם יהונתן, וועלכען ער האָט פערארטיילט צו שווערער לייב-שטראָף און דערנאָך איהם געלאָזען פערברענען לעבעדיגערהייד.

אזוי האָט זיך געענדיגט דער זעלאָטישער שטורם, וואָס האָט אויפגעטרייסעלט אלע יודישע קהלות פון דער רוימישער אימפעריע. די שטרייטיגקייטען און אויפשטאַנדען האָבען נאָכמעהר פונאַנדערגעבלאָזען די שנאה, וואָס האָט פון אייביג-אָן געהערשט צווישען דער גריכיש-רוימישער בעפעלקערונג און זייערע יודישע שכנים, און די לעצטע האָבען אָנגעהויבען מאַסען-וויינ אויסצעוואַנדערן אין די פּאַרטישע לענדער, בעזונדער אין בבל. אמגליקליכסטען זענען געווען די יודען, וואָס האָבען אויסגעוואַנדערט קיין צפון-אראַביען און זיך בעזעצט אין דער געגענד פון מעדינא; דאָרט איז געלונגען, צו גרינדען דאָרטען א נייעם זעלבסטשטענדיגען יודישען ישוב, וואָס האָט עקסיסטירט ביז זיבעטען יאָהרהונדערט. אין די ערשטע יאָהרען האָבען אָבער די יודען אין די פּאַרטישע לענדער זיך אויך גאַנץ גוט געפיהלט. א דאַנק

דער שוואכקייט פון דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע, זענען דאָ די יודישע קהלות איינגאַנצען זעלבסטשטענדיג געווען אין זייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, און מיט דער צייט האָבען זיך געבילדעט ביי זיי גרויסע צענטערן פאַר דער יודישער געזעצלעהרע, וואָס האָבען געדיענט אלס יסוד פאַר דער שפּעטערדיגער תלמוד'ישער אַקאַדעמיע.

געקרעפטיגט און אָבגעפרישט אונטער דער פּאַרטישער ממשלה, האָבען אָט די יודישע צענטערן אלזאָ געמוזט טראָגען אין הארצען אַ שטאַרקע שנאה צו זייערע אַמאָליגע רוימישע פערפאָלגער, און איצט, ווען די לעצטע האָבען זיי דאָ אויך געפונען און געוואָלט אַרויפלייגען זייער האַנד אויף דער יודישער פרייהייט, — האָט זיך דאָס גאַנצע יודענטום אַ טרייסעל געטאָן. די האָפנונג, וואָס די גייסטיגע פיהרער האָבען נישט אויפגעהערט צו פלאַנצען אין פאָלק, — די האָפנונג, אַז באַלד וועט דער בית המקדש צוריק אויפגעבויט ווערן — האָט גענעהרט דיזעלבע פרייהייטס-גייסט פון דער יוגענד און איהם שטענדיג וואך געהאַלטען, און דערצו איז נאָך צוגעקומען די חוצפה'דיגע אכזריות, מיט וועלכער די רוימישע סאָלדאַטען האָבען בעהאַנדעלט די איינגענומענע בעפעלקערונגען; דאָס האָט דעם יודישען צאָרן איינגאַנצען צופלאַקערט, און דער רעוואָלוציאָנערער שטורם האָט זיך, ווי אַנ'אורגאַן, דורכגעטראָגען דורך אַלע יודישע קהלות, ווי אין די פּאַרטישע אַזוי אויך אין די לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע. „ניעדער מיט די רוימער!" דאָס איז געוואָרען דער לאָזונג פון דער גאַנצער דיאַספּאָראַ, און באַלד זענען אויך פיהרער אויסגעוואַקסען, וואָס האָבען זיך אַוועקגעשטעלט בראש פון די אויפגערעגטע מאַסען, און אָבגעווענדט דעם שטראָם פון זייער כעס און פערביטערונג אין איין בעשטימטער ריכטונג.

דעם ערשטען סיגנאַל צו דער בעוועגונג האָבען געגעבען די צוויי ברידער יוליאַנוס און פּאַפּאָס פון אַלעקסאַנדריע, וועלכע זענען אָנגערופען געוואָרען „דער שטאָלץ פון ישראל". זיי האָבען אַרויסגערופען צום קאַמפף די יודען פון דער פּראָווינץ קירענייקע, און פון דאָרטען האָט זיך דער אויפשטאַנד פונאַנדערגעטראָגען איבער אַלע רוימישע געביעטען אין אַפריקא, וואו עס האָט זיך געפונען אַ קלייַנער טייל פון דעם רוימישען מיליטער. פון די קירענייאישע יודען גופא האָט זיך אויך אויסגעטיילט בעזונדער אַלס אָנפיהרער אַ געוויסער אַנדרעאַס אָדער, לויט אַנ'אַנדער נוסח, לוקואַס, און באַלד האָט דער אויסברוך אָנגענומען אַ ערנסטען שטורמישען כאַראַקטער. די יודען האָבען זיך

טרויפגעווארפען אויף דער שוואך-בעשיצטער רוימישער בעפעלקערונג מיט א אונגעוועהנליכער פערביטערטקייט, און ווען מ'זאל אפילו אנגעמען, אז די שילדערונגען פון די רוימישע קוועלען וועגען די דאזיגע געשעהענישען זענען שטארק איבערגעטריבען, בלייבט אבער אלץ דער פאקט, אז די אויפגעקאכטע יודישע מאסען האבען זיך אכזריות'דיג נוקם געווען אן זייערע פערפאלגער און געצוואונגען די געפאנגענע רוימער, זיך צו האמפערן מיט ווילדע חיות.

געשטילט די צורייצטע נקמה-אינסטינקטען אין'ם בלוט-שטראם פון דער קירענייאישער געצענדיענערישער בעפעלקערונג *), — האבען זיך די יודישע פאטריאטען נאך נישט אבגעשטעלט: זיי האבען זיך פעראייניגט מיט זייערע ברידער אין עגיפטען. דא האבען זיי צושלאגען די מחנה פון דעם אלעקסאנדרינישען שטאטהאלטער לופוס, וואס איז זיי ארויס אנטקעגען, און די גאנצע פראווינץ איז אריינגעפאלען אין זייערע הענד. דאס האט ארויסגערופען א פערביטערטען צארן ביי דער געצענדיענערישער בעפעלקערונג פון אלעקסאנדריע גופא און זי האט מיט דער זעלביגער אכזריות אויסגעהרג'עט די יודישע איינוואוינער פון שטאדט; באלד זענען אבער אנגעקומען די יודישע זיגער פון קירענייקע, און האבען זיך נוקם געווען פאר די אומגעקומענע ברידער. זיי זענען בעפאלען אלעקסאנדריע און האבען זי אויף אזוי פיעל חרוב געמאכט, אז די שטאדט האט שפעטער געמוזט במעט פון דאס-ניי אויפגעבויט ווערן. לופוס מיט זיינע רוימישע מחנות האט נישט געקענט אבהאלטען דעם שטראם פון די צעווילדעטע יודישע שארען, און די אנגסט פון די גריכען און רוימער אין דער עגיפטישער הויפט-שטאדט איז געווען אזוי גרויס, אז מאסען פון זיי זענען אין דער פינסטער אנטלאפען אויסערן שטאדט, און יעדער מינדסטער גערויש האט אויף זיי א טויט-ציטערניש אנגעווארפען. אויף דער אינזעל ציפערן (קפריסין), וואו יודען האבען שוין געוואוינט א לאנגע צייט און געהאט א סך שולען, האט זיך געשטעלט בראש פון דעם אויפשטאנד א געוויסער ארטעמיאן, און אויך דא איז די ארטיגע בעפעלקערונג אינגאנצען הילפלאז געווען געגען דעם ווילדען אויסברוך פון דער יודישער נקמה;

---

*) לויט די דערמאנטע גוזמא'דיגע רוימישע קוועלען זענען אין יענע טעג געפאלען פון יודישע הענד ביז 220,000 געצענדינער.

די הויפטשטאָדט סאַלאַמיס, איז צושטערט געוואָרען, און לויט אַ געוויסער איבערגעטריבענעם היסטאָרישען מקור, האָבען די יודען אויסגעהרג'עט אויף דער אינזעל איבער 240,000 גריכען.

די ידיעות וועגען מאַסען־שחיטות פון גריכען און רוימער דורך יודישע רעוואָלוציאָנערען האָבען געצוואונגען טראַיאַנוס'ען אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען. פון בבל, וואו ער האָט זיך דאַן געפונען, האָט ער אָוועקגעשיקט אַ שטאַרקע מיליטערישע מאַכט, אונטער דער אָנפיהרונג פון מאַרטיוס טורבאָ מיט דעם אויפטראָג, צו דערשטיקען די יודישע מרידה אין מצרים, קירענייקע און אויף דער אינזעל ציפערן. געגען די יודען פון די אזיאַטישע פראָווינצען האָט טראַיאַן אָוועקגעשיקט אַ צווייטע מחנה און האָט זי איבערגעגעבען זיין ליעבלינגס־גענעראַל, דעם מאַוריטאַנישען פירשט לוזיוס קוויעטוס, וועלכען ער האָט דערנאָך בעשטימט פאַר זיין נאָכפאָלגער אויף דעם רוימישען טראָן. דער יודישער אויפשטאַנד האָט אַלזאָ אַרומגענומען טראַיאַנ'ען פון פערשיעדענע זייטען, און ווען עס וואָלט זיין מעהר אחדות, מעהר סיסטעם אין דעם דאָזיגען ווילדען אויסברוך פונ'ם ביז אַהער אונטערדריקטען פאָלקס־צאָרן, וואָלט אפשר דער מעכטיגער ריעזען־קערפער פון דער רוימישער אימפעריע שוין דעמאָלט (117 — 116) בעקומען יענעם האַרטען שטויס, וואָס ער האָט בעקומען אין עטליכע הונדערט יאָהר אַרום פון די צפון־לענדישע באַרבאַרען.

פון די אָוועקגעשיקטע מחנות האָט די ערשטע ענטוויקעלט אַ שטאַרקע און אויסגערעכענטע מלחמה־טעטיגקייט. טורבאָ איז זעהר פאָרזיכטיג צוגעגאַנגען צו די צענטערן פון דעם יודישען אויפשטאַנד אין די פראָווינצען, וואָס זענען איהם איבערגעגעבען געוואָרען, און נאָך אַ רייהע בלוטיגע צוזאַמענשטויסען איז עס די רוימער געלונגען צו ווערען די בעלי בתים פון דער לאַגע, אַ דאַנק זייער גרעסערער צאָהל קריעגס־געלערנטע סאָלדאַטען און בעזונדער אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבען אַרויסגעשטעלט גאַנצע מחנות רייטער־סאָלדאַטען געגען די שלעכט בעוואָפענטע יודישע מאַסען. די יודישע קעמפפער זענען איצט אַלזאָ אַריינגעפאַלען צו זייערע פריהערדיגע קרבנות אין די הענד, און די לעצטע האָבען זיך אָן זיי ביטער נוקם געווען. די רוימישע לעגיאָנען האָבען אַרומגערינגעלט די יודישע געפאַנגענע און מיט די שפּיזען זיי דורכגעשטאָכען, דערביי האָבען זיי די פרויען געשענדעט און געטויט אויף דעם גרויזאַמסטען אופן. טורבאָ האָט געלאָזען תרוב מאַכען אויף

די אוראַלטע אַלעקסאַנדרינישע גרויסע שוהל, וואָס איז געווען אַ וואונדער־ווערק פון דער עגיפּטיש־גריכישער אַרכיטעקטור. דער זאַל פון שוהל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין די ווייטערע ווינקלען האָט מען נישט געהערט דעם חזן׳ס שטימע, און ביי יעדעם מאָל, ווען דער עולם האָט געדאַרפט ענטפערן „אמן״, האָט מען געמוזט געבען דערצו אַ בעזונדער סיגנאַל (אויפהויבען אַ פאָהן); די דאָזיגע שוהל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי אַ דאָרן אין די אויגען פון די געצענדיענער, און האָט שוין געהאַט אַ סך קלעפּ איבערגעטראָגען; מיט דעם לעצטען פּאָגראָם איז זי אָבער אינגאַנצען צושטערט געוואָרען, און צוזאַמען מיט איהר איז אונטערגעגאַנגען אויך דער גלאַנץ פון דער יודישער קהלה אין אַלעקסאַנדריע.

געענדיגט זיין אַרבייט אין מצרים, האָט טורבאָ אַריבערגעפיהרט זיין מחנה אויף דער אינזעל ציפּערן, וואו ער האָט די יודישע איינוואוינער אינגאַנצען פערטיליגט. און די אָרטיגע בעפעלקערונג האָט זיך נאָך דערמיט נישט געשטילט; איהר שנאה צו די יודען איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געשאַפען אַ געזעץ, לויט וועלכען קיין איינציגער פון דעם יודישען שטאַם טאָר קיינמאָל נישט בעטרעטען די ערד פון דער אינזעל, אפילו אין דעם פאַל פון אַ שיפס־ברוך.

מיט נישט קיין קלענערן ערפאָלג און מיט נישט ווענינער אַכזריות האָט געפיהרט דעם קאַמפּף געגען די יודען פון בבל און אַרמעניען דער צווייטער „בערוהיגער״, קוויעטוס. הייזער, גאַסען, וועגען און שטעגען זענען בעדעקט געוואָרען מיט טויטע יודישע קערפּער׳ם, און אַלס בעלוינונג פאַר דער דאָזיגער טעטיגקייט, האָט איהם טראַיאַן בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער גאַנץ פּאַלעסטינא מיט בעזונדערע ברייטע פאָלמאַכטען. אַזוי ווי דער אַלגעמיינער פאָלקס־שטורם האָט ערהאַפּט אויך די יודען פון פּאַלעסטינא, האָט קוויעטוס גלייך גענומען אַ גינסטיגען באָדען פאַר זיין אַכזריות׳דיגער „בערוהיגונג״. טויזענדער יודישע קרבנות האָבען ווידער אָנגעפילט די שטעדט פון יהודה, און דער טרויער איבער די געפאַלענע איז געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס סנהדרין האָט בעשטימט אַ נייעם טרויער־צייכען צום אָנדענקען פון דעם גרויבען פאָלקס־אונגליק — די כלות אין דעם טאָג פון דער חתונה זאָלען נישט טראָגען די געוועהנליכע בלומען־קרענץ.

נאָך די אַלע נצחונות איבער די יודישע מורדים האָט טראַיאַן אַליין גענומען פון דעסטוועגען פערלאָזען די איינגענומענע פּאָזיציעס אויף

דעם פּאַרטישען באָדען, און דערבײַ האָט ער זיך אויך געמוזט אָבזאָגען פון זײַן גאַנצען פּלאַן, צו פערוואַנדלען דאָס פּאַרטישע לאַנד אין אַ רוימישער פּראָווינץ ; דאָס איז פאַר דעם שטאָלצען טרוימער געווען אַ צו־שטאַרקער קלאַפּ און זײַן געזונד איז דערפון שטאַרק רואינירט געוואָרען. אין אַ קראַנקען צושטאַנד האָט מען איהם געבראַכט קײן אַנטיוכיאַ, און פון דאָרטין האָט מען איהם צוגעפיהרט ביז ציליציע, וואו ער איז געשטאָרבען (117).

טראַיאַנ׳ס הערשאַפט איז געווען אַ בלוטיגע עפּאָכע אין דער יודישער געשיכטע. צום בעדויערן, זענען צו אונז נישט דערגאַנגען קײן גענויע היסטאָרישע קוועלען וועגען אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יענער וויכטיגער צײַט, און מיר מוזען זיך בענוגנען מיט די פערנעבעלטע לעגענדעס, אין וועלכע ס׳איז גאַנץ שווער אויסצוגעפינען דעם פאַקטישען קערן. אײן תלמוד׳ישע לעגענדע דערצעהלט : טראַיאַנ׳ס ווײַב האָט געבוירען אַ קינד תשעה באָב בײַנאַכט, ווען אַלע יודען זענען געזעסען אויף דר׳ערד און האָבען געקלאָגט אויף דעם חורבן פון בית המקדש, געשטאָרבען, ווידער, איז דאָס קינד אום חנוכה, ווען אַלע יודישע הײַזער זענען געווען פײַערליך אילומינירט צום אָנדענקען פון די מכבי׳שע נצחונות. און מוסרים האָבען זיך געפונען, וואָס האָבען דערטראָגען דער קײַזערין, אַז יודען האָבען געטרויערט, ווען דער יורש־עצר איז געבוירען געוואָרען, און געפּראַוועט אַ יום־טוב — ווען ער איז געשטאָרבען, האָט דאָס דער קײַזערין אַרײַנגעבראַכט אין גרויס גרימצאָרן און זי האָט אַוועקגעשריבען צו איהר מאַן, דעם קײַזער : אײדער דו געהסט בערוהיגען די באַרבאַרען, בערוהיג בעסער די יודען, וואָס האָבען אָן דיר מורד געווען. און טראַיאַן האָט איהר געפאָלגט : ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף, און אַ שטאַרקער ווינט האָט איהם געבראַכט קײן יהודה בלויז אין פינף טאָג, אָנשטאָט דעם, וואָס געוועהנליך האָט דאָס געמוזט דויערן פיעל לענגער. אַרויפגעטרעטען אויף דער יודישער ערד, האָט טראַיאַנוס־קיסר געטראָפען די חכמים, ווי זײ האָבען געדרשה׳נט דעם פּסוק : „גאָט וועט אויף דיר אָנשיקען אַ וויטען פאָלק פון עק וועלט, וואָס וועט קומען צופליהען מיט דער געשווינדקײַט פון אַ אָדלער". האָט ער צו זײ געזאָגט : „איך בין דער אָדלער! איך האָב געדאַרפט פאָהרען צעהן טאָג און בין אײַנגעפאָהרען אין פינף !"—און אַרומרינגלענדיג די יודען מיט זײַנע לעגיאָנען האָט ער זײ געלאָזען אויסהרג׳נען ; דערנאָך האָט דער קיסר זיך געווענדט צו ד

יודישע פרויען און געזאגט צו זיי: „גיט זיך אונטער מיינע לעגיאָנען. ווען ניט — וועל איך טאָן מיט אייך דאס זעלבע, וואס מיט אייערע מענער“; אויף דעם האָבען איהם די פרויען געענטפערט: „טו מיט די קלענערע דאס, וואס דו האסט געטאָן מיט די גרעסערע“. דאן האָבען די רוימישע סאָלדאטען זיי אלעמען אויסגעהרג׳עט און דאס בלוט פון די פרויען האָט זיך צוזאמענגעגאָסען מיט׳ן בלוט פון די מענער: עס איז געוואָרען איין גרויסער בלוט-שטראָם, וואס האָט זיך געצויגען אזש ביז דער אינזעל ציפערן.

די העלדען פון דער לעגענדע, די קייזערין פלאָטינאָ, האָט ווירקליך געשפּילט א בעדייטענדע ראָליע אין דעם רוימישען הויף-לעבען פון איהר צייט, און נאָר א דאנק איהר איז ניט דערפילט געוואָרען טראיאנ׳ס לעצטער ווילען, אז קוויעטוס זאָל זיין דער יורש פון דעם רוימישען טראָן. זי האָט געגעבען צו וויסען דער ארמעע, אז איהר מאן האָט בעשטימט אלס זוהן און טראָן-יורש זיין פערוואנדטען עליוס האדריאן, און דער לעצטער איז גלייך געקרוינט געוואָרען פאר א הערשער פון דער רוימישער אימפעריע.

טרינוס



מטבעות פון די צייטן פון בר-כוכבא

פיערטעס קאַפּיטל

די בלוטיגע מלחמה אין יהודה

אַרויפטרעטענדיג אויף דעם רוימישן הערשער-שטוהל האָט האַדריאַן געפונען פאַר זיך אַ רייהע פעלקער אין אַ רעוואָלוציאָנערן צושטאַנד און עטליכע פּראָווינצען, וואָס האָבן זיך אויך געקליבען אָראָבצעוואַרפען פון זיך די קייטען פון דער רוימישער איבערהערשאַפט. די דאָזיגע שטימונג האָט זיך בעזונדער שטאַרק פונאַנדערגעפלאַקערט נאָכ'ן טויט פון דעם אייזערנעם טראַיאַנוס-קיסר, און באַלד זענען אַלע מזרח- און מערב-לענדער געווען אַרומגענומען פון אַ שטאַרקען רעוואָלוציאָנערען פלאַם, וואָס האָט געקענט ווערן שטאַרק געפעהרליך פאַר דער גאַנצקייט פון דער מעכטיגער רוימישער אימפּעריע; און אָט דער צושטאַנד האָט אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק אויף דעם נישט זעהר קריעגערישען נייעם הערשער: ער האָט אָנגעהויבען צו געהן אויף פשרות, נאָכצוגעבען. זיין ערשטער שריט אויף דעם וועג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אינגאַנצען אָבגעזאָגט פון יעטוועדער פּרעטענזיע אויף די פּאַרטישע לענדער און זיי איבערגעלאָזען די פריהערדיגע מושלים; דאַן זענען געקומען די איבריגע רעוואָלוציאָנערע פעלקער, וועלכע ער האָט אויך בעהאַנדעלט מיט דער זעלביגער נאָכגיעביגקייט, און ענדליך די אויפגערעגטע יודען פון דער רוימישער אימפּעריע, וואָס האַדריאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען זעהר פריינדליך צו זיי. ער האָט בעזייטיגט פון זיין אַמט אין פּאַלעס-

טינא דעם אכזריות'דיגען קוויעטוס, און חאטש ער האט געהאט דערביי גאר אנ'אנדער כונה, — די כונה, פטור צו ווערן פון א געפעהרליכען פרעטענדענט אויף דעם רוימישען טראן — האבען די יודען דאך געזעהען אין דעם אקט א חסד פון קייזער און האבען דאס אפילו בעטראכט פאר א ישועה פון הימעל. קוויעטוס האט גראד געהאט בעקומען דאן אין זיינע הענד אלס געפאנגענע די צוויי בעריהמטע יודישע פיהרער, יוליא-נוס און פאפאס, וועלכע ער האט זיך געקליבען צו טויטען, און נאר האדריאנ'ס בעפעהל האט זיי מציל געווען פון דער אכזריות'דיגער שטראף. „ווען אייער גאט איז אזוי שטארק, — האט זיך דער מעכטי-גער קוויעטוס, ווי די לעגענדע דערצעהלט, געווענדט צו די געפאנגע-נע — טא זאל ער אייך מציל זיין פון מיינע הענד". אויף דעם האבען די פעראורטיילטע געענטפערט: „דו ביזט גארנישט ווערט, אז גאט זאל צוליעב דיר ווייזען א נס, דען דו ביזט נישט קיין זעלבסטהערשער, נאר א אונטערטאן פון א העכערער מאכט"; און אין דעם אויגענבליק, ווען די געפאנגענע זענען געפיהרט געווארען צו דעם מערטירער-טויט, איז אנגעקומען דער שליח מיט דעם בעפעהל, וואס האט אראבגעזעצט דעם בלוטיגען שופט פון זיין ריכטער-שטוהל און אבגעשאפט זיינע משפטים. דער טאג פון דער דאזיגער ישועה איז געפייערט געווארען, ווי א נאצ-יאנאלער געדענק-טאג, אונטער דעם נאמען יום טראיאנוס (12 אדר) *).

אט די אלע נאכגיעביגקייטען פון דעם נייעם הערשער האבען ארויסגערופען צווישען די יודישע מאסען פון דער דיאספארא פערשיע-דענע פאנטאסטישע האפנונגען. אזוי ווי אלע יודישע אויפשטאנדען געגען די רוימער האבען געצויגען זייער יניקה נאר פון דער פערביטערטער טיעפער שנאה, וואס די יודען האבען געטראגען אין הארצען צו די צושטערער פון בית המקדש, איז די צוריק-אויפבויאונג פון דעם זעלבען געווארען דער איינציגער וועג אויף צו דערהאלטען די פריעדליכע שטי-מונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, און ווען די פיהרער פון יו-דענטום האבען דאס ערקלערט האדריאנ'ען, האט ער אויסגעדריקט זיין בערייטקייט צו פערווירקליכען דעם פארשלאג. זיין שרעק פאר פערווי-קעלטע מלחמות, וואס האבען געקענט ארויסשטעלן גרעסערע קריעגס-

*) די פאלקס-מסורה האט צוזאמענגעבונדען די געשעהענישען פון טראיאנוס'עס פערטרעטער, קוויעטוס, מיט'ן נאמען פון טראיאנוס'ען אליין.

העלרען פון איהם, און דערצו זיין שוואכקייט, אויפצושטעלן צוריק די חורבות פון בעריהמטע אלטע שטעדט, האבען זיך דא פעראייניגט, צו בעפריידיגען דעם הארציגסטען יודישען פערלאנג. כדי צו צוטרעטען צו דער רעסטאוראציע פון בית המקדש האט מען געמוזט פריהער די גאנצע שטאדט לעבעדיג מאכען, און באלד זענען הונדערטער ארבייטער אוועקגעשטעלט געווארען (אונטער דער אויפזיכט פון דעם בעריהמטען עקילס) ארום די חורבות פון דער פערוויסטער הויפטשטאדט.

די קאסטען פון דער דאזיגער בענייאונג זענען געזאמעלט געווארען פון פאלק, און בראש פון אט דער זאמלונגס-טעטיגקייט זענען אוועקגעשטעלט געווארען די זעלביגע צוויי פיהרער, וועלכע זענען א דאנק האדריאנ'ס בעפעהל נצול געווארען פון טויט. זיי האבען ארגאניזירט עטליכע צענטערן פאר דער געלד-זאמלונג, און עס האט זיך אנגעהויבען א לעבהאפטע בעוועגונג צווישען אלע יודען פון דער דיאספארא; פון אלע זייטען האבען זיך געטראגען גרויסע סומען געלד, די בעגייסטערונג פון די יודישע מאסען איבער דער האפנונג, ווידער צו האבען א הייליגען מיטעלפונקט, איז געוואקסען פון טאג, און די פליעגלען פון דער יודישער פאנטאזיע האבען זיך שטארק פונאנדערגעשפּרייט; א געוויסער יודיש-גריכישער דיכטער האט פעראייביגט די פרעהליכע שטימונג, וואס האט געהערשט דעמאלט צווישען יודען, אין שענע גריכישע פערזען. ווי זיינע פארגענגער מיט'ן מויל פון דער סיבילע, אזוי רעדט דער דיכטער אויך פון דער נאהענטער משיח-צייט, פון דעם גרויסען נצחון, וואס דאס יודענטום וועט אבהאלטען איבערן היידענטום, און וועגען די אלע גליקען, וואס הויבען זיך אן מיט דער הערשאפט פון דעם „בלאנדלאקיגען גוטהערציגען קייזער".

אויף וויפיעל אבער די יודען האבען זיך געפיהלט גליקליך פון דער גרויסער האפנונג, ווידער צו האבען זייער צענטער, זייער הייליגטום, אויף אזוי פיעל זענען די קריסטען נישט צופריעדען געוועזען פון האדריאנ'ס אויפטו. זיי האבען די גאנצע צייט בסדר געפלאנצט אין זייערע צוהערער דעם געדאנק, אז ישו, אלס געטליכער משיח, האט בעפרייט דער וועלט פון קרבנות און דעריבער מאקי איז דער בית המקדש חרוב געווארען, און דא האט גאר געהאלטען דערביי, אז דער בית המקדש זאל צוריק אויפגעשטעלט ווערן! אזא פאקט האט געקענט צו-נישט מאכען אלע זייערע סברות און פשט'לעך, און דער בעריהמטער אלעקסאנדרינישער אפאסטאל בארנאבאס געפינט פאר נויטיג צו פערהאפען

די געפאהר און זי פאראויס אויסצוטייטשען. ער שרייבט צו זיינע חברים: „די יעניגע, וועלכע האבען דעם בית המקדש צושטערט, וועלען איהם צוריק אויפבויען! דאס וועט געשעהען. דורך זייערע מלחמות איז ער פון די שונאים צושטערט געווארען, איצט וועלען זיי און די דיענער פון זייערע שונאים איהם צוריק אויפבויען, אבער נאר צוליעב דעם, כדי די הייליגע שטאדט, דער בית המקדש און דאס פאלק ישראל זאלען ווידער איבערגעגעבען ווערן (צו די פיינד)".

צוזאמען מיט די קריסטען האבען די אלטע יודישע שונאים, די שומרונים, אויך קרום געקוקט אויף דער ווידער־אויפבויאונג פון דער יודישער הויפטשטאדט. זיי האבען, ווי זייערע עלטער־זיידעס אמאל, אין דער צייט פון כרש מלך פרס, געמסר'ט די יודען פאר דער צענטראלער רעגירונג און איהר נעגעבען צו פערשטעהן, אז די אויפגעבויטע הויפטשטאדט מיט'ן בית המקדש וועט אויפמונטערן דעם יודישען פאלק און איהם טרייבען צו נייע אויפשטאנדען און איבערקעהרעגישען. און די מסירות האבען געווירקט: אין דער צייט, ווען דער רוימישער פערטרעטער אין פאלעסטינא האט צוגעזאגט די יודען אלע גליקען און פרייהייטען, האט האדריאן אליין שוין אנגעהויבען צוריקצוציהען זיין אמאליגע הבטחה. אין אנהויב האט ער פון דעסטוועגען מורא געהאט, אפען צוריקצונעהמען זייןווארט, און ער האט אנגעהויבען אבצוציהען די ארבייט מיט פערשידענע תרוצים און הינטערשפיצלעך (ער האט, למשל, געפאדערט, אז דער בית המקדש זאל אויפגעשטעלט ווערן נישט אויף דעם פריהערדיגען פלאץ); ביסליכווייז האט ער אבער איגנאנצען אראבגעווארפען די מאסקע און דא איז קלאר געווארען זיין אמת'ע כונה: ער האט ווירקליך בעשלאסען, צוריק אויפצושטעלען די פערוויסטע ירושלים, אבער נישט אלס יודישע הויפטשטאדט, נאר אלס געצענדיענערישער צענטר פאר די מזרח־לענדער מיט א גרויסען יופיטער־טעמפעל.

די קלאנגען וועגען דער דאזיגער שרעקליכער ענדערונג האבען ארויסגערופען א שטארקע אויפרודערונג אין דער יודישער וועלט. עס האט געהייסען, אז דער רוימישער הערשער האט חוזק געמאכט פון דער יודישער אומה און זי אבגענארט, און דאס האט נישט געקענט פערבלייבען אהן א שארפען פראטעסט. זאל יעדער יוד מיט זיין לעבען אבצאהלען דעם שונא פאר דער גרויסער נאציאנאלער בעליידיגונג — דאס איז איצט געווען די שטימונג פון דער אויפגערעגטער

יודישער יוגענד, און דער שאטען פון דעם קומענדיגען בלוטיגען אויפשטאנד האט שוין געשוועבט איבער די יודישע בערגער און טאלען. די מיושב׳דיגע זקנים האבען אבער אויך נישט געשוויגען; זיי האבען רוהיגער און ניכטערער געקוקט אויף דער לאגע און האבען פארגעזעהען די אלע שרעקליכע פאלגען, צו וועלכע עס קען פיהרען א פאלקס־אויפשטאנד געגען רוים. בראש פון דער דאזיגער פארטיי איז געשטאנען דער בעריהמטער ר׳ יהושע בן חנניה, וועלכער האט נאך ר׳ גמליאל׳ס טויט געשפיעלט די הויפט־ראליע אין דער טעטיגקייט פון סנהדרין, און ווען די אויפגעקאכטע פאלקס־מאסען האבען זיך פערזאמעלט אינ׳ם עמק יזרעאל, גרייט זיך ארויפצוווארפען, ווי צורייצטע חיות, אויף די פעררעטערישע רוימער, איז ר׳ יהושע אוועק אהין און האט זיך געווענדט צו די פערזאמעלטע מיט בערוהיגענדע רייד. ר׳ יהושע האט גערעדט צום פאלק אין יענער פארם, וועלכע איז אמבעסטען צוגעפאסט, צו שטילען דעם גלות פון א אויפגערייצטער מאסע: ער האט אין א שענעם משל געשילדערט דעם ביטערען צושטאנד פון דער יודישער לאגע, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט. „א לייב האט אויפגעגעסען זיין פערצוקונג און א ביין איז איהם געבליבען שטעקען אין האלז; האט דאס איהם שטארק וועה געטאן, און ער האט צוגעזאגט א גרויסע בעלויהנונג יענעם פון די חיות, וואס וועט איהם דעם ביין פון האלז ארויסציהען. איז געקומען דער באטשאן, האט אריינגעשטעקט זיין לאנגען שנאבעל ביים לייב אין האלז און האט דעם ביין ארויסגעצויגען; און ווען ער האט געפרובט דערנאך בעטען זיין בעלויהנונג, האט דער לייב זיך אבגערופען: דאנק גאט, וואס דו האסט דיין קאפ ארויסגעצויגען פונ׳ם לייב׳ס האלז. אזוי זענען מיר אויך:— האט ר׳ יהושע געענדיגט זיין משל — מיר דארפען צופריעדען זיין, וואס מיר זענען ארויס גאנצערהייד פון די הענד פון דער דאזיגער אומה״.

ר׳ יהושע׳ס מוסר האט געווירקט פאר דעם אויגענבליק און די יודישע מאסען האבען זיך דערווייל אבגעהאלטען פון אקטיווע ארויסטרעטונגען; די שנאה צו דעם רוימישען הערשער האט אבער דאך נישט אויפגעהערט צו גליהען ביי זיי אין די הערצער. כאראקטעריסטיש ביי דעם פאקט איז דאס, וואס האדריאנ׳ען אליין האבען יודען גארנישט געגעבען צו פיהלען דערווייל די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין זייער בעציהונג צו איהם. אויף זיינע רייזעס איבער קליין אזיע און סיריען האט ער בעזוכט אויך יהודה, און די בעפעלקערונג

האָט איהם אויפגענומען מיט אַזאַ האַרציגער פייערליכקייט, אַז דער סענאַט האָט געפונען פאַר נויטיג צו פעראייביגען די דאָזיגע רייזע איבער יהודה דורך אַ ספּעציעלער מטבע. דאָ איז אויף איין זייט געשטאַנען אויסגעמאָלט דער קייזער אַנטקעגען אַ פרויען-געשטאַלט (מלכות יהודה) נעבען אַ מזבח, אויף וועלכען ביידע האָבען זיך געקליבען מקריב צו זיין אַ קרבן. דערביי זענען געשטאַנען צוויי-דריי קינדער (די דריי פּאַלעסטינישע פּראָווינצען) און האָבען דערלאַנגט דעם קייזער פּאַלמען-צווייגען צום צייכען פון שלום.

באַלד האָט זיך אָבער אָנגעהויבען אַרויסצעווייזען די אמת'ע בעציהונג פון די ברייטע פאָלקס-מאַסען צו די רוימער און זייער הערשער. דער לעצטער האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר צוזאַמענגעלעבט מיט דעם געדאַנק, צו מאַכען ירושלים פאַר אַ צענטער פון גאַנצע דיענעריי אין גאַנצען מזרח, און דאָס האָט כסדר פערשטאַרקט און פונאַנדערגעבלאָזען די פערביטערונג פון די יודישע מאַסען, וועלכע האָבען געזעהען אין האַדריאַנ'ס שריט די פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען.

עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין יהודה אינטענסיווע פּאַרבערייטונגען צו דער נאָהענטער מלחמה. די יודישע שמיעדערייען, וואָס האָבען געגאָסען כלי-זיין פאַר'ן רוימישען חיל, זענען אויפמערקזאַם געוואָרען אויף דעם, אַז אין גיכען וועלן זייערע אויסאַרבייטונגען פערנוצט ווערן אין קאַמפּף מיט די פערטהיידיגער פון דעם יודישען כבוד, און דאָס געוועהר איז פון איצט אָן געאַרבייט געוואָרען אַזוי, אַז עס זאָל נישט שעדליך זיין. די מערות אין די בערג פון יהודה האָבען געדיענט די פערשוואוירענע מחנות אַלס בעהעלטעניש פאַר די געזאַמעלטע קריעגס-מכשירים און אויך אַלס גינסטיגע פּאָזיציעס צו בעפאַלען דעם שונא פון הינטען; דערביי האָט דער בעריהמטער ר' עקיבא אויך ענטוויקעלט אַ ענערגישע קאָנספּיראַטיווע טעטיגקייט מיט דעם צוועק, אויפצוהויבען די שטימונג פון פאָלק. דער דאָזיגער פלאַמענדער גייסט, וואָס איז נאָך ר' יהושע'ס טויט אָנערקענט געוואָרען פאַר דעם ראש פון סנהדרין, האָט פעסט געגלויבט אין דעם ערפאָלג פון דער איצטיגער פּאַטריאָטישער בעוועגונג און איז איבערצייגט געוועזען, אַז דאָס איז דער לעצטער קריזיס, נאָך וועלכען עס וועלן זיך אָנהויבען די ליכטיגע צייטען פאַר דער דערשלאָגענער יהודה. ער האָט דעריבער געמאַכט איצט אַ רייזע איבער אַלע יודישע קהלות אין קליין אַזיע, בבל און

פאלעסטינא און אומעטום געוועקט, געמונטערט און גערופען צום קאמפף מיט רוים פאר דער בעפרייאונג פון פאטערלאנד.

אזוי זענען סיסטעמאטיש בעזארגט געווארען אלע נויטיגע הכנות צום אויפשטאנד. די ארבייט איז צוגעגאנגען אזוי פלאנמעסיג און געשיקט, אז אין דעם משך פון דער גאנצער צייט האט די רוימישע אדמיניסטראציע קיין זאך נישט בעמערקט, און זי האט זיך געכאפט ערשט דאן, ווען אלץ איז שוין גרייט געווען און דער אויפשטאנד האט זיך שוין פונאנדערגעפלאקערט. געוועהר, קאמוניקאציאנס-מיטלען, סאלדאטען — אלץ איז געווען גענוג און אין א גלענצענדער ארדנונג און ווי פון זיך אליין איז אויסגעוואקסען א מעכטיגער קריעגס-פיהרער, וועלכער האט מיט זיין פערזאן נאכמעהר פערשטארקט די פאטריאטישע בעגייסטערונג און דעם קריעגערישען מוט פון די יודישע מחנות. דאס איז געווען א געוויסער בר-כוזיבא (פון דער שטאדט כוזיב), א מענש מיט א אונגעוועהנליכען מוט, וועלכער האט דער אבגעשוואכטער רוים פון דער דעמאלדיגער צייט פערשאפט נישט וועניגער צרות, ווי דעם בעריהמטען האניבאל אין די אמאליגע צייטען. פון בר כוזיבא'ס אבשטאמונג און יוגענד איז קיין שפור נישט איבערגעבליבען אין דער יודישער פאלקס-לעגענדע. ווי יעדער רעוואלוציאנס-העלד, איז ער אויך פלוצלונג אויסגעוואקסען פון פאלק און האט זיך גלייך אוועקגעשטעלט איבער איהם, ווי דער איינציגער מיטעלפונקט פון דער גאנצער בעוועגונג, ווי די צענטראלע פערזאן פון דעם גאנצען מענשענשטראם, צו וועלכער אלע מוזען זיך צוהערען. זיין ווירקונג איז געווען שטארק און בעצויבערנד נישט בלויז אויף די ברייטע מאסען, נאר אויך אויף די גרויסע געצעהלטע גייסטער פון דער אומה, און פון די האט זיך בעזונדער אויסגעצייכענט ר׳ עקיבא. ווען ער האט דאס ערשטע מאל דערזעהען דעם העלדישען פיהרער, האט ער מיט התפעלות אויסגערופען: „דאס איז דער מלך המשיח!“ און געלייענט אויף איהם דעם פסוק: דרך כוכב מיעקב (ס'איז אויפגעגאנגען א שטערן פון יעקב); פון דאן אן האט איהם דאס פאלק אנגעהויבען רופען בר כוכבא (דער זוהן פון די שטערן) און אונטער דעם שטאלצען נאמען איז זיין אנדענקען פערבליבען אויך אין דער געשיכטע. — בכלל האט ר׳ עקיבא'ס בעגייסטערונג א סך געווירקט, אויפצוהויבען פון איין זייט די שטימונג פון פאלק בנוגע צו דעם ערפאלג פון דער רעוואלוציאנערער בעוועגונג, און פון דער צווייטער זייט — צו פערגרעסערן ביי בר-כוכבא'ן אליין די

מיינונג וועגען זיך, וועגען זיין אלמעכטינקייט. ר׳ עקיבא האט געגלויבט, אז נאך דעם איצטיגען אויפשטאנד וועלן זיך אנהויבען די צוגעזאגטע משיח׳ס צייטען, און ער האט אויסגעטייטשט אויף זיין צייט חגי׳ס נבואה: „נאך א ווײַלע, און איך וועל הימעל און ערד מאכען ציטערן, אומווארפען דעם טראן פון די מלוכות און פערטיליגען די מאכט פון די געצענדינער״. עס האבען זיך, אמת, געפונען אויך מעהר מיושב׳דיגע צווישען די גייסטיגע פיהרער פון דער אומה, וועלכע האבען געקוקט אויף ר׳ עקיבא׳ס ענטוזיאזם, ווי אויף א פאלשער אילוזיע, ווי אויף א גייסטיגער פערבלענדעניש, און איינער האט אפילו אפען און ענטשלאסען געזאגט צו איהם: „עקיבא! גראז וועט ארויסוואקסען פון דיינע באקען און דער בן־דוד (משיח) וועט נאך אלץ נישט זיין!״ ר׳ עקיבא׳ס איינפלוס אויפן פאלק איז אבער פיעל שטארקער געוועזען, און קוים האט ער געקוקט אויף בר־כוכבא׳ן, ווי אויף א שליח פון גאט, וואס האט אויסצופילען א גרויסע שליחות און דערנעהנטערן די נאציאנאלע גאולה, האט זיך דאס גאנצע פאלק אויך בעצויגען צו איהם מעהר, ווי צו א געוועהנליכען וועלטליכען פיהרער. די גאנצע בעוועגונג האט בעקומען א געוויסע רעליגיעזע שאטירונג און פון אלע לענדער זענען גרויסע מחנות יודישע קעמפפער געקומען צו דעם פערעהרטען מלך המשיח און זיך אוועקגעשטעלט אונטער זיין פאהן. צו די לעצטע זענען צוגעשטאנען מאסען פון די שכני׳שע געצענדינער, וועלכע האבען אויך געקרעכצט אונטער דעם שווערען רוימישען יאך און זיך געוואלט פון איהם בעפרייען, און עס האט אויסגעזעהען, אז דער מעכטיגער בנין פון דער רוימישער אימפעריע וועט דא בעקומען א געוואלטיגען קלאפ אז די מיט צרות צוזאמענגעהאלטענע גליעדער פון דעם ריעזיגען ארגאניזם וועלן ביסליכווייז צופאלען. מיר האבען נישט קיין גענויע קוועלן וועגען דער ווירקליכער צאהל פון די קעמפפער, וואס בר־כוכבא האט געהאט אין זיין מאכט; אויף וויפיעל אבער ס׳איז צו אורטיילען לויט דער מוטיגער און פרעהליכער שטימונג, וואס האט געהערשט אין די רעוואלוציאנערע רייהען, קען מען אננעהמען פאר נישט איבערטריעבען די צאהל פון פיער הונדערט טויזענד, ווי זי איז אנגעגעבען אין א יודישער קוועלע, אדער זאגאר פינף הונדערט אכציג טויזענד מאן, — ווי עס גיט אן דער גריכישער היסטאריקער דיא קאסיוס. מיט אזא ארמעע אין די הענד האט זיך בר־כוכבא געפיהלט גאנץ מונטער, און לויט א געוויסער לעגענדע זאל ער זיך אפילו האבען ארויסגערופען: „גאט! העלף נאר

דו נישט אונזערע שונאים; מיר וועלן זיך שוין אליין העלפען!״ די זעלבינע לעגענדע דערצעהלט אויך, אז בר־כוכבא האט איינגעפיהרט א געוויסען עקזאמען פון העלדענמוט פאר די, וואס האבען געוואלט אריינטרעטען אין זיין חיל: יעדער סאלדאט האט זיך געמוזט אליין אבהאקען איין פינגער. געגען דער איינפיהרונג זענען אבער שארף ארויסגעטרעטען די געזעצלעהרער אינ׳ם נאמען פון דער תורה, וואס פערבאט אזעלכע מעשים; דעמאלט האט בר־כוכבא אויסגעפונען אנ׳אנדער מיטעל, אויסצופרובען די גבורה פון זיינע סאלדאטען: ער האט געהייסען יעדערן אויסרייסען מיט׳ן ווארצעל א צעדערבוים פון וואלד לבנון.

געגען דער דאזיגער ריזיגער קראפט איז דער רוימישער שטאטהאלטער אין יהודה גארנישט בכח געווען אויפצוטאן. ער האט זיך אפילו געפרובט עטליכע מאל אנטקעגענשטעלן די יודישע מחנות און דערשטיקען דעם אויפשטאנד מיט אכזריות׳דיגע מיטלען; געענדיגט האבען זיך אבער די אלע צוזאמענשטויסען מיט דעם נצחון פון די יודישע פאטריאטען, די צאהל פון וועלכע ס׳איז כסדר געוואקסען. רופוס (אזוי האט געהייסען דער רוימישער שטאטהאלטער אין יהודה פון יענער צייט; אין דער תלמודישער לעגענדע איז ער בעקאנט אונטערן נאמען טורנוסרופוס) איז געלאפען מיט זיין גארניזאן פון איין פעסטונג אין דער אנדערער און אין דעם משך פון איין יאהר (פון 132 ביז 133) זענען ביז פופציג בעפעסטיגטע פלעצער און איבער ניין הונדערט אפענע שטעדט און דערפער אין יהודה, גליל און שומרון איבערגעגאנגען צו די רעוואלוציאנערען אין די הענד. אין דער רייהע פון די דאזיגע שטעדט איז, ווי ס׳שיינט, געווען אויך ירושלים אליין, און צו יענער צייט דארף מען צושרייבען די בראנזענע און קופערנע מטבעות מיט די אויפשריפטען: „שמעון״ (בר־כוכבא) אויף איין זייט, און „לחרות ירושלים״ (צו דער בעפרייאונג פון ירושלים) — אויף דער צווייטער.

ענדליך האבען זיך אין רוים דערטראגען ידיעות וועגען דעם אויפשטאנד אין יהודה און וועגען די שרעקליכע מפלות פון דעם דארטיגען רוימישען שטאטהאלטער; דאס האט אויף האדריאנ׳ען געמאכט א שווערען איינדריק און ער האט גלייך ארויסגעשיקט קיין פאלעסטינא א גרויסע מחנה סאלדאטען. די דאזיגע מחנה איז צוזאמענגעשטעלט געווארען פון די לעגיאנען, וואס האבען זיך ביז אהער געפונען אין פעניציען, עגיפטען, אראביען, מעזיען און מויריטאניען; די שיפען פון סירען און פעניציען האבען אט די לעגיאנען צוגעבראכט אויף די ברעגען

פון פאלעסטינא און צוזאמען מיט דער נייער ארמעע זענען אויך אנגעקומען די בעריהמטע רוימישע קריעגס־פיהרער **פובליום מארצעלוס**, דער שטאטהאלטער פון סיריען, און **לאליום אורביציוס**, דער פריהערדיגער שטאטהאלטער פון ניעדער־דייטשלאנד. די ביידע העלדען האבען אבער דעם רוימישען חיל קיין ישועה נישט געבראכט; זיי האבען אויך נישט געקענט ביישטעהן געגען דעם אנגריף פון די יודישע מחנות, און ביי די איצטיגע צוזאמענשטויסען איז אויך דער נצחון געבליבען אויף דער יודישער זייט.

איבער די רוימישע געפאנגענע האבען די פאטריאטען דאס מאל קיינע אכזריות'דיגע מעשים נישט אויסגעאיבט; דאגעגען האט אבער בר־כוכבא זיך זעהר פיינדליך פערהאלטען צו די יודען־קריסטען, וואס האבען געלעבט אין יהודה. זיי זענען צו יענער צייט נאך מעהר פערהאסט געוועזען פון די רוימער גופא — אלע האבען אויף זיי געקוקט, ווי אויף פעררעטער און שפיאנען. אין דעם בענייטען מלוכה־וועזען, ווען א סך יודישע געזעצען זענען צוריק אריין אין זייער קראפט, האבען די ריכטער ארויסגעגעבען שטרענגע שטראפען געגען די דאזיגע כלומרש'טע יודען, וואס האבען זיך מיט א פערביטערטער עקשנות אבגעזאגט א אנטהייל צו נעהמען אין דער גרויסער מלחמה פאר דאס זיין אדער נישט־זיין פון דער יודישער אומה, און נאך געשטיצט אפט די רוימער, — חאטש ס'ווערט דערביי אין ערגעץ נישט דערמאנט קיין טויט־שטראף, ווי עס גיעבען אן פאר א פאקט די שפעטערדיגע קריסטליכע קוועלען *).

אזוי האט זיך די מלחמה געצויגען גאנצע צוויי יאהר (184 — 132), און די רוימער האבען פאר זיך קיין אויסוועג נישט געפונען;

---

*) מיט דעם צוועק נאכמעהר אבצוזונדערן די יודישע מאסען פון די יודען־קריסטען האט דאס סנהדרין פון יענער צייט איינגעפיהרט א בעדייטענדע תקנה; אזוי ווי די קריסטען האבען אנגעהויבען זיך צו בענוצען אין זייערע תפילות מיט דעם זעלביגען טיטול פאר קריסטוס'ן, מיט וועלכען די יודען האבען גערופען נאר גאט אליין (האר, אדוני), — האט דאס סנהדרין פעראָרדענט, אז די יודען זאלען אין זייערע תפילות און בעגריסונגען זיך נישט בענוצען מיט דעם פולען נאמען אדוני, נאר מיט דער פיער־זילבינער בעצייכנונג (י ה ו ה).

די נײַע צוגעשיקטע מחנות זענען אײנע נאָך די אַנדערע צוקלאַפּט געוואָרען, און מיט יעדען נצחון פון דער יודישער מחנה איז אַלץ גרעסער געוואָרען די געפאַהר, עס זאָלען זיך ניט צושליעסען צו איהר די לענדער פונ'ם גאַנצען מזרח. דאָס האָט געצוואונגען האַדריאַנ'ען, ער זאָל זיך אָנהויבען בעציהען צו דעם אויפשטאַנד פיעל ערנסטער, ווי ער האָט זיך בעצויגען צו איהם ביז אַהער; ער האָט אַבגערופען פון דער ווײַטער בריטאַניען דעם בעריהמטען יוליוס סעווערוס און האָט איהם אַוועקגעשיקט קײן יהודה. דער דאָזיגער העלדישער קריעגס־פיהרער, וואָס האָט נאָר וואָס געהאַט אונטערדריקט דעם פּאַטריאָטישען אויפשטאַנד פון די פרײַהײַטס־ליעבענדע ענגלענדער, איז אַנערקענט געוואָרען פון האַדריאַנ'ען פאַר דעם אײנציגען, וואָס איז אימשטאַנד זיך צו פערמעסטען מיט דעם יודישען פײַערדיגען פּאַטריאָטיזם.

בײַ זײַן אָנקומען אויפ'ן קריעגס־פּלאַץ האָט סעווערוס געפונען פאַר זיך פון דער יודישער זײַט אַ אויפגעמונטערטע און גוט אוועקגעשטעלטע אַרמעע, אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ גלענצענדען קריעגס־העלד. ער האָט דעריבער ניט געפועל'ט בײַ זיך, אַרויסצוטרעטען אין אַ אָפענער מלחמה מיט דעם צענטר פון דער יודישער מחנה, און האָט זיך בעגרענעצט מיט קלענערע אָנפאַלען אויף די פונאַנדערגעוואָרפענע יודישע מיליטער־אַבטהײַלונגען. ווי וועספּאַסיאַן, האָט אויך סעווערוס בעזונדער אויסגערעכענט אויף דעם מאַנגעל אין לעבענס־מיטעל, וואָס וועט זיך סוף כל סוף דאָך מוזען אָנהויבען צו פיהלען אין דעם קלײנעם אײַנגעשלאָסענעם לאַנד, וואו אַלע בירגער האָבען פערלאָזען זײערע פעלדער און אַקער־אײַזענס און זיך גענומען פאַר'ן שווערד און שפּיז. זײַן ערשטע טעטיגקײַט איז אַלזאָ בעשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס ער האָט געזעהען אָבצושנײַדען אַלע וועגען צום לאַנד און צו פערטיליגען די קלײנע יודישע וואַנדער־טרופּען. אַזאַ טאַקטיק פאָדערט אַ סך צײַט, זי פיהרט אָבער זיכערער צום ציעל, און סעווערוס האָט געהאַט גענוג געדולד, זיך צו האַלטען בײַ דער טאַקטיק ביז'ן לעצטען אויסגאַנג פון דעם שרעקליכען קריעג. די מלחמה האָט זיך געצויגען יאָהרעלאַנג; די רוימער זענען אָבער וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און פעסטער געוואָרען און האָבען ענדליך אָנגעהויבען אָבצונעהמען בײַ די יודען צוריק די אַלע אײַנגענומענע פּאָזיציעס. בײַ די צוזאַמענשטויסען האָבען זיך אַהן אַ שום צווײפעל אָבגעשפּיעלט וואונדערבאַרע סצענעס פון העלדענמוט און אויפגעפלאַמטען פּאַטריאָטיזם; עס זענען אָבער, לײַדער, קײנע

קוועלן נישט דערגאנגען צו אונז מיט פרטים וועגן דעם דאזיגן
קאמפף אויף לעבן און טויט פון דער יודישער אומה. די העלדישע
מעשים פון בר גיורא און יוחנן פון גוש־חלב זענען פעראייביגט געווא־
רען — אפשר געגען זיין אייגענעם ווילען — אין די היסטארישע ווערק
פון זייער גרעסטען שונא, און דאנקען האבען די לעצטע קריגס־
גבורות פון די יודישע העלדען, די לעצטע שטורם־אויסברוכען פון דער
יודישער לעבעדיגער קראפט, — נישט געפונען פאר זיך קיין גריפעל,
וואס זאל זיי אויפצייכנען אויף היסטארישע טאוולען פאר די קומענדיגע
דורות. און נישט בלויז די יודישע, אפילו די רוימישע שילדערונ־
גען פון דעם קריג, וואס זענען פערצייכענט געווארען פון דעם רעגי־
נער אנטאנוס יוליאנוס — זענען אויך פערלוירען געגאנגען. דערגאנגען
צו אונז פון יענער מערקווירדיגער עפאכע זענען נאר עטליכע
תלמודישע לעגענדעס, וואס שילדערן די יודישע העלדישקייט, די יודי־
שע טויט־מוטיגע בעגייסטערונג. די פופציג בעפעסטיגטע פלעצער
וועלכע האבען זיך געפונען אין די יודישע הענד, זענען אלע צוריק
איבערגעגאנגען צו די רוימער, און די לעצטע פעסטונג, און וועלכער
ס'האבען זיך אנגעקלאמערט די איבערגעבליבענע יודישע קעמפפער,
איז געווען ביתר, א יונגע שטאדט נישט ווייט פון ים, צו דרום זייט
פון קסריה. דא האבען זיך ארום בר כוכבא'ן צוזאמענגענומען אלע
אנטלאפענע און געראטעוועטע פון גאנצען לאנד, און די בעלאגערונג
פון דער פעסטונג איז סעווערוס'ען נישט לייכטער אנגעקומען, ווי
וועספאסיאנ'ען ירושלים ביי דעם פריהערדיגען אויפשטאנד. די אונטער־
ערדישע הויהלען און וועגען האבען א לאנגע צייט פערזארגט דער בע־
פעלקערונג מיט נאהרונגס־מיטעל און א טייכעל, וואס זאל זיך האבען
געפונען אין שטאדט, האט זי געשיצט פון וואסער־מאנגעל; ענדליך
איז אבער אויך אט דער לעצטער ווינקעל פון לאנד געפאלען. וועגען
די סבות פון דעם רוימישען נצחון זענען פערהאן אין דער לעגענדע
עטליכע נוסחאות. לויט איין נוסח האבען צוויי שומרונים איבערגעגעבען
די רוימער דעם פלאן פון די אונטערערדישע וועגען; לויט א צווייטען
— האבען די רוימער איינגענומען דעם טייכעל און עס האט אויסגע־
פעהלט וואסער, און לויט א דריטען — איז די ערא(ב)ערונג פון ביתר אין
אלגעמיין געווען א רעזולטאט פון פעררעטערישען שפיאנאזש. עס האט
זיך דערצעהלט אין פאלק, אז א געוויסער בעריהמטע' צדיק, מיט'ן
נאמען ר' אלעזר פון מודעין, האט זיך א־געקליידט אין א זאק

מיט אש און געפאסט און גאט געבעטען, ער זאל זיך מרחם זיין איבער דער אונגליקליכער שטאדט און נישט איבערגעבען זי דעם שונא אין די הענד. האבען די תפילות געווירקט און דער רוימישער שר, מיער פון דעם הארטנעקיגען פערביטערטען קאמפף, האט שוין געוואלט אינגאנצען אויפגעבען די בעלאגערונג. דאן איז צו איהם געקומען א שומרוני און געזאגט: דו וועסט איינעהמען די שטאדט, ווען דו וועסט געפינען א מיטעל ארויפצוווארפען א חשד פון פעררעט אויף איהר הייליגען שוץ-גייסט, אויף דעם אלטען ר׳ אלעזר׳ן; „דען אזוי לאנג — האט ער צו-געגעבען — ווי די דאזיגע הון וואלגערט זיך אין אש, וועט ביתר נישט איינגענומען ווערן". און דער זעלביגער שומרוני האט זיך אליין גליייך גענומען דורכצופיהרען דעם טייוולאנישען פלאן. ער האט זיך דורך א אונטערערדישען גאנג ארייגעגנב׳עט אין שטאדט און צוקומענדיג צו דעם הייליגען ר׳ אליעזר, האט ער איהם עפעס איינגערוימט אין אויער; פערזונקען אין זיינע תפילות האט זיך דער הייליגער זקן גארנישט צו-געהערט צו דעם שפיאנ׳ס רייד און איהם גארנישט בעמערקט; די ארו-מיגע אבער, וואס האבען צוגעזעהען די סצענע, האבען דאס דער-טראגען צו בר-כוכבא׳ן, און ער האט געלאזען ברענגען צו זיך דעם שומרוני, וועלכער האט דא פערענדיגט זיין אנגעהויבענע ארבייט. אויף בר-כוכבא׳ס פראגע: וואס ער האט גערעדט מיט ר׳ אליעזר׳ן? האט דער שומרוני געענטפערט: „וועל איך דיר זאגען דעם אמת, וועט מיך מיין האר טויטען, וועל איך דיר דעם אמת נישט זאגען — וועסט דו מיך טויטען; וויל איך שוין בעסער דורך דיין האנד פאלען, איידער פערראטען די סודות פון מיין האר". פון דער תשובה האט בר-כוכבא געדרונגען, אז ס׳עקסיסטירט עפעס א פעררעטערישער אבמאך צווישען ר׳ אליעזר׳ן מיט׳ן אויסוועניגסטען שונא, און ער האט דעם ערש-טען, וועלכער איז געוועזען זיינער א נאהנטער קרוב, אויך גערופען צו זיך און געפאדערט פון איהם אנ׳ערקלערונג וועגען זיינע אונטערהאנד-לונגען מיט׳ן שונא׳ס שליח. ר׳ אליעזר האט אויף דעם געענטפערט, אז ער ווייס גארנישט פון וואס צו זאגען, און דאס האט דעם צורייצטען קריגס-פיהרער ארייגעבראכט אין אזא גרימצארן, אז ער האט דעם קוים-לעבעדיגען גרויסען זקן א שטויס געטאן מיט׳ן פוס, און יענער איז אנידערגעפאלען — טויט. באלד דערויף האט זיך געהערט א בת-קול פון הימעל: „דו האסט דעם ארעם פון ישראל געלעהמט און זיין אויג געבלענדעט, דערום וועט דיין ארעם געלעהמט און דיין אויג געבלענדעט

ווערן" ; און אין דעם זעלבּיגען טאָג איז ביתר געפאלען און בר-כוכבא געטויט געוואָרען . די דאָזיגע לעגענדע איז אויך די איינציגע יודישע קוועלע , וואו עס רעדט זיך וועגען דער ענדע פון דעם געוואלטיגען יודישען העלד . שפּעטער האָט מען דערצעהלט , אז איין רוימישער סאָלדאַט האָט געבּראַכט בר-כוכבא'ס קאָפּ און זיך בּעריהמט , אז ער האָט דעם העלד געטויט ; דאָס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען פאר א ליגען , דען מ'האָט דערנאָך געפונען בר-כוכבא'ס קערפּער ארומגעוויקעלט פון א שלאַנג , און סעווערוס האָט זיך אויסגעדריקט : „ווען א גאָט וואָלט דעם מענשען נישט טויטען — קיין מענשענקראַפט וואָלט איהם קיינמאָל נישט בּייגעקומען" .

די רוימישע סאָלדאַטען , וואָס האָבען זיך אריינגעריסען אין דער איינגענומענע שטאָדט , האָבען זיך גענומען פאר זייער געוועהנליכער ארבּייט אין אזא פאל : די שחיטה צווישען דער שטאָדטישער בּעפעלקערונג איז געוועזען אזוי שרעקליך , אז די פערד זענען בּיז די נעזער געגאַנגען אין בּלוט , און דער שטראָם פון דעם דאָזיגען בּלוט האָט זיך , ווי א טייך , געצויגען בּיז צום ים , וואָס איז געווען א מייל ווייט פון שטאָדט , און האָט מיטגעצויגען מיט זיך שווערע פעלזענשטיינער . דריי הונדערט יונגע קעפּליך פון יודישע קינדער האָט מען געפונען צוזאַמענגעקליבּט אין איין שטיין , און פון דער גאַנצער יוגענד אין ביתר זאָל זיך האָבען געראַטעוועט , נאָר דער איינציגער זוהן פונ'ם פּאַטריאַרך . די פערטיליגונג האָט ארומגענומען דער גאַנצער מענליכער בּעפעלקערונג , און ווען די פרויען פון די אויסגעהרג'עטע האָבען געוואָלט בּעשטעטיגען פאר די בּית דין'ס דעם פאַקט פונ'ם טויט פון זייערע מענער — האָבען זיי קיין לעבּעדיגע עדות נישט געפונען . די אַלגעמיינע צאָהל פון די געפאַנגענע און געפאַלענע אין דעם איצטיגען , בר-כוכבא'שען קריעג דערגרייכט אין דער יודישער מסורה בּיז צו א אונגעהויערען ציפער , און דאָך ווערט זי בּעשטעטיגט אויך פון א רוימישער קוועלע . דער גוט-אינפאָרמירטער גריכישער היסטאָריקער דיאָ קאַסיוס דערצעהלט , אז אויסער די אומגעקומענע פון הונגער און פייער , זענען אויפ'ן שלאַכטפעלד אַליין געפאַלען בּיז פינף הונדערט טויזענד מאַן ; דער דאָזיגער מענשען-חורבּן דאַרף אָבער צוגעשריבּען ווערן נישט נאָר די יודישע מחנות אַליין — אויך די רייהען פון דעם רוימישען חיל זענען אויסגעראַטען און פערטיליגט געוואָרען . א גרויסער טייל פון די רוימישע לעגיאָנען האָט זיין לעבּען איבּערגעלאָזען אין די יהודה'עאישע

בערגער און טאלען, און ווען האדריאן האט זיך געווענדט צום סענאט מיט דער ידיעה וועגען סעווערוס'עס נצחון, האט ער נישט געוואגט, אנצוהייבען די ערקלערונג מיט דעם געוועהנליכען נוסח: „איך און די ארמעע געפינען זיך אין א גוטען צושטאנד“, ווייל צופיעל טויזענדער לעבענס פון דער דאזיגער ארמעע האט דער נצחון געקאסט. איבער דעם טעם האט דער סענאט אויך נישט בעשטימט קיין טריאומף־צוג פאר'ן קייזער, ווי דער מנהג איז געווען, און נאר סעווערוס אליין האט בעקומען דעם עהרען־צייכען פון א טריאומפאטאר.

מיט דעם אונטערגאנג פון דער שטאדט ביתר (135) איז נאך די מלחמה אינגאנצען נישט געענדיגט געווען. עס זענען נאך געבליבען פונאנדערגעווארפען איבער'ן לאנד א רייהע קלענערע אבטהיילונגען פון דער יודישער מחנה, וואס פלעגען זיך בעהאלטען אין די מערות און וועלדער און אנפאלען פון הינטען אויף די רוימער. כדי צו פערלעשען די דאזיגע לעצטע האלאוועשקעס פון דעם גרויסען פייער, האט סעווערוס צושטעלט מעהרערע וואך־פאסטענס אין פערשיעדענע פונקטען פון לאנד אזוי, אז די, וואס זענען נצול געווארען פון איין וואך, האבען געמוזט אריינפאלען אין די הענד פון דער אנדערער. אזוי זענען ביסליכווייז אלע סאלדאטען אויסגעהרג'עט, אלע אויפגעשטאנענע שטעדט און דערפער פערברענט און דאס גאנצע לאנד חרוב ומוחרב געווארען. די געפאנגענע, וועלכע זענען בעשטאנען אממעהרסטען פון נישט דערוואקסענע קינדער און פרויען, האט מען טויזענדער־ווייז צונויפגעשלעפט אויף די שקלאפען־מערק אין חברון און עזה, און צוליעב דעם, וואס די אנגעבאטענע סחורה איז אזוי פיעל געווען, זענען די געפאנגענע אוועקגעגעבען געווארען פאר'ן קלענסטען פרייז דעם ערשטען און בעסטען. די איבערגעבליבענע פון דער אונגעהויערער שקלאפען־מחנה זענען אוועקגעפיהרט געווארען קיין עגיפטען, און דא זענען מאסען פון זיי אומגעקומען אין וועג פון הונגער און פון ים־שטורעם. עס זענען נאך אבער אליץ געבליבען אנטלאפענע, וואס זענען געלעגען בעהאלטען אין אבגעלעגענע מערות, אום איבערצוווארטען די שרעקליכע יאגד פון די רוימישע סאלדאטען; נישט האבענדיג קיין שפייז־מיטלען האבען זיך אט די אונגליקליכע געשפייזט מיט דעם פלייש פון די מתים, וואס זענען אין אנהויב הויפענס־ווייז געלעגען אנגעווארפען אויף די פעלדער. אזוי ווי די יאגד פון די רוימער האט זיך אזוי גיך נישט געענדיגט, און די בעהאלטענע האבען געמוזט לעבען

אין זייערע הייהלען א לאנגע צייט, האָבען זיי זיך צוגעוועהנט צו דעם
שרעקליכען געשמאק פון מענשענפליש, און יעדען טאג האָט אַן'אַנ־
דערער פון די הייהל־איינוואוינער געמוזט ארויסגעהן און אויפזוכען דעם
קערפער פון א געפאלענעם. האָט זיך געמאכט איינמאל, — דערצעהלט
די לעגענדע — אז איינער פון די אונגליקליכע האָט גענומען פון
דר'ערד א טויטען קערפער און האָט דערקאָנט אין איהם זיין פאָטער.
איז ער אוועק צוריק אין דער מערה און געזאָגט צו די חברים, אז ער
האָט גאָרנישט געפונען; האָבען זיי ארויסגעשיקט א צווייטען שליח און
דער האָט יאָ געבראַכט א קערפער, וועלכען מ'האָט גלייך אויפגעגעסען.
דערנאָך האָט זיך אָבער דער זוהן דערוואוסט, אז דאָס איז געוועזען דער
זעלביגער קערפער, וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען, האָט ער זיך
פונאנדערגעוויינט און געשריען: „וועה צו די קינדער, וואָס שטילען
זייער הונגער מיט'ן פלייש פון זייער פאָטער", און שפעטער האָט מען
געלייענט אויף זיי די נבואה פון יחזקאל: לכן אבות יאכלו בנים
בתוכך ובנים יאכלו אבותם (דערום וועלן עלטערן עסען זייע־
רע קינדער ביי דיר און קינדער — זייערע עלטערן). די רוימער האָבען
אָבער די אונגליקליכע דאָס דאָזיגע עלענדע לעבען אויך נישט פערגו־
נען; מ'האָט זיי דורכאויס געוואָלט ארויסקריגען פון זייערע בעהעלטע־
נישען, און שלוחים האָבען אויסגערופען אין גאנצען לאַנד, אז יענע,
וועלכע וועלן זיך פרייוויליג אונטערגעבען, וועט מען שענקען דאָס לע־
בען. מיט אזעלכע מיטלען איז די רוימער געלונגען, צונויפצוזאמלען
טויזענדער פון די דאָזיגע בעהאלטענע אין דעם טאָל רמון (בקעת
רמון), פון וואנען ס'איז ארויס דער ערשטער סיגנאל צום קאמפף. דאָ
האָט דער רוימישער אריסטאָקראַט זיך אויסגעלאַכט פון די לייכטגלויבי־
גע, און געזאָגט: „איידער איך וועל האָבען אויפגעגעסען דעם קוכען
מיט דעם שטיקעל הון, וועל איך זוכען איינעם פון זיי און איהם נישט
געפינען", — און די ארומיגע סאָלדאַטען האָבען מיט זייערע שווערדען
און שפיזען שוין געזאָרגט דערפאַר, אז דער גרויסער זיעגער זאָל קיין
לינגער נישט בלייבען. גליקליך זענען געוועזען נאָר יענע, וועלכע האָבען
געוויזען אריבערצוגעהן די גרענעצען פון בבל און אראַביען—אהין האָט
די רוימישע אכזריות נישט געקענט דערגרייכען. אין די לענדער, דאָ־
נענען, פון דער רוימישער אימפעריע אויסער יהודה האָבען די יודען
אויך געפיהלט אויף זיך האדריאַנ'ס גרימצאָרן: ער האָט איינגעפיהרט
פאַר זיי א בעזונדער לייב־אָבצאָהל, וועלכער איז נאָך פיעל דריקענדער

געוועזן פון דעם יורענשטיינער, וואס וועספאסיאן האט אויף זיי ארויפגעלעגט.

אזוי האט זיך געענדיגט דער שטורמישער אויסברוך פון דעם יודישען פרייהייטס=גלות, וואס האט אין דעם משך פון דעם לעצטען יאהרהונדערט איינגעשלונגען א גרויסען טייל פון גאנצען פאלק. די יודישע אומה האט ווידער בעקומען אזא קלאפ, וואס וואלט גענוג זיין צו פערטיליגען דעם שטארקסטען פאלקס=ארגאניזם; די יודישע אומה איז אבער נישט פערטיליגט געווארען. עס האבען זיך נאר טיעפע און געדיכטער אנגערוקט די שווארצע וואלקענס אויף דעם יודישען הימעל; יודען האבען פון איין זייט טיעפער אראבגעבויגען דעם קאפ צו דר'ערד און פון דער צווייטער זייט — העכער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל; אין דער יודישער גאס האט מען אויפגעהערט צו לאכען, און „פון דעם לעצטען אויפשטאנד (פולמוס) האט מען גוזר געווען, אז די כלה זאל נישט געטראגען ווערן אין איהר חופה=שטוהל דורכ'ן שטאדט".

און אט דער פאקט, וואס זיינע לעגיאנען זענען אימשטאנד נעוועזן, צו פערניכטען נאר דאס יודישע לאנד, אבער נישט די יודישע אומה, — האט האדריאנ'ען נישט געלאזען רוהען. הויפענס פון צעהנדליגער טויזענדער אומגעקומענע יוד'ען האבען בעדעקט די מיט בלוט דורכגעווייקטע פעלדער פון זייער פערוויסטען פאטערלאנד; דאס האט אבער נאך נישט געשטילט דעם נקמה=דורשט פונ'ם רוימישען הערשער. ער האט געוואלט דורכאויס דאס גאנצע יודישע פאלקס=טום פערניכטען, די גאנצע אומה אונטערברענגען, און ער האט זיך גענומען דורכפיהרען די דאזיגע אויפגאבע מיט א אונגעוועהנליכער פערביסענקייט און אכזריות.

האדריאנ'ם ערשטער שריט אויף דעם וועג איז געווען דאס, וואס ער האט דעם פריהערדיגען טיניוס=רופוס צוריק בעשטימט פאר א פראקוראטאר איבער יהודה. די כונה פון דער בעשטימונג איז געווען בולט און אפען: רופוס האט גוט געקאנט דאס יודישע לעבען און איז דער איינציגער אימשטאנד געווען, דורכצופיהרען די גייע געזעצען, וועלכע האבען געהאט דעם צוועק, איבערצורייסען די אלע גייסטיגע און רעליגיעזע פעדים, וואס האבען צונויפגעבונדען די איבערגעבליבענע גליעדער פון פאלק און געמאכט פון זיי איין גאנצען ארגאניזם. כדי ארויסצורייסען דעם לעבענס=נערוו פון דער יודישער אומה: די איבערגעבליבענע חורבות פון ירושלים מיט'ן בית המקדש, האט רופוס

זיך קודם כל גענומען, צו פערניכטען די דאזיגע שפורען. ער האט געהייסען אבריינינגען דעם בית-המדרש-בארג פון דעם הויפען שטיינער און באלקענס, וואס זענען דא געלעגען אנגעווארפען נאך פון טיטוס'עס צייטען אן, און געלאזען דורכאקערן דעם גאנצען שטח פון דער ערד, אויף וועלכען ס'איז געשטאנען דער בית המקדש. די שטאדט אליין, דאנעגען, האט האדריאן געלאזען פון דאס ניי אויפבויען, און איצט האט איהם שוין קיינער נישט געשטערט, צו מאכען ירושלים פאר א געצענדיענערישען צענטר. ער האט בעזעצט די שטאדט מיט אויסגעדיענטע רוימישע סאלדאטען, גריכען, סיריער, פעניציער און בכלל מענשען פון די פערשידענסטע נאציאנאליטעטען—אויסער דער יודישער. די נייע שטאדט האט בעקומען דעם נאמען עליא קאפיטאלינא (לכבוד דעם קייזער עליא האדריאן און דעם נאט יופיטער פון קאפיטאליום) און איז געבויט געווארען לויט דעם גריכישען סטיל, מיט צווי מארק-פלעצער, א פאלקס-טעאטער און אנדערע עפענטליכע געביידען. אויפ'ן ארט, וואו דער בית-המקדש איז געשטאנען, איז אויפגעשטעלט געווארען א גרויסארטיגער יופיטער-טעמפעל און דא האט זיך אויך געפונען האדריאנ'ס סטאטוע. ווי ס'גיט איבער א קריסטליכע מסורה, איז אויף דעם ארט, וואו ס'האט זיך געפונען קריסטוס'עס קבר, אויפגעשטעלט געווארען א טעמפעל פאר דער געטין ווענערא, און אזוי האבען זיך דא געפונען סטאטועז און בילד-זיילען פון נאך אנדערע גריכישע און פעניצישע געטער. אויף דעם וועג, וואס האט געפיהרט צו בית לחם, איז אויפגעשטעלט געווארען א זייל מיט א חזיר-קאפ, וואס האט די יודען בעזונדער שטארק געקרענקט. געשוינט זענען נישט געבליבען אויך די שומרונים; אויף דעם בארג גריזים, וואו ס'איז אמאל געשטאנען זייער הייליגער טעמפעל, האט האדריאן אויך געלאזען אויפשטעלען א יופיטער-טעמפעל.

דערביי אליין האט זיך אבער האדריאנ'ס פערניכטונגס-פאליטיק נאך נישט אבגעשטעלט. ער האט זיך גענומען פאר א מוסטער דעם אמאליגען סירישען דעספאט אנטיוכס עפיפאנעס, און ווי יענער האט ער אויך אנגעהויבען אנצעווענדען די אכזריות'דיגסטע, שרעקליכסטע צוואנגס-מיטלען, כדי אבצורייסען די יודען פון זייער אמונה, פון זייערע לעבענס-מנהגים. די הארטסטע שטראפען זענען בעשטימט געווארען פאר'ן אבהיטען די דריי הויפט-יסודות פון דעם יודישען רעליגיעזען לעבען: מלה, שבת פון לעהרנען די תורה. נישט אונבעשטראפט זע-

בין אָבער געבליבען אויך דאָ וועניגער בעדייטענדע געביטען פון דער יודישער תורה און אפילו יענע מנהגים, וואָס האָבען געהאט בלויז א געזעלשאפטליכען, און נישט קיין רעליגיעזען יסוד. כדי זיך צו בעוואָרענען פון געהיימע פערברעכענס געגען די דאָזיגע בעפעהלען, האָט רופוס אָרגאַניזירט א גאַנצען שטאַב פון שפּיאָנען און מוסרים, וואָס האָבען נאָכגעשפּירט די טריט פון יעדען יודען און פאַר'ן היטען דעם מינדסטען יודישען מנהג — גלייך איבערגעגעבען אין די הענד פון דער אכזריות'דיגער בעשטראָפונגס-מאַכט. אַזוי האָבען זיך אין דער יודישער געשיכטע ווידער איבערגעחזר'ט די מורא'דיגע פּלאָגען און צרות פון עפּיפאַנעס'עס צייטען, און דער אונטערשייד צווישען די ביידע דעספּאָטען איז בעשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס האַדריאַן האָט קיין פּאָזיטיווע געצענדיענערישע מעשים נישט געפאָדערט פון זיינע יודישע קרבנות. נישט קענען אָבהיטען די יודישע געבאָטען איז אָבער פאַר יודען אויך גענוג שרעקליך געוועזען, און דער גאַנצער פעריאָד פונ'ם חורבן ביתר ביז האַדריאַנ'ס טויט ווערט אין דער יודישער פאָלקס-מסורה בעצייכענט אלם די צייט פון גזירות, רדיפות און שמד.

שרעקליכער נאָך פון אַלץ איז געוועזען דאָס, וואָס ס'איז בטל גע-וואָרען דער גרויסער גייסטיגער צענטר אין יבנה, און די ברייטערע מאַסען פון פאָלק האָבען נישט געוואוסט, ווי זיך נוהג צו זיין: צי זאָלען זיי זיך שטרענג האַלטען ביי דעם געבאָט פון דער תורה און דערפאַר זייער לעבען מקריב זיין, אָדער זיי זאָלען מציל זיין דאָס לעבען און זיך אונטערגעבען אויף דער צייט דער טרויעריגער נויטווענדיגקייט. כדי צו בעשטימען די לאַגע, זענען זיך די איבערגעבליבענע געזעץ-לעהרער צונויפגעקומען אויף א געהיימער בע-ראַטונג אין לידדא; דאָ האָבען זיך אין אָנהויב די מיינונגען צוטיילט. אַנדערע האָבען זיך ארויסגעזאָגט דערפאַר, אז יעדער יוד איז מחויב זיך מוסר נפש צו זיין, זיין לעבען אוועקצוגעבען פאַר יעדען געבאָט אין דער תורה, אָהן א שום אונטערשייד, צי די זאַך, וואָס מ'צווינגט איהם צו טאָן, איז א האַרבעס פערברעכען, צי א לייכטעס; און דאַגע-גען האָבען אַנדערע ערקלערט, אז עובר זיין געצוואונגענערהייד הייסט נישט עובר געוועזען, און אז דאָס איז געגען דעם גייסט פון דער תורה גופא, אוועקצוגעבען דאָס לעבען אפילו פאַר דעם האַרבסטען פון איה-רע געבאָטען; מיט די געזעצלעהרער זענען דעריבער געוועזען דערפאַר, אז ביי די איצטיגע שרעקליכע רדיפות מעג מען אפילו עבודה זרה דינען — אבי לעבען צו בלייבען. ענדליך איז אָבער געלונגען צו גע-

פינען א מיטעל-וועג צווישען די דאזיגע עקסטע מיינונגען, און נאך דער אבשטימונג איז בעשלאסען געווארען, אז אויף אלע מצוות פון דער תורה טעג מען עובר זיין, אום נישט געטויט צו ווערן, אויסער אויף די דריי: עבודה זרה (געצענדיענסט), גלוי עריות (זנות) און שפיכות דמים (מארד). דאס איז געווען א גארמע פאר'ן כלל; עס האבען זיך אבער געפונען מאסען פרטים (איינצעלנע), וואס האבען זיך מיט דער גארמע נישט גערעכענט: זיי האבען אבגעהיט אלע געבאטען פון דער תורה און דערפאר דאס לעבען אוועקגעגעבען. אין דער הינזיכט האבען א בעזונדער העלדענמוט ארויסגעוויזען די געזעצלעהרער גופא, וועלכע זענען אממעהרסטען פערפאלגט געווארען פון די רוימישע שפיאנען. זיי פלעגען זיך פערקלייבען אויף די וויטסטע דעלער און דארטין לעהרנען מיט זייערע תלמידים, און ווען ר' עקיבא האט אמאל אין אזא מאמענט בעמערקט א רוימישען שפיאן, האט ער געהייסען די תלמידים לייענען די תפילה „שמע ישראל" שטילערהייד, כדי דער שפיאן זאל זיי נישט דערהערן. די גאנצע ביטערע דערשלאגענקייט פון יענער שרעקליכער צייט, איז אויסגעדריקט אינ'ם מאמר פון דעם בעריהמטען ר' ישמעאל: „פון דעם טאג, וואס די מלכות רומי האט זיך פערשפרייט און אנגעהויבען גוזר צו זיין אויף אונז שווערע גזירות, און איז מבטל תורה און מצוות, און לאזט אונז נישט מל זיין אונזערע קינדער, — וואלט זיין דאס בעסטע, אז מיר זאלען גוזר זיין אויף זיך אליין, נישט צו נעהמען קיין ווייבער און נישט צו האבען קיין קינדער, כדי אברהם'ס געשלעכט זאל כלה ווערן פון זיך אליין".

נישט וועניג איז געווען די צאהל אויך פון יענע, וואס האבען זיך גארנישט געוואלט אויסבעהאלטען פון די רוימישע בעאמטע און אפען אבגעהיט די מינדסטע געבאטען פון יודענטום, זיך גארנישט רעכנענדיג מיט דער מורא'דיגער שטראף. אויף די דאזיגע „יודען פון ארץ ישראל אין דער צייט פון שמד, איז — ווי ס'דריקט זיך אויס א תלמודישע אגדה — געלייענט געווארען דער פסוק: לאוהבי ולשומרי מצותי (צו מיינע ליבהאבער און היטער פון מיינע געבאטען). מ'פרעגט איהם: פארוואס געהסטו געטויט ווערן? וויל איך האב געהאלטען דעם לולב; פארוואס געהסטו געהאנגען ווערן? וויל איך האב געגעסען מצה אום פסח; פארוואס געהסטו פערשטיינט אדער געקעפט ווערן? וויל איך האב געלערנט תורה און מל געווען מיין קינד". דאס זענען געווען די געוועהנליכסטע שטראפען און אויך די לייכטסטע, דען פיעל

שרעקליכער פון די, איז געװען די לאנגע פון יענע, װעלכע זענען פערארטײלט געװארען צו לעבעדיגע ענוים, צו לאנגזאמע גיהנם-יסורים. די מסורות װעגען יענע שטראפען זענען אײנפאך שױדערהאפט: „אײזערנע קוגלען האט מען ארונטערגעלעגט די פערארטײלטע אונטער די ארעמס און קנױלען פון װאל האט מען געװײקט אין װאסער און ארױפגעלעגט אױפ׳ן הארצען פונ׳ם פערארטײלטען, כדי דאס פײער זאל איהם נישט אדורכנעהמען גלײך און ער זאל נישט באלד שטארבען״; „די מלכות האט גוזר געװען, אז װער עס לעגט תפילין, דעם זאל מען דעם שעדעל צושמעטערן״, און נאך אזעלכע מורא׳דיגע גרױזאמקײטען, װאס געהען איבער די שרעקליכסטע פארשטעלונג פון דער מענשליכער פאנטאזיע. פערבאטען געװארען איז אױך די יודישע קלײדונג, און אין מדרש דערצעהלט זיך: „אײנמאל האבען צװײ תלמידים פון ר׳ יהושע געענדערט זײער קלײדונג אין דער צײט פון שמד. האט זײ אנגעטראפען אײן רױמישער אױפזעהער, און געזאגט צו זײ: זענט איהר די קינדער פון דער תורה — גיט אװעק דאס לעבען פאר איהר; און אױב איהר זענט נישט איהרע קינדער — פארװאס-זשע גיט איהר אװעק דאס לעבען? האבען זײ צו איהם געזאגט: מיר זענען איהרע קינדער און גיבען אװעק פאר איהר דאס לעבען, נאר ס׳איז נישט דער מענשליכער שטײגער, בידים דאס לעבען אװעקצוגעבען״.

און נאך דער גאנצער שמירה מיט די אלע אונמענשליכע שטראפען, האלטען די פרומע יודישע מאסען דאך אימשטאנד געװען װי ס׳איז אבצונארען די רױמישע אױפזעהער, — װען נישט געװיסע יודישע פעררעטער, װעלכע זענען געשטאנען בײ דער זײט פון דער רױמישער אדמיניסטראציע און איהר אױפמערקזאם געמאכט אױף אלע בעהאלטענע קנײטשעלעך פון דער יודישער תורה און אױף די אלע תחבולות, מיט װעלכע די יודען בענוצען זיך, כדי פערבײצוגעהן דעם בעפעהל פון דער מאכט. דאס זענען געװען אממעהרסטענטײל געװיסענלאזע קאריעריסטען, װאס האבען פערקױפט זײער נשמה פאר דעם דאנק פון האר, און אנדערע פון זײ האבען אנגעהערט צו די גנאסטישע פארטײען, װעלכע האבען געהאלטען פאר א הײליגע פליכט צו שטערן די טעטיגקײט פון די פראקטישע יודישע געבאטען. צו די דאזיגע פערביטערטע שונאים פון דעם יודישען געזעץ האט אנגעהערט אױך דער בעריהמטער געזעץ-לעהרער אלישע בן אבויה, װעלכער איז איבערגעגאנגען צו די

מינים און האט בעקומען דערפאר דעם נאמען אחר (אנ'אנדערער). ער האט געלעהרנט די רוימישע אויפזעהער, אונטערצושיידען א וויכטיגען רעליגיעזען אקט פון א נישט וויכטיגען און צו וויסען, וואס עס הייסט א אמת'ער פערברעך געגען דעם יודישען דין. די לעצטע זענען אויף אזא אופן בעקאנט געווארען מיט אלע איינצעלהייטען פון דעם יודיש־רעליגיעזען לעבען און האבען שוין דערשמעקט פון דער ווייטען, וואו עס קומט פאר א רעליגיעזע האנדלונג.

די בעקאנטשאפט פון די רוימער מיט דעם כאראקטער פון דער יודישער אומה איז דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז זיי האבען אנגעהויבען מיט א בעזונדער אכזריות צו פערפאלגען די פאקטען פון לערנען מיט תלמידים און זיי געבען סמיכה. מיט די פערפאלגונגען האבען האדריאנ'ס שלוחים געטראפען דאס יורענטום אינ'ם געפעהרליכסטען פונקט, דען ביי די בעדינגונגען פון יענער צייט זענען די דאזיגע צוויי וועגען געבליבען כמעט די איינציגע אויף צו דערהאלטען די אומה. די געזעצלעהרער, וועלכע מ'האט געחאפט לערנענדיג מיט תלמידים, זענען בעשטראפט געווארען מיט א אכזריות'דיגען טויט, און דעם זעלביגען סוף האבען געהאט אויך יענע, וואס האבען געגעבען סמיכה וועמען ס'איז פון די יונגע געלערנטע. פאר אט דעם לעצטען פערברעך זענען אפילו די קהלות פעראנטווארטליך געווען: די שטאדט מיט דער גאנצער סביבה, וואו ס'איז פארגעקומען דער אקט פון סמיכה, זענען פערברענט און צושטערט געווארען. — אין די פערפאלגונגען זאל אויך דער דערמאנטער אחר א גרויסע שולד האבען; ווענינגסטענס ווערט פון איהם דערצעהלט, אז ער האט א סך געזעצלעהרער איבערגעגעבען די רוימער אין די הענד, און אויף די יונגע תלמידים האט ער אויך געפרובט חירקען, זיי אבצורייסען פון דער יודישער געזעצלעהרע.

ביי אזא לאגע האבען זיך, נאטירליך, געמוזט געפינען אויך מעהר מיושב'דיגע, רוהיגערע, וואס האבען געראטען זיך אונטערצוגעבען און איבערצוווארטען די שלעכטע צייט. צו די האט אנגעהערט אויך ר' יוסי בן קסמא; פון איהם ווערט דערצעהלט, אז ווען ר' חנינא בן תרדיון איז געקומען צו איהם, האט ער זיך צו איהם געווענדעט מיט די ווערטער: „חנינא מיין ברודער! דו ווייסט נישט, אז גאט אליין האט דער אומה איבערגעגעבען די מאכט! זי האט זיין בית המקדש חרוב געמאכט, זיין פאלאץ פערברענט, אויסגעהרג'עט זיינע פרומסטע

און בעסטע קינדער, — און דאָך לעבט זי נאָך; און איך האָב געהערט זאָגען פון דיר, אז דו זיצט און ביזט עוסק אין לערנען, געהסט צונויף אַרום דיר תלמידים און האַלסט א ספר תורה אין שוים — מיך וועט נישט וואונדערן, ווען מ'וועט דיך מיט דיין ספר תורה צוזאַמען פערברענען!"

פאַר זיינע פריעדליכע געדאַנקען איז דער דאָזיגער ר' יוסי שטאַרק חשוב געווען אין הויף פון דעם רוימישען שטאַטהאַלטער, און ווען ער איז געשטאָרבען זענען אַלע רוימישע גדולים נאָכגעגאַנגען נאָך זיין ארון. זיין ווירקונג אויף די חברים איז אָבער געווען זעהר א שוואַכע, און ווען מ'האָט דעם זעלביגען ר' חנינא ווירקליך געהאַפּט שפּעטער לערנענדיג מיט תלמידים, האָט ער זיך אפילו נישט געפּרובט אָבלייקענען, און אָפען ערקלערט: „איך האָב עוסק געווען אין לערנען, ווי מיין גאָט האָט מיך געבאָטען".

צו דעם דאָזיגען ר' חנינא האָט די פאָלקס-מסורה צוגעגעבען נאָך ניין הייליגע מערטירער, וואָס האָבען זיך מקריב געווען פאַר דעם קיום פון דער יודישער תורה; דאָס זענען די בעריהמטע „עשרה הרוגי מלכות", פון וועלכע די לעגענדע ווייסט צו דערצעהלען אזעלכע ריהרענדע און שוידערהאַפטע פאַקטען, און דער ווילטיגסטער פון וועלכע ס'איז געווען ר' עקיבא. אַט דער געוועזענער פייערדיגער אגיטאַטאָר פאַר דעם אויפשטאַנד געגען רוים, האָט זיך נאָך דעם שרעקליכען אויסגאַנג פון דעם גרויסען חלום, איבערגעגעבען מיט דעם גאַנצען גלות פון זיין נשמה דער גייסטיגער ערציהונג פון פאָלק און דער ענטוויקלונג פון דער יודישער געזעצלעהרע. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין אקאַדעמישע טעטיגקייט אין דעם קרייז פון א גאַנצער רייהע תלמידים, חאָטש ער האָט געזוכט דערביי ווי ווייט מעגליך איז געווען, זיך אויסצובעהאַלטען פון דעם רוימישען שפּיאָנאַזש. אומזיסט האָט איהם פפוס בן יהודה געוואָרענט, ער זאָל זיך נישט איינשטעלען צו לעהרנען מיט זיינע תלמידים, ווייל די בליקען פון די שפּיאָנען לויערן אויף איהם און וועלן איהם ענדליך פון דעם בעהאַלטענסטען ווינקעל אויסגעפינען; ר' עקיבא האָט איהם אויף דעם געענטפערט מיט דעם פאָלגענדען משל: „א פוקס איז אַמאָל געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון א טייך און געזעהען, ווי די פיש אין וואַסער יאָגען זיך און שפּרינגען איבער פון איין אָרט אין אַנדערן. „פון וועמען אַנטלויפט איהר עס?" האָט דער פוקס געפרעגט. „מיר אַנטלויפען — האָבען די פיש געענטפערט — פון די

געצען, וואס די מענשען שטעלן אן, אונז צו פאנגען". דאן האט דער פוקס געזאגט: קומט-זשע ארויס אויף דער יבשה וועל'מיר לעבען איך מיט אייך צוזאמען, ווי עס האבען געלעבט מיינע עלטערן מיט איערע. אויף דעם האבען די פיש זיך אבגערופען: די ביזט עס דער פוקס, וואס מ'רופט דיך: דער קליגסטער פון אלע חיות, דו ביזט דאך גאר א נאר; מה-דאך אין וואסער, אינ'ם קוואל פון אונזער לעבען, האבען מיר מורא, היינט אויף דער יבשה, וואו מיר קענען נישט לעבען, דארפען מיר דאך געוויס מורא האבען. אזוי זענען מיר אויך: אויב מיר שרעקען זיך פאר א געפאהר, לעהרנענדיג די תורה, וועגען וועלכער עס שטעהט געשריבען: כי היא חייך וארך ימיך (זי איז דיין לעבען און דיין לאנגיעהריגקייט), טא וואס-זשע וועט שוין זיין, ווען מיר וועלן זיך אינגאנצען אבשיידען פון איהר?"

אין א קורצער צייט ארום איז פפוס'עס נבואה מקוים געווארען: מ'האט ר' עקיבא'ן געחאפט לעהרנענדיג מיט די תלמידים און אריינגעזעצט אין געפענגעניש, דא האט רופוס איהם בעהאנדעלט מיט דער גרעסטער אכזריות, וועלנדיג אויף אזא אופן בויגען די רעליגיעזע עקשנות פון דעם גרעסטען יודישען אויטאריטעט. ער האט איהם אבגעהאלטען א לאנגע צייט אין געפענגעניש אונטער דער שטרענגסטער שמירה. די חברים-געזעצלעהרער, וועלכע זענען אהן ר' עקיבא'ן געבליבען פעריתומ'ט און אהן א רבי'ן, האבען אבער אנגעווענדט אלע מעגליכע מיטלען, כדי צוצוקומען צו דעם גרויסען געפאנגענעם און צו בעקומען פון איהם א תשובה אויף די צווייפעלהאפטע שאלות. עס האט געטראפען, אז מ'האט געגעבען א שליח דריי הונדערט דינאריעס (דינרים), ער זאל זיך איינשטעלען און אריינקומען צו ר' עקיבא'ן. אמאל פלעגט מען זיך דערביי בענוצען מיט א פשוט'ען געשיקטען איינפאל; אזוי האט זיך ר' יוחנן הסנדלר איינמאל פערשטעלט פאר א פעדלער (הויזירער), און פערביי-געהענדיג פאר'ן טהיר פון געפענגניש, האט ער אויסגעשריען: „ווער קויפט נאדלען! גאפלען! אז ס'איז פארגעקומען א חליצה צווישען איהם און איהר — ווי איז דער דין?" און ר' עקיבא האט איהם ארויסגעענטפערט דורכ'ן פענסטער: א שפינדעל האסטו? א. א. וו. — ס'איז כשר".

אזוי איז ר' עקיבא אבגעזעסען אין תפיסה יאהרען-לאנג, און ווען רופוס האט געזעהען, אז די עקשנות פון דעם גרויסען יודישען געזעצלעהרער איז פיעל שטארקער פון זיינע צוואנגס-מיטלען, האט ער

געגלויבט, זיך נוקם צו זיין אין איהם מיט א מורא'דיג-אכזריות'דיגער טויט-שטראף: ער האט געלאזען אבשינדען ר' עקיבא'ן דאס לייב פון די ביינער מיט אייזערנע קאמען; דער עקזאלטירטער הימעל-מענש האט זיך איהם אבער אויך איצט נישט אונטערגעגעבען: ר' עקיבא האט מיט א אונגעוועהנליכער רוהיגקייט איבערגעטראגען די שרעקליכע יסורים, און זיינע ליפען האבען נישט אויפגעהערט צו שעפטשען די תפילה: „שמע, ישראל, ד' אלהינו, ד' אחד!“. די דאזיגע קאלטקייט האט איבערראשט דעם אכזריות'דיגען בלוט-שופט, רופוס'ען, און ער האט אויסגערופען: „צי ביזטו נישט א כשוף-מאכער, און מיט כשוף מאכסטו דיר אזוי לייכט דיינע וועהטאגען?“ אויף דעם האט ר' עקיבא געענטפערט: איך בין נישט קיין כשוף-מאכער, נאר מיין גאנצען לעבען האב איך געלייענט דעם פסוק: ואהבת את ד' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך (דו זאלסט ליעב האבען גאט דיין גאט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה און מיט'ן גאנצען פערמעגען); דאס ערשטע און דאס דריטע האב איך מקיים געווען: איך האב ליעב געהאט גאט מיט'ן גאנצען הארצען און מיט'ן גאנצען פערמעגען. דאס צווייטע אבער איז מיר נאך נישט צו דער האנד געקומען; איצט-זשע, ווען ס'האט זיך מיר געמאכט מקיים צו זיין דעם „ובכל נפשך“ — זאל איך איהם נישט מקיים זיין?“ און ר' עקיבא האט נישט אויפגעהערט צו לייענען די תפילה, ביז ער האט אויסגעהויכט זיין נשמה מיט דעם אויסרוף, וואס ענטהאלט אין זיך דעם תמצית פון גאנצען יודענטום — „ד' אחד!“ (גאט איז איינציג).
דער טויט פון דעם גרויסען פיהרער, וואס איז געווען נישט ווייניגער אונגעוועהנליך פון זיין לעבען, איז געבליבען אלס מוסטער פאר די קומענדיגע דורות און די גאנצע מערטירער-גרופע איז אנגערופען געווארען אויף זיין נאמען: „ר' עקיבא מיט די חברים“. די אקאדעמישע קרייזען האבען מיט ר' עקיבא'ס טויט פערלוירען דעם שארפזיניגסטען געזעצלעהרער, דעם רבי'ן, און זיי האבען געזאגט: „פון ר' עקיבא'ס טויט זענען די ארעמס פון דער תורה געבראכען און די קוואלען פון דער חכמה — פערשיט“.

מיט נישט קיין קלענערער גייסט-שטארקייט און הייליגען העלדענמוט האט זיך אויסגעצייכענט אויך דער מערטירער-טויט פון דעם דערמאנטען ר' חנינא בן תרדיון. איהם האט מען איינגעוויקעלט אין די פערמעטען פון זיין ספר-תורה און אזוי ארויפגעלעגט אויף א שייטער=

הויפען פון טרוקענע צווייגלעך; ד'ערביי האט מען, כדי צו פערשטארקען און צו פערלענגערן די העלישע יסורים, ארויפגעלעגט איהם אויפן הארצען געווייקטע, נאסע וואל־קנוילען. די אכזריות פון דעם טויט איז געוועזען אזוי שרעקליך, אז דער תלין אליין האט שוין דאס נישט געקענט אריבערטראגען און געראטען ר' חנינא'ן, ער זאל אראבנעהמען די קנוילען פון הארצען, כדי ער זאל גיכער פערברענט ווערן. ר' חנינא האט זיך אבער דערפון אבגעזאגט, ווייל ער האט געזעהען אין דעם א אקט פון זעלבסטמארד. דאס האט דעם פראפעסיאנעלען רוצח איינגאנצען פון די כלים ארויסגעבראכט: „ער האט פערגרעסערט די פלאמען, האט אראבגענומען די קנוילען פון ר' חנינא'ס הארץ און איז אליין אויך — אריינגעשפרונגען אין פייער". צוזאמען מיט ר' חנינא'ן איז פערארטהיילט געווארען צום טויט אויך זיין פרוי, און זייער טאכטער איז אוועקגעפיהרט געווארען אין א בית־הזונות.

פון די איבריגע מערטירער זענען דערגאנגען צו אונז פרטים נאר וועגען ר' ישמעאל בן אלישע, ר' שמעון, ר' חוצפית המתורגמן, ר' ישובב הסופר און ר' יהודה בן בבא. דער לעצטער האט זיך געשראקען דערפאר, עס זאל נישט איבערגעריסען ווערן די גאנצע קייט פון דער מסורה, ווייל אהן דער סמיכה פון די אומגעקומענע „זקנים" וועלן די איבערגעבליבענע תלמידים קיין אויטאריטעטע קראפט נישט בעזיצען; ער האט דעריבער צוזאמענגענומען זעקס פון ר' עקיבא'ס בעסטע תלמידים, און האט זיי מסמיך געוועזען. געטאן האט ער עס „צווישען צוויי גרויסע בערג און צוויי גרויסע שטעדט — צווישען אושא און שפרעם"; דא האט ער ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף די בעריהמטע תלמידים: ר' מאיר, ר' יהודה ברבי אלעאי, ר' שמעון בן יוחאי, ר' יוסי בן חלפתא, ר' אלעזר בן שמוע און ר' נחמיה, — און זיי דערמיט אויטאריזירט אלס זעלבסטשטענדיגע געזעצלעהרער און ריכטער; דערווייל איז אנגעלאפען א מחנה רוימישע סאלדאטען, האט ר' יהודה אויסגעשריען צו די תלמידים: „קינדער! אנטלויפט!" האבען זיי צו איהם געזאגט: „און וואס וועט מיר דיר זיין?" אויף דעם האט ער געענטפערט: „איך ליעג פאר זיי, ווי א פערלאזענער שטיין". דאן זענען די תלמידים זיך צולאפען אין פערשיעדענע זייטען, און פון דעם גרויסען זקן זענען די סאלדאטען נישט אבגעטרעטען פריהער, ביז זיי האבען צולעכערט זיין קערפער, ווי א זיפ.

אויסער די הרוגי מלכות פון דעם אקאדעמישען קרייז זענען

געוועזען אויך אנדערע, וואס זענען אומגעקומען מיט דעם שטראהלענקראנץ פון א מערטירער־קרוין אויף די קעפ. פון די האבען זיך בעזונדער אויסגעצייכענט די בעריהמטע צוויי אנפיהרער פון דעם פריהערדיגען אויפשטאנד, יוליאנוס און פאפאס. צוליעב זייער גרויסען אנזעהען, האט מען זיי פארגעלעגט, זיי זאלען בלויז טרינקען וואסער פון א קאלירטען גלאז, כדי די ארומיגע זאלען עס אננעהמען פאר געצענוויין; זיי האבען זיך אבער דערפון אויך אבגעזאגט און זיך אונטערגעווארפען די אכזריות'דיגסטע יסורים.

אזוי האט זיך האדריאן נוקם געווען אן די איבערגעבליבענע פון דעם גרויסען אויפשטאנד; און נישט נאר די לעבעדיגע—אויך אויף די טויטע האט זיך זיין צארן אויסגעגאסען. ער האט בעפוילען, נישט צו לאזען מקבר זיין די אלע געפאלענע און פערמשפט'ע. די פעלדער און וועגען פון יהודה זענען אלזא פערווארפען געווען מיט טויטע קערפערס, און דערפון האבען זיך פערשפרייט איבערן לאנד פערשיעדענע מגפות. מיט דער אונמענשליכקייט האט האדריאן געוואלט אי אבשרעקען די איבערגעבליבענע טיילען פון דער אומה, זיי זאלען מעהר נישט וואגען צו חלומ'ען וועגען בעפרייען זיך פון רוים, אי ערניעדריגען די יודען אין די אויגען פון די שכני'שע בעפעלקערונגען, אי פשוט אויסראטען דעם לעצטען געדעכעניש פון דער יודישער אומה אויף יהודה'ס ערד. דערגרייכט האט ער אבער נישט מעהר, ווי די ערשטע צוויי, די יודישע אומה איז געבליבען, ווי אנ'אייביגער מאנומענט אויף די חורבות פון אלע אלטע קולטור־פעלקער — די מעכטיגע רוים אויך איינגעשלאסען. דער גייסטיגער העראאיזים פון די „בארבארישע יהודה'ער" האט שפעטער אין ערשטוינונג ארייננעבראכט זאגאר האדריאנ'ען אליין, און לויט א יודישער מסורה זאל ער אפילו האבען זיך ארויסגערופען איינמאל: „גרוים איז דאס שעפעלע, וואס שטעהט צווישען זיבעציג וועלף!"

א געוויסע ווירקונג אין דער הינזיכט פון אבשוואכען דעם צובונד צו דער יודישער אומה האט האדריאנס אינקוויזאטארישע טעטיגקייט געהאט אויף די יודען־קריסטען. פערפאלגט פון די יודישע פאטריאטען אין דער צייט פון אויפשטאנד, זענען זיך די דאזיגע יודען־קריסטען צולאפען אין די שטעדט אויף יענער זייט ירדן און האבען זיך דארטין אויפגעהאלטען; דער אונגליקליכער אויסגאנג פון דעם קריעג מיט זיינע מרי̇[illegible] פאלגען האט אבער געמוזט ווירקען אויך אויף זיי. אין דעם

„שקוץ משומם" (דעם יופּיטער־טעמפּעל), וואָס האדריאַן האָט אוועק־געשטעלט אויפן הר הבית, האָבען זיי געזעהען אַ צייכען פון דעם שרעקליכען וועלט־געריכט, וואָס דערנעהנטערט זיך, פון דעם שרעק־ליכען טאָג, ווען ישו וועט זיך ווידער באַווייזען אין די וואָלקענס; דערביי האָבען האדריאַנ׳ס אכזריות׳דיגע פערפאָלגונגען זיי אויך ניש אויסגעמיטען, דען די רוימישע בעאַמטע האָבען נישט געמאַכט קיין חלוק צווישען אַ יודען און אַ קריסט. דאָס האָט געצוואונגען די פונאַנ־דערגעוואָרפענע קריסטליכע גרופּען, זיך צוזאַמענצוציהען, און זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָבצורייסען אינגאַנצען פון דער יודישער אומה. די אַרבייט פון דורכפיהרען דאָס, האָבען גענומען אויף זיך צוויי לעה־רער פון דער קריסטליכער קירכע, קוואַדראַטוס און אַריסטי־דעס; זיי זאָלען האָבען צוגעשטעלט האדריאַנ׳ען אַ געשריבענע ער־קלערונג וועגען דעם, אַז דאָס קריסטענטום איז אַ זעלבסטשטענדיגע רעליגיע, וואָס האָט קיין צוזאַמענהאַנג נישט מיט׳ן יודענטום, און די אָנהענגער פון דעם נייעם גלויבען דאַרפען נישט ליידען פאַר די זינד פון יענע, מיט וועלכע זיי האָבען קיין געמיינזאַמעס נישט. פון יענער צייט אָן דאַטירט זיך די פאָלשטענדיגע פעראייניגונג און פערשמעלצונג פון די מעהרסטע יודישע מיט די געצענדיענערישע קריסטליכע סעק־טעס, וועלכע האָבען זיך שוין לאַנג געהאַט אָבגעריסען פון דעם יודי־שען נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. די יודען־קריסטען האָבען אויפגעהערט צו היטען די עטליכע מצוות פון דער יודישער תורה, וואָס זיי פלעגען ביז דאַן נאָך אָבהיטען, האָבען אָנגענומען דעם אינהאַלט פון קריסטענטום אין דער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך אויסגעבילדעט צווישען די געצענ־דינערישע קריסטען, און האָבען צום ערשטען מאָל אוועקגעשטעלט בראש פון זייער געמיינדע, אַלס בישאָף, דעם נישט־געמל׳טען מאַר־קוס. אַזוי ווי די קריסטען האָבען זיך צוגעחנפה׳ט צו האדריאַנ׳ען און אויסגעפּועל׳ט ביי איהם גרויסע חסדים און הנחות, האָבען זיך געפונען אויך אַ סך יודען, וואָס זענען אַריין אין זייער קהלה, וועלכע־ריג אויף אַזאַ אופן זיך בעפרייען פון די שרעקליכע רדיפות און פערפאָלגונגען; דאָס האָט נאָכמעהר פונאַנדערגעריסען די שוואַכע פעדים, וואָס האָבען צונויפ־געבונדען דאָס יודענטום מיט׳ן קריסטענטום, און פון דאַן אָן זענען אָט די ביידע וועלט־ און לעבענס־אַנשויאונגען שוין געשטאַנען איינע אַקעגען דער אַנדערער נישט ווי פיינדליכע גליעדער פון איין און דעם זעלבינען שטאַם, נאָר ווי צוויי גאַנץ זעלבסטשטענדיגע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס

פינפטעס קאפיטעל

דער נייער צענטר אין גליל

די מלחמה מיט האדריאנ׳ען איז געווען די לעצטע פראבע פון דער יודישער אומה, זיך צו בעפרייען פון דעם רוימישען יאך מיט דער הילף פון איהר פיזישער קראפט. דאס פאלק האט צוזאמענגענומען זיינע לעצטע כחות און איז געגאנגען זיך שלאגען אויף לעבען און טויט מיט זיין אייביגען שונא; געענדיגט האט זיך אבער דער קאמפף אויך דאס מאל מיט׳ן נצחון פון שונא, און יהודה איז געלעגען האלב א טויטע פאר זיינע פיס. די שטעדט צושטערט, דאס לאנד פערוויסט, די איינוואוינער טויט אויפ׳ן שלאכטפעלד אדער אויפ׳ן עשאפאט, פערשטעקט אין א פינסטערער מערה אדער אין די ארעמס פון שונא גופא —אזוי האט אויסגעזעהען דער גאנצער דרום־טייל פון לאנד (יהודה) נאך דעם „חורבן ביתר״. אויסער דער ניי אויפגעבויטער „עליא קאפיטאלינא״, וואס איז אויסגעוואקסען אויף די חורבות פון ירושלים, און וואו קיין יוד האט נישט געטארט אריינקומען, זענען די אלע געוועזענע בליהענדע שטעדט געבליבען כמעט אהן א שום בעפעלקערונג, און דער זעלביגער גורל איז אויסגעפאלען אויך אויף דעם שטעדטיל יבנה, וואו ס׳האט זיך געפונען דאס בענייטע סנהדרין. די פערוויסטונג פון דרום־פאלעסטינא איז געווען אזוי גרויס, אז דער גאנצער טערמין יהודה (Judaca) האט פון דעמאלט אן אויפגעהערט בענוצט צו ווערן

אין די רוימישע דאָקומענטען און אַנשטאָט איהם איז דאָרט אַריין אין געברויך דער טערמין סיריא־פּאַלעסטינא (Syria Palaestina).

מעהר בעפעלקערט, כאָטש אויך געניג פערוויסט, איז געבליבען דער צפון־טהייל פון לאַנד, דאָס אַזוי גערופענע גליל. אַהין האָבען איצט אויסגעוואַנדערט די אַלע, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פון האַדריאַנ׳ס פערפאָלגונגען, און דאָרט איז געלעגט געוואָרען דער יסוד פאַר אַ נייעם פאָלקס־צענטר. דאָס איז פאָרגעקומען נאָכדעם, ווי האַדריאַן איז געשטאָרבען (138), און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטאַרקע רעאַקציע געגען זיינע אַכזריות׳ען און רדיפות. אויפ׳ן רוימישען טראָן איז אַרויף אַנטאָנינוס פּיוס (אַנטונינוס־קיסר), און ער האָט אָבגעשאַפט די אַלע עדיקטען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען דער יודישער אמונה; אויף זיין ספּעציעלען בעפעהל איז יודען ערלויבט געוואָרען אָבצוהיטען אַלע געבאָטען פון זייער גלויבען, צווישען די אויך דעם געבאָט פון מלה, וועלכער איז פריהער פערבאָטען געווען אַלס אַ אַקט פון קאַסטראַציע *).

פאַר דער דאָזיגער אָבשאַפונג פון די שרעקליכע „שמד־גזירות" האָבען די זיך יודען אַליין משתדל געווען, און לויט אַ געוויסער תלמודישער לעגענדע, איז די זאַך פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן. אין קסריה, די רעזידענץ פון דעם רוימישען שטאַטהאַלטער, האָט זיך געפונען אַ פאָרנעהמע רוימישע מאַטראָנע, וואָס האָט שטאַרק מיטגעפיהלט די יודישע צרות און האָט דערביי געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די פאָרשטעהער פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע. האָבען זיך צו דער מאַטראָנע געווענדט דער תנא ר׳ יהודה בן שמוע מיט זיינע חברים, און געפרעגט ביי איהר אַנ׳עצה, וואָס צו טאָן געגען די אונמענשליכע פערפאָלגונגען, וואָס די יודען האָבען אויסצושטעהן פון דער רוימישער מאַכט; אַלס ענטפער אויף דעם האָט זיי די מאַטראָנע געראַטען, זיי זאָלען זיך פּרובען בעטען רחמים ביי דער העכערער אַדמיניס־

---

*) קאַסטרירען — הייסט מסרס זיין, אַראָבנעהמען דעם מענליכען גליעד.— בנוגע צו פרעמד־גלויבינגע איז דער פערבאָט געגען מלה איצט אויך פערבליבען אין זיין קראַפט; צוזאַמען דערמיט איז געבליבען אין זיין קראַפט אויך דער בעפעהל, וואָס האָט פערבאָטען יודען אַריינצוקומען אין „עליא קאַפּיטאָלינא" (דין געוועזענע ירושלים).

טראַציע — אפשר וועט זי ווייכער ווערן; און די שלוחים האָבען אזוי געטאָן; זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט ביינאַכט פאַר'ן פּאַלאַץ פון שטאַטהאַלטער און געוויינט און געשריען: „גאָט אין הימעל! צי זענען מיר דען נישט אייערע ברידער, קינדער פון איין פאָטער! צי זענען מיר דען נישט פון איין מוטער געבוירען! מיט וואָס זענען מיר ערגער פון אלע פעלקער, וואָס איהר זענט גוזר אויף אונז: אזעלכע שווערע גזירות!” די דאָזיגע בקשה האָט געווירקט, און אין א קורצער צייט ארום איז אָנגעקומען די בשורה, אז אלע פריהערדיגע גזירות זענען אָבגעשאַפט. דער טאָג, ווען די בשורה איז אָנגעקומען, איז ארייַנגענומען געוואָרען אין רעגיסטער פון די נאַציאָנאַלע געדענק-טעג: עס האָט געהייסען, אז דאָס פאָלק איז ווידער פריי געוואָרען.

די ידיעה, אז די רדיפות און גזירות געגען דער יודישער אמונה זענען בטל געוואָרען, האָט זיך גלייך פונאַנדערגעטראָגען אין אלע לענדער, וואו די איבערגעבליבענע פון דעם גרויסען שטורם האָבען עמיגרירט, און פון אלע זייטען האָבען אָנגעהויבען אָנקומען צוריק קיין פּאַלעסטינא מאַסען אנטלאָפענע און באַהאַלטענע. צווישען די לעצטע האָבען זיך געפונען אויך די זעקס תלמידים פון דעם בעריהמטען ר' עקיבא, וועלכע ר' יהודה בן בבא האָט געגעבען סמיכה. זיי זענען געהאַט אנטלאָפען קיין בבל, און האָבען שוין געוואָלט דאָרטען עפנען ישיבות; איצט אָבער האָבען זיי זיך אומגעקעהרט אינ'ם לאַנד פון דעם געוועזענעם גרויסען גייסטיגען צענטר. די דאָזיגע ערשטע שוואַלבען פון דער קומענדיגער גייסטיגער אויפלעבונג האָבען זיך גלייך צונויפגעזאַמעלט אין דעם היסטאָרישען רמון-טאַל (בקעת רמון), צו בעשטימען די יאָהרען און די חדשים, ווייל אין די אלע יאָהרען פון שמד האָט מען נישט געקענט רעגולירען דעם שמיטה-יאָהר און דאָס האָט געקאָנט ברענגען צו גרויסע אונאָרדנונגען אין דעם יודישען קאַלענדאַר-וועזען. דאַן האָבען זיי זיך בעזעצט אין דעם גליל'עאישען שטעדטיל אושא, און זיך ערקלערט אלס א קליין סנהדרין, דערביי האָבען זיי זיך נישט בעגנוגענט מיט זייער אויטאָריטעט, און געגוכט צוצוציהען קיין אושא די לעבען-געבליבענע געזעצלעהרער פון אלע עקען לאַנד.

אזוי איז דער צוריבענער, מיט בלוט פערגאָסענער און האַלבגוסס'ער פאָלקס-אָרגאַניזם שוין צו זיך געקומען, און די געזעצלעהרער האָבען זיך ווידער גענומען, אייַנצופליסען אין איהם מוט און שטאַרקייט. די מיטגלידער פון דער איצטיגער גרופּע תנאים

האָבען פאָרטגעזעצט די טעטיגקייט פון זייערע פאָרגענגער און ווידער צוזאמענגעקניפט די מסורה, — האָטש זייער צאָהל איז געווען נישט גרויס. די בעדייטענדסטע פון דעם איצטיגען קאָלעגיום זענען געווען ר׳ שמעון, א זוהן פון דעם לעצטען פאטריארך ר׳ גמליאל, ר׳ נתן פון בבל, ר׳ מאיר און ר׳ שמעון בן יוחאי. דער ערשטער, ר׳ שמעון בן גמליאל, האָט זיך מיט נסים געראטעוועט פון האדריאנ׳ס האנד און איז אנטלאָפען קיין בבל; אלס געזעצליכער יורש פון דעם פאטריארכען-טיטול האָט ער אָבער נישט געקענט בלייבען פון דער ווייטען, ווען עס האָט זיך צוזאמענגעשטעלט א נייער סנהדרין, און קומענדיג קיין אושא איז ער ווירקליך גלייך אויסגעקליבען געוואָרען פאר דעם נשיא פון קאָלעגיום. דעם קאָמפלעט פון דער נשיאות האָבען אויסגעפילט ר׳ נתן פון בבל אלס „אב בית דין״ און ר׳ מאיר אלס „חכם״. אין דער ערשטער צייט זענען אפילו פאָרגעקומען פערשידענע סכסוכים צווישען דעם נשיא און די איבריגע מיטגלידער פון קאָלעגיום, און עס האָט געהאלטען דערביי, אז מיט׳ן זוהן זאָל געשעהען דאָס אייגענע, וואָס מיט׳ן פאָטער: מ׳זאָל איהם מעביר זיין פון דער נשיאות; מיט דער צייט האָט זיך אָבער איינגעגעבען די סוכסוכים אויסצוגלייכען און ר׳ שמעון איז געבליבען אויף זיין הויכען פאָסטען. צו דעם שלום האָט פיעל געהאָלפען דאָס, וואָס די סכסוכים זענען אמעהרסטענטייל געווען פּרינציפּיעלע (ווייל ר׳ שמעון, ווי זיין פאָטער, האָט אויך כסדר געשטרעבט צו פערגרעסערן דעם אויטאָריטעט און די איינהייט פון סנהדרין), און קיינער האָט דעם יונגען נשיא נישט געקענט חושד זיין אין פערזענליכע פניות. די כאראקטעריסטיק פון דעם לעצטען שפּיגעלט זיך אמבעסטען אָב אין דעם אפאָריזם, וואָס איז דערגאנגען צו אונז פון איהם אין די „פרקי אבות״: „אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף אמת, גערעכטיגקייט און שלום״.

די אָריגינעלסטע און בעדייטענדסטע פערזענליכקייט פון יענעם קרייז איז אָבער געווען נישט די פונ׳ם נשיא; ר׳ שמעון האָט בעקומען די נשיאות און איז געווען דער קאָפּ פון סנהדרין נאָר צוליעב זיינע דינאסטישע רעכט אויף דעם טיטול; פיעל גרעסער און בעדייטענדער איז אָבער געווען די טעטיגקייט און די ווירקונג פון דעם דערמאָנטען ר׳ מאיר. וועגען דער אָבשטאמונג פון דעם דאָזיגען גרויסען גייסט האָבען זיך אין פאלק ארומגעטראָגען פערשידענע נוסחאות, און לויט איין

אגרתא זאל ער זאגאר האבען געוועזען אנ'אייניקעל אדער אנ'אור־אייניקעל פון דעם רוימישען קייזער נ ע ר א (נירון־קיסר), וועלכער איז, ווי די מזרח־פעלקער האבען געגלויבט, נישט גערהרג'עט געווארען, נאר אנטלאפען ערגעץ אין טיעף אזיען און זיך דארט מגייר געווען. ווי דער גרעסטער טייל פון די תנאים האט זיך ר' מאיר אויך געשפייזט פון א מלכה: ער איז געוועזען א איבערשרייבער און פלעגט מאכען קאפיעס פון די הייליגע שריפטען. אזוי ווי ער האט ערפונדען א מיטעל, צו מאכען דעם כתב גלאנצענדיגער און דויערהאפטיגער (ער האט אריינגעטאן אינ'ם טינט קופער־וויטריאל; אויף גמרא־לשון: ק נ ק נ ת ו ם), איז ער געוועזען בעריהמט אין זיין פאך און האט פערדיענט דריי שקלים א וואך; דערפון האט ער צוויי דריטעל אויסגעגעבען פאר זיין פאמיליע און מיט דעם איבריגען געשטיצט די ארימע חברים.

ר' מאיר האט געהאט פאר א פרוי די געלערנטע טאכטער פון דעם בעריהמטען ר' חנינא בן תרדיון, מיט'ן נאמען ב ר ו ר י ה, און אזוי ווי די צווייטע טאכטער פון דעם מערטירער איז, צוזאמען מיט'ן פאטער'ס טויט, אוועקגעפיהרט געווארען אין א שאנד־הויז, האט ער זיך, גלייך ווי ער איז צוריקגעקומען קיין פאלעסטינא, גענומען זוכען דער שוועגערין, כדי זי צו בעפרייען. ער איז געגאנגען פון איין שטאדט אין דער אנדערער, און ווען ער איז געקומען אין דער שטאדט, וואו זיין ווייב'ס שוועסטער האט זיך ווירקליך געפונען, האט ער פריהער געוואלט דערגעהן, צי זי איז נאך ריין; צו דעם צוועק האט ער זיך פערשטעלט פאר א רוימישען ריטער, און ווען ער איז איבערצייגט געווארען אין איהר אונשולד, האט ער אונטערגעקויפט די שומרים און זי ארויסגענומען. ווען די אדמיניסטראציע האט זיך דערוואוסט פון דעם פאקט, האט זי ארויסגעשיקט שלוחים, נאכצויאגען די אנטלאפענע; ר' מאיר האט זיך אבער זעהר געשיקט געשפיעלט זיין ראליע אלם רוימער, און אזויערנאך איז איהם געלונגען זיך ארויסצודרעהען פון דער געפאהר. בעקאנט איז אויך די ריהרענדע אגדה, וואס שילדערט די גייסטיגע גרויסקייט פון ר' מאיר'ן מיט זיין פרוי, די בעריהמטע ב ר ו ר י ה. „ס'איז געוועזען א מעשה ביי ר' מאיר'ן, אז ער איז געזעסען און האט גדרשה'ט צו מנחה־צייט שבת, און אין דערהיים זענען דערווייל געשטארבען זיינע צוויי קינדער. וואס האט געטאן זייער מוטער? האט זי זיי אהעקגעלעגט אויפ'ן בעט און איבערגעדעקט מיט א ליילעך. איז אבענד איז ר' מאיר געקומען פון בית המדרש;

פרעגט ער: וואו זענען מיינע צוויי קינדער? זאגט זי: זיי זענען אוועק אין בית מדרש. שטוינט ער: איך האב דאך געקוקט אין בית המדרש און האב זיי נישט געזעהען? האט זי איהם געגעבען א כוס צו הבדלה און ער האט הבדלה געמאכט, דערנאך האט ער זיך ווידער געווענדט צו איהר: מיינע קינדער וואו זענען? און זי האט איהם ווידער געענטפערט: זיי זענען אוועקגעגאנגען דארטין-און-דארטין און וועלן באלד קומען. דאן האט זי איהם דערלאנגט צום עסען, און ווען ער האט אבגעגעסען האט זי זיך אבגערופען: רבי, איך האב צו פרעגען א שאלה: איינער האט ביי מיר איינגעלעגט א פקדון און איצט וויל ער איהם אבנעהמען; זאל איך איהם אבגעבען, צי נישט? האט ער צו איהר געזאגט: מיין טאכטער! ווי שיקט זיך עס, נישט אבצוגעבען יענעמס פקדון? אויף דעם האט זי געענטפערט, אז אהן זיין וויסען האט זי עס נישט געוואלט אבגעבען; דערביי האט זי איהם אנגענומען פאר'ן האנד, צוגעפיהרט צום בעט און אבגעדעקט דאס לייליך. האט ער דערזעהען זיינע צוויי טויטע קינדער און זיך פונאנדערגעוויינט, און זי האט געזאגט: רבי, דו האסט דאך אליין געזאגט, אז מ'דארף אומקעהרען דעם פקדון, ווען יענער קומט איהם מאהנען; עס שטעהט געשריבען: ד' נתן, ד' לקח, יהי שם ד' מברך (גאט האט געגעבען, גאט האט גענומען: זאל גאט'ס נאמען זיין געבענשט)".

די חברים אין קאלעגיום האבען געקוקט אויף ר' מאיר'ן, ווי אויף א גייסטיגען ריזע, „וואס רייסט אוים בערג און צומאהלט זיי איינעם מיט'ן אנדערן", און דערצו איז ער געווען אזוי זעלבסטשטענדיג אין זיינע מעשים און מיינונגען, אז ער האט זיך ערלויבט זאגאר צו שטעהן אין בעציהונגען מיט דעם פעררעטערישען אלישע בן אבויה (אחר) און צו לערנען פון איהם געוויסע צווייפעלהאפטע הלכות. אויף די פארוואורפען פון זיינע חברים, וואס האבען געקוקט קרום אויף די בעציהונגען, האט ר' מאיר געענטפערט: „איך האב געפונען א מילגראם; זיין קערן האב איך אויפגעגעסען און די שאלעכץ אוועקגעווארפען". ער האט אמאל בעגלייט זיין אפיקורסי'שען רבי'ן צו-פוס, זיך אונטערהאלטענדיג מיט איהם אין לערנען, ווערענד יענער איז געזעסען אויף זיין אייזעל. פלוצלינג האט זיך אחר אבגערופען צו זיין תלמיד-בעגלייטער: „מאיר, קעהר דיך אום. דא ענדיגט זיך א תחום-שבת". — „קום דו אויך צוריק", האט זיך ר' מאיר געפרובט. — „פאר מיר, האט אחר געענטפערט, זענען פערשלאסען אלע טויערן פון תשובה,

און עס איז שוין לאנג ארויס א בית-קול און געזאגט: „קערט זיך אום אלע פערפיהרטע קינדער, אויסער אלישע-אחר, וועלכער האט דערקענט מיין כח און מורד געווען אן מיר". שפעטער, ווען אחר איז קראנק געווארען, איז ר' מאיר געקומען צו איהם און ווידער געבעטען: „קעהר דיך אום", און אלישע „האט זיך פונאנדערגעוויינט און איז געשטארבען וויינענדיג".

א דאנק די בעציהונגען מיט זיין גנאסטישען רבי'ן, האט ר' מאיר אליין זיך אויך אפט אונטערהאלטען מיט נישט יודישע פילאזאפען. א בעזונדער הארציגע פריינדשאפט האט געהערשט צווישען איהם און דעם נעא-פלאטאניקער איינימאס פון גדרה, וועלכער איז געווען א שטארקער פערעהרער פון יודענטום און האט געהאלטען, אז פלאטא מיט פיטאגאראס'ן האבען געשעפט זייער חכמה פון דער יודישער תורה, און ווען דער לעצטער האט געטרויערט נאך זיינע עלטערן איז דער גרויסער יודישער געזעצלעהרער געגאנגען איהם טרייסטען. די דאזיגע טאלעראנץ האט ר' מאיר ארויסגעוויזען נישט בלויז בנוגע צו איינציגע פארשטעהער פון דער נעצענדיענערישער וועלט, נאר בנוגע צו דער גאנצער געצענדיענערישער וועלט בכלל; ער האט געלערנט: „פון וואנען ווייסען מיר, אז א געצענדיענער, וואס איז עוסק אין דער תורה, האט דעם דין, ווי א כהן-גדול? ווייל עס שטעהט געשריבען: „אלה החקים והמשפטים, אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" (דאס זענען די געזעצען, וואס דער מענש דארף זיי אבהיטען און לעבען מיט זיי): עס שטעהט האדם (דער מענש), דאס הייסט, אפילו א געצענדיענער האט דעם דין ווי א כהן-גדול, אויב ער איז עוסק אין דער תורה".

בנוגע צו דער הלכי'שער מסורה האט זיך ר' מאיר געהאלטען ביי דעם סיסטעם פון זיין רבי'ן, ר' עקיבא. די חברים האבען געזאגט אויף איהם, אז מ'קען קיינמאל נישט דערגעהן גענוי, וואס ער וויל, חייל ער פלעגט מיט זיינע שארפזיניגע פשט'לעך און פלפולים ברענגען בעווייזען אי פאר, אי געגען דער בעשטימונג פון א געזעץ, און אפטמאל האט ער זאגאר בעוויזען מיט זיין שארפער דיאלעקטיק — מתיר צו מאכען דאס, וואס איז אין דער תורה גופא בפירוש פערבאטען, אדער פערקעהרט. צווישען זיינע תלמידים האט זיך געפונען איינער מיט'ן נאמען סומכוס, וועלכער האט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זיין אונגעוועהנליכער חריפות און פלפול'דיגע גענג, האבען די חכמים געזאגט אויף איהם מיט א שארפער איראניע: ער איז א גרויסער חריף,

נאָר פסק'נען אַ שאלה בײַ יודען קען ער נישט. די דאָזיגע התנגדות צו דעם גײַסט פון פּלפול און שאַרפזיניגע סאָפיזמען האָט זיך אַרויסגעוויזען אין אַ געוויסער מאָס אויך בנוגע צו ר' מאיר'ן אַליין, און אַ סך פון זײַנע הלכות זענען נישט אָנגענומען געוואָרען אין דער פּראַקטיק.

ר' מאיר האָט פאָרטגעזעצט ר' עקיבא'ס טעטיגקײַט נישט נאָר אין דעם סיסטעם, ווי אַזוי צו דרשה'נען די הלכות פון דער תורה, — ער האָט זיך אויך פערנומען מיט דער סיסטעמאַטישער צוזאַמענשטעלונג פון די געזאַמעלטע געזעצען און מסורות. דאָס איז געווען אַ העכסט דרינגענדע בעדערפעניש אין יענער צײַט פון רדיפות און מערטירערטוּמען, וואָס האָט פלוצלינג אָבגעריסען פון לעבען כמעט אַלע בעדײַטענדע געזעצ-לעהרער, און ר' עקיבא'ס תלמיד האָט דאָס דאָזיגע בעדערפעניש גלענצענד אויסגעפילט. ער האָט צונויפגענומען דעם גאַנצען לעהר-מאַטעריאַל פון די גרויסע רביים, און איהם סיסטעמאַטיש בעאַרבײַט אונטער דעם טיטול משנה.

אַ רײַכע און פיעלזײַטיגע פּערזענליכקײַט איז געווען אויך דער צווײַטער פון קאָלעגיום, ר' שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט געהאַט זײַן ישיבה אין דעם גליל'עאישען שטעדטיל תקוע. אים נעגענזאַץ צו זײַן פאָטער יוחאי, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער חשוב בײַ די רוימישע בעאַמטע, איז ר' שמעון געווען אַ ביטערער שונא פון די רוימער און זײַער קולטור, און ווען ער האָט זיך אַמאָל ערלויבט, צו זידלען די „מלכות הרשעה" פאַר אַ גרויסען עולם, האָט מען עס דערטראָגען צו דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט איהם דערפאַר פערמשפּט צום טויט. ר' שמעון איז דאַן אַנטלאָפען און האָט זיך בעהאַלטען אין אַ מערה; דאָ האָט ער אָבגעלעבט אַ גאַנצע רײַהע יאָהרען (ביז האַדריאַנ'ס טויט), זיך שפּײַזענדיג מיט די טײַטלען פון דעם בוים, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, און מיט'ן וואַסער פון דעם דאָרטיגען קוואַל, און דאָס האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף זײַן געזונדס-צושטאַנד: דאָס לײַב איז בײַ איהם אינגאַנצען בעדעקט געוואָרען מיט געשווירען און וואונדען. אײַנמאָל האָט ער געפּרובט אַרויסטרעטען פון זײַן בעהעלטעניש, און דערוויסענדיג זיך, אַז די שרעקליכע צײַטען זענען שוין אַריבער, איז ער אַוועק צוריק אין לאַנד. כדי זיך אויסצוהײַלען פון די שווערע וואונדען, האָט ער זיך געבאָדען אין די וואַרימע וואַסער-קוואַלען פון טבריה (חמי טבריה), און אויס דאַנקבאַרקײַט צו דער שטאָדט, וואו ער איז בעפרײַט געוואָרען פון זײַן שווערער קרענק,

האָט ער אויסגעאַרבייט אַ געגויעען פּלאַן פון די שטאָדטישע פּלעצער, וועלכע זענען ווירקליך טמא, און פון יענע, וואָס זענען ריין; און אויף אַזאַ אופן אַראָבצונעהמען פון דער גאַנצער שטאָדט דעם חשד פון טומאה, וואָס איז אַלט געווען שוין איבער הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר *).

אָט דער פאַקט פון אַבלעבען אַ לאַנגע צייט אין אַ מערה האָט געדינט דעם פאָלק אַלס קאַנווע פאַר פערשיעדענע לעגענדעס און וואונדער-ערצעהלונגען, און ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער ניכטערער און שטרענג-לאָגישער געזעצלעהרער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בעל-מופת, אין אַ מענשען פון סודות און מיסטישע פאַנטאַזיעס. די דאָזיגע לעגענדעס האָבען זיך נישט אויפגעהערט צו וועבען אַז ביז אין טיעפען מיטעלאַלטער, און ווען ס'איז אין XIII-טען יאָהרהונדערט געפונען געוואָרען דער אַזוי גערופענער „זוהר", האָט דאָס פאָלק איהם אויך צוגעשריבען ר' שמעון בן יוחאי. דער אויטאָריטעט און די הייליגקייט פון דעם בוך איז פון דאַן אָן כסדר געוואַקסען, און צוזאַמען מיט איהם איז געוואַקסען אויך די קדושה פון דעם כלומר'שט מיסטישען תנא; פון XVI-טען יאָהרהונדערט אָן איז ר' שמעון'ס קבר אין מרון געוואָרען אַ פונקט, וואוהין עס ציהען זיך די פרומע יודען פון אַלע לענדער, און ביז היינטיגען טאָג ווערט נאָך דער קבר בעזוכט פון אַ מאַסע פּיליגרימען.

אויף ווי ווייט די היסטאָרישע ווירקליכקייט און געגען דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטיק פון ר' שמעון בן יוחאי, לאָזט זיך בעזונדער דייטליך זעהען אין זיין בעציהונג צו דער הלכי'שער מסורה. אין זיינע אויסטייטשונגען פון געזעץ איז ר' שמעון געווען פונקט דער היפך פון ר' עקיבא'ן און ר' מאיר'ן. ער האָט זיך שטענדיג בעמיהט אויסצופאָרשען געניי דעם טעם, דעם לאָגישען גרונד פון געזעץ, כדי אַרויסצוציהען דערפון פערשיעדענע נייע שלום-פאָלגערונגען, נייע מעגליכקייטען. זיין ערקלערונג הויבט זיך שטענדיג אָן מיט דער פראַגע:

---

*) די שטאָדט טבריה איז געבוים געוואָרען דורך הורדוס-אַנטיפּאַ לכבוד דעם קייזער טיבעריוס; די פרומע יודען האָבען אָבער דאָ נישט געוואָלט וואוינען, וייל אויף דעם פּלאַץ איז געווען אַמאָל אַ בית-עולם און זיי האָבען חושש געווען פאַר טומאה.

פארוואס האט די תורה געזאגט דאס און דאס (מפני מה אמרה תורה)? און אויף דער שאלה, למשל, פארוואס האט די תורה געהייסען איבערלאזען פאה (די עקען פון די נישט געשניטענע תבואה) אויף די פעלדער, גיט ער אן פיער טעמים, וועלכע שטיצען זיך אלע אויף דעם געוועהנליכען מענשליכען פערשטאנד.

פון ר׳ שמעון בן יוחאי זענען דערגאנגען צו אונז אויך א סך זעהר כאראקטעריסטישע אגדי׳שע מאמרים. א פערביסענער געגנער פונ׳ם גאנצען רוימערטום, האט ער זיך שטענדיג אויסגעדריקט וועגען זיי מיט די שארפסטע ווערטער, און ווען איינער פון די חברים האט געפרובט לויבען די אויסערליכע ציוויליזאטארישע טעטיגקייט פון די רוימער: די מארק-פלעצער, די בריקען, די בעדער, וואס זיי האבען אויסגעבויט, — האט ר׳ שמעון מיט כעס אויסגעשריען: „אלץ, וואס די רוימער האבען געמאכט, האבען זיי געמאכט נאר פון זייער בעקוועמליכקייט-וועגען. זיי האבען פערפוצט די שטאדטישע מארק-פלעצער, כדי אוועקצוזעצען דארטין אויסגעלאסענע פרויען; זיי האבען אויסגעבויט בעדער, כדי צו וואשען און רייניגען זייערע קערפער׳ס; זיי האבען אויפגעשטעלט בריקען, כדי אויפצומאהנען די שטייערן". אין זיין בעציהונג צום לעבען בכלל האט ר׳ שמעון אויך קיין אסקעטישע נייגונגען נישט ארויסגעוויזען; ער דריקט זיך אויס אין איין ארט: „די תורה איז געגעבען געווארען נאר פאר מן-עסער. דען ווי אזוי קען עס א מענש זיצען און לעהרנען, און נישט וויסען, וואו ער וועט נעהמען צום עסען און טרינקען; זיצען און זיך פשט׳לען און נישט וויסען, וואו ער וועט נעהמען א קלייד אויפ׳ן לייב?" ער האט געהאט א גרויסען קרייז תלמידים, און חייל ער האט איבערגעלעבט אלע זיינע חברים, איז ער געוועזען א געוויסע צייט כמעט דער איינציגער אויטאריטעט פאר אלע פראגען פון דעם רעליגיעזען לעבען.

דער דריטער, לויט זיינע מעלות, אין דעם נייעם קאלעגיום איז געוועזען ר׳ י ה ו ד ה ב ר ב י א ל ע א י, א געבוירענער פון דעם שטעדטל אושא גופא און אויך א דארטיגער תושב, וועלכער איז אין א סך הינזיכטען עהנליך געוועזען צו ר׳ יהושע בן חנניה. בעשיידען, קלוג, געשיקט און בערעדעוודיג, האט ער שטענדיג געזוכט, צו מילדערן די אנגעצויגענע בעציהונגען צווישען די רוימער און דער יודישער אומה, און ער ווערט אומעטום בעצייכענט מיט דעם טיטול „חכם" און ראש המדברים. ווי ר׳ יהושע, האט ער זיך אויך געשפייזט

פון א מלאכה, און זיין שפרוך איז געווען: „גרוים איז די ארבייט — זי בעעהרט דעם ארבייטער; ווער עס לעהרנט נישט זיין זוהן קיין מלאכה, טרייבט איהם צווישען גזלנים". ביי דעם כלל האט זיך, ווי ס'שיינט, שטארק געהאלטען ר' יהודה'ס חבר, ר' יוסי בן חלפתא, וועלכער איז געווען לויט זיין פראפעסיע א גארבער (בורסקי). ר' יוסי האט צוזאמענגעקליבען א רייהע משנות אונטער דעם גריכישען נאמען נימוקין (Nomikon); ער האט אויך צוזאמענגעשטעלט א קורצע חראניק פון בריאות עולם ביז דעם בר-כוכבא'שען קריעג. אין דער דאזיגער חראניק („סדר עולם"), וואס האט א געוויסע בעדייטונג פאר דער יודישער היסטאריאגראפיע, בעמיהט זיך ר' יוסי אויסצופילען און אויסצוגלייכען די פערגעבעלטע און צווייפעלהאפטע דאטומס פון די הייליגע שריפטען, דאגעגען אבער פון אלעקסאנדער מוקדון אן האלט ער זיך גאנץ זעלבסטשטענדיג, און ס'בלייבט נאר צו בעדויערן דעם פאקט, וואס די נאטיצען אין דער חראניק זענען זעהר קורץ.

פון ר' עקיבא'ס איבריגע תלמידים זענען צו אונז קיינע איינצעלהייטען נישט דערגאנגען; בעקאנט איז נאר, אז אויסער די דאזיגע ישיבות אין גליל, האט זיך געפונען נאך איין ישיבה אין יהודה, און די חכמים פון יענער ישיבה ווערן אנגערופען „רבותינו שבדרום".

נעבען די אלע אויסגערעכענטע תנאים האט א בעזונדער פלאץ פערנומען דער אויבענדערמאנטער ר' נתן, א זוהן פון דעם „ראש גלותא" (פאטריארך) אין בבל; צו אונז זענען נישט דערגאנגען קיין קוועלן וועגען די סבות, וואס האבען אט דעם אריסטאקראטישען געלעהרנטען געצוואונגען צו פערלאזען זיין רוהיג היימאט-לאנד און צו קומען קיין פאלעסטינא אין דער צייט, ווען אויף יעדערן איז געהאנגען דאס שווערד פון פיין און שמד; עס איז נאר בעקאנט, אז אין דעם רעסטאוירירטען סנהדרין אין אושא איז איהם געגעבען געווארען דער טיטול „אב בית דין". ר' נתן האט זיך בעזונדער אויסגעצייכענט אין דעם יורידישען טייל פון דער יודישער געזעצלעהרע און אין אסטראנאמיע, און ווי דער גרעסטער טייל פון די תנאים אין יענער צייט האט ער אויך סיסטעמאטיזירט בעזונדערע זאמלונגען פון הלכות, וועלכע רופען זיך אויף זיין נאמען „משנת דרבי נתן" אדער „תוספתא דרבי נתן".

פון די דאזיגע אלע געזעצלעהרער איז צוזאמענגעשטעלט געווארען דאס בעניימטע סנהדרין אין אושא, וועלכער האט ענערגיש געאר-

בײַט פאַר דער אויפלעבונג פון דער יודישער געזעצלערע, וואָס האָט פון אײַבינ־אָן געהאַט די זעלבינע בעדײַטונג, ווי די אויפלעבונג פון דעם יודישען לעבענס־גײַסט. די טעטינקײַט פון דעם סנהדרין אין דער ריכטונג איז נאָך מעהר אינטענסיוו און ענערגיש געוואָרען, אַ דאַנק דער געפאַהר פון אַ טיעפער שפאַלטונג, וואָס האָט זיך אָנגערוקט פון בבל; דאָ איז פאָרגעקומען פאָלגענדעס: אין דער צײַט, ווען די געזעצלעהרער אין גליל האָבען געאַרבײַט מיט אַלע כחות צוריק פליסיג צו מאַכען דאָס פערגליווערטע בלוט פון דעם יודישען פאָלקס־גײַסט, צוריק צו שאַפען אײַן גײַסטיגען צענטר פאַר דער גאַנצער אומה, אָבצוהיטען פון פערלוירען געהן דעם מאַטעריאַל פון די איבערגעגעבענע הלכות און מסורות דורך סיסטעמאַטישע זאַמלונגען,—אין דער צײַט האָט אַ יהודה'עאישער עמיגראַנט אין בבל זיך ארומגעטראָגען מיט דער אידעע, איבערצוטראָגען אַהין דעם צענטר פון דער אומה, ד. ה. צו גרינדען דאָרטין אַ נײַעם סנהדרין, וואָס זאָל איבערנעהמען אין זײַנע הענד אַלע אָנגעלעגענהײַטען פון כלל־ישראל. גערופען האָט מען דעם עמיגראַנט חנניה; דאָס איז געווען אַ ברודערן־זוהן פון דעם בעריהמטען ר' יהושע בן חנניה, וועלכען דער גרויסער פעטער האָט אוועקגעשיקט פון ארץ ישראל, כדי איהם אויף אַזאַ אופן צו דערווײַטערן פון דעם אײַנפלוס פון די מינים (יודען־קריסטען). חנניה האָט זיך בעזעצט אין נהר פקוד, נישט ווײַט פון נהרדעה, און אָרגאַניזירענדיג דאָרטין אַ גרויסען בית דין, אין דער געשטאַלט פון סנהדרין, האָט ער זיך אַלײן גענומען די נשיאות, און אַ געוויסען נחוניא בעשטימט פאַר'ן אב בית דין; דער דאָזיגער בית דין איז גלײַך צוגעטרעטען צו בעשטימען דעם יאָהר פון שמיטה און בכלל אַלע יודישע קאַלענדאַר־פראַגען, און די דאָרטיגע קהלות, וועלכע זענען אין דער צײַט פון שמד אינגאַנצען געבליבען אָהן אַ שום צענטראַלער אינסטיטוציע, האָבען האַרציג בעגריסט דעם נײַעם סנהדרין בײַ זיי אין לאַנד. אין פאַלעסטינא האָט אָבער די ידיעה וועגען דעם סנהדרין אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אונצופריעדענהײַט; דאָ האָט מען אין דעם פאַקט געמוזט זעהן אַ געפאַהר פאַר דער אײַנהײַט פון יודענטום, און דער פאַטריאַרך ר' שמעון בן גמליאל האָט געפונען פאַר זײַן פליכט, אָנצוווענדען אַלע מעגליכע מיטלען, כדי אָבצושוואַכען די בעדײַטונג פון דעם גלות־צענטר און זאָגאַר אויך איהם אונטערצוברענגען אינגאַנצען. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעשיקט צוויי שלוחים, ר' יצחק און ר' נתן, מיט אַ בריעף צו

דעם נשיא פון יענעם סנהדרין, וואס האט געטראגען אויף זיך דעם טיטול: „למעלת קדושתו של חנניה (אן זיין היילינקייט — חנניה)"; שטארק געריהרט און געשמייכעלט פון אזא כבוד, האט חנניה זעהר הארציג און פריינטליך אויפגענומען די שלוחים פון ארץ ישראל, און פארגעשטעלט זיי פאר ז"ן קאלעגיום מיט פערשידענע שבחים און קאמפלימענטען. דאס זענען די גרעסטע פון יודען, — האט ער אויף זיי אויסגערופען — זייערע עלטערן האבען משמש געוועזן אין בית המקדש, און זיי זענען געקומען לעהרנען אין אונזער ישיבה. אויף אזא אופן האבען זיך די שלוחים ערווארבען דעם צוטרוי און די אכטונג פונ'ם גאנצען קאלעגיום, און ערשט דעמאלט האבען זיי זיך גענומען דורכפיהרען זייער שליחות: קאמפראמיטירען דעם סנהדרין אין נהר-פקוד און אויסווירקען ביי די יודישע קהלות אין בבל, זיי זאלען זיך צוריק ווי פריהער אונטערווארפען דעם אויטאריטעט פון דעם איינציגען צענטער אין לאנד פון די אבות. זיי האבען געלייענט פאר'ן פאלק דעם אינהאלט פון די בריעף, וואס זיי האבען מיטגעהאט מיט זיך, אין וועלכע ס'איז ערקלערט געווארען, אז אזוי ווי די שמד-גזירות זענען בטל געווארען, די חכמים האבען זיך אומגעקעהרט יעדערער אין זיין היים און דאס סנהדרין האט זיך ווידער צונויפגעזאמעלט אין דער שטאדט אושא, דארפען אלע יודישע קהלות זיך צוהערן צו די פער-ארדנונגען פון דעם איינציגען צענטער און חנניה איז נאר א פערברעכער און א פורץ-גדר, ווען ער וויל צורייסען די אחדות פון דער אומה און בעשאפען א נייעם צענטער אויסער די גרענעצען פון ארץ ישראל. כדי צו דעמאנסטרירען אפען פאר'ן גאנצען פאלק די אונגעזעצליכקייט פון חנניה'ס בעשטימונגען, האט איינער פון די שלוחים אראבגעלייענט פון דער טריבונע: „אלה מועדי חנניה בן אחיו של ר' יהושע" (דאס זענען די יום טובים פון חנניה, ר' יהושע'ס ברודערן-זוהן), אלס א פאראדיע אויף דעם פסוק פון דער תורה: „אלה מועדי ד'" (דאס זענען די יום-טובים פון גאט); דער צווייטער שליח האט אויך געטאן דאס זעלבע און פאראדירט די נבואה: „כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים", לייענענדיג אויפ'ן קול: „כי מבבל תצא תורה ודבר ד' מנהר פקוד (דען פון בבל וועט ארויסגעהן תורה און גאט'סווארט פון נהר פקוד). די דאזיגע איראנישע אויסרופען האבען געמאכט א שטארקען רושם אויפ'ן פערזאמעלטען עולם, וועלכער האט זיך איצט ערשט ארומגעזע-הען, אז שטיצענדיג חנניה'ס אינסטיטוציע קען ער ווירקליך שאדען

ברענגען די אחרות פון דער אומה און אז זיי רייסען זיך דערמיט אָב פון זייערע ברידער אין ארץ ישראל און פון דער תורה. אומזיסט האָט חנניה איצט געפּרובט אָבשוואַכען די ווירקונג פון די שלוחים דערמיט, וואָס ער האָט געזוכט, זיי אַראָבצוּוואַרפען און צו פערדעכטיגען: די אויפגעמונטערטע שלוחים האָבען אָפען ערקלערט, אז דאָס געגען־סנהדרין אין בבל האָט די זעלבע בעדייטונג, ווי א צווייטער מזבח, בּיי וועלכען חנניה און נחוניא דיענען פאַר כהנים גדולים, און ווער עס שטיצט אָט דעם סנהדרין זאָגט זיך דערמיט אָב פון גאָט און פון כלל ישראל. חנניה האָט זיך פון דעסטוועגען נאָך אַלץ נישט געוואָלט אונטערגעבען, און געפּרובט זיך ווענדען צו ר׳ יהודה בן בתירא, וועלכער האָט געהאַט א ישיבה אין נציבין, אויף דער גרענעץ צווישען דער פּאַרטישער און רוימישער מלוכה; ר׳ יהודה האָט אָבער אויך אָנערקענט, אז יעדער יוד איז מחויב זיך אונטערצוגעבען דעם גרויסען בית דין אין ארץ ישראל. דאַן האָט ר׳ חנניה שוין קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט זיך אָבזאָגען פון זיין גרויסען חלום; ער האָט צושיקט בריעף אין אַלע קהלות פון גלות, אין וועלכע ער האָט אָבגערופען זיינע קאַלענדאַר־בעשטימונגען און דערמיט האָט זיך געענדיגט די צענטראַלע טעטיגקייט פון דעם סנהדרין אין בבל.

אונטער דער צייט איז אין דעם קאָלעגיום פון אושא גופא פאָרגעקומען א שטאַרקער סכסוך, וואָס האָט געקאָנט ברענגען צו די זעלבּיגע פאָלגען, צו וועלכע עס האָט אמאָל געבראַכט דער סכסוך צווישען ר׳ גמליאל׳ן און ר׳ יהושע׳ן אין יבנה. ר׳ שמעון בן גמליאל, וועלנדיג אויפהויבען די בעדייטונג פון דער נשיאות, האָט געפּרובט איינפיהרען א מין עטיקעטע, וואָס האָט געזאָלט אויסצייכנען איהם פון די איבּריגע פּרעזידיום־מיטגליעדער, ר׳ נתן און ר׳ מאיר. די דאָזיגע עטיקעטע האָט בעפוילען: „ווען דער נשיא קומט אַריין שטעלט זיך אויף דאָס גאַנצע פאָלק, און קיינער זעצט זיך נישט פריהער, בּיז ער זאָגט נישט: זיצט; ווען דער אב בית דין קומט אַריין, מאַכט מען צוויי שורות (שפּאַליערן) פון בּיידע זייטען, בּיז ער קומט צו צו זיין פּלאַץ, און ווען דער חכם קומט אַריין, בּלייבט איינער זיצען און איינער שטעלט זיך אויף אזוי לאַנג, בּיז ער זעצט זיך אויף זיין אָרט". אָט די רעפאָרם איז איינגעפיהרט געוואָרען אָהן דעם וויסען פון די בּיידע פּרעזידיום־מיטגליעדער, און ווען זיי זענען אַריינגעקומען און באַפֿען ... דאָס שנוי אינ׳ם צערמאָניאַל, האָבען זיי זיך שט־

לערהייד פערשוואוירען, צו בעליידיגען דעם נשיא פאר'ן גאנצען עולם דערמיט, וואס זיי וועלן איהם פערווארפען פון אלע זייטען מיט שאלות, אויף וועלכע ער וועט נישט וויסען צו ענטפערן. מיט דעם מיטעל האבען זיי געגלויבט, צוצוברענגען די זאך ביז אזוי וויט, אז דער קאלעגיום וועט אויסדריקען דעם נשיא זיין אונצוטרוי און אויסוועהלען גלייך אנ'אנדערן אויף זיין ארט. דער איינפאל האט זיך אבער נישט איינגעגעבען; ר' שמעון האט זיך דערוואוסט פון דער פערשווערונג געגען איהם און האט זיך צוגעגרייט מיט תשובות אויף אלע מעגליכע שאלות, און אפעלירענדיג צו דעם גאנצען קאלעגיום, האט ער אויסגעפועל'ט א ערלויבניש, אויסצושליסען די „רעוואלוציאנערען" פון דער פערזאמלונג. ווען ר' נתן מיט ר' מאיר'ן זענען דערנאך געקומען האבען זיי אלזא געפונען פאר זיך די טהירען פון בית-מדרש פערשלאסען, און דאס האט זיך געמוזט שלעכט אברופען אויף דער גאנצער אקאדעמישער טעטיגקייט פון קאלעגיום; א סך צווייפעלהאפטע הלכות, זענען געבליבען נישט ערקלערט און ס'איז ענדליך געקומען דערצו אז איינער (ר' יוסי בן חלפתא) האט אפען אויסגעשריען: „די תורה איז אויסווענדיג און מיר זיצען אינוועניג!" דאן איז דער נשיא ווייכער געווארען און האט ערלויבט די אויסגעשלאסענע אריינצוקומען אין בית מדרש, נאר ער האט ארויפגעלעגט אויף זיי אנ'אנדער אקאדעמישע שטראף. דער שטאלצער ר' מאיר האט זיך אבער איצט אויך נישט געוואלט אונטערגעבען; ער האט נישט אויפגעהערט צו דערצערנען דעם פערביטערטען נשיא, און דער לעצטער האט זיך געזעהען געצוואונגען, אויסצורופען אויף איהם א ח ר ם. דאס האט ר' מאיר'ן נאכמעהר אויפגעקאכט, און ער האט אויסגעשריען: „איך רעכען מיך נישט מיט אייער חרם אזוי לאנג, ווי איהר וועט מיר נישט ערקלערן, וועמען, פארוואס און צוליעב וואס איהר האט מיך מחרים געוועזען". דער רעזולטאט פון דעם צוזאמענשטויס איז געוועזען דאס, אז ר' מאיר האט זיך דערווייטערט אינגאנצען פון סנהדרין און זיך בעזעצט ערגעץ אין קליין אזיע, וואו ער איז אויך געשטארבען. פאר'ן טויט האט ער אנגעזאגט, מ'זאל דעם ארון מיט זיין קערפער אוועקשטעלן אויפ'ן ברעג פון ים, וואס געהט דורך ארץ ישראל, וועט עס הייסען, אז ער איז בעגראבען געווארען אין דער הייליגער ערד.

די צייט פון ר' שמעונ'ס נשיאות איז רייך געוועזען אויך אין דרויסען און אונרוהען פון אויסווענדיג. די שנאה צווישען יודען און רוימער

איז פון דעם האדריאנישען קריעג. אין בסדר געוואקסען, און אין די שפעטערדיגע יאהרען פון אנטאנינוסעס ממשלה האבען יודען געהאט אויסצושטעהן פערשידענע גזירות און רדיפות. אויף ווי ווייט די ראזיגע רדיפות האבען דערשלאגען די שטימונג פון פאלק איז צו זעהן פון דעם מאמר, וואס איז דערגאנגען צו אונז איז ר׳ שמעון גמליאל׳ס נאמען: „אויב די ערשטע; וואס האבען דערשמעקט נאר אביסל צרות פון דער מלוכות רומא הרשעה, זענען אזוי אראפגעפאלען ביי זיך, היינט א פשיטא שוין מיר, וואס וואלגערן זיך אב טע, יאהרען דורות און תקופות אין דער דאזיגער מלכות און זינקען ביזן האלז אין צרות און גזירות! מיר נעהמען אויך אן די צרות פאר ליעב, נאר דען מיר וואלטען וועלן אויסשרייבען זיי אלע, וואלטען מיר קיינמאל נישט געענדיגט“. עס זענען זאגאר פאראן רמזים פון רוימישע קוועלן וועגען געוויסע רעוואלוציאנערע אונרוהען, וואס האבען אויסגעבראכען אין פאלעסטינא, אינ׳ם לעצטען יאהר פון אנטאנינוס׳עס הערשען (161). די דאזיגע פראגע פון א נייעם אויפשטאנד איז, ווי ס׳איז צו גלויבען, געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט די הכנות צו דער מלחמה, וואס די פארטאנער האבען אין יענער צייט ווידער געפרובט אונטערנעהמען געגען רוים. צו די דאזיגע אונרוהען בעציהט זיך, ווי ס׳שיינט, אויך די תלמודישע אגדה פון יענער צייט, וואס דערצעהלט, אז די רוימישע רעגירונג האט זיך געפרובט אוועקנעהמען ביי יודען דאס רעכט, צו האבען אייגענע ציוויל-געריכטען. א צווייטע תלמודישע לעגענדע רעדט אויך וועגען שווערע רעפרעסיעס געגען יודען, וואס האבען געצוואונגען דעם גרעסטען געזעצלעהרער פון דער עפאכע, ר׳ שמעון בן יוחאי, צו פאהרען קיין רוים, זיך משתדל זיין פאר זיינע ברידער.

אין דער בעציהונג צו די האפנונגען, וואס יודען האבען געלעגט אויף דער מלחמה, וועלכע האט זיך צופלאקערט צווישען די פארטאנער און רוימער פאר דער הערשאפט פון מארק אורעליוס, איז זעהר כאראקטעריסטיש דער מאמר פון דעם זעלביגען ר׳ שמעון בן יוחאי; ער האט געזאגט: „ווען דו זעהסט א פערסישען (פארטישען) פערד צוגעבונדען צו איינער פון די מצבות אין ארץ ישראל, האף אויף דאס אנקומען פון משיח׳ן“. עהנליך דערצו און נאך מיט מעהר בעשטימטקייט האט זיך אויסגעדריקט ר׳ יהודה ברבי אלעאי: „די צושטערער (פון ירושלים) איז בעשערט צו פאלען פון פערסישע (פארטישע) הייזער“.

אַט די פֿײַנדליכע געפֿיהלען פֿון יודען בנוגע צו רוים האָבען גע
דינט דעם קיזער, וואָס האָט געפֿיהרט די מלחמה מיט די פּאַרטאַ
נער, ווערוס'ן, אַלס מאָטיוו פֿאַר נײַע רעפּרעסיעס געגען די יודען
פֿון דער רוימישער אימפּעריע; ווערוס האָט באַנײַט האַדריאַנ'ס בע
פֿעהל, און האָט פֿערבאָטען יודען די מצוות: שבת, מלה, און טבילה.
די פֿערפֿאָלגונגען האָבען אָבער זיך נישט לאַנג געצויגען, און
נאָך ווערוס'עס טויט, ווען אויף דעם רוימישען טראָן איז פֿערבליבען
נאָר מאַרק אוירעליוס אַליין, זענען די דערמאָנטע גזירות אָבגעשאַפֿט
געוואָרען. דער דאָזיגער געקרוינטער פֿילאָזאָף איז איבערהויפּט געווען
אַ געגנער פֿון צוואַנגס-מיטלען און פֿערפֿאָלגונגען, און אויך דאָס קריס
טענטום האָט אין זײַן צײַט לײַכטער אָבגעאָטעמט.

וועגען דעם זעלבינען קיזער-פֿילאָזאָף זענען דערגאַנגען צו אונז
פֿערשידענע קוועלען, וועלכע זענען זיך סותר אײַנע די אַנדערע; פֿון
אײַן זײַט דערצעהלען די תלמודישע אגדות זעהר פֿיעל וועגען די האַר
ציגע בעציהונגען, וואָס האָבען געהערשט צווישען אוירעליוס'ען (אַנטאָ
נינוס-קיסר) און דעם יודישען פּאַטריאַרך; און דאַגעגען שילדערן די רוי
מישע קוועלען גאַנץ אַנדערש אוירעליוס'עס בעציהונג צו יודען. דאָרט
דערצעהלט זיך, אַז זענענדיג אין יהודה (175), איז ער שטאַרק אונ
צופֿרידען געווען דערפֿון, וואָס די בעפֿעלקערונג האָט איהם נישט גע
נוג פֿײַערליך אויפֿגענומען, און ער האָט אויסגעשריען: „אַט ענדליך,
האָב איך געזעהען אַ פֿאָלק, וואָס איז נאָך ערגער פֿון די מאַראָקמאַנען,
קוואַדען און סאַרמאַטען!"

אין יענער צײַט איז אין דעם אינערליכען לעבען פֿון דער יודי
שער אומה פֿאָרגעקומען אַ בעדײַטענדע געשעהעניש: ר' שמעון בן
גמליאל איז געשטאָרבען און דער פּאַטריאַרכען-שטוהל איז איבערגעגאַנ
גען צו זײַן זוהן ר' יהודה, וואָס איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען ר'
יהודה הנשיא. געבוירען אין דער עפּאָכע פֿון די שמד-גזירות,
ווען דאָס פֿאָלק האָט מיט זײַן לעבען געמוזט בעצאָהלען פֿאַר דעם
גרויסען חלום פֿון פֿרײַהײַט און זעלבסשטענדיגקײַט, איז ר' יהודה אַזוי
ווי ערצויגען געוואָרען גלײַך מיט דעם געדאַנק, אײַנמאָל פֿאַר אַלע
מאָל פֿעסט אַוועקצושטעלען די אינווענינסטע גאַנצקײַט, אײַניגקײַט און
שטאַרקײַט פֿון פֿאָלק אַזוי, אַז קײַנע ווינטען זאָלען איהם נישט קענען
מעהר צושפּליטערן און צורײַסען, און ער האָט אַט די אויפֿגאַבע דורכ
געפֿיהרט. ווי זײַן עלטער-זײַדע הלל האָט ר' יהודה אויך מיט זײַן

איינעגער פערזאָן געשאַפען אַ פעסטען באָדען פאַר דעם אויטאָריטעט פון דער אינסטיטוציע, וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין רשות, און דאָס ווערק, וואָס איז פון איהם געשאַפען געוואָרען, האָט דעם דאָזיגען אויטאָריטעט געזיכערט און פעראייביגט.

ר׳ יהודה איז געווען זעהר רייך און זיין הויף האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ קעניגליכען לוקסוס, — אין פאָלק האָט זיך געזאָגט, אַז די פערד-שטעלער פונ׳ם נשיא האָבען מעהר ווערט, ווי די שאַצקאַמערן פון דעם פערסישען קעניג. פון דער עשירות האָבען אָבער די אָרומיגע און די הונדערטער תלמידים פון זיין קאָלעגיום מעהר גענאָסען, ווי ער אַליין. ווען עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכער הונגער אין דער גאַנצער רוימישער אימפעריע, האָט דער יודישער נביא געעפענט זיינע תבואה-מאַגאַזינען און געטהיילט קאָרן די נויטבעדערפטיגע. אין אָנהויב האָט ער געהאַט בעשטימט, אַז עס זאָלען געשטיצט ווערן נאָר „בעלי מקרא, בעלי משנה און בעלי תלמוד“, נישט קיין „עמי הארצים“; ווען איינער פון די תלמידים האָט איהם אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אונגערעכטיגקייט פון אַזאַ מין בעשטימונג, און האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט די ווערטער: „רבי! שפּייז מיך, ווי אַ ראָב, ווי אַ הונט“ — האָט ר׳ יהודה אָנערקענט די אונגערעכטיגקייט און געזאָגט: „זאָלען אַלע אַריינגעהן“. אַ ענליכער פאַל איז פאָרגעקומען אַ צווייטען מאָל, וואו דער נשיא האָט אויך אַרויסגעוויזען פריהער זיין אָנגעבוירענע האַרטע נאַטור און דערנאָך — אַ סך מענשענפריינדליכקייט און רחמנות; עס זענען געקומען צו איהם די טעכטער פון דעם פעררעטערישען תנא אלישע-אחר און געבעטען שטיצע. האָט זיי דער פאַטריאַטישער נשיא אָבגעזאָגט און געלייענט אויף זיי דעם פסוק: אל יהי לו מושך חסד ואל יהי חונן ליתומיו (ער זאָל איהם קיין גנעדיגקייט נישט אַרויסווייזען און זאָל נישט בארמהערציג זיין צו זיינע יתומים); דאַן האָבען זיך די טעכטער אָבגערופען צו איהם: „רבי! געדענק זיין תורה און פערגעס זיינע מעשים“, און ר׳ יהודה האָט מיט טרערען אין די אויגען זיי געגעבען, וואָס זיי האָבען געוואָלט.

צוליעב נישט בעקאַנטע סבות איז דאָס סנהדרין אין יענער צייט איבערגעטראָגען געוואָרען פון איין אָרט אין אַנדערן: פון אושא קיין שפרעם, פון שפרעם קיין בית שערים און פון בית שערים קיין צפורה. אינ׳ם לעצטען שטעדטיל האָט זיך דאָס סנהדרין אַריבערגעצויגען צוליעב יהודה׳ן אַליין, וויל די לופט האָט דאָ זעהר גוט געווירקט אויף דעם



גענונד-צושטאנד פונ'ם קרענקליכען נשיא. אין צפורה האט דאס סנהדרין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זיין אויטאריטעטער מאכט; דא האט זיך געפונען א פאלשטענדיגער קאמפלעט פון 70 מיטגליעדער, וועלכע האבען געהאט צו ענטשיידען אלע געזעצליכע און רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען פון דער אומה, לויט דעם צערעמאניאל, וואס איז געווען איינגעפיהרט אינ'ם סנהדרין פון „לשכת הגזית". איבער די דאזיגע זיעבעציג מיטגליעדער איז געשטאנען דער נשיא, וועלכער האט בעזעסען א אונבעגרענעצטע מאכט, און אין פאלק האט זיך געזאגט, אז פון משה'ן אן איז נישט געווען אזא פעראייניגונג פון תורה און גדולה אין איין ארט, ווי ביי ר' יהודה הנשיא. פיהרען די ישיבה, השגחה געבען אויף דער הנהגה פון די יודישע קהלות, ענדגילטיג בעשטימען די קאלענדאר-אויסרעכנונגען, מסמיך זיין תלמידים, אנפיהרען די זיצונגען פון סנהדרין, — אט די אלע פונקציעס האבען זיך געפונען אין די הענד פון דעם מעכטיגען נשיא, און זיין פאפולאריטעט איז דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז דאס פאלק האט איהם גערופען בלויז רבי, ווייזענדיג דערמיט, אז אלע איבריגע געזעצלעהרער האבען אנטקעגען איהם קיין בעדייטונג נישט. מיט דער צייט האט דאס סנהדרין אליין געגעבען דעם נשיא מעהר רעכט, וויפיעל עס האבען געהאט אלע נשיאים פאר איהם; ר' יהודה איז געווען זעלבסטהערשער אין זיין קאלעגיום — ער האט נישט געהאט נישט קיין אב בית דין, נישט קיין חכם; האט דער גאנצער קאמפלעט פון סנהדרין בעשטימט איינעם אויף א פאסטען אדער געגעבען איינעם סמיכה אהן דעם נשיא'ס הסכמה, האט די בעשטימונג אדער די סמיכה קיין בעדייטונג נישט געהאט, און האט דער נשיא אויף זיין אייגענער פעראנטווארטליכקייט בעשטימט איינעם אלס ריכטער אדער געזעצלעהרער, — איז די בעשטימונג גילטיג געווען.

די קהלות אין און אויסער ארץ ישראל זענען געשטאנען אין א שטענדיגער פערבינדונג מיט'ן פאטריארך, און ער פלעגט בעשטימען פאר זיי בעאמטע, ריכטער און לעהרער. אזוי האבען זיך די ראשים פון דער קהלה אין סימאניא געווענדעט צום נשיא מיט דער בקשה, ער זאל זיי שיקען „איין מענשען, וואס זאל פארלייענען פאר זיי, לעהרנען זיי און משפט'ען צווישען איינעם און אנדערן", און ר' יהודה האט זיי געשיקט איינעם פון זיינע תלמידים, ר' לוי בר סיסי, רעקאמענדירענדיג איהם מיט דער ערקלערונג: „איך גיעב אייך אזא מענשען,

ווי איך בין״. אנ׳אנדערער תלמיד ר׳ יהודה׳ס מיט׳ן נאָמען רבה בר חנא פון כפרי אין בבל, האָט זיך אויפגעהאַלטען א לענגערע צייט אין ארץ ישראל, און ווענדענדיג זיך אומקעהרען אין דערהיים, האָט ער, דורך זיין פעטער ר׳ חייא, געבעטען פונ׳ם נשיא רשות, צו מעגען דאָרטין „לעהרנען און פסק׳נען״. אזא מין סמיכה פונ׳ם נשיא האָט בעקומען אויך זיין צווייטער תלמיד פון בבל, אבא אריכא, וועלכער איז שפּעטער (אונטערן נאָמען רב) בעריהמט געוואָרען אלס איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטען אין זיין לאַנד. נאָר איין איינציגער מענש איז געווען דעמאָלט אין דער יודישער וועלט, וואָס האָט זיך געקענט פערגלייכען צו דעם פּאַטריארך אין ארץ ישראל בנוגע צו מאַכט און כבוד — דער ראש גלותא אין בבל. און ר׳ יהודה האָט איהם זאָגאר מקנא געווען, וואָרום אויב יענער האָט נישט געשפּיעלט קיין גרעסערע ראָליע פון איהם אין דער יודישער וועלט גופא, האָט ער אָבער מעהר אָנזעהען געהאַט ביי דער פּאָרטישער רעגיערונג, וועהרענד די נשיאות אין פּאַלעסטינא איז פון רוים העכסטענס נאָר געדולדעט געוואָרען.

א געבוירענע הערשער־נאַטור, האָט ר׳ יהודה אָבער זיך מיט דעם נישט געגרעכענט אין דער פּראַקטיק. אין זיין ממשלה האָט ער זיך געהאַלטען, ווי א אונבעגרענעצטער הערשער, און זיין בעציהונג צו די תלמידים איז געווען א שטרענגע, א געביעטערישע. יעדערער פון זיי האָט שטענדיג געמוזט געדענקען, אז ער שטעהט נישט בלויז פאַר א לעהרער, נאָר אויך פאַר א הערשענדער פּערזאָן, און די מינדסטע פריייהייט אין דער האַלטונג בנוגע צום פּאַטריארך איז שטרענג בעשטראָפט געוואָרען. צווישען דער גרויסער צאָהל תלמידים פון בבל, וואָס האָבען זיך געפונען אין ר׳ יהודה׳ס אקאַדעמיע, איז געווען איינער מיט׳ן נאָמען חייא (פון אחיה), וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אונגעוועהנליכע מעלות, און איז געווען בעריהמט מיט זיין אונערמיעדליכער טעטיגקייט, צו פערשפּרייטען די תורה צווישען די ברייטע שיכטען פון פאָלק. דעם דאָזיגען ר׳ חייא האָט ר׳ יהודה אַליין אויך שטאַרק געשעצט און ליעב געהאַט, און געזאָגט אויף איהם: „א גרויסער מענש, א הייליגער מענש״; און דאָך האָט ער איהם נישט געקענט שענקען דעם פאַקט, וואָס ער, ר׳ חייא, האָט זיך ערלויבט צו מאַכען א שפּאַס מיט איהם. דאָס איז פאָרגעקומען אויף דעם פאָלגענדען אופן: ר׳ יהודה האָט זיך אמאָל אָבגערופען צו זיין געליעבטען תלמיד: „טליא,

וואָס אַ מענש וועט מיר הייסען טאָן, וועל איך טאָן, נאָר נישט דאָס, וואָס די בני בתירא האָבען אמאָל געטאָן בנוגע צו מיין זיידען הלל, ווען זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט פון דער נשיאות און איהם אָוועקגעזעצט אויף זייער שטוהל; ווען דער ראש גלותא (עקזילאַרך) פון בבל, רב הונא, וואָלט קומען אהער, וואָלט איך איהם נאָר אָוועקזעצען אויבען־אָן, ווייל ער איז פון שבט יהודה און איך בין פון שבט בנימין (לויט אַנ׳אַנדער נוסח: ווייל ער קומט ארויס פון דוד המלך פון דער מענ־ליכער ליניע, און איך פון דער ווייבליכער), אָבער מיין פלאַץ וואָלט איך איהם נישט אָבגעבען". אין אַ צייט ארום איז ר׳ חייא אריינ־געקומען און האָט אויסגערופען: „רב הונא, דער ראש גלותא פון בבל קומט אהער". דאָס האָט אויפ׳ן פּאַטריאַרך געמאַכט אַנ׳איינדריק און ער איז רויט געוואָרען פון אויפרעגונג; ערשט דאַן האָט אָבער ר׳ חייא ערקלערט: „זיין ארון קומט אָן, ווייל ער האָט אָנגעזאָגט פאַר׳ן טויט, מ׳זאָל איבערפיהרען זיינע ביינער קיין ארץ ישראל און זיי דאָרטין ברענגען צו קבורה"; פאַר דעם שפּאַס האָט דער נשיא דערווייטערט פון זיך דעם תלמיד אויף דרייסיג טאָג. אַ צווייטען מאָל איז פאָרגעקו־מען, אז ר׳ חייא האָט בעקומען אַ שטאַרקען אויסרייד פון פּאַטריאַרך דערפאַר, וואָס ער האָט געלעהרנט מיט צוויי תלמידים אין גאַס, געגען דעם בעפעהל פון נשיא, וואָס האָט פערבאָטען צו לעהרנען אין אַנ׳אָ־פענעם אָרט.

אַ עהנליכע עמפּפינדליכקייט האָט ר׳ יהודה ארויסגעוויזען אויך בנוגע צו זיין תלמיד שמעון בר קפרא; דער דאָזיגער תלמיד איז, אויסער זיין גרויסקייט אין לעהרנען, געוועזען אויך אַ גלענצענדער קענער פון דער העבּרעאישער שפּראַך, און דערצו — אַ געשיקטער דיכטער און סאַטיריקער. האָט זיך געמאַכט אמאָל, אז ביים נשיא אין שטוב איז געוועזען פערזאַמעלט אַ גרויסע געזעלשאַפט, און דעם וויציגען בר קפרא האָט זיך פערגלוסט מאַכען אַ שפּאַס מיט׳ן איידים פון נשיא, בר אלעשה, וועלכער איז געוועזען זעהר רייך, אָבער פּראָסט און דערצו נאָך אַ גרויסער בעל גאוה. פון די פערזאַמעלטע האָט יעדערער געפונען אַנ׳אַנדער זאַך, צו פרעגען דעם נשיא, און נאָר איין בר־אלעשה איז געזעסען שווייגענדיג; איז צו איהם צוגעגאַנגען בר־קפרא און איינגערעדט, ער זאָל אויך עפּעס פרעגען דעם נשיא, און דערביי האָט ער איהם אויפגעגעבען אַ עפּיגראַם, וואָס האָט ענטהאַלטען אַ ביי־סענדע סאַטירע געגען געוויסע פערזאָנען, וועלכע זענען געשטאַנען

נאָהנט צום נשיא. בר־אלעשה האָט די סאַטירע נישט פערשטאַנען, און פאָרגעלייענט דאָס לידעל פאַר זיין שווער, יענער האָט אָבער גלייך בעמערקט בר־קפרא'ס מיין, און ווענדענדיג זיך צו דעם שמייכלענדען דיכטער, האָט ער מיט אָפענער פעראַכטונג געזאָגט: „ווער ביזטו? איך קען דיך נישט!“ ערשט דאַן האָט בר־קפרא זיך ארומגעזעהען, אז ער האָט איבערגעחאַפּט די מאָס, און האָט פערשטאַנען, אז ער האָט נישט מעהר קיין האָפנונג צו בעקומען סמיכה פונ'ם נשיא. דעם דאָזיגען פסק האָט געהאַט אויך מר־שמואל, איינער פון די בעריהמטע תלמידים פון בבל, וואָס האָט געלעהרנט אין ר' יהודה'ס ישיבה און זאָגאַר אויך אויסגעהיילט איהם פון זיין שווערער קראַנקהייט. מעהר דאָקטאָר און אַסטראָנאָם, ווי געזעצקענער, האָט ר' יהודה איהם נישט געוואָלט מסמיך זיין פאַר א געזעצלעהרער, און פיהלענדיג אליין, אז דאָס איז נישט קאָרעקט בנוגע צו א מענשען, וואָס האָט איהם ביים לעבען דערהאַלטען, האָט ער זיך אמאָל געפּרובט פערענטפערן פאַר שמואל'ן; דער לעצטער האָט זיך אָבער פריהער געחאַפּט און איהם איראָניש געענטפערט: „אומזיסט דער צער! איך זעה, אז ס'איז שוין אויף מיר אַזוי נגזר געוואָרען און אין אדם הראשונ'ס בוך איז געשטאַנען געשריבען, אז שמואל ירחינאה וועט האָבען נאָר דעם טיטול „חכם“ און נישט „רבי“ און רבי'ס (ר' יהודה'ס) הילף וועט קומען דורך זיין האַנד“.

בנוגע צו דער געזעצגעבענדער פּראַקטיק האָט ר' יהודה אַרויסגעוויזען א אונגעוועהנליכע זעלבסטשטענדיגקייט, און ווי א אייניקעל פון דעם גרויסען הלל, האָט ער דאָס אלע מאָל געטאָן נישט כדי צו בעלעסטיגען און בעשווערן דאָס יודישע לעבען, נאָר כדי עס צו פערלייכטערן. ער האָט אָבגעשאַפט און איינגעפיהרט גרויסע פערלייכטערונגען אין א סך דינים און מנהגים, וועלכע זענען געווען פערהייליגט אין פאָלק צוליעב זייער אלטקייט, און האָבען קיין יסוד נישט געהאַט אין דעם איצטיגען לעבען. צו די לעצטע האָבען אָנגעהערט אויך די אלע דינים וועגען שמיטה און מעשרות, וואָס האָבען שטאַרק געדריקט דעם פאָלק ביי דעם איצטיגען סיסטעם פון קאָפּ־ און ערד־שטייערן. ר' יהודה האָט זאָגאַר געוואָלט אינגאַנצען מבטל זיין דעם דין פון שמיטה, אלס א געזעץ, וואָס איז נישט צוגעפּאַסט צו די איצטיגע לעבענס־בעדינגונגען פון די יודישע מאַסען; אַזוי פיעל האָט ער שוין אָבער מורא געהאַט אויף זיך צו נעהמען, זעהענדיג די גרויסע

הינגדות, וואס יענע פערלייכטערונגען האבען ארויסגערופען צווישען די קאנסערוואטיווע עלעמענטען פון סנהדרין. פון די האט זיך בעזונדער אויסגעצייכענט ר׳ פנחס בן יאיר, דער איידעם פון דעם אויבען דערמאנטען ר׳ שמעון בן יוחאי. אונגעוועהנליך פרום און אסקעטיש, האט זיך אט דער ר׳ פנחס אויסגעצייכענט אויך מיט א שטארקען פאטריאטישען געפיהל, און פול מיט פערצווייפלונג פלעגט ער שטענדיג קלאגען: „זינט עס איז חרוב געווארן דער בית המקדש האבען די חברים און פאטריאטען אנגעהויבען זיך צו שעמען, און די אנשי מעשה זענען ארים געווארן, און עס האבען זיך געשטארקט בלויז די קולאק און צונג־מענשען; קיינער פרעגט נישט און קיינער זוכט נישט, און מיר מוזען האפען נאר אויפ׳ן טאטען אין הימעל". ר׳ פנחס האט שטארק מחמיר געווען אין די מצוות, וואס זענען געווען פערבונדען מיט דער הייליגקייט פון ארץ ישראל און האבען זיך דארטען פראקטיצירט, ווען דער בית־המקדש איז געשטאנען; זיין שטרענגקייט אין דער הינזיכט האט געדיענט אלס שטאף פאר פערשיעדענע איראנישע מעשיות, און אין פאלק האט זיך דערצעהלט, אז ווען איינער האט אמאל געפרובט אונטערטראגען ר׳ פנחס׳עס אייזעל נישט קיין גע׳מעשר׳טען האבער, האט עס דער אייזעל גלייך דערשפירט און נישט געוואלט פערזוכען.

וועגען דעם סכסוך, וואס האט אויסגעבראכען צווישען דעם נשיא און ר׳ פנחס׳ן, צוליעב דער פראגע פון שמיטה, איז דערגאנגען צו אונז די פאלגענדע אגדה, וואס כאראקטעריזירט אויך אין אלגעמיין די בעציהונג צווישען די דאזיגע גרויסע גייסטער. דער נשיא האט זיך געשטיצט אויף דעם, וואס יענעם יאהר איז געווען א שטארקע נישטגערעטעניש אויף די פעלדער און ס׳איז פארגעשטאנען די געפאהר פון א הונגער. און ער האט געוואלט מתיר מאכען שמיטה כלומר׳שט נאר אויף דעם יאהר, אלס אן אויסנאהם; ווען ער האט אבער געפרובט א רעד טאן מיט ר׳ פנחס׳ן, און איהם אנגעהויבען אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם, וואס „די תבואות זענען נישט געראטען", — האט איהם ר׳ פנחס גלייך איבערגעשלאגען מיט דער בעמערקונג: „די ביטערע קרייטעכצער זענען געראטען"; דאס האט געהייסען: אויב דאס פאלק וועט קיין ברויט נישט האבען, זאל עס זיך שפייזען מיט ביטערע קרייטעכצער און די מצוה פון דער תורה טאר נישט בטל ווערן. ר׳ יהודה האט דאן שוין מעהר נישט גערעדט מיט ר׳ פנחס׳ן וועגען דעם; נאר איינמאל האט זיך געמאכט, אז ר׳ פנחס איז אנגעקומען אין דער געגענד פון רבי׳ס הויף, איז רבי איהם ארויסגעגאנגען אנטקעגען און

פערבעטען צו זיך אויף אַ מאָ'לצייט· אויף דעם האָט ר' פנחס געענטפערט· אַז ער וועט קומען צוריקפאָרענדיג· ווייל איצט איז ער פערנומען אין אַ מצוה־עניך· דערביי האָט ער ערקלערט דעם צופריעדענעם

נשיא : „דו מיינסט, אז איך האָב מיך פערשוואוירען נישט נהנה צו זיין פון קיינעם ? יודען זענען הייליג. אנ'אנדערער וויל מהנה זיין און האָט נישט, מיט וואָס ; אַ צווייטער האָט יאָ, מיט וואָס, און וויל נישט ; דו ווילסט און האָסט מיט וואָס — בין איך גרייט ביי דיר צו עסען". צוריק קומענדיג, איז ער גראָד געגאַנגען דורך דעם הויף, וואו ס'זענען געשטאַנען ווייסע מויל־אייזלען, האָט ער געזאָגט: „דער מלאך המות איז ביי איהם אין שטוב, וועל איך ביי איהם עסען ? האָט רבי' ויה דערוואוסט. איז ער אַרויסגעגאַנגען צו איהם און געזאָגט: איך וועל זיי פאַ־קויפען! — ס'שטעהט: ולפני עור לא תתן מכשל (פאַר אַ בלינדען זאָלסטו קיין שטרויכלונג נישט אוועקלעגען), האָט ר' פנחס געענטפערט. — איך וועל זיי מפקיר זיין! — וועסטו אָנטאָן נאָכמעהר שאָדען. — איך וועל זיי לאָזען מסרס זיין (קאַסטרירען)! — ס'איז אַ צער בעלי חיים. — איך וועל זיי הרג'ענען! — וועסטו עובר זיין אויף בל תשחית. און אזוי לאַנג האָבען זיי זיך געשפּאַרט, ביז ס'איז אויסגעוואַקסען אַ הויכע וואַנט צווישען זיי".

ביי דער שטאַרקער התנגדות פון דעם פערהייליגטען ר' פנחס בן יאיר, האָט דער נשיא פונדעסטוועגען דאָך נישט נאָכגעגעבען און זיינע פערלייכטערונגען אין דעם רעליגיעזען לעבען פון פאָלק זענען פערבליבען אין זייער קראַפט. צווישען אנדערעם האָט ר' יהודה אויסגעשלאָסען עטליכע פאַלעסטינישע ראַיאָנען (בית שאָן, קסריה א. אנד., וועלכע זענען פון אייביג אָן געווען בעפעלקערט פון געצענדיענער) פון בלל ארץ ישראל, און אויף אזאַ אופן זיי בעפרייט פון די אַלע געבאָטען, וואָס זענען פערבונדען מיט דער הייליגקייט פון דער יודישער ערד. ר' יהודה האָט אין געוויסע הינזיכטען פערלייכטערט אויך די געזעצען וועגען שבת, וועלכע האָבען שטאַרק געדריקט דעם פאָלק און פערוואַנדעלט דעם שבת'דיגען טאָג אין אַ טאָג פון פיין און נויט.

אָט די אַלע פערדינסטען פון דעם געאַכפערטען נשיא זענען אָבער נישט בעדייטענד אין פערגלייך מיט דער אונטערנעהמונג, וואָס האָט זיין נאָמען אונשטערבליך געמאַכט און געבילדעט מיט זיך אַ נייע עפּאָכע אין דער יודישער געשיכטע — די אָבשליסונג פון דער משנה.

פון יענער צייט אָן, ווען עס איז געמאַכט געוואָרען די ערשטע פּראָבע

צונויפצוזאַמלען דעם הלכי׳שען מאַטעריאַל (אונטערן נאָמען עדיות),
ענען שוין געהאַט אַריבער עטליכע דורות, און דער דאָזיגער מאַטער־
יאַל איז זיך פונאַנדערגעוואַקסען אין אַ אינגעהויערער מאָס. הונדערטער
נייע מעגליכקייטען און הלכות זענען ערקלערט און בעשטימט געוואָרן
אין די פערשידענע ישיבות פון די גרויסע געזעצלעהרער, און די זאַך
איז דערגאַנגען ביז אַזוי וויַיט, אַז די אַלטע טראַדיציע, לויט וועלכער
די אַלע ערקלערונגען, געזעץ־אויסטייַטשונגען און בכלל נייע הלכות
האָבען געמוזט איבערגעהן פון דור צו דור בעל פה (אויסווענדיג,
מונדליך), כדי דערמיט צו בעטאָנען די הייליגקייט פון דער געשרי־
בענער געטליכער תורה (תורה שבכתב), — אַז אָט די טראַדיצ־
יע האָט פאַרגרעסערט מיט זיך אַ געפאַהר פאַר דער גאַנצער וויַיטער־
דיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער געזעצלעהרע. וואָס וויַיטער איז
אַלץ מעהר אונמעגליך געוואָרן, צו געדענקען אויפ׳ן קאָפּ די אונגעהוי־
ערע צאָהל הלכות, וואָס האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען און פער־
וויקלען זיך, און די עטליכע סיסטעמאַטיזירטע זאַמלונגען פון ר׳ עקיבא
און ר׳ מאיר האָבען שוין איצט אויך גאַנץ וועניג בעפרידיגט די פאָ־
דערונג פון דער צייַט.

אָט די ערנסטע לאַגע האָט דעם וויַיטזיכטיגען נשיא שטאַרק בע־
אונרוהיגט, און ער האָט זיך גענומען פאַר דער גרויסער אַרבייַט —
צונויפצוזאַמלען אין איין ווערק דעם גאַנצען הלכי׳שען מאַטעריאַל, וואָס
האָט זיך געשאַפען און געבילדעט פון די אַלטסטע צייַטען אָן — די
כנסת הגדולה, — ביז דער עפּאָכע פון די לעצטע ישיבות. אין דער
זאַמלונג, אונטערן נאָמען משנה, האָט ר׳ יהודה אַריינגעגעבען ניש
בלויז די בעשטימונגען פון יעדער הלכה, נאָר אויך די פערהאַנדלונגען,
די שקלא וטריא וועגען איהר; דערבייַ האָט ער אָבער אַליין שוין
מכריע געווען צווישען די פערשידענע מיינונגען און נישט איבערגע־
לאָזען כמעט קיין שום הלכה אָהן אַ קלאָרער בעשיידונג. כדי אַריינ־
צובריינגען מעהר אָרדנונג אין דער אונגעהויערער מאַס[ן] פון געזעץ־בע־
שטימונגען און פערהאַנדלונגען וועגען די פערשידענסטע פראַגען פון
דעם געזעלשאַפטליכען און רעליגיעזען לעבען, האָט ר׳ יהודה איינגע־
טיילט דעם מאַטעריאַל אין בעזונדערע זעלבסטשטענדיגע גרופען, לויט
דעם כאַראַקטער פון די פראַגען, וואָס זענען אין זיי בעהאַנדעלט גע־
וואָרן. אויף דעם יסוד זענען ענטשטאַנען אין דער משנה זעקס אָבטיי־
לונגען (סדרים). אונטער די פאָלגענדע נעמען און מיט די פאָלגענדן

אינהאַלטען: א) זרעים (וואַקסונגען) — אַלע געזעצען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער ערד (פאה, שמיטה, מעשר א. אַ. וו.); ב) מועד (יום־טוב) — די געזעצען וועגען שבת, וועגען אַלע יום־טובים, תעניתים א. אַ. וו.; ג) נשים (פרויען) — אַלע געזעצען, וואָס בעהאַנדלען די בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי; ד) נזיקין (שאַדען טאָן) — אַלע געזעצען וועגען דער בעציהונג צווישען איין מענשען און דעם אַנדערען (בירגערליכע און קרימינאַל־געזעצען) און וועגען דער טעטיגקייט פון געריכט; ה) קדשים (היילינקייטען) — וועגען קרבנות, שחיטה, כשר און טרפה א. אַ. וו.; ו) טהרות (ריינקייטען) — וועגען די ריינהייטס־פליכטען פון די לויים און געוועהנליכע יודען, וועגען דער היגיע־נישער ריינקייט אין פאַמיליענלעבען (נדה) א. אַ. וו. אַט די גרופּעס האָבען זיך ווידער געטיילט אויף קליינע אָבטיילונגען (מסכתות), און עטליכע פון די מסכתות, וואָס זענען געווען קליין, אום צו פערנעהמען אַ גאַנצען „סדר", זענען אריינגענומען געוואָרען אין זייטיגע גרופּעס, חאָטש זיי האָבען צו יענע קיין דירעקטע שייכות נישט געהאַט, אזוי, למשל, איז אין דעם סדר „זרעים" אריין די מסכתא „ברכות", וואָס בעהאַנדעלט אַלע תפילות און ברכות אין שוהל און אין הויז; אין דעם סדר נשים — די מסכתא „נדרים" (וועגען אַ נדר טאָן) און „נזיר" (וועגען נזירות און בעזונדערער היילינקייט); אין דעם סדר נזיקין — דער טראַקטאַט וועגען געצענדינעריי („עבודה זרה") און די זאַמלונג פון עטישע אַפאָריזמען (פרקי אָבות).

דאָס איז געווען אַ ריעזען־אַרבייט, דעם כאַאָס צו בעלייכטען און צו סיסטעמאַטיזירען, צונויפצונעהמען אין איין רייהע אַ מאַסע געזעצען, אַרויסצוגעפינען די צוזאַמענגעהעריגקייט אָדער די געגענזעצליכקייט פון די דאָזיגע געזעצען, און דאָס אַלץ קורץ און בינדיג צו פאָרמולירען; דער קצור און די אויסדריקליכקייט איז דאָ נאָך בעזונדער נויטיג געווען, ווייל דאָס ווערק איז לכתחילה געשאַפען געוואָרען נישט אַלס אָבגעשלאָסענער קאָדעקס, נאָר אַלס געדענק־בוך (ספר זכרון) פאַר זיך און פאַר די תלמידים. די שפּראַך פון דער משנה איז די אַקאַדעמישע העבּרעאישע שפּראַך פון יענער צייט, וואָס איז געווען פיעל פשוט'ער און פּראָזאאישער פון דעם הויך־פּאָעטישען ביבלישען דיאַלעקט, דערנאָר אָבער אויך פיעל רייכער, מיט פיעל מעהר בעשטימטקייט און גענויער אין אַ געוויסער מאָס צו דעם אַלטעגליכען אַראַמעאישען דיאַלעקט. די דאָזיגע שפּראַך איז געווען איינגעפיהרט אין'ם הויף פון

נשיא, און אין פאָלק האָט זיך שפּעטער דערצעהלט, אַז אַפילו די דיענסטען דאָרטין האָבען געקענט גוט העברעאיש.

געשאַפען אַלס ספר זכרון, איז די שפּראַך פון דער משנה, ווי געזאָגט, זעהר קורץ, און דאָס האָט שפּעטער געבראַכט צו נייע מיינונגס-פערשיעדענהייטען און אויסטייטשונגען, וואָס האָבען זיך געצויגען גאַנצע יאָהרהונדערטער. דערצו האָט אַ סך מיטגעהאָלפען אויך דער פאַקט, וואָס די משנה איז געוואָרען מיט דער צייט פיעל מעהר, ווי אַ ספר זכרון — דער אויטאָריטעט פונ'ם גרויסען נשיא איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין ספר זכרון איז אָנגענומען געוואָרען פון גאַנצען פאָלק, ווי אַ הייליג געזעץ-בוך, ווי אַ צווייטע תורה, און די הלכות פון דער משנה זיינען אַליין געוואָרען אַ מין אייזערנער יסוד, אויף וועלכען ס'האָבען זיך שפּעטער אויסגעבויט גאַנצע פּיראַמידען פון נייע אויסטייטשונגען און פּלפּולים. די אַלע געזעצלעהרער, וואָס זייער נאָמען ווערט דערמאָנט אין דער משנה, בעקומען אין פאָלק דעם עהרענטיטול תנאים, וועהרענד די אויסטייטשער פון דער משנה און בכלל אַלע געזעצלעהרער פון ר' יהודה'ן אָן, טראָגען דעם נאָמען אמוראים.

ענדיגענדיג די משנה, האָט ר' יהודה נאָך געלעבט אַ סך יאָהרען, און אויף וויפיעל ס'איז אַרויסצודרינגען פון די נישט קלאָרע ידיעות, וואָס זיינען דערגאַנגען צו אונז פון יענער צייט, איז דעמאָלט די יודישע לאַגע אין פּאַלעסטינא וואָס ווייטער אַלץ ערגער געוואָרען. מיט דער הערשאַפט פון מאַרק אויערעליוס'עס זוהן, קאָמאָדוס, הויבט זיך אָן די רייהע פון מערדעריש-ווילדע קרוין-טרעגער, וואָס האָבען זיך איינע די אַנדערע דערשטיקט און דערשטאָכען, כדי צו פערחאַפּען דעם טראָן. קאָמאָדוס האָט בעשטימט פאַר אַ פערוואַלטער איבער סיריען און פּאַלעסטינא דעם אַכזריות'דיגען פּעסצעניוס ניגער, און ווען די איינוואוינער פון יהודה האָבען זיך געפּרובט ווענדען צו איהם מיט דער בקשה, ער זאָל פערלייכטערן עטוואָס די אונערטרעגליכע משא פון שטייערן, האָט ער זיי געענטפערט: „איהר פערלאַנגט, איך זאָל פערלייכטערן די שטייערן פון אייערע פעלדער, און איך וואָלט וועלען אַרויפלעגען אַ אָבצאָהל אויך אויף דער לופט, וואָס איהר אָטעמט איין". נאָך קאָמאָדוס'עס טויט האָבען די פּרעטאָריאַנער פערקויפט די רוימישע קרוין דעם שענדליכען דידיוס יוליאַנוס; יענער איז אָבער אויך באַלד געה'הרג'עט געוואָרען, און עס האָט אויסגעבראָכען אַ בלוטיגער בירגער-קריעג צווישען סעפּטימוס סעווערוס און פּעסצעניוס ניגער, אַז

הערלבען עס זענען אריינגעצויגען געװארן אויף די יודען פון פאלעסטי־
נא. די לעצטע, ווייסענדיג גוט פון ניגער׳ס אכזריות, האבען זיך גע־
שטעלט אויף דער זייט פון סעפטימוס סעווערוס, און אין דערזעלבי־
גער צייט זענען די שומרונים צוגעשטאנען צו דער פארטיי פון דעם
געוועזענעם סירישען פערוואלטער. געענדיגט האט זיך די מלחמה מיט
סעווערוס׳עס נצחון, און ער האט זיך ביטער נוקם געוועזען אין די שומ־
רונים: ער האט אוועקגענומען די בירגער־רעכט פון דער שומרונ׳ישער
שטאדט שכם און פערוואנדעלט אין א רוימישער קאלאניע די שטאדט
שומרון. דאגעגען האט ער זיך צו די יודען בעצויגען מיט חסד און זיי
צוריקגעגעבען עטליכע פון די זכיות, וואס זיי האבען פערלוירען בעת
דעם האדריאנישען קריעג.

אין יענער צייט זענען ווידער פארגעקומען בעוואפענטע צוזא־
מענשטויסען צווישען רוימישע סאלדאטען און יודישע יונגע לייט, וועל־
כע זענען צוגעשטאנען צו פערשידענע פערברעכערישע מחנות, און
האבען שטארק בעאונרוהיגט די רוימער. נישט קענענדיג אליין זיך
אנ׳עצה געבען מיט די „רויבער“, האבען די רוימער זיך געווענדט צו
די צוויי אנגעזעהענע יודישע געזעצלעהרער ר׳ א ל ע ז ר (א זוהן פון
דעם בעריהמטען רוימער־פיינד ר׳ שמעון בן יוחאי) און ר׳ י ש מ ע א ל,
מיט דעם פארשלאג, אז זיי זאלען העלפען דער רוימישער מאכט אין
איהר קאמפף מיט די „באנדיטען“; און די געזעצלעהרער האבען דעם־
דאזיגען פארשלאג אנגענומען: זיי האבען מיט פערשידענע מיטלען
אויסגעשפיאנירט די יודישע פערברעכער און זיי איבערגעגעבען אין די
הענד פון דער אדמיניסטראציע; דאס האט אבער ארויסגערופען געגען
זיי א פערביטערטען כעס אין די בעסערע קרייזען פון פאלק. ר׳
י ה ו ש ע ב ן ק ר ח ה (לויט אנ׳אנדער נוסח: ר׳ עקיבא׳ס א זוהן) האט
געשיקט זאגען ר׳ אלעזר׳ן: דו, עסיג, זוהן פון וויין (שלעכטער זוהן
פונ׳ם גוטען טאטען)! ביז ווען וועסטו עס איבערגעבען דאס פאלק פון
אונזער גאט צום הרג׳ענען?“ און ווען ר׳ אלעזר האט זיך געפרובט
פערענטפערן: „איך רוים אוים די דערנער פון וויינגארטען“, — האט
ר׳ יהושע שארף אבגעענטפערט: „זאל קומען דער בעל־הבית פון וויינ־
גארטען און אויסרוימען זיינע דערנער!“ דער צווייטער, ר׳ ישמעאל,
האט זיך פערטיידיגט דערמיט, וואס די רוימער האבען איהם געצוואונ־
גען, זיי צו העלפען אויפזוכען די „גנבים“; אויף דעם האט איהם דאס
פאלק געענטפערט: „דיין טאטע, וואס איז געוועזען פיעל בעסער פון

דיר, האט געשוויגען, נישט וועלענדיג רעדען קיין גוטס אויף רוים או האט געמוזט דעריבער אנטלויפען קיין לאאדיצעא. פארוואס זאלסט אויך נישט אנטלויפען?"

אין צוזאמענהאנג מיט די דאזיגע אונרוהען זענען קיין בעזונדערע גזירות געגען יודען נישט ארויסגעגעבען געווארן, נאר געגען די פראזעליטען (גרים) האט סעווערוס ארויסגעגעבען שארפע געזעצען. לויט איינעם פון די בעפעהלען איז יעדער גע'מל'טער געצענדיענער פערטריבען געווארן פון לאנד און זיין פערמעגען איז קאנפיסקירט געווארן; נאך א גרעסערע שטראף האבען בעקומען יענע, וואס האבען זיך בעטייליגט ביי דער אפעראציע פון מל זיין — זיי האט געדראהעט דער טויט. און דיזעלביגע שטראף איז בעשטימט געוועזען אויך פאר די יודען, וואס האבען געלאזען מל זיין זייערע שקלאפען.

אט די אלע געשעהענישען זענען פארגעקומען נאך פאר'ן לעבען פון דעם אלטען פאטריארך, וועלכער האט פערנומען דעם פאסטען געוויסע פיערציג יאהר (ביז ארום 210). די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען האט דער נשיא פערבראכט אין שווערע פיזישע ליידען; זיין גייסטיגע רוהיגקייט האט איהם אבער אויך דאן נישט פערלאזען. ער האט צונויפגערופען ארום זיך זיינע קינדער און די מעהר בעדייטענדע געלעהרער, און זיי איבערגעגעבען זיין לעצטען ווילען בנוגע צו די פערשיעדענע אנגעלעגענהייטען פון דעם ווייטערדיגען הויז-לעבען און דער פאלקס-פיהרונג. „גמליאל מיין זוהן — האט ר' יהודה אנגעזאגט — זאל זיין „נשיא" אויף מיין ארט און זיין ברודער שמעון דער „חכם" אין די זיצונגען פון סנהדרין"; דאן האט ער נאך געבעטען, מ'זאל „נישט קלאגען נאך איהם אין די שטעדט און נישט מבטל זיין איבער דעם די קינדער פון לערנען"; אין א קורצע צייט ארום איז דער גרויסער נשיא געשטארבען, און דא ערשט האט זיך ארויסגעוויזען, ווי ווייט דאס פאלק האט פערגעטערט דעם פאטריארך און איהם געשעצט; נאך ביי דער גסיסה פון דעם געאכפערטען ר' יהודה האבען זיך שוין געפונען אין צפורי טויזענדער יודען פון אלע עקען לאנד, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם פאלאץ און אזוי ווי נישט געוואלט גלויבען, אז די ענדע פון יעדען שטערבליכען וועט ענדליך קומען אויך אויף דעם הייליגען פיהרער פון דער אומה. די שפאנונג און די אויפרעגונג פון די פערזאמעלטע האט דערגרייכט אזא מדרגה, אז די חכמים האבען מורא געהאט, אז עס זאל נישט קומען צו קיין צו-שטורמישע און צו-שטארקע

אויסבריכען פון טרויער, ווען דאס פאָלק וועט זיך דערוויסען, אז דער גרויסער פיהרער איז טויט. זי האָבען דעריבער פעראָרדענט, אז קיי- נער זאָל נישט ארויסברענגען פאר'ן מויל די ווערטער „רבי איז גע- שטאָרבען", און ווען דער לעצטער איז ווירקליך אויסגעגאנגען, האָט זיין תלמיד שמעון בר קפרא געגעבען צו וויסען דערפון דעם פערזע- מעלטען פאָלק אויף א אייגענאַרטיגען אופן. ער איז ארויף אויף א הויכען אָרט, האָט זיך געוויזען פאר'ן פאָלק אין צוריסענע קליידער און גערופען מיט א וויינענדיגען קול:

„מלאכים און שטערבליכע האָבען זיך געראנגעלט איבער
דעם הייליגען אָרון,
האָבען די מלאכים בעזיגט די שטערבליכע, און ס'איז
געפאנגען דער הייליגער אָרון!"

פון הארצען פון פאָלק האָט זיך גלייך ארויסגעריסען דער גע- שריי: „אונזער הייליגער רבי איז געשטאָרבען!" זיין געוויין האָט אָבגעהילכט אזש אין גבתה, וואָס איז געווען פיר מייל ווייט פון צפורי. דער המון, וואָס האָט בעגלייט דעם אָרון, האָט, לויט דער מסורה, פערנומען דעם גאנצען וועג פון צפורי ביז בית שערים, וואו דער נשיא איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה; און צום צייכען פון אויסערגעוועהנליכען טרויער האָט מען מתיר געווען די כהנים, זיך צו בעשעפטיגען מיט דער קבורה פונ'ם גרויסען נפטר, חאָטש דאָס איז זיי, לויט דער תורה, פערבאָטען. „היינט איז קיין כהונה נישטאָ!" האָ- בען די חכמים שאַרף ערקלערט —: דאָס סנהדרין און די כהונה האָבען מיט עהרפורכט געבויגען דעם קאָפּ פאר דעם „הייליגען רבי'ן", וואָס האָט פערקערפּערט מיט זיך די אייביגקייט פון דער תורה

פון ר' יהודה'ס נאָכפאָלגער, ר' גמליאל III (225 — 210), ווייס די געשיכטע צו דערצעהלען נאָר דאָס, אז ער האָט פינקטליך אָבגעהיט דעם פאָטער'ס פעראָרדנונגען. כאַראַקטעריסטיש פאר דער פאָליטישער לאַגע פון יהודה אין יענער צייט און פאר דעם געדאנקען- גאנג פון דעם דאָזיגען פאטריארך, זענען די מאמרים, וואָס זענען איבערגעגאנגען פון איהם צו אונז אין די פרקי אבות. אין דעם מאמר זאָגט זיך: „ס'איז גוט צו לערנען תורה, ווען מ'האָט דערביי עפּעס א וועלטליכע בעשעפטיגונג, דען אָט די דאָפּעלע ארבייט מאַכט פערגע- סען אָן זינד; תורה אָהן א מלאכה מוז פערשוואונדען ווערן און דער סוף איז, אז זי ברענגט צו זינד; אלע, וואָס פערנעהמען זיך מיט

כלל־זאכען. זאָלען עס טאָן לשם שמים, וועט זיי דער זכות פון זייערע עלטערן ביישטעהן און זייער צדקה וועט בלייבען אייביג". „אייך אָבער — האָט ער זיך געווענדט צו זיינע תלמידים — זאָג איך צו דעם העלסטען שכר, פונקט ווי ווען איהר וואָלט זיך בעשעפטיגען מיט כלל־ענינים. זייט פאָרזיכטיג געגענאיבער דער (רוימישער) מאכט, דען זיי זענען מקריב א מענשען נאָר דעמאָלט, ווען זיי דארפען איהם; זיי פערשטעלען זיך פאַר פריינד, ווען זיי דארפען דערפון עפּעס האָבען, און שטעהען נישט ביי אין א נויט. — מאַך זיין (גאָט'ס) ווילען, ווי דיין ווילען, כדי ער זאָל מאכען זיין ווילען, ווי דיינעם. זיי מבטל דיין ווילען פאַר זיינעם, כדי ער זאָל מבטל זיין די ווילענס פון אנדערע פאַר דיין ווילען".

די דאָזיגע ווארנונג, זיך צו פערהאלטען מיט א געוויסער פאָרזיכטיגקייט צו די פאָרשטעהער פון דער מאכט און זיך נישט צו לאָזען פערפיהרען פון זייערע שמייכלעריי'ען און הבטחות, — האָט א ווירקליכען יסוד אין דער דעמאָלדיגער פּאָליטישער לאגע פון יהודה. נאָך דעם טויט פון סעפּטימוס סעווערוס איז רוים, אין דעם משך פון א גאנצען פיערטעל־יאָהרהונדערט, געווען מעהר א סירישׂ־אזיאטישע, ווי א אייראָפּעאישע מלוכה. שלאנגענקלוגע סירישע פרויען זענען געווען די טאָן־געבער פון דעם רוימישען מלוכה־לעבען — אזעלכע זענען געווען יוליא דאָמנא, סעווערוס'עס ווייב, איהר שוועסטער יוליא מעזא און דער'ס צוויי טעכטער יוליא סאָעמיא און יוליא מאמעא. בעהערשענדיג דעם גאנצען אפּאראט פון דער אונגעהויערער וועלט־מלוכה, האָבען אָט די סירישע פרויען פונ'ם שטעדטיל עמעסא, וואו ס'האָט זיך געפונען א בעדייטענדע יודישע קהלה מיט א מאסע אנגעזעהענע יודען און גרים, — געפיהלט אין א געוויסער מאָס נעהנטער צו יודען, און אויב זיי האָבען געטראָגען אין הארצען כעס און פעראכטונג, איז עס גיכער געווען צו די מיוחס'דיגע רוימער און זייער ווענען. אין א יאָהר ארום נאָך דער ערמאָרדונג פון סעווערוס'עס זוהן קאראקאלא, — וועלכער האָט ערקלערט די איינוואוינער פון אלע אונטערגעוואָרפענע פּראָווינצען פאַר גלייכבערעכטיגטע רוימישע בירגער — איז סאָעמיא'ס זוהן, העליאָגאבעל, אויסגערופען געוואָרן פון דעם סירישען לעגיאָן פאַר א קייזער. אָט דער ווילד־אויסגעלאסענער הערשער, וואָס איז געווען שטארק פערקאָכט אינ'ם קולט פונ'ם סירישען זונען־גאָט (בעל), האָט אפילו זיך געלאָזען מל'ן און קיין חזיר נישט געגעסען; דאָס איז

אבער געווען נישט מעהר, ווי א מיטעל צוצוציהען די בעלקערונג צו דעם קולט פון בעל.

אונטער דער הערשאפט פון די דאזיגע מושלים האט זיך די יודישע לאגע ווירקליך בעדייטענד פערבעסערט—זיי האבען נישט געהאט איצט אזוי פיעל צו ליידען פון דער רוימישער גאוה, פון דער פעררי־סענקייט, מיט וועלכער די רוימער האבען שטענדיג געקוקט אויף זיי און אויף זייער גלויבען. ביי די אלע מעשים תעתועים וואס דער דער־מאנטער העליאגאבעל האט אגגעטאן אין דער צייט פון זיין הערשען, האט זיך אבער אין זיין טעטיגקייט דאך געזעהען איין בעשטימטע כונה: ער האט געוואלט אונטערגראבען דעם רוימישען ווענען, די רוימישע געטער־וועלט. אין דעם טעמפעל פאר'ן זוננענגאט, וואס ער האט אויפ־געשטעלט אין רוים, האט ער אבגעגעבען א פלאץ אויך פאר'ן קולט פון יודען, קריסטען און שומרונים, און פון דער יודישער זייט האט זיך אויך בעמערקט א געוויסע פריינדליכע דערנעהנטערונג צו דער אויסוועניגסטער וועלט. ר' גמליאל'ס צוויי בעגאבטע זיהן, מיט די נעמען יהודה און הלל, האבען גרינדליך ערלערנט די גריכישע שפראך און די גריכישע ליטעראטור, כדי צו קענען פרייער פערקעהרען מיט דער רוימישער וועלט, און די זאך איז דערגאנגען ביז אזוי וויים, אז אפילו אין דער פריזור־פארם האבען דעם פאטריארכ'ס זיהן זיך צוגע־פאסט צו דער רוימישער מאדע, האטש דאס איז ביז דאן געווען פער־באטען.

ווענען אט דער צו־שטארקער התקרבות האט עס ר' גמליאל פרמז געווען אין זיין אנזאג; די ווירקונג פון דעם אנזאג איז אבער, ווי ס'איז צו גלויבען, נישט זעהר שטארק געווען. ר' גמליאל'ס נאכ־פאלגער, ר' יהודה II האט נאכמעהר דורכגעבראכען די וואנט, וואס האט ביז אהער אבגעטיילט די יודען פון דער ארומיגער וועלט און געארבייט מיט אלע כחות, צו מאכען דאס יודישע לעבען פרייער און צו שאפען א באדען פאר שכניש־פריינדשאפטליכע בעציהונגען צווישען יודען און היידען. ער האט מבטל געווען א געוויסען טייל פון די „אכ־צעהן גזירות", וואס זענען ארויסגעגעבען געווארן אין די שטורמישע צייטען מיט'ן צוועק, אבצוזונדערן וואס מעהר די יודען פון דער געצענ־דיענערישער וועלט; שטרעבענדיג ארייננצוברענגען מעהר ליכט און מונ־טערקייט אין דער יודישער גאס, האט ר' יהודה נשיאה II אבגעשאפט אויך די תקנה, לויט וועלכער די כלה האט נישט געטארט געטראגען

װערן דורכ'ן שטאָדט אין איהר פֿאַראַרנעם חופּה-שמוהל, צום צײַכען פֿון טרויער איבער די אונגליקען פֿון דעם האַדריאַנישען קריעג, און צו דעמזעלבינען צװעק, האָט ער זאָגאַר געקלערט אונטערצוברעכנען טײלװײַז אָדער אינגאַנצען דעם שטרענגען תּענית פֿון נײַנטען אָב (תּשעה באָב), װאָס איז אײַנגעפֿיהרט געװאָרען צום אָנדענקען פֿון די שרעקליכסטע געשעהעניסען אין דער יודישער געשיכטע. דאָס לעצטע האָט זיך איהם נישט אײַנגעגעבען דורכצופֿיהרען, איבער דער שאַרפֿער התנגדות מצד דער מעהרהײַט מיטגלידער פֿון קאָלעגיום, און װען ר' שמלאי פֿון לוד האָט פֿאָרגעלעגט דעם נשיא, דורכצופֿיהרען נאָך עטליכע נויטיגע פֿערלײַכטערונגען אין דער בעציהונג צװישען יודען און געצענדיענער, האָט ער געענטפֿערט: „לאָז אָב, מ'װעט מיך פֿערשרײַען פֿאַר א מקיל".

אין זײַן אײַפֿער פֿאַר דער דערנעהנטערונג צװישען יודען און רוימער, האָט זיך ר' יהודה II נישט אָבגעשטעלט אַפילו פֿאַר בפירוש'ע הלכות אין דער זאַמלונג פֿון זײַן גרויסען זײדען. אַזױ האָט ער כּתיר געװען די קדושין צװישען א יודיש קינד און א קינה, װאָס איז געבוירען געװאָרען פֿון א אונגעזעצליכער פֿערבינדונג צװישען א יודען מיט א געצענדיענער אָדער א שקלאַף. װעהרענד ר' יהודה הנשיא I האָט אַזעלכע קדושין ערקלערט פֿאַר אונגילטיג; דער איצטיגער נשיא האָט אויך מתּיר געװען יודען, זיך צו בעטײליגען אין די נאַציאָנאַלע יום-טובים פֿון די רוימער, כאָטש די משנה האָט עס שטרענג פֿערבאָטען, װײַל די דאָזיגע דינאַסטיע אָדער פֿאָלקס-יום-טובים זענען אַבמעהרסטענטייל פֿערבונדען געװען מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס.

אָט די דערנעהנטערונג צװישען יודען און רוימער האָט זיך נאָכמעהר פֿערשטאַרקט א דאַנק דער פֿרײַנדליכער בעציהונג פֿונ'ם נײַעם קײַזער אלעקסאַנדער סעװערוס צום יודענטום בכלל און צו דעם יודישען פּאַטריאַרך בפֿרט. דער דאָזיגער צװײטער קײַזער פֿון סירישער אָבשטאַמונג (א זוהן פֿון דער סירערין יוליא מאַמעאַ) איז געװען אײנער פֿון די אײדעלסטע און געבילדעטסטע מענער אויף דעם טראָן פֿון די צעזאַרען. בעקומענדיג פֿון זײַן מוטער א שטרענג זיטליכע ערציהונג, האָט אלעקסאַנדער אין דער יוגענד נאָך שוין געטראָגען אין האַרצען א געװיסען געפֿיהל פֿון רעספּעקט פֿאַר דער הויכער זיטליכקײַט פֿון יודענטום און קריסטענטום. אין זײַן הויז-פּאַלאַץ האָט ער געגעבען די בילדער פֿון די רוימישע געטער און צעזאַרען געלאָזען אַװעקשטעלן

אויך די געשטאלטען פון אברהם און קריסטוס. אויף אלע עפענטליכע געביידעס און פאלאצען האט דער קייזער געלאזען אויסהענגען הלל'ס רעווי: „דאס, וואס דו ווילסט נישט מ'זאל דיר טאן, טו אויך נישט דעם צווייטען" און פאר די סאלדאטען זאגאר, האט ער דורך ספעציעלע העראלדען געלאזען אויסשרייען אט דעם אנזאג, וואס זיי האבען זיך געקליבען ארויפצעווארפען אויף דאס האב און גוטס פון די בעזיגטע.

פערברענגענדיג א לענגערע צייט אין סיריען צוליעב זיין מלחמה מיט די פערסיאנער, האט אלעקסאנדער זיך עטליכע מאל צוזאמענגעטראפען מיט דעם יודישען פאטריארך, און דער לעצטער האט אויף דעם רוימישען קייזער געמאכט אזא גוטען איינדרוק, אז ער האט איהם געשענקט א סך פריווילעגיעס פאר זיך און בעדייטענד פערלייכטערט די יודישע לאגע. דאס סנהדרין האט ווידער בעקומען אין זיין מאכט אלע געריכטס-אנגעלעגענהייטען פון דער יודישער בעפעלקערונג; יודען איז ערלויבט געווארען צו קומען אין זייער אמאליגער הויפטשטאדט, די איצטיגע עליא-קאפיטאלינא; אינ'ם שמיטה-יאהר זענען די ערד-בעזיצער בעפרייט געוועזען פון ערד-שטייערן, און בכלל האט די סימפאטיע פונ'ם יונגען קייזער צו יודען אנגענומען אזעלכע ממשות'דיגע פארמען, אז די ארומיגע גריכיש-רוימישע בעפעלקערונגען האבען דאס איהם נישט געקענט מוחל זיין און איהם געקרוינט דערפאר מיט דעם שפאט-נאמען סירוס ארכיסינאגאגוס (סירישער שוהל-עלטסטער).

א דאנק די וויכטיגע פערלייכטערונגען פון דער רוימישער מאכט, וואס די יודען האבען בעקומען דורך דעם פירשטליכען נשיא, איז דער פרעסטיזש פון דעם לעצטען שטארק געהויבען געווארען. איהם איז אלס „קרוב למלכות", ערלויבט געווארען אזוינס, וואס איז אנדערע פערבאטען געוועזען. און ער אליין האט אויך געקוקט אויף זיך נישט בלויז, ווי אויף א גייסטיגען פיהרער, נאר אויך, ווי אויף א האלב-וועלטליכען הערשער פון דער יודישער אומה. ער האט איבערגעטראגען זיין רעזידענץ פון צפורי קיין טבריה, און צוזאמען מיט איהם האט זיך אהין איבערגעטראגען אויך דאס סנהדרין. טבריה איז אויף אזא אופן געווארען דער צענטער פון דער יודישער זעלבסטפערוואלטונג אין פאלעסטינא, וואס זי איז אזוי פערבליעבען אין דעם משך פון עטליכע יאהרהונדערטער. דא האט געלעבט און זיך געעלטערט דער געאלטערטער פאטריארך. האבענדיג ארום זיך א גאנצען שטאט מיט טראבאנטע

וואָפּענטע דיענער), וואָס האָבען איהם געדיענט אלס אויספיהרונגס־
מאַכט אין זיין אדמיניסטראטיווער און געריכטליכער טעטיגקייט, און
אזוי ווי דיזאָזיגע פירשטליכע אומגעבונג האָט געפאָדערט גרויסע
הוצאות, האָט דער נשיא זיך געזעהען געצוואונגען, צו פערגרעסערן
דעם אָבצאָהל פון פאָלק פאר דער אויסהאַלטונג פון זיין הויף. פון דעם
אָבצאָהל, ווי פון אלע מלוכה־שטייערן בכלל, האָט דער נשיא נישט
בעפרייט אפילו די בעדייטענדסטע געזעצלעהרער. געגען דעם אָנגענומע־
נעם מנהג, לויט וועלכען די אלע, וואָס האָבען מקבל געווען אויף זיך
דעם עול תורה זענען פטור פון דעם עול מלכות. די חכמים האָבען זיך
געפיהלט אנגעגריפען פון דער פעראָרדנונג, וואָס האָט זיי אוועקגע־
שטעלט אין איין שורה מיט די עמי הארצים, און האָבען געטראָגען
דערפאר א פערדרוס אויפ'ן נשיא, און בעזונדער האָט זיך אין דער הינ־
זיכט אויסגעצייכענט ר' שמעון בן לקיש. איינער פון די בעדיי־
טענדסטע אויטאָריטען אין דער יודישער געזעצלעהרע, האָט דער דאָזי־
גער בן לקיש נישט אויסגעמיטען קיין איינציגע געלעגענהייט צו בעליי־
דיגען דעם נשיא און איהם פאָרצעוואַרפען זיינע נישט עהרליכע מעשים
בנוגע צו די חברים־געזעצלעהרער און צום פאָלק. איינמאָל איז פאָרגע־
קומען אין סנהדרין א פאַל, אז די תלמידים האָבען בעהאַנדעלט די פראַ־
גע וועגען א נשיא, וואָס האָט געזינדיגט; דערביי האָט ר' שמעון בן
לקיש אָפען אויסגערופען: „א נשיא, וואָס האָט געזינדיגט, שלאָגט מען
איהם מלקות, צי נישט?‟ „מ'שלאָגט איהם מלקות, און ס'איז גענוג
אויף דעם א בית־דין פון דריי‟ — איז געווען דער ענטפער. „און ער
בלייבט ווייטער נשיא?‟ האָט ר' שמעון ווידער געפרעגט. — „ניין,
האָט ר' חגי געענטפערט, אויב ער וועט בלייבען ווייטער נשיא, וועט
ער אונז אלע הייסען אויס'הרג'ענען‟. די דאָזיגע שקלא וטריא אין דער
נעגענוואַרט פונ'ם נשיא אליין האָט דעם לעצטען שטאַרק בעליידיגט,
און ער האָט געשיקט איינעם פון זיינע טראַבאַנטען צו אַרעסטירען בן־
לקיש'ן, דער לעצטער האָט זיך אָבער פריהער מקדים געווען און איז
אנטלאָפען קיין מגדלא. אויף צו מאָרגענס — האָט זיך אין פאָלק שפּע־
טער דערצעהלט — איז ר' יוחנן געקומען אין קאָלעגיום, און וועלנדיג
עפנען די זיצונג, האָט ער געמאַכט מיט די הענד, אזוי ווי זוכענדיג
אימיצען. — וועמען זוכסטו? האָט דער נשיא איהם געפרעגט. — בן
לקיש'ן זוך איך, — האָט ר' יוחנן געענטפערט — ווי אזוי קען איך אָנ־
הויבען רעדען וועגען דער הלכה, אז איך האָב נישט דעם שליסעל צו

איהר? — וואו איז דען בן לקיש? האט דער נשיא ווידער געפרעגט— ער איז אנטלאָפען קיין מגדלא. מאָרגען וועל איך מיט דיר אַרויסגעהן איהם אנטקעגען און מיר וועל איהם צוריקברענגען, — האט דער נשיא אויף דעם געזאָגט, און ווען זיי זענען אויף צו מאָרגענס ווירקליך גע-קומען קיין מגדלא און דער נשיא האט געפרעגט בן-לקיש'ן. פאַרוואָס איהם איז פּלוצלינג איינגעפאַלען, פאַרצולעגען אַזעלכע שאלות אין בית המדרש, האט דער לעצטער געענטפערט: „און דו האָסט געגלויבט, אַז צוליעב דעם, וואָס איך האָב מורא פאַר דיר, וועל איך אויסמיידען שטעלן פון גאָט'ס תורה?"

א צווייטער ערגליכער פאַל איז פאָרגעקומען אַנ'אַנדערס מאָל איבער אַנ'אַנדער פראַגע. דאָס איז געוועזען נאָך אַלעקסאַנדער'ס טויט; עס האט זיך אָנגעהויבען דער שרעקליכער קייזער-טאַנץ אַרום דעם רוי-מישען טראָן אין דער צייט, און אין א משך פון גאַנצע פופציג יאָהר האט די אַנאַרכיע געהערשט איבער'ן גאַנצען לאַנד. אין פיער מאָנאַטען האָבען פינף קיסרים-אוזורפּאַטאָרען זיך אויסגעקוילעט איינער דעם אַנ-דערן, און אַט די איינטאָגיגע מושלים, ווויסענדיג אַז זיי זענען נישט זיכער מיט דעם קומענדיגען מעת-לעת, האָבען געקלערט נאָר וועגען איין זאַך: אַרויסרייסען וואָס מעהר געלד פון די אונטערגעוואָרפענע פּראָווינצען און אָנזאַמלען זיך אוצרות. די דאָזיגע שווערע אָבצאָהלונגען פלעגען אויפגעטאָנט ווערן נישט אַזוי וויט פון די אונטערטאַנען, ווי פון זייערע פאָרשטעהער, און וועגען זיי האט זיך אַמאָל דער נשיא געקלאָגט פאַר בן-לקיש'ן: „בעט גאָט פאַר מיר — איך קען שוין נישט אַריבערטראָגען פון די רוימישע אדונים", אויף דעם האט איהם בן-לקיש שאַרף אָבגעענטפערט: „נעהם דו נישט, וועט מען פון דיר אויך נישט נעהמען". אַזא מין ביטערן פאָרוואורף פאַר די שווערע שטייערן, מיט וועלכע ער האט בעלעסטיגט דעם פאָלק, איז דעם נשיא אויסגע-קומען צו הערען אויך פון אַנ'אַנדער געלערנטען, ר' יוסי בן מעון. דער לעצטער האט גע'דרשה'נט אין שוהל פאַר'ן גאַנצען עולם: גאָט ברוך הוא פאָדערט א רעכנונג פון די כהנים: פאַרוואָס האט איהר נישט עוסק געוועזען אין דער תורה? האט איהר דען נישט געהאט קיין פיער-און-צוואַנציג מתנות כהונה? און די כהנים ענטפערן: דו האָסט אונז גאָרנישט געגעבען. באַלד ווענדט זיך גאָט אום צו די יודען און זאָגט: „הערט, איהר בית ישראל, פאַרוואָס גיט איהר נישט די כהנים די פיער-און-צוואַנציג מתנות-כהונה, אַזוי ווי איך האָב אייך פאָרגע-

ריעבען אין דער תורה?" און זיי ענטפערן: צוליעב דאס הויז געזינד פון נשיא, וואס נעהמט אוועק ביי אונז אלץ, וואס מיר האבען!"

ר' יהודה האט געהערט די דאזיגע דרשה און געוואלט שטרענג בעשטראפען דעם אניטאטאר; איהם האבען אבער אבגעהאלטען דערפון ר' יוחנן מיט ריש-לקיש'ן, וועלכע האבען איהם פארגעשטעלט ר' יוסי'ן אלס א גרויסען געלערנטען. דאן האט דער נשיא געשיקט רופען ר' יוסי'ן צו זיך, און כדי איהם אויסצופרובען צי ער איז ווירקליך א בן תורה, האט ער איהם געפרעגט: וואס איז די בעדייטונג דערפון, וואס עס שטעהט אין דער תורה „כאמה בתה" (ווי די מאמע אזוי איהר טאכטער)? אויף דעם האט איהם ר' יוסי געענטפערט: וואסער דור — אזא נשיא, וואסער מזבח — אזעלכע כהנים.

נאך א גרעסערע אונצופריעדענהייט אין די אקאדעמישע קרייזען האט ארויסגערופען דער פאקט, וואס דער נשיא האט צו-ברייט אויסגעניצט זיין רעכט, אליין צו בעשטימען שופטים און לעהרער אין די קהלות פון זיין יעפארכיע. עס איז זאגאר געקומען ביז אזוי ווייט, אז די מיטגליעדער פון קאלעגיום האבען חושד געווען דעם נשיא אין שוחד, און זיי האבען ניכט געוואלט אנערקענען פאר קיין „זקנים" יענע, וואס דער נשיא האט זיי סממיך געווען אליין, אויף זיין אייגענער פערזענליכער פעראנטווארטליכקייט. איינמאל איז פארגעקומען א פאל, אז דער נשיא האט בעשטימט פאר א שופט א געוויסען עושר, וואס איז דערצו נישט ראוי געווען, און בעפויהלען דעם בעריהמטען ר' יהודה בן נחמני, ער זאל זיין יענעמס מתורגמן (אויסטייטשער, ערקלערער). דער מתורגמן האט נעפאלגט און צוגעבויגען די אויערן צום מויל פון דעם נייעם שופט, כדי צו הערען פון איהם, וואס ער האט צו לעהרנען דעם פאלק; יענער האט אבער געשוויגען און נישט געהאט וואס צו זאגען. דאן האט בר נחמני אויסגעשריען אויפן קול דעם פסוק פון דער נבואה: הוי אומר לעץ הקיצה עורה לאבן דומם הוא יורה! הנה הוא תפוש זהב וכסף וכל רוח אין בקרבו (וועה דעם, וואס זאגט צו א בוים: שטעה אויף! צו א שטומען שטיין: ערוואך! ער וועט לעהרנען? ער איז אנגעשטאפט מיט גאלד און זילבער און קיין גייסט איז איהם נישטא).

נעגען די דאזיגע גאלד-שופטים האבען די מיטגליעדער פון קאלעגיום ארויסגעגעבען בעזונדערע תקנות, כדי דאס פאלק זאל וויסען.

מ׳ נישט צו אכטען: פאר אזא שופט דארף מען זיך נישט אויפשטעלן, מ׳רופט איהם נישט „רבי״, און דער טלית, וואס ער טראגט, איז ווי א זאטעל פון אנ׳אייזעל.

אט די אונצופריעדענהייטען, וואס האבען, איינענטליך, געשטאמט פון דעם אינוועניגסטען אנטאגאניזם צווישען דער וועלטליכער און גייסטיגער מאכט, האבען פונדעסטוועגען נישט אונטערגעגראבען אינגאנצען דעם אויטאריטעט פון נשיא, וואס איז דאך געבליעבען בעליעבט פאר זיין עניוות און נאכגיעביגקייט. א פירשטליכע פערזאן מיט ברייטע פאלמאכטען און מיט א איינטריט אין די העכסטע קרייזען פון דער רוימישער וועלט, איז דער יודישער נשיא דאך שטענדיג געגאנגען אנגעטאן אין פשוט׳ע לייוועטענע קליידער, און עס האבען נישט געהאלפען דערביי אפילו די טענות פון זיינע חברים ר׳ חנינא און ר׳ יוחנן, וועלכע האבען איהם געפרובט איבערצייגען, אז דער כבוד פון דער נשיאות פאדערט, ער זאל ערשיינען פאר׳ן פאלק אין א פאראדקאסטיום. אויף ווי ווייט ר׳ יהודה איז געווען בעליעבט און געשעצט פון פאלק, איז צו זעהען פון דעם גרויסען כבוד, וואס מ׳האט איהם אבגעגעבען נאך זיין טויט. ווי ביי דער קבורה פון זיין זיידען, איז אויך אין דעם טאג פון ר׳ יהודה׳ס טויט בטל געווארן די כהונה, און דער כהן ר׳ זעירא איז געגויט געווארן, זיך צו בעשעפטיגען מיט׳ן נפטר.

מיט די נאכפאלגער פון ר׳ יהודה II, ר׳ גמליאל IV און ר׳ יהודה III, הויבט זיך אן די ירידה פונ׳ם פאטריארכאט אין פאלעסטינא. פון די דערמאנטע צוויי נשיאים איז קיין שפור נישט געבליעבען אין דער יודישער געשיכטע, און ווי ס׳איז צו גלויבען, האבען זיי נאר ערפילט זייערע אפיציעלע פליכטען און זיך בעמיהט צו דערהאלטען דאס אויסערליכע אנזעהען פונ׳ם פאטריארכישען „הויף״. נישט דער נשיא איז איצט געווען דער טאן-געבער פון דעם יודישען פאלקס-לעבען, נאר דער קאלעגיום פון די געזעצלעהרער די ישיבה; דארט האבען זיך קאנצענטרירט אלע שטראהלען פון דעם יודישען גייסט, דארט איז אהן א אויפהער פארטגעזעצט געווארן די גרויסע ארבייט פון פונאנדערוויקלען און אויסטייטשען יעדעןווארט, יעדען אות פון דער תורה — די איינציגע פיהרענדע, שיצענדע און פעראייניגטע קראפט, וואס האט געמוזט ארייננעהמען אין זיך דאס לעבען פון פאלק אינגאנצען: מיט אלע זיינע איינצעלהייטען, מיט די מינדסטע קנייטשען פון דעם אלטעג-

ליבען פערקעהר, צווישען זיך, ווי מיט דער ארומיגער וועלט. דער פאקט, וואָס די גרעסטע צאָהל הלכות איז דורך דעם גרויסען נשיא ר' יהודה I שוין געהאט צונויפגעזאמעלט געווען אין איין ווערק, — אָט דער פאקט האָט די אקאדעמישע טעטיגקײַט אין די ישיבות נאָך אינטענסיווער, נאָך לעבעדיגער געמאכט. איין טייל פון דער נײַער פלעיאדע געזעצלעהרער האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער בעהאנדלונג און צונויפזאמלונג פון יענע הלכות, וועלכע ר' יהודה האָט פערגעסען אַרײַנצונעהמען אין דער משנה, און פון דער צווייטער זײַט האָט זיך אַנ'אנדער גרופע פערנומען מיט די הלכות פון דער משנה גופא, וואָס זענען איבערגעגעבען געוואָרן דאָרטין אין אַ נישט-בעשטימטער פאָרם אָדער פון וועלכע מ'קען אַרויסדריגען אַ נײַע מעגליכקײַט, אַ נײַעם דעטאַל. צו די ערשטע, די נאָכזאמלער, האָבען אָנגעהערט אַמטעהרסטענטייל די תלמידים פון דעם גרויסען פאַטריאַרך — די זעלביגע, וואָס האָבען איהם געהאָלפען אין זײַן ריזיגער אונטערנעהמונג: ר' חייא, ר' הושעיא, אבא אריכא (רב), בר קפרא, ר' לוי, ר' ינאי, לוי בר סיסי. די דאָזיגע האַלבע תנאים האָבען צונויפגענומען די אַלע הלכות, וואָס ר' יהודה האָט פערגעסען אָדער בעוואוסטזיניג דורכגעלאָזען, און צוזאַמענגעשטעלט פון זיי „צוזעצונגען" צו דער משנה אונטער די נעמען „תוספתות" און „בריתות"; די „צוזעצונגען" האָבען שוין אָבער נישט געהאַט דעם זעלביגען אויטאָריטעט, וואָס די משנה אַליין, און האָבען בעקומען דעם נאָמען „אויסווענדיגסטע משניות" (משנה הצונה), וואָס ס'האָט געהייסען, אַז די בעציהונג פון די דאָזיגע צוגעגעבענע הלכות בנוגע צו די הלכות פון דער משנה איז דיזעלביגע, ווי די בעציהונג פון די אַפּאָקריפען צו די ספרים פון דער ביבעל: די לעצטע זענען אַבסאָלוט הייליג, דיענען אַלס יסוד, וועהרענד די ערשטע זענען ווערק פון צווייטען ראַנג און זייער הייליגקײַט איז נישט אונבעדינגט.

צוזאַמען מיט די דאָזיגע זאַמלונגען פון צוגעגעבענע הלכות („תוספתות", „בריתית") זענען ענטשטאַנען אין יענער צײַט אויך אַ מין פּסעוודאָגראַפען, זאַמלונגען פון פערשידענע הלכות און אגדות, וואָס זענען געשאַפען געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ פירוש צו די הייליגע שריפטען און האָבען געטראָגען דעם נאָמען פון איינעם פון די אַלטע אויטאָריטעטען. אַזעלכע זענען געווען די מכילתא — אַ פירוש צו דעם צווייטען ספר פון דער תורה (שמות), וואָס ווערט צוגעשריבען ר'

י ש מ ע א ל׳ ן; ס פ ר א אָדער תּורת כּהנים — אַ פּירוש אויף דעם דריטען ספר פון דער תּורה (ו י ק ר א), וואָס טראָגט אויף זיך די נעמען פון ר׳ יהודה בן אלעאי און ר׳ עקיבא; ס פ ר י — אַ פּירוש אויף די לעצטע צוויי ספרים פון דער תּורה („במדבר" און „דברים").

אין דער עפּאָכע פון די לעצטע צוויי פּאַטריאַרכען, ר׳ יהודה II און ר׳ גמליאל IV, פערנעהמט שוין אַט די „נאַכזאַמלונג" אַ נישט-בעדייטענדען אָרט אין דער אַלגעמיינער טעטיגקייט פון די פערשיעדענע ישיבות. עס הויבט זיך אָן דער פּעריאָד פון די אַ מ ו ר א י ם, פון די ערקלערער, וואָס וועבען ווייטער די אַרבּיגקייט פון דער יודישער געזעצלעהרע און בענוצען זיך דערביי מיט די זעלבּיגע פאָרמולעס און כּללים, מיט וועלכע ס׳האָבען זיך ביז אהער בענוצט די ת נ א י ם, נאָר אַנשטאָט דעם, וואָס די תּנאים האָבען געהאַט פאַר זיך אַלס אויטאָריטעט, אַלס הייליגען יסוד — די ת ו ר ה, די „ה י י ל י ג ע ש ר י פ ט ע ן", האָבען די אמוראים זיך שוין געגריבעלט איבער די ווערטער פון דער מ ש נ ה. די תּורה איז געוועזען אויסגע׳דרשה׳נט: אין איהרע פּסוקים האָט זיך שוין קיין זאַך נישט געלאָזען אַריינלעגען און פון זיי האָט זיך שוין קיין מעגליכקייט נישט געלאָזען אַרויסדרינגען — איצט האָט זיך געעפענט אַ נייער קוואַל פאַר אַלערליי מעגליכע פאַלען און לעבענס-פאַקטען אין דער געשטאַלט פון רבי׳ס ענציקלאָפּעדיע. די קורצע שפּראַך פון דער משנה, איהרע וועניג מאָטיווירטע בעשטימונגען, די גרויסע צאָהל צוזאַמענגעדריקטע און אונבעשטימטע אויסדריקען — דאָס אַלץ האָט געגעבען מאַטעריאַל אויף צו ערקלערען, אויף אויסצוטייטשען די כּונה פון דער אָדער יענער משנה און ממלא אויך — אַרויסצודרינגען פון איהר אַ נייע מעגליכקייט, אַ נייע הלכה.

דער ערשטער פון דער פריהערע אַמוראים אין פּאַלעסטינאַ איז געוועזען ר׳ חנינא בר חמא. איינער פון די גרעסטע מיוחסים אין זיין צייט און אַ תּלמיד פון ר׳ יהודה הנשיא I, האָט ער, צוליעב אַ געוויסער שנאה פון דעם לעצטען, זיך נישט דערדיענט צו דעם טיטול „רבי". פאַר׳ן טויט האָט אָבער ר׳ יהודה אָנגעזאָגט זיין זוהן, ער זאָל בעשטימען חנינא׳ן פאַר דעם עלטסטען אין דער ישיבה פון צפּורי. דעם דאָזיגען פּאָסטען האָט ר׳ חנינא פונדעסטוועגען נישט אָנגענומען גלייך, ווייל ער האָט אָנגעוויזען אויף אַ גרעסערען פון זיך. אויף ר׳ א פ ס׳ ן, און נאָר ערשט, ווען ר׳ אפס איז געשטאָרבען, איז ר׳ חנינא געוואָרען ראש-ישיבה.

דאָ האָט ר׳ חנינא געלעגט דעם גרונדשטיין צו דעם גרויסען בנין פון דער אזוי גערופענער גמרא (תלמוד). ער האָט זיך דער ערשטער גענומען בעניצען מיט די אלע מדות און כללים, וואָס זענען איהם בעוואוסט געוועזן, אויף צו ערקלערן דעם פשט פון די משנות אין ברייתות. און נישט נאָר טעאָרעטיש — ער האָט זיך אויך פראקטיש געהאלטען ביי די בעשטימונגען פון דער משנה, און וואָס ער האָט דאָרטין נישט געפונען, האָט ער זיך נישט ערלויבט אליין צו פסק׳נען, חאָטש דאָס איז געוועזן אַ פשוט׳ע, עלעמענטאַרע זאַך.

אויסער זיין גרויסקייט, אלס געזעצלעהרער, איז ר׳ חנינא בעזונדער בעריהמט געוועזן אויך אלס צדיק און מוסטער פון ערליכקייט. ווען ס׳האָט אויסגעבראָכען אַ מגפה אין לאנד און די בעפעלקערונג האָט געהאַט טענות צו איהם, פאַרוואָס ער איז נישט מתפלל און זעהט נישט, אז די מגפה זאָל אָבגעטאָן ווערן, האָט ער זיי געענטפערט: „איין זמרי (וואָס האָט געהאַט בעציהונגען מיט אַ טאָכטער פון אַ געצענדינערישען פאָלק), איז געוועזן אין משה׳ס צייטען, זענען געפאַלען פון יודען פיער-און-צוואַנציג-טויזענד מאַן. היינט האָבען מיר אַ סך זמרי׳ם, און איהר האָט נאָך טענות?״ פון איהם ווערט נאָך דערצעהלט: ס׳האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַ טריקעניש אין ארץ ישראל, דאָס פאָלק האָט מתפלל געוועזן, שופר געבלאָזען, געפאַסט און געטאָן בכלל אלץ, וואָס דער שטייגער איז געוועזן צו טאָן אין אזא פאל, און ס׳האָט נישט געהאָלפען — קיין רעגען האָט זיך נישט געוויזען. זענען געקומען די איינוואוינער פון צפורי צו זייער רבי׳ן ר׳ חנינא, און זיך געקלאָגט פאר איהם: דיין חבר ר׳ יהושע בן לוי, וואָס זיצט אין דרום, איז מתפלל צו גאָט און ברענגט רעגען. ר׳ חנינא׳ן האָט פערדראָסען אָט די אמונה אין דער אלמעכטיגקייט פון אַ צדיק און ער האָט זיי אוועקגעשיקט פון זיך, נאָר אין אַ צייט ארום, ווען דער רעגען איז ווידער פערהאלטען געוואָרן, האָט ר׳ חנינא געשיקט נאָך ר׳ יהושע בן לוי, ער זאָל מתפלל זיין. און ביידע האָבען מתפלל געוועזן, אָבער — אומזיסט. דאַן האָט ר׳ חנינא געשטראָפט זיינע שטאָדט-לייט און געזאָגט: „נישט יהושע בן לוי ברענגט דעם רעגען אין דרום און נישט חנינא האלט אויף דעם רעגען אין צפון, נאָר די יודען פון דרום האָבען ווייכע הערצער; זיי הערן זיך צו צו די רעד פון דער תורה און פאָלגען, דערפאר גיט זיי גאָט זייערע רעגענס צו דער צייט; איהר אָבער, איינוואוינער פון צפורי, אייער הארץ איז הארט, איהר הערט

זיך נישט צו צו די רעד פון דער תורה און היט זיי נישט אָב — ניט איך גאָט קיין רעגען נישט״.

די צווייטע בעדייטענדע פּערזענליכקייט פון דער ערשטע רייהע אַמוראים איז ר׳ יוחנן בר נפחא. ר׳ יוחנן איז דער איינציגער פון די אמוראים, וואָס די פאָלקס־ערצעהלונג האָט אונז איבערגעגעבען אַלע דעטאַלען פון זיין לעבען, און האָט אפילו געפונען פאַר וויכטיג, צו שילדערן זיין שענקייט. אַ געבוירענער יתום, איז ר׳ יוחנן גאַנץ יונג אָנגעקומען, אַלס אַ תלמיד, אין דער ישיבה פון דעם גרויסען פּאַטריאַרך (ר׳ יהודה I). זיין אָרט איז דאָרט געווען, ווי ער אַליין האָט דערנאָך דערצעהלט, אין דער זיבעצעהנטער שורה הינטער רבי׳ן (אַבא אַריכא), און ווען רבי מיט רב׳ן האָבען זיך געשפּאַרט וועגען אַ הלכה, האָבען זייערע ווערטער איהם אויסגעזעהען, ווי פייערדיגע פונקען, וואָס פליהען פון מויל, און ער האָט זיי נישט פערשטאַנען. פון דער ישיבה איז ר׳ יוחנן אריבער אין די ישיבות פון ר׳ הושעיא אין קסרית און ר׳ חנינא אין צפורי; מיט דעם לעצטען האָט אָבער ר׳ יוחנן נישט געקענט שטימען. ר׳ חנינא האָט געזעהען אין דער משנה דעם תמצית פון דער תורה שבעל פה און יעדע הלכה פון דאָרטין איז פאַר איהם געווען אַ אייזערנער יסוד, פון וועלכען מ׳טאָר נישט אָבטרעטען; ר׳ יוחנן איז אָבער געווען פיעל שאַרפער און ערפינדערישער. איהם האָט זיך געוואָלט קאָנטראָלירען די הלכות פון דער משנה, אויסגעפינען זייערע ריכטיגע מאָטיווען, און דערנאָך ארויסצודרינגען פון זיי גאַנץ נייע דינים און פאָרמולען, און ער האָט זיך געקלאָגט: „וואָס זאָל איך מאַכען מיט דעם אַלטען? וואָס איך בין מתיר, אסר׳ט ער, און וואָס ער אסר׳ט, בין איך מתיר״.

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך געגרינדעט אַן׳אייגענע ישיבה אין טבריה. דאָ איז ער געוואָרן די רעכטע האַנד פונ׳ם נשיא (ר׳ יהודה II) און האָט בעקומען פון הויף אויך אַ שטענדיגע פּענסיע אויף זיינע הוצאות, פאַרוואָס ער האָט געקריגען דעם נאָמען ר׳ יוחנן דבי נשיאה („יוחנן פון נשיא׳ס הויף״). אין טבריה האָבען זיך ארום דעם חריפ׳ישען ר׳ יוחנן ארומגעקליבען מאַסען תלמידים פון אַלע עקען לאַנד. און דאָ איז ער געוואָרן איינער פון די זיילען פון דעם פּאַלעסטינישען תלמוד, אַנאַליזירענדיג יעדע הלכה פון דער משנה און דערגרונטעווענדיג זיך ביז דעם לאָגישען יסוד איהרען, — איז ר׳ יוחנן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳זענען פאַראַן אַ סך הלכות

אין דער סתם משנה (אנאנימע משנות), וואס זענען געגען דער מעהרהייט פון די אלטע אויטאריטעטען. ער האט זיך דעריבער שטארק געדעכענט אויך מיט די תוספתות און ברייתות און אפטמאל בעשטימט דעם דין לויט דער ברייתא געגען דעם נוסח פון דער משנה.

אין דער פראקטיק איז ר׳ יוחנן געגאנגען האנד ביי האנד מיט׳ן נשיא, און ווי יענער האט ער אויך נוטה געווען, צו פערלייכטערן די געבאטען פון דעם אלטעגליכען לעבען און בכלל אריינצוברענגען מעהר ליכט און וועלטליכקייט אין דער יודישער נאס. ר׳ יוחנן האט ערלויבט יודען זיך אבצוגעבען מיט „חכמת יון" (גריכישע קלוגהייט) און האט זי זאגאר אהעקגעשטעלט אין איין שורה מיט דער תורה; דערביי האט איהם אבער זיין פאטריאטיזם שטארק אבגעשטויסען פון די רוימער, און ער האט געטראגען אין הארצען א ביטערע שנאה צו זיי. לייענענדיג אויף דער „מלכות הרשעה" (רוים) די נבואה פון דניאל׳ן וועגען דער „פיערטער חיה", האט ר׳ יוחנן גע׳עצה׳ט זיינע ברידער, זיי זאלען זיך האלטען וואס ווייטער פון די רוימישע בעאמטע און ניש האבען קיין צוטרוי צו זיי; ער האט געדרשה׳נט: „ואלו עיינין כבני אנשה לה" (דניאל) — דאס מיינט מען דיר מלכות הרשעה, וואס ברענגט אריין א שלעכט אויג אין׳ם מענשענס (יודענס) פערמעגען; (זיי זאגען:) יענער איז אנ׳עושר — לאמיר איהם מאכען פארן הויפט-אויפמאהנער פון די שטייערן, יענער איז רייך — לאמיר איהם מאכען פאר א מיטגליעד פון שטאדטראט, כדי ער מיט זיין פערמעגען זאל אונז דיענען."

ר׳ יוחנן׳ס נאהנטסטער חבר און מיטארבייטער איז געווען זיין שוואגער ר׳ שמעון בן לקיש, וואס איז בעקאנט אונטער דעם נאמען ריש לקיש. דער דאזיגער אמורא איז געווען פונקט דער היפך פון ר׳ יוחנן אין זיינע נייגונגען און אייגענשאפטען, און אליין איז ער אויך געווען פול מיט סתירות און קאנטראסטען. אין דער יוגענד האט ריש לקיש געלערנט מיט ר׳ יוחנן צוזאמען אין דער ישיבה פון ר׳ יהודה הנשיא; דערנאך האט ער אוועקגעווארפען דאס לערנען, און בעזיצענדיג פון דער נאטור זעהר א געזונטען ארגאניזם, האט ער זיך פערדונגען אין א צירק אלס גלאדיאטאר (קעמפפער מיט ווילדע חיות). איינמאל — דערצעהלט די פאלקס-לעגענדע — איז ריש לקיש, דער בעריהמטער אטלעט, געגאנגען שפאצירען אויפ׳ן ברעג פון ירדן, און זעהענדיג פון דערווייטען, ווי ר׳ יוחנן באדט זיך, האט ער זיך

נישט געקענט אברייסען פון זיין שענקייט און איז אויך ארייגעשפרונגען
אין וואסער. דאן האט ר׳ יוחנן זיך אבגערופען צו זיין אמאליגען חבר:
„דיין קראפט וואלט געפאסט פאר דער תורה״; אויף דעם האט איהם
ריש לקיש גלייך אבגעענטפערט: „און דיין שענקייט פאסט פאר פרוי-
ען״. ר׳ יוחנן האט זיין חבר נישט אבגעלאזען, און צוגעזאגט איהם
זיין שענע שוועסטער פאר א ווייב, אויב ער וועט זיך אומקעהרען צום
לערנען; און דער גלאדיאטאר האט דעם פארשלאג אנגענומען: ער
האט זיך אינגאנצען אבגעזאגט פון זיינע פיזישע גבורות און זיך איבער-
געגעבען דעם שטודיום פון דער תורה. מיט דער צייט איז דער גע-
וועזענער גלאדיאטאר געווארן איינער פון די זיילען פון ר׳ יוחנן׳ם ישיבה,
און ווי אויף ר׳ מאיר׳ן אמאל האט מען אויך אויף איהם געזאגט: ריש
לקיש אין בית-מדרש איז א קראפט, וואס רייסט אוים בערג און צו-
שמעטערט זיי איינעם אן אנדערן. ריש לקיש איז אויך בעריהמט געוועזן
מיט זיין אונגעוועהנליכער עהרליכקייט; א פערטרויערטער, מיט אנ׳-
אייביגען מעלאנכאלישען וואלקען אויפ׳ן געזיכט, איז ער געוועזן זעהר
פארזיכטיג אין זיין אומגאנג מיט מענשען, אזוי, אז דער מענש, וואס
ריש לקיש איז מיט איהם געגאנגען אין גאס, איז שוין דערמיט אליין
אטעסטירט געווארן פאר אנ׳עהרליכען מאן, וואס מ׳קען שליסען מיט
איהם אלערליי אבמאכונגען אהן עדות. חאראקטעריסטיש פאר דעם
דאזיגען מערקווירדיגען גייסט איז אויך זיין גאנג אין דער אגדה; ווען
די חכמים אין בית-מדרש האבען זיך געשפארט וועגען דער צייט פון
איוב׳ן: צי ער איז געוועזן אין משה׳ם צייטען, צי אין די צייטען
פון די שופטים, — האט ריש לקיש זיך אוועקגעשטעלט און ער-
קלערט: איוב איז נישט געוועזן און האט נישט גע-
לעבט — דאס איז נאר א משל. ריש לקיש איז געוועזן אויך גע-
גען די יודישע נעמען פון די מלאכים: ער האט געהאלטען, אז די
דאזיגע נעמען זענען איבערגעגאנגען צו יודען פון די בבל׳ישע און
פערסישע פעלקער. געשטארבען איז ריש לקיש אויף א וואונדערבארען
אופן, און די פאלקסלעגענדע האט דעם טויט אויך צוזאמענגעבונדען
מיט דעם נאמען פון זיין שוואגער און חבר. זי דערצעהלט, אז איינ-
מאל האט אויסגעבראכען זעהר א הייסער וכוח צווישען די ביידע שווא-
גערס, וואס האבען די גאנצע צייט שטארק ליעב געהאט איינער
דעם אנדערן; דער אינהאלט פון דעם וכוח איז געוועזן א געוויסע
הלכה, און ווען ריש לקיש האט מיט א בעזונדער עקשנות פערטיידיגט

זײַן מײַנונג, איז ר׳ יוחנן זעהר אויפגערעגט געוואָרן און האָט איהם דערמאָנט זײַן אַמאָליגע בעשעפטיגונג אין צירק. ריש לקיש האָט זיך פון דער בעלייִדיגונג געשפירט שטאַרק אָנגעגריפען, און ווען ר׳ יוחנן האָט אָנגעשטעלט אויף איהם זײַן דורכדרינגענדען, שאַרפען בליק, האָט איהם ריש לקיש נישט איבערגעטראָגען: דער געוועזענער רײַז איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבען.

צווישען די בעדײַטענדע פערזענליכקײטען פון יענער צײַט פערנעהמט אַ בעזונדער פלאַץ דער בעריהמטער ר׳ יהושע בן לוי. ער האָט זיך געגרעכענט פאַר אַ „אב בתורה״ און אין דער הלכה׳שער פּראַקטיק איז זײַן מײַנונג אָנגענומען געוואָרן, אפילו ווען זי איז געווען געגען די מײַנונגען פון ר׳ יוחנן און ריש לקיש. בעזונדער גרויס איז ר׳ יהושע געווען אין דער אגדה, און זי האָט איהם דערנאָך צוגעשריבען אַלערלײַ מופתים און איבערנאַטירליכע מעשות. לויט איהרע שילדערונגען האָט אליהו הנביא ענטפלעקט דעם געטליכען ר׳ יהושע אַלע סודות פון וועלט און לעבען, און דער מלאך־המות זאָגאַר איז נישט אימשטאַנד געווען, איהם צו בעהערשען, ווײַל ר׳ יהושע האָט איהם אַרויסגעכאַפּט דעם מעסער פון די הענד און איז לעבעדיגערהייט אַרײַן אין גן־עדן. פון דאָרטען זאָל ר׳ יהושע, דורכ׳ן מלאך המות גופא, האָבען געשיקט אַ בריעף צום נשיא מיט אַ אויספיהרליכער שילדערונג פון אַלץ, וואָס ער האָט געזעהען אין יענע וועלטען, און דאָס זאָל עס זײַן די „מעשה דרבי יהושע בן לוי״, אָדער די „מסכתא גן עדן וגיהנם״.

גרעסער נאָך פון ר׳ יהושע׳ן אויף דעם געביט פון דער אגדה איז געווען דער אויבענגערמאָנטער ר׳ שלמאי. ער האָט דער ערשטער אויפגעהויבען די אגדה ביז צו דער מדרגה פון אַ פילאָזאָפישער לעהרע און אויף אַלץ, וואָס איז פון איהם דערגאַנגען צו אונז, ליגט דער שטעמפּעל פון אַ שענעם מענשליכען גײַסט מיט אַ גרויסען פערשטאַנד. ער האָט שטודירט די יודישע געזעצען פון זײַער דאָגמאַטישען און עטישען שטאַנדפונקט, און האָט אײַנגעטײַלט די תרי״ג (זעקס הונדערט דרײַצעהן) מצוות פון דער תורה אין צוויי קאַטעגאָריעס: רמ״ח (צוויי הונדערט אַכט און פיערציג) „מצוות־עשה״ (פּאָזיטיווע געבאָטען; זאָגען, וואָס דער מענש איז פערפליכטעט זיך צו טאָן), געגען די צוויי הונדערט אַכט און פיערציג גליעדער פון דעם מענשליכען קערפּער, און שס״ה (דרײַ הונדערט פינף און זעכציג) „מצוות לא

תעשה" (נעגאטיווע געבאטען; וועגען די זאכען, וואס דער מענש איז פערפליכטעט, זיי ניִשט אויסצואיבען), געגען דער צאהל טעג פון דעם זונען־יאהר. אט די זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצוות האבען דעם ציעל — זאגט ר' שלמאי — צו פערפאלקאמען דעם מענשען גייסטיג און מאראליש, און דער דאזיגער ציעל ווערט פון די נביאים וואס ווייטער אלץ קירצער און קאנצענטרירטער צוזאמענגעפאסט. איז געקומען דוד (המלך) און האט געמאכט פון זיי (פון די תרי"ג מצוות) עלף: הולך תמים, פועל צדק, דובר אמת, לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה, חרפה לא נשא על קרובו, נבזה (בעיני ה') נמאס גם בעיניו, יראי ה' יכבד, נשבע (גם) להרע (לעצמו) לא ימיר, כספו לא נתן בנשך ושחד על נקי לא לקח (בעגעהט זיך עהרליך, איבט אוים גערעכטיגקייט, רעדט אמת, טרייבט ניִשט קיין רכילות, טוט זיין חבר קיין שלעכטס ניִשט, פעראורזאכט ניִשט זיין קרוב קיין חרפות, פעראכטעט דאס פעראכטעטע אין די אויגען פון גאט, שעצט גאטספארכטיגע, פעלשט ניִשט זיין שבועה אפילו זיך שלעכטס צו טאן, גיט ניִשט זיין געלד אויף פראצענט און נעהמט פון אונשולדיגען קיין שוחד ניִשט) 1); איז געקומען ישעיה און געמאכט פון די עלף געבאטען — זעקס: הולך צדקות ודובר מישרים, מואס בבצע מעשקות, נוער כפיו מתמוך בשוחד, אוטם אזנו משמוע דמים, ועוצם עיניו מראות ברע (בעגעהט זיך גערעכטיג, און רעדט עהרליך, פעראכטעט גערויבטע פערדיענסטען, שאקעלט אב זיינע הענד פון שטיצען שוחד, פערשטאפט זיינע אויערן פון הערן בלוטיגעס און פערמאכט די אויגען, ניִשט צו זעהן קיין שלעכטס) 2); איז געקומען מיכה און געמאכט פון די זעקס — דריי: עשות משפט, אהבת חסד והצנע לכת (אויסאיבען געזעצליכקייט, ליעב האבען וואוילטעטיגקייט און דעמוטיג זיך פיהלען פאר גאט) 3); איז געקומען ישעיה (דער צווייטער) און געמאכט פון די דריי — צוויי: שמרו משפט ועשו צדקה (היט אב דאס געזעץ און איבט אוים גערעכטיגקייט 4); איז געקומען חבקוק און

תהלים ט"ו.

ישעיה ל"ג.

מיכה ו'.

ישעיה נ"ו.

געמאכט פון דעם אלעם — א י נ ם : וצדיק באמונתו יחיה (דער צדיק וועט לעבען מיט זיין גלויבען) ; דאס הייסט, אז דער עצם יסוד פון דער יודישער אמונה איז די א מ ו נ ה ג ו פ א, דאס דורכגעדרונגען־זיין מיט דעם בעוואוסטזיין פון גאטס אייגהייט, אלמעכטיגקייט און אייביגער השגחה, פון וואס עס פאלגען שוין מ מ י ל א אלע מאראלישע פאלקאמענהייטען און די עהרפורכטיג־עניוות'דיגע בעציהונג צום לעבען.

א בעזונדער אויפמערקזאמקייט צווישען די אגדות פון יענער צייט, וואס זענען דערגאנגען צו אונז אין די תלמודים און מדרשים, ציהען צו די גייסטרייכע און שענע מאמרים פון ר' ש מ ו א ל ב ר נ ח מ נ י, ר' ל ו י ב ר ח מ א און ר' א ב א ב ר כ ה נ א, און מיר ציטירען די עטליכע פון זיי אלם מוסטער : „פון יעדער צרה, וואס קומט אויף א מענשען, קען א צווייטער מענש ארויסציהען עפעס א טובה פאר זיך" ; „די אויגען און דאס הארץ — דאס זענען צוויי פאקטארען פון זינד" ; „וזרח השמש ובא השמש" (די זון געהט אויף און די זון פערגעהט) : איידער עס געהט אונטער די זון פון א י י ן גרויסען מענשען, הויבט שוין אן שיינען די זון פון א צ ו ו י י ט ע ן". כאראקטעריסטיש זענען די אגדות פון יענער צייט בנוגע צו דער רוימישער מלוכה ; אין איינער פון זיי זאגט זיך : „אויב אין מצרים איז געווען פינסטער, איז אין רוים — גלאט א כאאס". דערמיט איז, ווי ס'שיינט כאראקטעריזירט געווארן די דעמאלטיגע ארומרייסעניש איבער דעם רוימישען טראן.

אין יענער צייט האבען זיך ווידער בעניים די אמאליגע דאגמא־טישע וכוחים צווישען די פארשטעהער פון יודענטום און קריסטענטום, אמת, מיט וועניגער כעס און ביטערניש און מיט א מעהר ערנסטער בעציהונג צו דעם עצם ענין. דאס קריסטענטום האט שוין דעמאלט געהאט דורכגעמאכט א בעדייטענדען פראצעס פון אינערליכע ארומריי־סענישען, און אנגעהויבען אנצונעהמען א בעשטימטע איינהייטליכע גע־שטאלט מיט א פעסטען דאגמאטישען יסוד ; די וכוחים צווישען די קריסטליכע און יודישע דרשנים האבען דעריבער געטראגען איצט א ריין אקאדעמישען כאראקטער, און אזוי ווי ביידע צדדים האבען זיך געשטיצט אויף איין און דעם זעלבען מקור — אויף די „הייליגע שריפ־טען", האבען זיך געפונען עטליכע פון די קריסטליכע געלערנטע, וואס האבען ספעציעל צוליעב דעם שטודירט די העברעאישע שפראך.

פון די לעצטע האט זיך בעזונדער אויסגעצייכענט דער בעריהמטער קריסטליכער טעאלאג א ר ע ג י נ ו ס, וועלכער האט פערבראכט א

לערנערע צייט אין פאלעסטינא (230 — 250) און דארט שטודירט די ביבעל אין אריגינאל אונטער דער אנווייזונג פון דעם אויבערדערמאנטען הלל, א ברודער פון ר׳ יהודה נשיאה II.

אט דער אריגינעס האט א סך מאל זיך געפרובט מתוכח זיין מיט די יודישע דרשנים, און צו די וכוחים געהערן עס די אלע „תשובות המינים" (א ענטפער די מינים ־קריסטען) פון דער אגדה. כדי צו דערווייזען די ריכטיגקייט פון זייער מיינונג וועגען דער געטליכער „דרייאייניגקייט", האבען זיך די קריסטליכע טעאלאגען אפט געשטיצט אויף דער גראמאטיקאלישער בעדייטונג פונ'ם ווארט „אלהים" (לשון רבים, בעהרצאהל; אלה — גאט, אלהים — געטער), מיט וועלכען ס'ווערט כסדר בעצייכענט אין דער ביבעל דער בעגריף „גאט". אלס ענטפער אויף דעם האט ר׳ שמלאי זיי אויפגעוויזען, אז דאס ווארט, וואס קומט נ ע ב ע ן דעם אויסדריק אלהים, איז שטענדיג אין לשון יחיד (איינצאהל) און נישט אין לשון רבים (בראשית ב ר א אלהים: האט בעשאפען און נישט ה א ב ע ן בעשאפען). די קריסטען האבען דאן אנגעוויזען אויף דעם פסוק: נ ע ש ה אדם ב צ ל מ נ ו (מיר וועלען מאכען א מענשען לויט א ו נ ז ע ר געשטאלט), וואו גאט אליין בענוצט זיך מיט א לשון רבים; אויף דעם האט ר׳ שמלאי בר נחמני געענטפערט: ווען משה האט געשריבען די תורה און איז צוגעקומען צו דעם פסוק, האט ער זיך אבגערופען צו גאט: „הערשער פון דער וועלט! מיט דעם אויסדריק (דעם לשון רבים) גיסטו דאך א געלעגענהייט די מינים צו פערטיידיגען זייערע איינבילדונגען!" האט איהם גאט געענטפערט: שרייב, און ווער ס'וויל זיך איינבילדען, זאל זיך איינבילדען".

אנ'אנדער בעל־אגדה האט שארף און אפען ערקלערט: „זאגט א מענש: איך בין גאט — גלויב איהם נישט; זאגט ער: איך בין א „בן אדם" (מענשענזוהן) — וועט ער סוף כל סוף חרטה האבען; זאגט ער: איך וועל זיך אויפהויבען אין הימעל — וועט ער עס קיינמאל נישט בעווייזען". „גאט איז נישט גלייך צו א מענשען־קעניג: ער האט נישט קיין פאטער, נישט קיין זוהן, נישט קיין ברודער. דאס איז די בעדייטונג פון פסוק: איך בין דער ערשטער און איך בין דער לעצטער און חוץ מיר איז קיין גאט נישטא".

„אזעלכע פרידליכע און פרייע וכוחים — בעמערקט א יודישער היסטאריקער — זיינען נאך מעגליך געווען אין III־טען יאהר־

הונדערט, ווען די קריסטען האבען זיך געפונען אין דער לאגע פון א נערופ׳טער סעקטע, אין די שפעטערדיגע יאהרהונדערטער, ווען דאס קריסטענטום איז, אונטער דער הערשאפט פון קייזער קאנסטאנטין און זיינע נאכפאלגער, געווארן א הערשענדע רעליגיע, — האבען די יודישע און קריסטליכע טעאלאגען שוין נישט געקענט דיספוטירען וועגען רעליגיעזע פראגען מיט איינע און די זעלבע רעכט. די קירכע האט בעקומען אויף איהר זייט דאס רוימישע שווערד און פאר׳ן אבשפארען איהרע דאגמאטען זענען די נישט-בעוואפענטע פרעמד-גלויביגע הארט בעשטראפט געווארן *)

זעקסטעס קאַפּיטעל

די לאַגע פון די יודען אין בבל און פּערסיען

נאָכ'ן טויט פון ר' יהודה נשיאה II איז דאָס יודענטום אין פּאַלעסטינא צוגעקומען צו דעם מצב פון אַ שטאַרקער ירידה. עס האָט געפעהלט די צענטראַלע, ענערגישע פּערזאָן, וואָס זאָל בכח זײַן אַרײַנצוברענגען לעבען און גײַסט אין דעם אָבגעשוואַכטען אָרגאַניזם פון די איבערגעבליבענע יודישע מאַסען, און די ישיבות אין דער פּראָווינץ זענען אײַנע נאָך דער אַנדערער אונטערגעגאַנגען. געבליבען פון אַלע בעריהמטע אַקאַדעמיעס אין ארץ-ישראל איז נאָר די אײַנציגע ישיבה אין טבריה (גליל), און אויך דאָ האָט די שײַן פון דעם יודישען גײַסט נאָר שוואַך געצאַנקט

אָט די ירידה פון ארץ ישראל איז אָבער נאָך נישט געווען די ירידה פון דעם יודישען כלל, פון דער יודישער אומה; דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזען די וואונדערבאַרע ערשײַנונג, וואָס האָט זיך אַזוי אָפט איבערגעחזר'ט אין דער יודישער געשיכטע; אין דער צײַט, ווען דאָס יודענטום אין פּאַלעסטינא האָט זיך געראַנגעלט מיט'ן אונטערגאַנג, האָט געבליהט און זיך אויסגעבילדעט אַ נײַער צענטער פאַר דעם יודישען גײַסט אין בבל. דאָס דאָזיגע אַלטע שענע לאַנד צווישען די טײַכען פרת און חדקל, וואו די יודישע געפאַנגענע זענען

אמאל געזעסען און געוויינט, זיך דערמאָנענדיג אָן ציון", — איז איצט געוואָרן א צווייטע מוטער פאר דער יודישער אומה. דאָס איז געווען א מין פאקט פון דער השגחה מיט זיעבען יאָהרהונדערטער צוריק, צו מאכען, אז נישט אלע יודען פון בבל זאָלען זיך אומקעהרען קיין ארץ ישראל, און א גרויסע צאָהל פון זיי זאל זיך אָבשטעלען אין דעם לאנד, כדי עס זאל נישט אונטערגעהן די גאנצע אומה, צוזאמען מיט דעם בית, וואס וועט אונטערפאלען אונטער דער הערשאפט פון די רוימער און נישט קענען בייסטעהן געגען זייערע גזירות און רדיפות. די דאָזיגע איבערגעבליבענע יודישע קאָלאָניע איז זיך דאָ מיט דער צייט פונאנדערגעוואקסען און האט געבילדעט א בעדייטענדען עלעמענט אין דעם אָרגאניזם פון דער פארטישער מלוכה, וואס האט קאָנקורירט מיט רוים איבער דער וועלט-מאכט און מיט א לייבען-פעסטער עקשנות זיך נישט אונטערגעוואָרפען דעם רוימישען אָדלער. דאָ האָבען יודען נאָך פון די עלטסטע צייטען אָן ענטוויקעלט א לעבעדיגע גייסטיגע טעטיגקייט, און די ריכטונג פון דער דאָזיגער טעטיגקייט איז שטענדיג געווען א ריין-נאציאָנאלע, יודישע, אָהן וועלכער ס'איז השפעה פון א פרעמדער קולטור. די גרויסע צאָהל פון די יודישע איינוואוינער, וואס האָבען זייט צעהנדליגער דורות בעוואוינט גאנצע פראָווינצען פון לאנד; די זעלבסטשטענדיגקייט אין זייערע אינעווייניגסטע אָנגעלעגענהייטען, וואס די פארטישע ממשלה האט זיי איבערגעלאָזען; דער גלאנץ און די פירשטליכע מאכט פון זייער פאָליטישען פאָרשטעהער און פיהרער; זייער אלטבעזעסענקייט אין לאנד, וואס האט זיי צוגעגעבען דעם כאראקטער פון איינגעבוירענע, גלייכבערעכטיגטע בירגער, — דאָס אלץ האט אויסגעארבייט אין דעם בבלישען יודען א געוויסען געפיהל פון שטאָלץ און רוהיגקייט, און זיין גייסט איז אויך געוואָרן טיעפער און פיעלזייטיגער.

די בעדייטענדסטע צווישען די צענטראלע שטעדט פון דעם יודישען ישוב אין בבל, איז געווען נהרדעא, א בעפעסטיגטע שטאָדט ביים ברעג פון טייך פרת, וואס איז געווען דורך און דורך בעפעלקערט פון יודען, און האט דעריבער א לאנגע צייט געטראָגען דעם נאָמען „ירושלים פון בבל". ווען דער בית-המקדש אין ירושלים איז נאָך געשטאנען, איז דאָ געווען די אלגעמיינע קאסע, וואו ס'פלעגען איינפלוסען די נדבות פאר'ן בית-המקדש פון אלע בבלישע קהלות, און פון דאנען פלעגט די אלגעמיינע סומע בעזאָרגט ווערן קיין

ירושלים. פון נהרדעא האבען אויך געשטאמט די צוויי יודישע יונגע לייט, וואס האבען מורד געווען אין דעם פארטישען הערשער און געגרינדעט אויף א בעדייטענדער צייט א זעלבסטשטענדיגע מלוכה.

עטליכע מיילען ווייט צו דרום-זייט פון נהרדעא איז געלעגען פירוז-שבור (אויך: בי-שבור), אויך א בעפעסטיגטע און רייך-בעפעלקערטע שטאדט, און נישט ווייט פון דארטען האט זיך געפונען פומבדיתא, א גרויסע שטאדט נעבען די קאנאלען פון טייך פרת מיט פאלאצען און טעמפלען. זעכצעהן געאגראפישע מיילען ווייט פון פומבדיתא איז געלעגען די שטאדט מתא-מחסיא; מתא-מחסיא האט פערנומען דעם גאנצען שטח ארום דעם טייך סורא, און דעריבער ווערט זי אויך אפט בעצייכענט מיט דעם נאמען סורא. ווי פומבדיתא מיט איהר עשירות און רייכע פאלאצען, אזוי האט זיך מתא-מחסיא-סורא אויסגעצייכענט מיט איהר ארימקייט און מאוס'ען אויסזעהן; דערפאר זענען די איינוואוינער פון דעם ארימען שטעדטעל געווען בעריהמט מיט זייער עהרליכקייט, און דאס שפריכווארט האט געזאגט: „ס'איז בעסער צו וואוינען אין א מיסט-שטאל פון מתא-מחסיא, איידער אין א פאלאץ פון פומבדיתא".

מיט די דאזיגע דריי שטעדט ארום דעם טייך פרת האט קאנקורירט א פיערטע, מחוזא, אויפ'ן ברעג פון חדקל, דריי מייל ווייט פון דער פארטישער הויפטשטאדט קטעסעפאן. מחוזא איז געשטאנען אויף א בארג און איז געווען געשיצט מיט פעסטע מויערן, א טיעפען גראבען און א שטארקען פעסטונגס-שלאס אין שטאדט גופא; בעפעלקערט איז זי אבער געווען בלויז פון יודען. דאס זענען געווען אממעהרסטענטהייל אייניקלעך און אוראייניקלעך פון די אמאליגע גרים, און די יודען האבען געקוקט מיט א געוויסער פעראכטונג אויף זייער לייכטזיניגקייט, אויף זייער ליעבע צו אלערליי וועלטליכע פערגניגענס און אויף זייערע אויסגעלאסענע גענג בכלל. נישט וועניג יודען האבען זיך געפונען אויך אין די איבריגע שטעדט פון דעם פרוכטבארען לאנד, און זיי האבען זיך אומעטום געפיהלט, ווי ביי זיך אין דערהיים. די אונטערגעווארפענקייט בנוגע צו דער מלוכה האט זיך אויסגעדריקט אין קאפ- און ערד-שטייערן; דערביי זענען נאך דעמאלט געווען ארום דעם טייך פרת גרויסע שטרעקעס ערד אינגאנצען אהן בעלי-בתים, און ווער ס'האט זיך ארויסגערופען צו בעצאהלען די שטייערן פון א געוויסער שטרעקע, האט זיך גערעכענט פאר איהר אייגענטימער. מיט

דעם זכות האבען זיך די יודען א סך בענוצט און די גאנצע געגענד מיט איהר יודישער בעפעלקערונג איז רעגירט געווארען פון א יודישען פירשט (עקזילארך), וואס האט געשפיעלט א אנגעזעהענע ראליע אין דעם פארטישען מלוכה-לעבען און פערנומען דעם פירטען ראנג נאכ'ן קעניג אין דער רייהע פון די מלוכה-פיהרער. דער עקזילארך איז אויסגעוועהלט געווארען פון דער יודישער בעפעלקערונג אליין, און די קרוין האט נאר ב ע ש ט ע ט י ג ט די וואהלען, דערביי איז דעם אויסדערוועהלטען געגעבען געווארען אלס עהרען-צייכען א זיידענעם אויבערקלייד מיט א גאלדענעם גארטעל.

די עקזילארכען האבען געשטאמט פון די מלכי בית דוד, דעריבער האט דאס פאלק שטארק דרך-ארץ געהאט פאר זיי און אבגעהיט זייערע פעראָרדנונגען. מיר האבען נישט קיין גענויע קוועלן וועגען די עקזילארכען אין די ערשטע פעריאדען פון דער אלט-פערסישער און סעלייצידיש-גריכישער הערשאפט, חאטש איין אלטע כראניק (סדר עולם זוטא) רעכענט אויס א רייהע עקזילארכען פון זרובבל בן שאלתיאל אן ביז דער ענדע פון צווייטען יאהרהונדערט אין פינפטען טויזענד. מיר בעגעגענען צום ערשטען מאל די געשטאלט פון א „ראש גלותא" אין דעם לעצטען דור פון די תנאים; דאס איז מ ר ה ו נ א, וועלכער איז געשטארבען אין דער צייט, ווען ר' יהודה I איז געווען פאטריארך (נשיא) אין פאלעסטינא, און האט אנגעזאגט, מ'זאל איבערפיהרען זיינע ביינער אינ'ם לאנד פון די אבות. פון דעם מר-הונא'ן אן האבען מיר שוין קלארע היסטארישע ידיעות וועגען דער טעטיגקייט פון די עקזילארכען אזש ביז'ן סוף פון VI-טען יאהרהונדערט.

די עקזילארכען זענען קודם כל געוועזן הויפט-ריכטער פון אלע יודישע קהלות אין בבל, דערביי איז אין זייער קאמפעטענץ אריין אויך קערפערליכע שטראף פאר קרימינעלע פערברעכענס, וואס האט זיך אויפ'ן אריענטאלישען שטייגער אויסגעדריקט אממעהרסטענטייל אין „מלקות" (שמיץ). אין די פונקציעס פון דעם ראש-גלותא זענען אויך אריין די גאנצע פאליציי-ארגאניזאציע אין די שטעדט, די אויפזיכט איבער דער ריכטיגקייט פון מאס און געוויכט, איבער בריקען און קאנאלען און בכלל איבער אלע ענינים פון דער עפענטליכער זיכערהייט. אפיציעל איז דעם ראש-גולתא אבגעגעבען געווארען דער זעלבינער כבוד, וואס די אמאליגע יודישע מלכים פון דוד'ס הויזגעזינד: איהם איז איבערגעגעבען געווארען א העכערער אבגעזונדערטער פלאץ

אין שוהל, און ביים עולה לתורה זיין פלעגט דער שמש צוטראגען די ספר-תורה צו איהם, און ער האט ביי זיך אויפ'ן פלאץ ארויסגעלייענט פון איהר די בעשטימטע פרשה. דער ראש-גלותא האט בעזעסען א גרויסע צאהל שקלאפען און סתם דינער, און זאגאר פריי מענער האבען זיך געפונען אונטער זיין שוץ און געמוזט, צום צייכען פון אונטערטעניגקייט, שטענדיג טראגען אויף די קליידער דעם הערב פון זייער האר.

ביי אזא ברייטער און נישט נארמירטער מאכט איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די עקזילארכען האבען זיך געפיהלט, ווי זעלבסטהערשער בנוגע צו דער יודישער בעפעלקערונג, און דאס האט אפט געבראכט צו שארפע תרעומות מצד די געדריקטע מאסען; אין דער פארהיסטארישער צייט, ד. ה. איידער די יודישע געזעצלעהרע האט זיך איבערגעקליבען קיין בבל, זענען געווען צווישען די עקזילארכען זאגאר עמי הארצים, וואס האבען נישט געוואוסט אונטערצושיידען פון כשר ביז טרפה, און די גאנצע פיהרונג אין „הויף" איז געווען געגען די געבאטען פון דער תורה. וואס ווייטער איז אבער די לאגע אין דער הינזיכט אלץ בעסער געווארן, און די געשיכטע פון די שפעטערדיגע צייט וויים שוין צו דערצעהלען פון א רייהע עקזילארכען, וואס האבען פעראייניגט אין זיך תורה און גדולה און דאס פאלק האט זיי געשעצט נישט ווייניגער פון די פאטריארכען אין ארץ-ישראל.

א בעזונדער שטארקע בעוועגונג, צו פערשפרייטען די יודישע געזעץ-לעהרע צווישען די יודען אין בבל, בעמערקט זיך אין דער עפאכע פון די לעצטע תנאים. אין דער ישיבה פון ר' יהודה הנשיא I. (רבי) זענען אנגעקומען מאסען תלמידים פון די פראווינצען ארום די טייכען פרת און חדקל, און א סך פון זיי זענען דערנאך געווארן די ליכט-זיילען פון דער ישיבה. ר' חייא פון כפרי און זיינע צוויי וואונדערזיהן, זיינע פערוואנדטע אבא אריכא און רבה בר חנא, אבא און זיין זוהן מר שמואל, — אלע האבען זיי זיך גערעכענט פאר די בעסטע תלמידים פון דעם גרויסען פאטריארך, און זיי זענען אויך געווען די ערשטע פיאנערען פון דער יודישער אקאדעמישער בילדונג אין בבל. ר' חייא מיט זיינע צוויי זוהן האבען זיך, אמת, נישט אומגעקעהרט צוריק אין זייער היימאט-לאנד, און זענען געשטארבען אין גליל, וואו דאס פאלק האט פערהייליגט זייערע קברים און גערעכענט פאר א זכיה, בעגראבען צו ווערן נאהנט פון זיי. פאר'ן לעבען האט

אָבער דער דאָזיגער גרויסער גײַסט געהאַט אַ שטאַרקן און דירעקטן אײַנפֿלוס אויף אבא אריכא, װעלכער איז אװעק צוריק קײן בבל און געגעבן אינגאַנצן אַ נײַע ריכטונג דער ענטװיקלונג פֿון דער בבלי־שער דיאַספּאָראַ.

אבא אריכא, מיט זײַן היסטאָרישן נאָמען רב (געב. 175, געשט. 247), איז אַלס קינד נאָך שוין בערימט געװען מיט זײַנע אױסערגעװײנלעכע פֿעהיגקײטן. נאָך׳ן טױט פֿון זײַן פֿאָטער איז ער אַװעק קײן ארץ־ישראל און איז אָנגעקומען אין דער ישיבה פֿון דעם גרויסן נשיא. דאָ האָט ער אַרויסגערופֿן די בעװאונדערונג פֿונ׳ם גאַנצן קאָלעגיום איבער זײַן אונגעװײנליכער שאַרפֿזיניגקײט, און װען ער האָט זיך געקליבן צו פֿערלאָזן פּאַלעסטינאַ, האָט זײַן פֿעטער ר׳ חייא געבעטען דעם נשיא, ער זאָל איהם מסמיך זײַן און ערלױבען צו זײַן „אַ לעהרער און אַ ריכטער״. די דאָזיגע בקשה איז דערפֿילט געװאָרן, האָטש נישט אינגאַנצן; דער װײַטזיכטיגער נשיא האָט פֿאָר־געזעהן, אַז זײַן בעגאַבטער תלמיד װעט אויפֿהויבען דעם מעמד פֿון דער תורה אין בבל אַזױ שטאַרק, אַז זי װעט קאָנקורירן מיט ארץ ישראל, און ער האָט איבערגעלאָזן אײן צײכען פֿון אָבהענגיגקײט: געבענדיג סמיכה דעם גרויסן תלמיד פֿון בבל, האָט ער איהם דאָך פֿערבאָטען, צו פּסק׳ענען געװיסע שאלות. מיט אַזאַ האַלבער סמיכה האָט זיך אבא אריכא אומגעקעהרט קײן בבל, און דעמאָלט שוין איז זײַן פּאָפּולאַריטעט געװען אַזױ גרויס, אַז די פֿאָרנעהמסטע געזעלצאַ־פֿט פֿון נאַנצען לאַנד זענען אַרויסגעגאַנגען איהם מקבל פנים זײַן און אָנערקענט איהם פֿאַר׳ן העכסטען אויטאָריטעט בנוגע צו אַלע פֿראַגען פֿון דעם יודישען רעליגיעזען לעבען. צװישען די דאָזיגע בבלישע גע־זעצלעהרער האָט זיך געפֿונען אויך דער פֿיהרער פֿון דער ישיבה אין נהרדעא, ר׳ שילא, און ער האָט דער ערשטער אָבגעטרעטען זײַן פּלאַץ דעם אָנגעקומענעם „זקן״ פֿון דער גרויסער ישיבה אין צפורי.

אָנגעקומען איז דער פֿאַקט אויף דעם פֿאָלגענדען אופֿן:

ימענדיג קײן נהרדעא האָט אבא געפֿונען דעם אַלטען „ריש־סידרא״ (ראש ישיבה), װעלכער האָט איהם פֿערזענליך נישט געקאַנט, װי ער זיצט און דרש׳נט אַ געװיסע משנה און ס׳איז נישטאָ קײנער, װער עס זאָל זי מסביר זײַן און ערקלערן; דאַן האָט זיך אבא אװעק־געשטעלט פֿאַר אַ מתורגמן, און װען ר׳ שילא האָט איהם איבערגעגעבען

אין דער שטיל דעם פירוש פון א משנה, האט ער זי מסביר געווען פאר'ן עולם און פערטיפט דעם פירוש אויף אזוי פיל, אז ס'איז ארויסגעקומען עטוואס גאר אנדערעס דערפון, וואס ר' שילא האט געוואלט זאגען. דער לעצטער האט געפרובט אין אנהויב מקפיד זיין און פראטעסטירען; אויף דעם האט איהם דער „רעוואלוציאנערער" רב געענטפערט: „די פלייט, וואס פערשאפט פערגניגען דעם מענשען מיט א מוזיקאלישען געהער, קלינגט שלעכט אין די אויערן פון א פראסטען ארבייטער, וואס האט קיין געהער נישט פאר פיינע טענער; וויפיעל מאל האב איך ערקלערט משנות פאר'ן גרויסען ר' חייא'ן און ער איז צופרידען געווען, נאר דיר געפעלן נישט מיינע ערקלערונגען". ר' שילא האט דאן ערשט זיך געכאפט, אז דער מתורגמן, וואס שטעהט פאר איהם, איז דער בעריהמטער אבא אריכא, און בעטענדיג מחילה ביי איהם האט ער זיך אבגערופען: „זעץ דיך דו אויף מיין ארט; איך האב נישט פערדיענט, אז דו זאלסט זיין מיין מתורגמן". רב האט דעם פארשלאג פונדעסטוועגען נישט אנגענומען, און נאך ר' שילא'ס טויט, האט ער דעם פאסטען אין נהרדעה איבערגעגעבען זיין חבר שמואל'ן, וועלכער איז מיט איהם צוזאמען געקומען פון פאלעסטינא און איז דערצו געווען אויך א געבוירענער א דארטיגער.

אין יענער צייט איז געווען עקזילארך א געוויסער ענן, וועלכער האט, ווי ס'איז צו גלויבען, געוואלט מהנה זיין די חכמים און זיי איבערגעבען אלע געזעלשאפטליכע פאסטענס; ער האט בעשטימט מר עוקבא'ן פאר א אויבער־שופט אין כפרי, קרנא'ן פאר א שופט, און ווען רב איז געקומען קיין בבל, האט ער איהם געמאכט פאר א „אגאראנאמאס", ד. ה. פאר א אויפזעהער איבער דער ריכטיגקייט פון די וואגען און מאסען אין די האנדעלס־פלעצער פון לאנד. אין דעם פאסטען איז אריינגעגאנגען אויך די פונקציע פון קאנטראליהרען די פרייזען און נישט דערלאזען דערביי קיינע שפעקולאציעס. בנוגע צו דער פראגע איז פארגעקומען א שארפער סכסוך צווישען רב'ן און דעם עקזילארך, — א סכסוך, וואס האט זיך געענדיגט דערמיט, אז רב איז איינגעזעצט געווארן אין תפיסה אייף א לאנגע צייט.

אט די נישט לאנג דויערנדע געזעלשאפטליכע טעטיגקייט איז אבער אריבער נישט אהן א גרויסען פערדיענסט פאר דעם בענייער פונ'ם יודישען גייסט אין זיין פאטערלאנד; ארומפאהרענדיג אלס

אַגאַראַנאָמאָס איבער די שטעדט און שטעדטליך פון לאַנד האָט רב דערוויַיל געהאַט די געלעגענהייט, זיך צו בעקאַנען מיט דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די יודישע פאָלקס-מאַסען, און זיין איינדריק פון די דאָזיגע בעאָבאַכטונגען איז געווען זעהר אַ טרויעריגער. דער גרויסער לעהרער האָט געזעהען, אַז דאָס פאָלק איז שרעקליך פערגרעבט און בעגעהט זעהר האַרבע פערברעכענס געגען די געבאָטען פון דער תורה נישט אויס ליכטזיניגקייט, נאָר פשוט אויס עמי-הארצות. אין דער גאַנצער יודישער דיאַספּאָרא האָט זיך שוין, למשל, לאַנג געהאַט פּראַקטיצירט דאָס געזעץ פון דער תורה, וואָס פערבאָט צו עסען פליַיש מיט מילך אינאיינעם (בשר בחלב), און דאָ האָט רב געהערט אין אַ שטעדטעל, ווי איין יודישע פרוי האָט געפרעגט דער צווייטער, וויפיעל מילך דאַרף מען האָבען אויף אַ פיערטעל פונט פליַיש. צו די פערברעכען אין דעם אַלטעגליכען לעבען איז צוגעקומען אויך די מאָראַלישע פער־דאָרבענקייט און די אַלגעמיינע אונוויסענהייט, און דאָס האָט ביי דעם יונגען געלעהרטען אַרויסגערופען די אידעע, צו גרינדען אַ גרויסע ישיבה גראַד אין׳ם צענטר פון דער געגענד, וואו די עמי-הארצות העַרשט אַמשטאַרקסטען, און אַזוי אַרום פערשפּרייטען די וויסענשאַפט און דעם גייסט פון דער תורה איבערן גאַנצען לאַנד. און די אידעע איז פערווירקליכט געוואָרן: זיעבען הונדערט יאָהר האָט די ישיבה אין סורא געדיענט דעם פאָלק ווי אַ פאַקעל, און פונאַנדערגעוואָרפען פייערדיגע ליכט-שטראַהלען אין אַלע ווינקעלעך פון דער יודישער דיאַס־פּאָרא.

צו דער אויספיהרונג פון דעם גרויסען פּלאַן האָט, ווי ס׳שיינט, אַ סך מיטגעהאָלפען די אינטימע פריינדשאַפט, וואָס האָט געהערשט צווישען רב׳ן און דעם לעצטען פּאַרטישען קעניג, אַ ר ט אַ ב אַ ן (216-220); די בעקאַנטשאַפט צווישען זיי איז אויך געשלאָסען געוואָרן אין דער צייט פון רב׳ס געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט, און דער קעניג איז אַזוי בעצויבערט געוואָרן פון דעם יודישען געלעהרטען, אַז ער האָט זיך מיט איהם ענגער צוזאַמענגעלעבט און איז געבליבען זיין פריינד און בעשיצער ביז דער איבערקעהרעניש פון די פערסיאַנער. אַט די שטיצע פון קעניג האָט געגעבען רב׳ן די מעגליכקייט צוצוטרעטען צו דער פערווירקליכונג פון זיין אידעע און אין יאָהר דריי טויזענד ניין הונדערט ניין און זיעבעציג (219) איז ש׳ין געווען געגרינדעט די גרויסע ישיבה (מתיבתא) אין ס ו ר א (מתא מחסיא). דאָס איז געווען

א צענטראַלע אַקאַדעמיע פאַר'ן גאַנצען לאַנד, וואו ס'האָבען זיך גלייך צונויפגעזאַמעלט ביז צוועלף הונדערט תלמידים, נישט בלויז פון בבל אליין, אַזוי אַז דער בית־מדרש אַליין איז צו קליין געווען פאַר'ן גאַנצען עולם, און מ'האָט געמוזט צונעהמען פאַר דער ישיבה נאָך אַ ברייטען גאָרטען. די דאָזיגע גאַנצע מאַסע תלמידים האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער פּערזאָן פון דעם גרויסען רבי'ן, און זייער פערעהרונג בנוגע צו איהם איז אַזוי גרויס געווען, אַז אין גיכען האָבען זיי איהם אַלע אָנגעהויבען צו רופען סתם רב (רבי, לעהרער), ווי מ'האָט דעם פּאַטריאַרך, ר' יהודה I אין ארץ־ישראל, אויך גערופען סתם רבי. אַזוי ווי דער בית־מדרש איז געווען רב'ס אייגענעם הויז, האָט מען איהם אויך גערופען בי רב (בית רב), און פון דאַן אָן איז פערבליבען דער נאָמען פאַר יעדען תלמיד חכם — „בר בי רב" (א תלמיד פון רב'ס בית־מדרש). א סך תלמידים פון זיין ישיבה האָט רב אַליין אויסגעהאַלטען און געשפּייזט, זייענדיג זעהר רייך. ווי אין פאָלק האָט זיך דערצעהלט, האָט דער גרויסער געזעצלעהרער, איבריגענס, אַליין בעאַרבייט זיינע פעלדער און זיינע איבריגע נחלאות.

מיט דעם צוועק, צו געבען די מעגליכקייט צו לערנען אויך מענשען פערנומענע און בעשפטיגטע, — האָט רב בעשטימט צוויי חדשים אין יאָהר, אדר און אלול, וואָס זענען אינגאַנצען געווידמעט געווען דעם שטודיום פון דער תורה; אין די דאָזיגע צוויי חדשים, וואָס האָבען געטראָגען דעם נאָמען „ירחי דכלה" (פערזאַמלונגס־חדשים) פלעגט געלערנט ווערן פון פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט כמעט אָהן אַ שום אויפהער, און אַ סך פון די תלמידים האָבען זיך נישט פערגונען דעמאָלט אפילו אָבצועסען צו דער זאַט. די לעצטע וואָך פון יעדען פערזאַמלונגס־חודש, ד. ה. די וואָך ערב די גרויסע יום־טובים אָדער ערב פסח, איז בעשטימט געווען פאַר'ן פאָלק. אין דער וואָך („שבתא דריגלא") פלעגט זיך צונויפפאָהרען קיין סורא אַזא עולם פון אַלע עקען לאַנד, אַז די הייזער פון שטאָדט האָבען איהם נישט געקענט אַריינגעהמען אינגאַנצען און גרויסע מאַסען האָבען געמוזט זיך אויפהאַלטען אונטערן פרייען הימעל. דאָס איז געווען דער ערשטער שריט אויף דעם וועג פון דער ברייטער פאָלקס־בילדונגס־אַרבייט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אין די שפּעטערדיגע צייטען.

אין זיין אַקאַדעמישער טעטיגקייט איז רב'ס שטייגער געווען, אויסצוטייטשען די משנה און זי צו ערקלערן, לויט דער לעצטער

הכרעה צווישען די משנות און בריתות; אט די הכרעות און פערגלייכונגען האבען איהם געדיענט אלס יסוד אויף פאר נייע הלכות — דאס זענען די בעריהמטע „מימרות", וואס פערנעהמען א בעדייטענדען פלאץ אין'ם בבלי'שען תלמוד. וואס ס'געהערט צו דער ריכטונג פון די דאזיגע ניי-געשאפענע הלכות, זעהט זיך אין דעם גרעסטען טייל פון זיי א נייגונג צו פערהארבערן די נארמען פון דער תורה, און בעזונדער בולט ווייזט זיך ארויס רב'ס הארבקייט בנוגע צו די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי. דאס ערקלערט זיך דערמיט, וואס דער מאראלישער צושטאנד פון די ברייטע פאלקס-שיכטען אין בבל איז געווען צו יענער צייט שטארק געפאלען, און זיי האבען פערוואנדעלט די טראדיציאנעלע יודישע פאמיליענריינקייט אין א מורא'דיגער הפקירות. רב האט שטרענג פערבאטען, מקדש צו זיין א פרוי אין גאס אהן קיינע געהעריגע אונטערהאנדלונגען, און אין דער זעלבער צייט האט ער גוזר געווען אויפן פאטער, ער זאל נישט פער'קנס'ען זיין טאכטער קליינערהייד, נאר ווארטען „ביז זי וועט גרויס ווערן און זאגען: איך וויל יענעם און יענעם". כדי אויסצעווארצלען פון דער יודישער גאס די וואכעדיגע בעציהונג צווישען דעם פערקנסט'ען פאר, האט רב פערבאטען דעם חתן, צו וואוינען ביי דער כלה אין שטוב פון די תנאים ביז דער חתונה. צו רב'ן געהערן אויך א גאנצע רייהע תקנות מיט דעם צוועק, צו פערשטארקען דעם אויטאריטעט פון דער געריכטס-מאכט, און די אלע תקנות זענען מיט דער צייט געווארן פעסטע, גילטיגע געזעצען. רב'ס טעטיגקייט איז אלזא געווען א דאפעלע: פון איין זייט האט ער אויסגעאיידעלט די זיטען פון דער בעפעלקערונג מיט דער הילף פון פראקטישע איינפירונגען, און פון דער צווייטער זייט — געוועקט דעם פארשונגסגייסט פון פאלק און פערשפרייט אין לאנד ליכט און גייסט.

דער גרויסער בענייער פון דעם יודישען לעבען אין בבל האט זיך אויסגעצייכענט אויך מיט זיין מילד-עניוות'דיגער און מענשענפריינדליכער נאטור. די לעגענדע דערצעהלט, אז ער האט געהאט זעהר א שלעכטע און בייזע ווייב, וועלכע האט ליעב געהאט צו טאן פונקט דעם היפך פון דעם, וואס ער האט ביי איהר געבעטען; ווען זיינער זוהן חייא איז אויסגעוואקסען, פלעגט ער דעריבער איבערגעבען דער מוטער דעם פאטער'ס בקשות פערקעהרט, כדי זי זאל זיי ערפילען אזוי, ווי ער האט באמת פערלאנגט. פון דער קאמבינאציע האט זיך

רב דערוואוסט, און האט אנגעזאגט דעם זוהן, ער זאל דאס מעהר ניט טאן, ווייל ס'שטעהט אין דער תורה געשריבען: מדבר שקר תרחק (פון א ליגען זאלסטו דיך דערווייטערן). אזא נאכגיביגקייט האט רב ארויסגעוויזען אויך בנוגע צו פרעמדע מענשען פון פאלק, און ווען א געוויסער קצב האט איהם אמאל בעליידיגט און איז אפילו ערב יום־כפור ניט געקומען בעטען ביי איהם קיין מחילה, — האט רב איהם געשיקט זאגען, אז ער איז איהם מוחל. וועגען דער גייסטיגער שענקייט פון דעם גרויסען בעניער רעדען אויך די פיעל אגרי'שע מאמרים, וואס זענען דערגאנגען צו אונז אין זיין נאמען: „ווער עס האט ניט אין זיך די מדה פון רחמנות, איז ניט פון אברהם'ס אייניקלעך"; „די געזעצען פון דער תורה זענען געגעבען, נאר אבצורייניגען דעם מענשען פון מאראלישע זינד"; „א פאטער דארף קיינמאל ניט שטעלן איין קינד העכער פונ'ם צווייטען: אונזער עלטער־פאטער יעקב האט אויסגעצייכענט יוספ'ן פון זיינע איבריגע קינדער — און וויפיעל שלעכטס איז דערפון ארויסגעקומען!"

זעהענדיג די הונדערטער תלמידים, וואס קומען זיך צונויף הערן זיין דרשה, האט רב מורא געהאט, עס זאל איהם ניט איינפאלען עפעס א הרהור פון גאוה, און ער האט זיך געחזר'ט דעם פסוק: אם יעלה לשמים שיאו א. א. וו. (ווען דעם מענשען'ס גרויסקייט געהט אפילו אויף ביז'ן הימעל, פערגעהט זי דאך אויך פלוצלינג); אליין א ערד־בעזיצער און אויך א ערד־ארבייטער איז רב געווען א געגנער פון מסחר, און זיין ניט געראטענעם זוהן איבו געפינט ער פאר נויטיג אנצוזאגען: ס'איז בעסער צו פערדינען וועניג פון ערד־ארבייט, איידער פערדינען א סך פון מסחר; ערגער פון די ביידע איז אבער גאר ניט טאן און זיך ארויפלעגען אויף קהל; געגען די האט ער אנגעזאגט: „שינד אב א נבלה אין גאס (אויב דו האסט ניט קיין אנדער פרנסה), און זאג ניט: איך בין א כהן (א מיוחס), איך בין א גרויסער מענש!"

די פרוכטבארע טעטיגקייט פון דעם דאזיגען גרויסען גייסט האט זיך געצויגען גאנצע אכט־און־צוואנציג יאהר, און ווען ער איז פערלאשען געווארען, האט דאס גאנצע פאלק איהם בעקלאגט. צעהנדליגער טויזענדער פון זיינע תלמידים האבען זיין ארון בעגלייט, און צום צייכען פון נאציאנאלען טרויער האט מען מתקן געווען, אז דעם גאנצען יאהר זאלען די יודישע חתונות געפייערט ווערדן אהן הדסים און בלומען, פון

זײַנע קינדער איז בעזונדער בעקאַנט דער זוהן חייא; זײַן טאָכטער איז פערהײַראַט געװעזען פאַר אַ זוהן פון עקזילאַרך און איהרע זיהן זענען עס געװעזען די גײַסטרײַכע און בעריהמטע עקזילאַרכען: רבנא עוקבא און רבנא נחמיה.

פיעלזײַטיגער פון רב'ן און מיט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער איז געװעזען זײַן חבר און מיטאַרבײַטער אין דער אויפהויבונג פון בבלי'שען יודענטום שמואל בר אבא הכהן (געב. 180 געש. 257). מיט דער אַקאַדעמישער טעטיגקײַט פון דער דאָזיגער גײַסטרײַכער און בעגאַבטער פערזענליכקײַט הויבט זיך אָן אַ געװיסער הינזיכט אַן אַ נײַע עפּאָכע אין דער יודישער לעהרע. אַ מענש מיט אַ גלײַכען און ניכטערן פערשטאַנד, װײַט פון חלומות און פאַנטאַסטישע איבערטרײַבונגען, האַט מר שמואל אַרײַנגעבראַכט אַ אײגענעם זעלבסטשטענדיגען טאָן אין דעם אַלגעמײנעם אַקאָרד פון פלפּול און שװערמערײַ. עס זיצען זײַנע חברים און דערצעהלען כסדר די נסים און נפלאות און ענדערונגען אין דער גאַנצער װעלט-הנהגה, װאָס װעלן פאָרקומען אין די ערװאַרטעטע משיח'ס צײַטען, און שמואל ענטפערט געלאַסען: „צװישען דער הײַנטיגער צײַט און די צײַט פון משיח'ן איז דאָ נאָר דער אונטערשײד, װאָס הײַנט זענען יודען משועבד צו פרעמדע מלוכות, און דעמאָלט װעלן זײ פרײַ זײַן. שמואל איז געגאַנגען געגען זײַנע חברים אויך דערמיט, װאָס ער האָט זיך אָבגעקליבען נאָר דרײַ געביטען, אויף װעלכע ער האָט זיך ספּעציעל אויסגעצײכענט: יוריספּרודענץ, אַסטראָנאָמיע און מעדיצין. אַלס אמורא איז ער דעריבער געשטאַנען ניעדריגער פון רב'ן בנוגע צו דינים פון כשר און טרפה, ערלויבטעס און פערבאָטענעס; דערפאַר אָבער איז זײַן אויטאָריטעט גרעסער געװעזען אין די פראַגען פון דיני-ממונות (יורידיש-געזעלשאַפטליכע פראַגען) און דער כלל אין תלמוד זאָגט: דער דין בלײַבט, װי רב אין איסורים און װי שמואל אין דינים. פון דער גרויסער צאָהל הלכות, װאָס שמואל האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט פונ'ם יודישען ציװיל-רעכט, איז בעזונדער װיכטיג זײַן פּרינציפּ, לויט װעלכען די אַלגעמײנע בירגערליכע געזעצען פון לאַנד גילטען אויך פאַר די יודען, װאָס װאוינען דאָרט, און זײערע אײגענע געזעצען מוזען צוגעפּאַסט װערן צו די געזעצען פון לאַנד (דינא דמלכותא דינא). דאָס איז געװעזען אַ װײַטזיכטיגער שריט פון דעם גרויסען געזעצלעהרער, די פאָלגען פון װעלכען ס'האָבען זיך אַרויסגעװיזען אין די קומענדיגע דורות; שמואל

האָט צוגעגעבען זיין כלל דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזער נאָרמע. וואָס עובר זיין אויף איהר, הייסט ריכטיג, ווי עובר זיין אויף אַן אַנדער דין פון דער תורה, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די יודען האָבען זיך אָנגעהויבען בעציהען נישט בלויז מיט סבלנות, נאָר אויך מיט אַ געוויסער אַכטונג צו די געזעצען פון דעם לאַנד, וואו דער גורל האָט זיי פערוואָרפען. ווען דער יוד אין גלות איז געצוואונגען געווען צו לעבען לויט אַזעלכע געזעצען, וואָס האָבען גאַנץ אָפט נישט גע־שטימט מיט דעם כאַראַקטער פון זיין אייגענעם הייליגען קאָדעקס, האָט איהם זיין געוויסען דערפאַר נישט געפּלאָגט — ער האָט געוואוסט, אַז זיין קאָדעקס גופא, די תורה, הייסט איהם אָבהיטען די געזעצען פון לאַנד און זיך זיי אונטערגעבען; פון דער צווייטער זייט ווידער, האָבען זיך יודען מיט דעם כלל שטענדיג געקענט פערטיידיגען געגען די אָנפאַלען פון די שונאי־ישראל, וואָס האָבען כסדר אויפגעוואָרפען די יודען, אַז זיי לעבען לויט בעזונדערע, מענשענפיינדליכע דינים און מנהגים. אַזוי איז דורך מר שמואל'ן פערקערפערט געוואָרען די עצה פונ'ם גרויסען געטליכען נביא ירמיה, וואָס האָט געלעבט מיט אַלט הונדערט יאָהר פריהער: ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה', כי בשלומה יהיה לכם שלום (און איהר זאָלט פאָדערן דעם פריעדען פון דער שטאָדט, וואָס איך האָב אייך דאָרטין פערטריבען, און איהר זאָלט בעטען פאַר איהר צו גאָט, דען אין איהר פריעדען וועט אויך צו אייך פריעדען זיין).

אי'ם געגענזאַץ צו די איבריגע געזעצלעהרער פון זיין צייט אין יהודה און אין בבל, האָט מר־שמואל, ווי געזאָגט, זיך נישט דערווייטערט פון דער ארומיגער וועלט און אָבגעגעבען אַ סך צייט אויף צו דערלערנען געוויסע אַלגעמיינע וויסענשאַפטען. ער איז געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט דעם פערסישען געלעהרטען אַבלאַט, און מיט איהם צוזאַמען געשטודירט די אַסטראָנאָמישע וויסענשאַפט; פאַר אַ פּאַסענדען פּלאַץ, אויף צו מאַכען אַסטראָנאָמישע בעאָבאַכטונגען האָט זיי געדיענט דער טאָל שנער, צווישען פרת און חדקל, און דער פּלאַץ איז ווירקליך ביז היינטיגען טאָג פערבליבען דאָס וויגעל פון דער הימעל־לעהרע. אויף ווי וויט עס האָבען דערגרייכט שמואל'ס ידיעות אין דער חכמה בעווייזט זיין מאמר: „מיר זענען קלאָר די וועגען פון הימעל, ווי די וועגען פון נהרדעא"; נאָר בנוגע צו די קאָמעטען איז ער אָפען מודה, אַז ער קען זיך נישט אָרי

יענטירען אין זייער ווילדער בעוועגונג און איז נישט אימשטאנד אומצורעכנען זייער גאנג.

בענוצענדיג זיך מיט זיינע אסטראנאמישע קענטענישען האט שמואל אויפגעטאן א ווילכטיגע זאך: ער האט צונויפגעשטעלט א גענויען קאלענדאר פון אלע יודישע יום-טובים אויף א גאנצער רייהע יאהרען. דאס האט ער געטאן מיט דער כונה, כדי די יודען אין בבל זאלען זיך אליין קענען א עצה געבען מיט די קאלענדאר-בעשטימונגען און נישט זיין שטענדיג אבהענגיג אין דער הינזיכט פון די לבנה-בעאבאכטונגען אין יהודה; ווי ס'ווייזט אויס, האט אבער שמואל נישט געפועל'ט ביי זיך, צו מאכען אזא שריט געגען דער איבער-הערשאפט פון פאטריאך אין פאלעסטינא, און ער האט זיין קאלענדאר נישט פערעפענטליכט.

וועגען שמואל'ס קענטענישען אין מעדיצין זענען דערגאנגען צו אונז גאנץ ווייניג קוועלן. ער האט זיך בעריהמט, אז ער איז אימשטאנד אויסצוהיילען אלע קראנקהייטען, אויסער דריי (וועלכע זענען א רעזולטאט פון שלעכטע היגיענישע בעדינגונגען), און זיין פלאסטער צו געוויסע אויגען-קראנקהייטען איז געוועזען בעריהמט אפילו אין ארץ-ישראל. דערביי איז כאראקטעריסטיש זיין מיינונג, אז אלע קראנקהייטען שטאמען פון דער לופט און פון דער ווירקונג, וואס די לופט האט אויפ'ן לעבען; זאגאר די פערוואונדעטע אויפן שלאכט-פעלד, זאגט מר-שמואל, זענען בלויז קרבנות פון דער לופט, און ווען מיר וואלטען אימשטאנד זיין צו מאכען, אז די לופט זאל נישט אריינדרינגען אין די וואונדען, וואלט קיינער פון קיין וואונד נישט געשטארבען.

די דאזיגע זייטיגע וויסענשאפטען, צוזאמען מיט זיין אינטענסיווער טעטיגקייט אויף דעם געביעט פון דער יודישער געזעצלעהרע, האבען שמואל'ס נאמען זעהר פאפולער געמאכט אין לאנד, און פון אלע זייטען האבען זיך געצויגען תלמידים קיין נהרדעה, אין זיין ישיבה. ער האט אבער פערשטאנען אפצושאצען די גרעסערע בעדייטונג פון דער נייער אקאדעמיע אין סורא (מתא מחסיא), וואס איז געשטאנען אונטער דער אנפיהרונג פון זיין חבר אבא אריכא (רב), און זיין בעציהונג צו דעם לעצטען צייכענט זיך אויס מיט יענער עניוות פון גרויסע גייסט-מענשען, וואס בעמערקט זיך כמעט ביי אלע פארשטעהער פון דער יודישער געזעצלעהרע. דארט, וואו רב האט זיך געפונען, האט זיך שמואל אוועקגעזעצט צווישען אלע תלמידים, און ווען דין גע-

עהרטע משפחה פון דעם בעריהמטען ר׳ שילא האט אבגעטרעטען מר שמואל׳ן איהר ערשטען פלאץ ביי א געוויסער פייערליכקייט, האט שמואל דעם כבוד איבערגעגעבען רב׳ן.

נאך רב׳ם טויט איז שמואל אליין געבליעבען דער אב בתורה פאר גאנץ בבל, אלם ראש ישיבה (ריש סידרא) אין נהרדעה, און דעם פאסטען האט ער פערטרעטען גאנצע צעהן יאהר. אין אנהויב האט מען זיך אין יהודה בעצויגען מיט א געוויסער גרינגשעצונג צו שמואל׳ס אויטאריטעט אין די ענינים פון דער יודישער געזעצלעהרע; אנשטאט דעם געוועהנליכען טיטול אין די בריעף צו רב׳ן: „צו אונזער רבי׳ן אין בבל“, האט ר׳ יוחנן איצט געשריעבען: „צו אונזער חבר אין בבל“, און ווען שמואל האט ארייגעשיקט קיין ארץ ישראל זיינע קאלענדאר-אויסרעכנונגען אויף גאנצע זעכציג יאהר, האט ר׳ יוחנן איראניש בעמערקט: „יא, רעכנען קען ער“. שפעטער אבער, ווען ס׳האבען אנגעהויבען אנצוקומען פון שמואל׳ן קיין יהודה גאנצע פעק מיט שאלות ותשובות וועגען די פערשיעדענסטע דינים פון דער תורה, — האט מען זיך דארטין איבערצייגט, אז דער האלב-וועלטליכער וויסענשאפטס-מענש איז גרויס אויך אין הלכה, און ר׳ יוחנן האט צוריק איינגעפיהרט דעם אלטען טיטול: „צו אונזער רבי׳ן אין בבל“ (לרבינו שבבבל). ר׳ יוחנן מיט ריש-לקיש׳ען האבען זיך דעמאלט אפילו אליין געקליעבען, צו פאהרען קיין בבל און זיך פערזענליך צו זעהען מיט דעם פיעלזייטיגען יודישען גייסט; דער לעצטער איז אבער אונטער דער צייט געשטארבען. — מר שמואל האט נאך זיך קיין זיהן נישט איבערגעלאזען און זיין נאמען איז איבערגעגאנגען אין דער יודישער געשיכטע, צוזאמען מיט דער גרויסער גייסטיגער ירושה, וואס זיינע תלמידים האבען פונאנדערגעטראגען איבער אלע עקען פון דער יודישער וועלט

זיעבעטעס קאפיטעל

די מלוכה-איבערקעהרעניש אין בבל און די ירידה פון רוים

אין די לעצטע יאהרען פון שמואל'ס אקאדעמישער טעטיגקייט אין בבל איז פארגעקומען א פאלשטענדיגע איבערקעהרעניש אין דעם פארטישען מלוכה-לעבען, וואס האט געהאט בעדייטענדע פאלגען פאר דער ענטוויקלונג פון דעם דארטיגען יודישען צענטר. פיער הונדערט יאהר האט געהערשט איבערן לאנד די פארטישע דינאסטיע פון די ארסאצידען, וועלכע האבען געגעבען די יודען אין בבל אלע פרייהייטען און געלאזען זיי זיך פריי ענטוויקלען. אונטער דער צייט האבען יודען בעוויזען, זיך איינצובירגערן אין לאנד, צו ווערן דארטין פרייע בעלי-בתים איבער זייערע אייגענע אנגעלעגענהייטען, און גלייך בערעכטיגטע שכנים בנוגע צו די אלגעמיינע אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה. און אט, אין דער צייט, ווען דאס יודענטום אין דעם לאנד האט גענומען ענטוויקלען א רייכע און פיעלזייטיגע טעטיגקייט, איז אויפגעשטאנען איינער, וואס האט ארויסגעריסען די קרוין פון דער אלטער דינאסטיע און פונאנדערגעטרייסעלט דאס גאנצע לעבען פון דער איינגעבוירענער, ווי פון דער יודישער בעפעלקערונג. דאס איז געוועזן א שפראץ פון די אלט-פערסישע סאסאנידען, וואס האבען בעהערשט דאס לאנד, איידער די פארטאנער האבען עס איינגענומען; די דאזיגע אלט-פערסער האבען זיך די גאנצע צייט פיינדליך בעצויגען צו די פרעמדע הערשער, וואס האבען זיך

ארײַנגעריסען אין זײער לאַנד און אונטערגעבראַכט זײער אמונה, און איצט האָט זיך געפונען אַ קרוין־פּרעטענדענט, מיט׳ן נאָמען אַרדאַשיר (ארתחשסתר), וואָס האָט אויפגעהויבען דעם פאָלק געגען דעם לעצטען פון די פּאַרטישע מלכים, אַרטאַבאַן IV. און אַרדאַשיר האָט געזיעגט: דאָס אַלט־פּערסישע פאָלק האָט פערביטערט געקעמפּפט געגען זײנע האַלב־גריכישע הערשער, ערשטענס, דערפאַר וואָס האָבען זײ אַרויסגעשטופּט פון לאַנד זאָראָאַסטער׳ס זענדאַ־לעהרע, און, צווײטענס, ווײַל זײ האָבען זיך נישט געקענט געגענשטעלען די רוימער און געלאָזען זײ אָפּרײַסען אײן פּראָווינץ נאָך דער אַנדערער. מיט אַרדאַשיר׳ס הערשאַפט איז אויף אַזאַ אופן צוריקגעשטעלט געוואָרען די סאַסאַנידישע דינאַסטיע, און זי האָט פון איצט אָן בעקומען דעם בײנאָמען נײַ־פּערסישע.

די פאָלגען פון דער דאָזיגער מלוכה־איבערקעהרעניש האָבען זיך גלײַך געלאָזען פיהלען. עס איז צוריק אײַנגעפיהרט געוואָרען אין לאַנד דער אַמאָליגער פײַער־קולט; זאָראָאַסטער׳ס רעליגיע מיט די דאָפּעלע געטליכע כחות פאַר גוטס און שלעכטס, ליכט און פינסטערניש א. א. וו., איז ווידער פערשפּרײט געוואָרען צווישען דער בעפעלקערונג, און אַרדאַשיר האָט געלאָזען פונ׳ם נײַ צונויפזאַמלען די פּסוקים און מאמרים פונ׳ם זענדאַ־וועסטאַ און דאָס אַרויסגעגעבען מיט פּירושים אלס הײליגעס רעליגיאָנס־בוך. דער פאַנאַטיזם פון די אַלט־פּערסישע נאַציאָנאַליסטען האָט זיך דערפון, נאַטירליך, שטאַרק געהויבען, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ רײהע פערפאָלגונגען געגען אַלע פרעמדע און פרעמד־גלויביגע. די פאַרשטעהער און ליבהאָבער פון דער גריכישער קולטור זענען דורך פײַער און שווערד געטויט געוואָרען; ווענינגער, אָבער אויך פיעל, איז אויסגעקומען צו לײַדען פון דעם פאַנאַטיזם די פיעל קריסטען, וואָס האָבען זיך געפונען אין אויבער־מעסאָפּאָטאַמיען, אין די ערטער, וואָס האָבען שוין אָנגעהערט צו רוים. און אויך איבער די יודען פון לאַנד האָט דער פאַנאַטיזם פון צאַרוואַסטער׳ס לעהרע געוואָלט אויסגיסען זײַן צאָרן; דאָס איז אָבער אונמעגליך געווען שוין צוליעב דעם אַלײן, וואָס יודען האָבען געלעבט קאָנצענטרירט אין בעשטימטע פונקטען און דאָרט האָבען זײ פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מורא׳דיגע קראַפט. בנוגע צו זײ האָט זיך די פער׳שפּור׳טע מאַכט דעריבער בעגנוגענט בלויז מיט דריקענדע גזירות; פון די יודישע געריכטען איז צוגענומען געוואָרען דאָס רעכט

צו משפט'ן פאר קרימינעלע פערברעכענס, יודען זענען נישט צוגע־לאָזען געווארען צו קיין שום מלוכה־פאסטען, און אפילו אין ענינים פון אמונה האבען אויך די יודען געפיהלט א געוויסען דרוק: אין די יום־טובים, ווען די מאגיער (די גייסטליכע פון דעם צאראואסטער־קולט) האבען פערערהרט דאס פייער און זייערע טעמפלען אלס אפ־בילדונג פון דעם ליכט־גאט אהורא־מאזדא (הורמיז), — האט זיך אין קיין יודיש שטוב קיין פייער נישט געטארט זעהען. אזוי ווי די מאגיער האבען געהאלטען פאר הייליג אויך די ערד און דאס וואסער, אלס א טייל פון דעם זעלבינען ליכט־גאט, האבען זיי פערבאטען די יודען, מקבר צו זיין זייערע מתים אין דר'ערד און אויך צו באדען זיך אין וואסער.

די דאזיגע פערפאלגונגען האבען געמאכט א שווערען איינדריק אויף דער גאנצער יודישער דיאספארא. ר' יוחנן אין ארץ ישראל איז בעטריבט געווארען פון דער ידיעה, אז די סאסאנידען האבען זיך ארייננגעריסען אויך אינ'ם יודישען בבל, און ער האט זיך בערו־היגט ערשט דאן, ווען מען האט איהם ערקלערט, אז די אלטפערסער זענען זעהר ארים און פאר געלד קען מען ביי זיי אלץ פועל'ן. יודען האבען געקוקט אויף די אויפגעקומענע פערסיאנער (חברים, אמגושים), ווי אויף א המונ'ישער ווילדער באנדע, וואס איז אימשטאנד אבצוטאן די שרעקליכסטע מעשים, און איינער האט זיך אויסגעדריקט: „די פארטאנער זענען ענהליך געוועזען צו די חילות פון די מלכי בית דוד, און די חברים (ניי־פערסיאנער) זעהען אויס, ווי מלאכי חבלה". איין אגדה דערצעהלט זאגאר וועגען דעם בעריהמטען רבה בר חנא, אז ער האט אמאל פון כעס איבער די מעשים פון די אמגושים זיך ארויס־געראפען: „גאט, אונזער גאט! אויב דו אליין ווילסט אונז נישט בע־שיצען, טא גיב אונז שוין בעסער איבער צו די רוימער אין די הענד, אבי נישט צו די חברים!".

אט די געדריקטע שטימונג האט זיך אבער נישט לאנג געהאל־טען. מיט דער צייט איז דער פאנאטיזם פון די ניי־פערסיאנער אלץ מילדער און ווייכער געווארען, און די יודען האבען זיך מיט זיי זעהר ענג און פריינדליך צוזאמענגעלעבט. די פריינדשאפט האט זיך אנגע־הויבען אין די צייטען פון ארדאשיר'ס זוהן, שבור־מלכא I (282־271), וועלכער האט, ווי ארטאבאן מיט רב'ן, זיך זעהר הארציג בעפריינדעט מיט שמואל'ן. דאס איז געוועזען א העלדישער און

גוטהאַרציגער הערשער, וואָס האָט יודען נישט געלאָזען טאָן קיין שלעכטס; ער האָט דערצעהלט שמואל׳ן, אַז זינט ער פיהרט מלחמות מיט די רוימישע לענדער, וואָס זענען אַלע כמעט בעפעלקערט פון יודען, האָט ער קיין איינציגען יודען נישט גע׳הרג׳עט, נאָר אין דער שטאָדט מזגת־קסרא, אין קאַפּאַדאָציע, איז ער געצוואונגען געווען צו פערניכטען גאַנצע צוועלף טויזענד יודען, ווייל זיי זענען מיט געוועהר אין די הענד איהם אַרויס אַנטקעגען און געקעמפט געגען איהם.

די איבערקעהרעניש אין דעם פּאַרטישען מלוכה־לעבען איז נישט אַריבער אָהן אַ בעדייטענדער ווירקונג אויך אויף רוים, — דער געוועזענער וועלט־אימפּעריע, וואָס האָט געהאַלטען אין צופאַלען ווערן. די נייפּערסען פון איין זייט און די גערמאַנען און גאָטען פון דער צווייטער האָבען זיך אַריינגעריסען אינ׳ם סאַמע האַרצען פון דעם צופוילטען רוימישען מלוכה־אָרגאַניזם און ער האָט אָנגעהויבען פאַלען, ברעקלען זיך. כמעט פון יעדען איינעם פון די אַלע פעלקער, וואָס רוים האָט אַמאָל אונטערויאָכט, זענען איצט אויסגעוואַקסען מלכים, קרוין־טרעגער, וועלכע האָבען נאָר איין אויפגאַבע פאַר זיך געזעהען: פערקנעכטען דעם איטאַליענישען „דור הפלגה” און איהם בעהערשען. נאָכ׳ן טויט פון דעם עהרליכען אַלעקסאַנדער סעווערוס האָט זיך אָנגעהויבען אַ עפּאָכע פון בלוטפערגיסונגען, איבערקעהרענישען און אַנאַרכיע. אין אַ משך פון פופציג יאָהר זענען ביז צוואַנציג קסרים געזעסען אויף דעם רוימישען טראָן, און צו די איז צוגעקומען נאָך אַ דאָפּעלע צאָהל פון רויבער־אוזורפּאַטאָרען, וואָס האָבען אויסגענוצט די אַנאַרכיע אין לאַנד אום צו פערכאַפּען דעם טראָן — כאָטש אויף געצעהלטע טעג. איינער פון די דאָזיגע אוזורפּאַטאָרען, פּיליפּוס, האָט אין שמואל׳ס צייטען בעהערשט די רוימישע אימפּעריע און אפילו אָרגאַניזירט אַ גראַנדיעזען יום־טוב לכבוד דעם טויזענדטען יאָהר, זינט רוים איז געבויט געוואָרען דורך די ברידער ראָמוס און ראָמולוס; באַלד אָבער האָט אַ צווייטער אוזורפּאַטאָר, דאָציוס, פערכאַפּט די מאַכט אין זיינע הענד און פּיליפּוס׳ען געטויט.

אזוי האָט די אַנאַרכיע אונטערגעגראָבען דעם גאַנצען יסוד פונ׳ם רוימישען מלוכה־לעבען און די פּאָלגען דערפון האָבען זיך גלייך אַרויסגעוויזען. רוים איז אַרומגערינגעלט געוואָרען פון אַלע זייטען מיט שטאַרקע יונגע פעלקער, וועלכע האָבען אָבגעריסען פון איהר איין פּראָווינץ נאָך דער צווייטער; די איינזיגע זיגער זענען ערשטווינט און

צוטומעלט געווארען פון זייערע ערשטע מפּלות, און באַלד נאָך די זענען געקומען אנדערע — גרעסערע און נאָך שענדליכערע, וואָס האָבען אינגאַנצען ענטפּלעקט די שוואַכקייט פון די „אונבעזיגבאַרע" רוימער. דער קייזער וואַלעריאַנוס האָט זיך אַוועקגעלאָזען מיט אַ רײַהע לעגיאָנען נעגען דעם נײַ-פּערסישען שבור-מלכּא I, כּדי אָבצונעהמען צוריק די פּראָווינצען, וואָס ער האָט אָבגעריסען פון רוים, און געענדיגט האָט זיך די מלחמה דערמיט, אַז די לעגיאָנען זענען אַלע צושלאָגען געוואָרען, און דער קייזער אַליין איז אַרײַנגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט בײַ די פּערסיאַנער, וועלכע זענען זיך מיט איהם בעגאַנגען נישט בעסער, ווי די רוימישע זיגער פלעגען זיך בעגעהן מיט זייערע געפאַנגענע. די דאָזיגע געפאַנגענשאַפט פון קייזער, צוזאַמען מיט דער שוואַכקייט פון זיין זוהן גאַליענוס, האָבען אויפגעלאָזט יעדען באַנד פון אויטאָריטעט און דיסציפּלין, און דאָס גאַנצע רוימישע לעבען האָט בעקומען דעם אויסזעהען פון אַ אייבינער קאַמפּפס-אַרענע.

אַ בעזונדער שאַרפען כאַראַקטער האָבען אָנגענומען די מהומות אין די מזרח-פּראָווינצען, וואָס האָבען זיך געפונען נעהנטער צו דער אויפגעקומענער פּערסיען. עס האָט זיך געפונען אַ געוויסער מוטיגער און רייכער איינוואוינער פון תּדמור (פּאַלמירא), מיט'ן נאָמען אָדענאַט, און בענוצענדיג זיך דערמיט, וואָס די שרעק פאַר דער רוימישער מאַכט איז אינגאַנצען געפאַלען, האָט ער צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך אַ מחנה פון ווילדע סאַראַצענען, און זיך אַוועקגעלאָזען מיט איהר איבער די פּראָווינצען פון סיריען און פּאַלעסטינא פון איין זייט און אין די געגענדען פון טייך פּרת — פון דער צווייטער. נאָך די ערשטע נצחונות פון דער מחנה, וואָס האָט פערשפּרייט אַרום זיך טויט און רויב, האָט אָדענאַט בעקומען דעם טיטול „קאָנסול און מיליטער-פיהרער פון אָריענט"; דאַן איז ער שוין אַרויסגעטרעטען אין נאָמען פון רוים, און זיין מאַרשרוט איז געווען קיין בבל, וואו ער האָט פערפאָלגט די פּערסישע זיגער; אָנקומענדיג קיין נהרדעא האָבען די יודישע איינוואוינער זיך איהם אנטקעגענגעשטעלט, דאַן איז ער מיט זיין מחנה בעפאַלען די שטאָדט און זי אינגאַנצען חרוב געמאַכט (261). אין יענער צייט האָט שוין שמואל אַליין נישט געלעבט, און די גרעסטע צאָהל זיינע פון תּלמידים האָבען געמוזט אנטלויפען פון שטאָדט, כּדי זיך צו ראַטעווען. פון דער איבריגער יודישער בעפעלקערונג זענען

מאַסען געפאַנגען געוואָרען; דערביי האָבען זיך צווישען די לעצטע געפונען אויך שמואל׳ס צוויי טעכטער, וועלכע זענען אוועקגעפיהרט געוואָרען קיין צפורי. דאָס האָבען די זיענער געטאָן מיט אַ כיון, וויל ס׳איז שוין דעמאָלט בעקאַנט געוועזען, אַז די יודען לייזען אויס זייערע געפאַנגענע און גיעבען פאַר זיי פיעל מעהר פון דער סומע, וואָס זיי זענען ווערט אלס שקלאַפען.

אָדענאַט, אָדער תלמודיש: פּפּא בר נצר, האָט געשיצט דעם רוימישען טעריטאָריום געגען יעדען אָנפאַל מצד די פערסיאַנער, און אין גיכען איז דער געוועזענער רויבער-הויפּטמאַן געוואָרען נישט בלויז אָפיציעלער הערשער און געביטער איבער פּאַלמירא (די אָאַזע, וועלכע שלמה המלך האָט מיט הונדערט יאָהר פריהער פערוואַנדעלט אין אַ שטאָדט), נאָר אויך וויצע-קייזער פון רוים. אַט די גרויסקייט האָט אָדענאַט׳ן פערשאַפט שונאים און אין יאָהר 267 איז ער גע׳הרג׳עט געוואָרען פון זיינעם אַ פערוואַנדטען מיט׳ן נאָמען מעָניוּם. די הערשאַפט איבער פּאַלמירא איז דעמאָלט אַריבער צו זיין פרוי זינאָביאַ, וועלכע האָט די ירושה פיעלפאַכיג פערגרעסערט; די ראַזיגע ענערגישע, געבילדעטע און גייסטרייכע הערשערין (זינאָביע האָט געהערשט איבערן לאַנד אין נאָמען פון איהרע צוויי זיהן) האָט בעוויזען צו פערוואַנדלען פּאַלמירע אין אַ צענטער פון גייסט, שענקייט און האַנדעל, און ווי די אַמאָליגע בבלי׳שע קעניגין סעמיראַמיס, האָט זי אויך געחלום׳ט וועגען פאַנטאַסטישער גרויסקייט, און זיך אַרומגערינגעלט מיט די בעסטע מענשען פון איהר צייט. אין איהר צויבער-פּאַלאַץ, וואָס ווערט נאָך ביז היינט בעוואונדערט, האָט דער פילאָזאָף לאָנגינוס געשאַפען זיינע ווערק איבער די געזעצען פון שענקייט, אין וועלכע ער לויבט שטאַרק די שענע שילדערונגען פון דער יודישער תורה וועגען בריאת העולם, דאָרט האָט זיך געשיצט פון זיינע פיינד דער קריסטליכער געלעהרטער פּאַאולוס פון סאַמאָסאַטאַ, וועלכער האָט אויך נוטה געוועזען צום יודענטום, און ווי די קריסטליכע קוועלען ווילען האָבען, זאָל זאָגאַר די קעניגין זינאָביאַ אַליין אויך האָבען געוועזען אַ יודיש גלויביגע.

נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם זענען די יודען פון דעסטוועגען נישט צופריעדען געוועזען פון זינאָביאַ׳ס הערשאַפט, וועלכע האָט שוין געהאַט אַרומגענומען סיריען, פּאַלעסטינא און עגיפּטען. ר׳ יוחנן האָט זיך אויסגעדריקט: וואויל ווערט זיין דעם, וואָס וועט דערלעבען צו

זעהען די מפלה פון תדמור", און די שפּעטערדיגע דורות האבען געפּרובט ערקלערן די דאזיגע שנאה דערמיט, וואס כמעט אלע איינוואוינער פון תדמור („התרמודים"), ווי די קעניגין אליין, זענען געווען געבוירען פון געמישטע חתונות צווישען יודען מיט געצענדינער, און ר' יוחנן האט מורא געהאט, אז די קרובה'שאפט צווישען יודען און דעם ערב-רב זאל נישט שלעכט ווירקען אויף דער ריינקייט פון די ערשטע.

די יודישע אונצופרידענהייט מיט דער פּאלמירישער (תדמורישער) הערשערין איז דערגאנגען זאגאר ביז א בעוואפענטען אויפשטאנד, ווי ס'איז צו זעהן פון פערשידענע תלמודישע ערצעהלונגען. אזוי דערצעהלט זיך אין תלמוד ירושלמי וועגען א געוויסען ז ע י ר א ב ר ח י נ נ א, וואס איז געפאנגען געווארען אלס פּאליטישער פערברעכער. געחאפּט האט מען איהם אין דער שטאדט ספּסיפא, און ווען צוויי תלמידים פון ר' יוחנן'ס ישיבה (רב אמי און ר' שמואל) זענען געקומען צו דער קייזערין בעטען פאר זייער חבר, האט זי (זינאביע) געזאגט צו זיי: „צוליעב דעם רען, וואס אייער גאט טוט מיט אייך נסים, ערלויבט איהר זיך שוין אלץ צו טאן און אפילו אויך מורד צו זיין אין דער קייזערין?" דערווייל איז אריינגעקומען א סאראצען („סרקיי") מיט א שווערד אין האנד און האט זיך אנגערופען: מיט דעם שווערד האט ב ן - נ ד ר (אדענאט) געטויט זעירא'ס ברודער; דאן האט זינאביא געהייסען בעפרייען דעם געפאנגענעם, וואס איז געגאנגען זיך נוקם זיין פאר זיין ברודער'ס בלוט. אין דעם זעלביגען ארט ווערט דערצעהלט וועגען א ר' א י ס א, וואס איז געפאנגען געווארען און ר' י ו ח נ ן האט זיך שוין געהאט פון איהם מיאש געווען, נאר ר י ש ל ק י ש האט זיך אזוי לאנג משתדל געווען, ביז מ'האט דעם געפאנגענעם בעפרייט, און ווי ס'איז משער צו זיין געהערט צו יענער צייט אויך דער ספור וועגען ע ו ל א ב ר ק ו ש ר; דעם לעצטען האט די „מלכה" געפאדערט, איבער-צוגעבען אין איהרע הענד, איז ער אנטלאפען קיין לוד און האט זיך בעהאלטען ביי ר' י ה ו ש ע ב ן ל ו י. דאן איז געקומען א מחנה סאלדאטען און געדראהעט, חרוב צו מאכען די גאנצע שטאדט, אויב דער געפאנגענער וועט נישט ארויסגעגעבען ווערן, און ר' יהושע האט איינגעפונען, אז ביי אזא פאל דארף מען ארויסגעבען דעם

געפאָדערטען און נישט אונטערברענגען אַ גאַנצע שטאָדט צוליעב איין מענשען *).

אויסער די יודען פון פאַלעסטינא, האָט זיך זינאָביאַ'ן איינגעגעבען אריבערצוציהען אויף איהר זייט עטליכע אזיאַטישע פירשטען; דאָס האָט איהר אָבער וועניג געהאָלפען. דער העלדישסטער פון די דעמאָלדיגע רוימישע קיסרים, אוירעליוס, האָט דער שטאָלצער קייזערין בעזיעגט און געבראַכט קיין רוים אלס געפאַנגענע, געשמידט אין גאָלדענע קייטען. צוזאַמען מיט דעם נצחון איז אויך אונטערגעגאַנגען די גלאַנציגע תדמורישע רעגירונג, אַזוי אז ר' יוחנן האָט נאָך דערלעבט צו זעהען די ערפילונג פון זיין פערלאַנג.

יהודה האָט איבערגעלעבט די הערשאַפט פון דער תדמורישער קייזערין, ווי זי האָט איבערגעלעבט פיעל אַנדערע פעלקער און מלוכות; איהר גלאַנץ איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ בלייכער און שוואַכער געוואָרען. דער פאַטריאַרך ר' יהודה III האָט שוין געשפיעלט אַ גאַנץ קליינע ראָליע אלס געזעצלעהרער און פלעגט זאָגאַר נישט פסק'נען אליין קיין שווערע שאלות; איהם זענען געשטאַנען צו הילף צוויי פון די ערשטע אמוראים אין ארץ ישראל: ר' אמי און ר' אסי, און נאָך דעם טויט פון ר' אלעזר בן פדת זענען זיי געוואָרען די אָנפיהרער פון דער בעריהמטער ישיבה אין טבריה.

די בעדייטענדסטע און אינטערעסאַנטסטע פערזענליכקייט צווישען די פאַלעסטינישע אמוראים פון יענער עפּאָכע איז רבי אבהו פון קסרי. רבי אבהו האָט נישט פערנומען קיין גרויסען פלאַץ אין די קרייזען פון די הלכי'שע געזעצלעהרער, דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע מעלות, וואָס האָבען איהם אַוועקגעשטעלט בראש פון זיין צייט און בעריהמט געמאַכט אין אַלע קרייזען פון דער יודישער וועלט. לויט דער פראָפעסיע אַ קינסטלער פון פרויען-ציערונג, איז ר' אבהו געווען זעהר רייך, און זייענדיג גוט בעהאַוועגט אין דער גריכישער ליטעראַטור, איז ער אין דער זעלביגער צייט געווען אויך אַ לעבעדיגער

---

*) די פאָלקס-לעגענדע האָט ר' יהושע'ן דעם פאַקט נישט געקענט מוחל זיין און עס דערצעהלט, אז אליהו הנביא האָט זיך ענטזאגט צו איהם [illegible] אנגערופען „מסור".

גימבאָל פון די שענסטע יודישע מדות.

איבער זיין בילדונג, שענהייט און רייכטום איז ר׳ אבהו געווען א גרויסער חשוב אין הויף פונ׳ם רוימישען פראָקאָנסול, און ער האָט דאָס אויסגענוצט, אויף צו בעשיצען די פערפאָלגטע און געדרודפ׳טע. איינמאָל — דערצעהלט זיך אין א כאראַקטעריסטישער תלמודישער אגדה — האָבען ר׳ אמי און ר׳ אסי פערמשפט צו א שווערער שטראָף א אויסגעלאַסענער פרוי מיט׳ן נאָמען תמר; איז זי אוועק צום פראָ-קאָנסול און פערמסר׳ט די אמוראים, אַז זיי טרעטען איבער די פונקציעס פון זייער מאַכט און ערלויבען זיך צו משפט׳ן דיני נפשות געגען געזעץ. די געזעצלעהרער האָבען זיך דאַן געווענדעט צו ר׳ אבהו׳ן מיט דער בקשה, ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר זיי, און ער האָט זיי אויף דעם געענטפערט מיט א פערשטעלטען העברעאישען בריעף, אין וועלכען ס׳האָט זיך געזאָגט: „איך האָב שוין געפרובט איבער-רעדען דריי מוסרים; אָט די תמר האַלט זיך אָבער ביי איהר׳ס און מיינע אַלע השתדלות׳ען קענען דאָ נישט העלפען״.

פון ר׳ אבהו׳ס בעשיידענעם, נאָכגיביגען כאַראַקטער זענען דערגאַנגען צו אונז אין די תלמודים פערשידענע אינטערעסאַנטע שטריכען. ווען ס׳איז געקומען זיין צייט צו בעקומען סמיכה, האָט ער געזאָגט: „ס׳איז פערהאַן א גרעסערער פון מיר אין תורה, וואָס איז ראוי צו בעקומען סמיכה — ר׳ אבאָ פון עכו. ער איז אָרים און האָט א סך בעלי חובות, ווען ער וועט ווערען א לעהרער, וועט מען איהם ברענגען מתנות, און ער וועט האָבען אָבצוצאָהלען זיינע חובות״.

קומענדיג אַמאָל אין איין שטאָדט מיט דעם בעריהמטען ר׳ ח י י א ב ר א ב א, האָט ר׳ חייא געדרשה׳נט פאַר׳ן עולם אין הלכה, און ר׳ אבהו האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גערעדט צום פאָלק און געפלאַנצט אין איהם גוטע מדות, טרייסט און האָפנונג. געוועהנליך, זענען אַלע געלאָפען הערן די האַרציגע דרשות פון דעם בעליעבטען פאָלקס-ערציהער, און ר׳ חייא האָט זיך געפיהלט שטאַרק געקרענקט דערפון, וואָס זיינע הלכי׳שע פלפולים האָבען צוגעצויגען נאָר איינצעלנע צוהערער. דאַן האָט איהם ר׳ אבהו געטרייסט מיט דעם משל: „צוויי זענען אריינגעקומען אין א שטאָדט; איינער פערקויפט טייערע פעריל און בריליאַנטען, דער אנדערער — קינדערשע שפיעלצייג, צו וועמען געהט מען מעהר?״

און ס׳איז באמת אַזוי געווען. נישט קוקענדיג אויף דער אונצו-

פריעדענהייט פון די הלכ׳יסטען, זענען די בתי-מדרשים אלץ לעדיגער און די תלמידי חכמים — אלץ וועניגער געווארען, און דאגעגען איז געוואקסען די צאהל פון די דרשנים-אגדי׳סטען, וועלכע דאס פאלק האט געהערט מיט בעגייסטערטער צופריעדענהייט. צו די דאזיגע פאלקס-בעליעבטע דרשנים האט אנגעהערט אויך ר׳ אבהו; ער האט אבער אויף דעם געביעט קיין בעזונדער טיעפקייט און גרויסקייט נישט ארויסגעוויזען.

כאראקטעריסטיש פאר די לעבענסבעגריפען פון יענער צייט און פאר ר׳ אבהו׳ס מאראלישער וועלט-אנשויאונג איז אויך די פאלגענדע תלמודישע ערצעהלונג: ס׳איז געוועזען א שרעקליכער הונגער-יאהר; האט מען בעשטימט א רייהע תעניתים מיט תפילות, מוסר-דרשות און שופר-בלאזען; דערביי האט, לויט׳ן מנהג, דער גרעסטער צדיק פון שטאדט נעדארפט דיענען פאר א שליח צבור, און ר׳ אבהו איז ערשטוינט געווארען, ווען דאס פאלק האט אנגעוויזען דערביי אויף איינעם מיט׳ן שפאטנאמען פענטאקאקא (פינף-זינד). אין וואס בעשטעהט די פרומקייט פון דעם פערזאכטעטען עם-הארץ? האט ר׳ אבהו נישט געקענט פערשטעהן — און ווען ער האט זיך געווענדעט מיט דער פראגע צו פענטאקאקא׳ן אליין, האט איהם דער לעצטער געענטפערט: איך בין אזוי ווי מ׳רופט מיך. מיין בעשעפטיגונג איז פאקטאריי פון פראסטיטוציע; איך קעהר אויס דאס טעאטער; טראג נאך וועש אין באד; מאך לוסטיג די וואס באדען זיך, און שפיעל אויף א פלייט. „האסטו עפעס אמאל גוטס געטאן אין דיין לעבען?" — האט איהם ר׳ אבהו געפרעגט, נאכמעהר ערשטוינט. און פענטאקאקא האט דער-צעהלט: אמאל, קעהרענדיג די זאלען פון טעאטער, האב איך בעמערקט צווישען די זיילען א פרוי, וואס איז געשטאנען און געוויינט. האב איך איהר געפרעגט: פארוואס וויינסטו? האט זי מיר געענטפערט: מיין מאן איז געפאנגען געווארען. ער ליעגט געבונדען אין געפענגעניש, און מ׳וויל איהם נישט ארויסלאזען אנדערש, סיידען איך זאל מקריב זיין מיין עהרליכקייט. הערענדיג דאס, האב איך פערקויפט מיין בעט, דאס קישען פון צוקאפענס און אלץ, וואס איך האב נאר פער-מאגט; דערנאך האב איך איהר געבראכט דאס געלד און געזאגט: „געה לייז אויס דיין מאן און פערשוועך נישט דיין ריינקייט". פון דער ערצעהלונג איז ר׳ אבהו טיעף גערידהרט געווארען און האט מיט התפעלות אויסגערופען: „אויב דו האסט דאס געטאן, ביזטו ווירקליך

ראוי, צו בעטען פאר אונז אין אַנ׳עת צרה״.

ר׳ אבהו איז געווען דער לעצטער פון די טאָן־געבענדע און איינפלוסרייכע פערזענליכקייטען אין ארץ ישראל פאר דעם פעריאָד פון תלמוד; מיט זיין טויט האָט זיך אַזוי ווי איבערגעריסען די לאַנגע גאָלדענע קייט פון שופטים, קריעגספיהרער, נביאים, מלכים, דיכטער, סופרים, חכמים, תנאים און אמוראים, וואָס דאָס געבענשטע לאַנד האָט געבוירען און ערצויגען אין׳ם משך פון גאַנצע פופצעהן הונדערט יאָהר. פאר דעם הייליגען לאַנד איז אָנגעקומען די צייט פון גייסטיגער אַלטקייט און אונפרוכטבאַרקייט, און אַ טרויעריג פאָרגעפיהל הערט זיך אין דער פאָלקס־לעגענדע, וואָס דערצעהלט, אַז ווען ר׳ אבהו איז געשטאָרבען זענען די שטיינערנע סטאַטוען צוגאָסען געוואָרען און טרערען זענען געפלאָסען פון זייערע אויגען. —

גאַנץ אַנדערש איז געווען אין דער צייט די לאַגע פון דער יודי־שער גייסטיגער ענטוויקלונג אין דעם צווייטען נאַציאָנאַלען צענטער — אין בבל; דאָ האָבען איצט אָנגעהויבען ארויסצעוואַקסען שענע פרוכטען פון די קערנער, וואָס די גרויסע בענייער, רב און מר שמואל, האָבען מיט אַזוי פיעל מיה און בעגייסטערונג פערפלאַנצט. עס האָט אַזוי ווי אַ מעכטיגער שטראָם זיך דורכגעטראָגען איבער׳ן לאַנד ארום די טייכען פרת און חדקל, און אַלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג זענען בעהערשט געוואָרען פון איין שטאַרקען דראַנג, זיך צו פערפאָלקאָמען אין דער יודישער וויסענשאַפט, אין דער תורה. די העכסטע שטרעבונג פון אַ בבלי׳שען יודען איז געוואָרען דער טיטול „צורבא מרבנן״ (למדן, געלעהרטער), און די גרעסטע חרפה, דאַגעגען — צו הייסען „בור״ אָדער „עם הארץ״; בבל איז געוואָרען אַ יודיש לאַנד מיט אַ אייגענער, יודישער, קאָנסטיטוציע — די משנה — און די פיהרער פון דעם לאַנד זענען געווען די ראשי הגולה (עקזילאַרכען), וועלכע האָבען אויך געלעהרנט דאָס פאָלק און איהם ערצויגען, זענענדיג אַליין איבערגעגעבען דעם שטודיום פון דער תורה און פערשפרייטענדיג איהם צווישען אַלע קלאַסען פון פאָלק. סורא און נהרדעה, די צוויי ישיבות, וואָס האָבען געדיענט ווי אַ סיגנאַל פון די גרויסע פאָלקס־לעהרער, אויפצולעבען דאָס בבלי׳שע יודענטום און עס צו בעשיינען, — האָבען ארויסגערופען צום לעבען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען געזונטעס און קרעפטיגעס אין׳ם יודישען בבל, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ סיסטעמאַטישע, שטאַרקע

בעוועגונג, צו פערטרייבען פון לאנד די עמי הארצות צוזאמען מיט אלע איהרע פאלגען, צו בעשאפען א נייע מעכטיגע פעסטונג פאר דעם יודישען גייסט.

די בעדייטענדסטע צווישען די דירעקטע נאכפאלגער פון רב און שמואל זענען געוועזען רב הונא, וועלכער האט איבערגענומען די פיהרונג פון דער ישיבה אין סורא; רב יהודה בר יחזקאל, דער גרינדער פון דער גרויסער ישיבה אין פומבדיתא (נאך דער צושטערונג פון נהרדעה) און פארשטעהער פון א נייעם סיסטעם אין דעם שטודיום פון דער הלכה; רב נחמן בר יעקב, א איידים פון ראש גלותא; דער רייכער רב חסדא, רב ששת, און רבה בר אבהו.

הונא פון דיאקארט (געב. 220 געשט. 297) איז דער אנגעזעהענסטער יודישער געזעץ-לעהרער פון יענער צייט, וועלכען עס האבען זיך פרייוויליג אונטערגעווארפען אפילו די אמוראים פון ארץ ישראל. זיין לעבענסגעשיכטע איז צוגלייך אויך א כאראקטעריסטיש בילד פון דעם יודישען לעבען אין יענער עפאכע. געבוירען פון דער היים נישט רייך, חאטש א קרוב פון עקזילארך, האט הונא אין דער יוגענד אליין בעארבייט זיין קליין שטיקעל פעלד. פלעגען צוויי בעלי דברים קומען צו איהם זיך משפט'ען, פלעגט ער זאגען: „גיט מיר אנ'אנדערן אויף מיין ארט אנצוטרינקען די פעלדער, וועל איך אייער שופט זיין". אמאל האט זיך געמאכט, אז רב הונא איז געגאנגען פון פעלד אהיים מיט'ן רידעל און גראב-אייזען אויפן אקסעל און איהם האט בעגעגענט רב חנא בר חנילאי, דער בעריהמטער עושר, וועלכען דאס פאלק האט פערגעטערט פאר זיין לעגענדארישער וואוילטעטיגקייט. דער בעשיידענער נדבן האט געוואלט אראבנעהמען די שווערע פעלד-כלים פון הונא'ס אקסלען און איהם זיי נאכטראגען; דער לעצטער האט דאס אבער נישט דערלאזען. „אין דיין וואוין-ארט — האט ער צו איהם געזאגט — ביזטו נישט געוועהנט דערצו, דארפסטו עס דא אויך נישט טאן".

מיט דער צייט איז רב הונא רייך געווארען. זיינע פעלדער און חיין-גערטנער האט ער שוין אבגעגעבען אין ארענדע, זיינע סטאדעס האבען זיך געפיטערט אין די מדבריות פון דרום-בבל, און ער איז שוין אומשטאנד געוועזען צו לעבען רוהיג פון זיינע יעהרליכע הכנסות. דאן האט ער זיין עשירות אויסגענוצט צו פערשידענע וואוילטעטיגע

צוזעקען; אין צייטען פון שטארקע שטורעם-ווינטען האט רב הונא זיך געלאזען ארומטראגען איבער אלע גאסען פון שטאדט, און בעמערקענדיג א אלטע איינגעבויגענע וואנט, האט ער געהייסען זיינע דינער, זי אומווארפען און אויפשטעלען אויף איהר ארט א נייע — אויף זיין חשבון. אין דער צייט פון עסען זענען אלע טהירען פון רב הונא'ס הויז געעפענט געווארען און איינער איז געשטאנען און גערופען: „ווער ס'איז בעדערפטיג זאל אריינגעהן און עסען!" די דאזיגע וואוילטעטיגקייט האט רב הונא ארויסגעוויזען אויך צו די נישט פערמעגליכע פון זיינע תלמידים, וועלכע זענען אויסגעהאלטען געווארען אויף זיין רעכנונג, און די צאהל פון זיינע תלמידים איז געווען אזוי גרוים, אז ווען עס פלעגט זיך אויפהויבען א מזרח-ווינט אין ארץ ישראל און אנטראגען א שטויב, פלעגט מען אין טבריה זאגען: „דאס זענען די תלמידים פון רב הונא'ס ישיבה אין סורא אויפגעשטאנען פון זייערע ערטער, און אויפטרייסלענדיג זיך, מאכען זיי אן א שטויב".

אין רב הונא'ס צייטען האט דאס יודישע לעבען אין בבל, וואס איז ענג צוזאמענגעקניפט געווארען מיט דער ישיבה, אנגענומען יענע וואונדערבארע גאנצע געשטאלט, וועלכע האט זיך דערהאלטען אין דעם משך פון גאנצע אכט הונדערט יאהר. ביסלעכווייז און אזוי ווי פון זיך אליין האט זיך אויסגעארבייט א גאנצע היערארכיע פון לעהרער מיט נידריגע, העכערע און גאר הויכע ראנגען, לויט דעם פלאץ, וואס יעדערער פון זיי האט פערנומען אין דעם אקאדעמישען לעבען פון לאנד ווי ס'איז שוין אויבען דערצעהלט געווארען, פלעגען זיך די תלמידים צונויפזאמלען אין בעשטימטע חדשים (ירחי דכלה) פון יאהר; די דאזיגע אקאדעמישע פערזאמלונג האט געהייסען מתיבתא, און דער פיהרער פון דער פערזאמלונג — ריש מתיבתא. דעם העכסטען ראנג נאכ'ן ריש מתיבתא האט פערנומען דער „ראש הכלה". דאס איז געווען, איינענטליך, דער פאקטישער פראפעסאר, און זיין פונקציע איז געווען, צוצוגרייטען די תלמידים אין די ערשטע דריי וואכען פון די צוויי אקאדעמישע חדשים און זיי בעהאווענט צו מאכען מיט די אלע סוגיות, וואס דער ריש מתיבתא וועט שפעטער בעהאנדלען. אבגעטיילט פון די אלע אקאדעמישע ראנגען איז געווען דער טיטול ריכטער (דיין); די זיצונגען פונ'ם בית דין (א גרופע דיינים) פלעגען פארקומען אויף א אפענעם פלאץ ביי די טויערן פון שטאדט (פון דאנען: דייני די בבא), און האטש די פונקציע פון בעשטימען

דיינים איז געלעגען אין די הענד פונ'ם ריש גלותא, זענען דאך די דיינים פאקטיש אבהענגיג געווען פונ'ם ריש מתיבתא.

אט דעם פאסטען פון א ריש מתיבתא האט רב הונא פערנומען גאנצע פירציג יאהר, און זיין אויטאריטעט איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט דער ערשטער זיך ערלויבט, צו בעפרייען בבל פון דער ארץ ישראל'דיגער אפוטרופסות בנוגע צו שאלות פון דער יודישער געזעצלעהרע. „מיר האבען זיך געמאכט, ווי ארץ ישראל" — זאגט רב הונא, חאטש עס האט נאך עקזיסטירט דערווייל די ישיבה אין טבריה און מ'האט זיך נאך געמוזט שטארק רעכנען מיט די מיינונגען פון די „בני מערבא". געשטארבען איז רב הונא אין טיפער עלטער, איבער-לאזענדיג נאך זיך א ווירדיגען זוהן (רבה), און זיינע תלמידים און חברים האבען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, האט רב הונא אויך אנגעזאגט, מ'זאל איבער-פיהרען זיין קערפער קיין ארץ ישראל, און ווען דער ארון איז צוגע-קומען נאהנט צום לאנד, זענען איהם ארויסגעקומען אנטקעגען ר' אמי און ר' אסי.

גרעסער פון רב הונא'ן אין געוויסע הינזיכטען און פונקט דער היפך פון איהם אין דער נאטור איז געווען ר' יהודה בר יחזקאל (געב. 225, געשט. 299). א תלמיד פון דעם גרויסען רב, האט ער זיך דאך געהאלטען מעהר אן די וועגען פון מר שמואל און פארט-געזעצט זיין טעטיגקייט. בכלל איז רב יהודה געווען א מענש פון ניט געוועהנליכען מאסשטאב; שטאמענדיג אליין פון א אוראלטער משפחה, וואס האט געצויגען איהר יחוס אז ביז דער צייט פון די נביאים, האט ער שרעקליך מקפיד געווען אויף דער ריינקייט פון געשלעכט און דער ניט פערמישטער אבשטאמונג; אין דער זעלביגער צייט איז ער אבער געווען אויך א פערביסענער שונא פון יעדער מין פער-פיינערונג, פון יעדער פוצעריי.

אין לעהרנען האט זיך רב יהודה אויסגעצייכענט אלס חריף, אלס א מענשען, וואס האט ליעב יעדע זאך צוצוגליעדערן אויף א פלפול'דיגען אופן מיט'ן שכל, און נאך אין דער יוגענד האט איהם דערפאר מר שמואל שוין געקרוינט מיט'ן נאמען „שיננא" (שארפזיניגער). די דאזיגע מעטאדע פון זעהר איידעלע לאגישע אונטערשיידונגען און פערגלייכונגען האט רב יהודה איינגעפיהרט אלס לעהר-סיסטעם אין דער ישיבה, וואס ער האט געגרינדעט אין פומבדיתא, און בעזונדער

האָט ער ליִעב געהאַט אויסצונוצען זײַן פּלפּול'דיגען נײַסט אויף דעם געביעט פון דיני ממונות ציוויל־רעכטליכע פראַגען), וואו די טעאָריע איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער פּראַקטיק און וואו ס'זענען מעגליך זעהר שאַרפע שלום־פאָלגערונגען און פּשט'לעך.

איבער זײַן שטײַפער פערעקשנט'ער נאַטור האָט ר' יהודה געהאַט אַ מאַסע שונאים, און זײַן גאַנץ לעבען איז געווען אײַן לאַנגע רײַהע פון פערביטערטע קאָנפליקטען און צוזאַמענשטויסען. זײַן הקפדה בנוגע צו דער רײַנקײַט פון געשלעכט איז דערגאַנגען ביז אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צײַט זיך אָבגעהאַלטען פון חתונה מאַכען זײַן זוהן, מורא האָבענדיג פאַר אַ פּסול אין דער שנור'ס משפּחה, און זײַן פרײַנד עולא האָט איהם דערפאַר געמוסר'ט און ערקלערט: „און מיר אַלײן — ציִ ווײַסען מיר דען, פון וועמען מיר קומען אַרויס? אפשר שטאַמען מיר נאָר אויך פון די געצענדיענער, וואָס האָבען געשענדעט יודישע יונגפרויען, בעת דער בעלאַגערונג פון ירושלים?“ אין אַ צײַט אַרום האָט זיך וויעדער, ווי אויף צו להכעיס רב יהודה'ן, בעוועזען אין פּומבדיתא אײַנער פון נהרדעא, וואָס האָט זיך אָנגעגעבען פאַר אַ אָבשטאַמלינג פון די חשמונאים, און די חשובס'טע פאַמיליעס פון שטאָדט האָבען זיך מיט איהם מתחתן געווען. דעם דאָזיגען מיוחס האָט פערדראָסען, פאַרוואָס מ'גיט רב יהודה'ן אָב אַזוי פיעל כבוד, און ער האָט זיך אײַנמאָל אויסגעדריקט וועגען איהם מיט חוזק. רב יהודה האָט דאַן דעם אַריסטאָקראַט אַרײַנגעלעגט אין חרם, און ווען ער האָט געהערט, אַז יענער רופט אַלעמען אָן „עבדים“ (שקלאַפען) האָט ער געלאָזען אויף איהם אַלײן אויסרופען, אַז ער איז אַ זוהן פון שקלאַפען. דאָס האָט דעם שטאָלצען מיוחס אינגאַנצען אַרויסגעבראַכט פון די כלים, און ער האָט זיך בעקלאַגט אויף רב יהודה'ן פאַר'ן אײַדים פון ריש גלותא, רב נחמן בר יעקב, וועלכער האָט געשיקט רופען רב יהודה'ן צו זיך. ווען דער לעצטער איז געקומען האָט דער אָנקלאַגער פערביטערט אויסגערופען: „מיך וועט מען מאַכען פאַר אַ זוהן פון שקלאַפען! מײַנע זײַדעס זענען געווען די חשמונאים, די מלכים פון יהודה!“ אויף דעם האָט רב יהודה געענטפערט: דאָס איז'ס טאַקי, וואָס מר שמואל האָט אָנגעזאָגט, אַז ווער עס גיט זיך אָן פאַר אַ אײַניקעל פון די חשמונאים, איז אַ זיכערער עבד, וואָרום די לעצטע פרוי (מרים, הורדוס'עס ווײַב) האָט פאַר איהר טויט אָפען ערקלערט, אַז זי איז דאָס לעצטע גליעד פון דעם חשמונאישען שטאַם, און ווער

עס זאָגט: איך קום אַרויס פון די חשמונאים, קומט אין דער אמת'ען אַרויס פון הורדוס'ען—דעם אדומישען עבד. די דאָזיגע מיינונג אין נאָמען פון דעם אויטאָריטעטען מר שמואל איז בעשטעטיגט געוואָרען פון נאָך אַ אמורא, רב מתנה, און רב נחמן האָט געמוזט נאָכגעבען און לאָזען אויסרופען אומעטום, אַז די אַלע, וואָס גיבען זיך אָן פאַר אייניקלעך פון די חשמונאים, האָבען דעם דין פון בני עבדים.

נאַטירליך, האָט די דאָזיגע פובליקאַציע אָנגעגריפען אַ סך פון די שענסטע משפחות, וואָס האָבען זיך געהאַט מתחתן געווען מיט די מיוחסים, און דער צאָרן פון די אַלע אויף דעם שולדיגען אין דער קאַטאַסטראָפע, אויף רב יהודה'ן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען איהם געוואָלט מיט שטיינער פערוואַרפען, און ער האָט זיך מציל געווען פון זיי נאָר דערמיט, וואָס ער האָט געדראָהעט צו ענטפּלעקען דעם פסול פון נאָך אַ גאַנצער רייהע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס.

אָט די אַלע צוזאַמענשטויסען זענען אָבער דאָך נישט אימשטאַנד געווען, אונטערצוגראָבען רב יהודה'ס נאָמען אַלס אַב בתורה אין בבל, ווי אין ארץ ישראל, און נאָך רב הונא'ס טויט האָט ער איבערגענומען דעם טיטול ריש מתיבתא, וועלכען ער האָט געטראָגען צוויי יאָהר.

דער יונגסטער צווישען די אַמוראים פון יענער צייט איז געווען דער דערמאָנטער רב נחמן בר יעקב. אין איהם האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער שטאָלצער בעוואוסטזיין פון אַלע בבלי'שע יודען צוזאַמען מיט דעם געפיהל פון פערזענליכער קראַפט און פערמעגליכקייט. אַ איידים פון ריש גלותא, האָט ער געקוקט אויף זיך אויך, ווי אויף אַ העכערע, מאַכטהאָבענדע פערזאָן, וואָס אַלע מוזען זיך איהר אונטערגעבען; אים געגענזאַץ צו אַלע אַמוראים און תנאים פאַר איהם, האָט רב נחמן זעהר שלעכט בעהאַנדעלט זיינע שקלאַפען, און זיין גאַנג אין דער הלכי'שער פראַקטיק איז אויך געווען, זיך צו האַלטען שטרענג ביים געזעץ, נישט מאַכענדיג קיינע הנחות.

אכטעס קאפיטעל

יהודה אונטער די ערשטע קריסטליכע מלכים

מיט דער ענדע פון דריטען יאהרהונדערט איז די רוימישע אימפעריע צוגעקומען ביז דער שוועל פון אונטערגאנג. די ארמעע, צוזאמענגעשטעלט נישט פון רוימער, נאר פון די צעהנדליגער בארבארישע פעלקער, וואס האבען איינגעוואנדערט אין איטאליען און פערפלייצט דאס לאנד, — האט איינעם נאכ'ן אנדערן ארויפגעזעצט אויפן טראן און גלייך אראבגעשליידערט, דעמאראליזירענדיג אויף אזא אופן דעם גאנצען מלוכה-ארגאניזם און אבשוואכענדיג די מורא פון די אונטערגעווארפענע פעלקער פאר דער מעכטיגער רוים. עס האט זיך געפאדערט א געוואלטיגע קראפט, אום אבצוהאלטען דעם שטראם פון דער דאזיגער אנארכיע, און אזא קראפט האט זיך בעוויזען אויף א געוויסער צייט אין דער געשטאלט פונ'ם סאלדאטען-קייזער דיאקלעטיאנוס מיט זיינע העלפער. אליין א זוהן פון א שקלאף, האט אט דער מעכטיגער בעזיגער פערטיליגט דעם לעצטען שפור פון דער רוימישער פרייהייט און דאס גאנצע בירגערטום אראבגעווארפען ביז צו דער מדרגה פון האלב-שקלאפען. מיט די געוואלט-מיטלען איז איהם געלונגען ווי ס'איז איינצוצוימען דעם כאאס, און אמשטארקסטען האבען דערביי פון איהם געליטען די קריסטען. די לעצטע, וועלכע האבען שוין דעמאלט אויסגעמאכט א גרויסע צאהל פון דער בעפעלקערונג און

געהאט איינענע שוהלען און פערזאמלונגס-ערטער, — האבען מיט זייער
שטארקער אגיטאציע אונטערגעגראבען די הערשענדע אמונה פון לאנד,
און דיאקלעטיאנוס האט געזעהן אין דעם א געפאהר פאר דעם גאנצען
קיום פון דער אימפעריע.

צו יודען, דאגעגען, האט זיך דער דאזיגער הערשער בעצויגען
נישט שלעכט. אין זיין צייט האט פערטרעטען דעם פאסטען פון א
פאטריארך ר' יהודה III, דער זוהן פון ר' גמליאל IV, א מענש,
וואס איז, ווי געזאגט, געווען וועניג בעדייטענד אלס געזעצלעהרער
און האט בכלל נישט געקענט פערנעהמען אין לעבען פון פאלק דעם
פלאץ, וועלכען עס האבען פערנומען זיינע זיידעס און עלטער-זיידעס.
נישט קוקענדיג אויף דעם, איז אבער דער פאטריארך נאך אלץ געווען
געאכטעט אלס פירשט, און זיין טעטיגקייט איז אויך נישט געווען אינ-
גאנצען אונפרוכטבאר. ר' יהודה האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט
דער ערציהונג פון פאלק; צו דעם צוועק האט ער צוזאמענגעשטעלט
א קאלעגיום פון דריי פערזאן, וועלכע זענען ארומגעפאהרען איבער
גאנץ יהודה פון שטעדטיל צו שטעדטיל און געזעהן אוועקצושטעלן אין
ארדנונג די חדרים און ישיבות.

אין דעם אינווענינסטען לעבען פון יהודה האט זיך די רוימישע
אדמיניסטראציע וועניג געמישט און די יודען האבען געלעבט פער-
העלטניסמעסיג רוהיג. עס האט זיך נאר איינמאל געמאכט, אז דיאק-
לעטיאנוס האט זיך פערביזערט אויפן פאטריארך און איהם געפאדערט
צו זיך; דער צוזאמענשטוים האט זיך אבער אויך געענדיגט בשלום און
האט קיין שלעכטע ווירקונג נישט געהאט אויף די בעציהונגען פון דער
רעגירונג צו די יודען פון לאנד. די שטרענגע עדיקטען פון דיאקלעט-
יאנוס'ען מיט זיינע יועצים, לויט וועלכע די קריסטליכע שוהלען האבען
געמוזט געשלאסען ווערן, די קריסטליכע שריפטען — פערברענט ווערן,
און די קריסטען אליין געצוואונגען ווערן צום געצענדיענעריי און צו
דער פערעהרונג פון קייזער-בילד, — די אלע עדיקטען האבען יודען
גארנישט נוגע געווען, און נאר זיי אליין זענען אויסגעשלאסען געווארן
פון דעם אלגעמיינעם געזעץ וועגען רעליגיאנס-צוואנג.

אונפערשטענדליך בלייבט דער פאקט, וואס די שומרונים זענען
אין די געזעצען פערגלייכט געווארען מיט די קריסטען, און זיי האט
מען אויך געצוואונגען אנצונעהמען דאס געצענדיענעריי. און וויל גרוי-
סע מאסען פון זיי זענען נישט בייגעשטאנען דעם נסיון און האבען



קאָנסטאַנטין דער גרויסער



געדיענט די עבודה־זרה, האט מען פון דער יודישער זייט אנגעהויבען צו בעטראכטען אלע שומרונים, ווי געצענדיענער, אויסשליסענדיג זיי אויף אזא אופן אינגאנצען פון דעם יודישען כלל. דאס איז געשעהען כמעט אונערווארטעט און אהן א בעשטימטער כונה פון וועמען ס'איז, וואַרום גראד דאס מאל האבען די שומרונים נישט ארויסגעוויזען קיין בעזונדער שנאה צו יודען. בכלל האט עפעס ווי א מין פאטאַלער גורל פערפאלגט די ביידע פערוואנדטע שטאמען און נישט געלאַזען זיי, זיך דערנעהנטערן אויף א לענגערע צייט. ערשט מיט הונדערט יאהר פריהער זענען די בעציהונגען צווישען שומרונים און יודען געווען זעהר פריינדליכע, און די חכמים האבען ערקלערט, אז „יעדער מצוה, וואס די כותים (שומרונים) האבען זי אנגענומען, היטען זיי זי אב נאך שטרענגער פון יודען". דעמאלט איז דורכגעפאלען ר' מאיר'ס פארשלאג, צו ערקלערן די שומרונים פאר געצענדיענער — דער גאנצער טעגליכער אומגאנג און דער געזעלשאפטליכער פערקעהר צווישען די יודען און זייערע שומרונישע מיטבירגער איז געווען געגען דעם. ר' יוחנן אליין זאגאר האט זיך ערלויבט צו עסען פלייש, וואס איז געקויפט געווארן פון א שומרוני. און איצט האבען זיינע תלמידים, ר' אמי און ר' אסי, פערבאטען יעדען פערקעהר מיט די „כותים", ערקלערנדיג זיי פאר פאלשטענדיגע געצענדיענער. —

אונטער דער צייט האט דאס פערפאלגטע קריסטענטום בעזיעגט זיינע בעזיעגער. די וואפען פון גייסט, מיט וועלכע די פערטרעטער פון יודענטום זענען ארויסגעטרעטען געגען דער קריסטוס־לעהרע, ווי די וואפען פון געוואלט, מיט וועלכע די פערטרעטער פון היידענטום האבען געגען איהר געקעמפפט, — ביידע זענען נישט אימשטאנד געווען צו דערשטיקען די פייערדיגע בענקשאפט נאך א געטליכען לעבענס־אינהאלט, וואס ס'האבען אזוי בעגייסטערט פונאנדערגעבלאזען די נאכפאלגער פון דעם גרויסען יודישען הימעל־טרוימער. דאס געצענדיענערײַ, אויפגעגעסען פון דעם אייגענעם אונזין, פון דער אייגענער פאלשקייט און אויסגעלאסענקייט, האט געמוזט אונטערגעהן און דעם פלאץ האט פערנומען די גרונד־אידעע פון יודענטום, אויסגעדריקט אין א עקסטרעמער, מיסטישער פארם. דאס פארמירטע, גאנצע, פערקערפערטע יודענטום האט דעם פלאץ נישט געהאלט און אויך נישט געקענט איבערנעהמען: צו־בולט, ערשטענס, איז אין דעם געווען די נאציאנאלע טענדענץ; צו־שטארק, צווייטענס, האט

נאָך נעגליהט אין די הערצער די פערביטערטע שנאה צו די היסטאָרישע בעדריקער און, דריטענס, זענען די רעליגיעזע נאָרמען פון דעם אַלטעגליכען יודישען לעבען שוין געווען צו פיעל פונאַנדערגעוואַקסען; דאָס יודישע גלויבען איז שוין צו פיעל תורה געווען, האָט שוין געהאַט אַ צו-שווערען קאָרעקס פון דינים, חוקים, חומרות, גזירות, סיגים, סיגים-צו-סיגים און אַזוי כסדר — האָבענדיג געגען זיך אַזעלכע שווערע בעדינגונגען וואָלט דאָס היידענטום אַזוי שנעל נישט קאַפּיטולירט. קעמפפען מיט'ן היידענטום אין זיינע רייהען און זיך אַוועקשטעלען אויף זיינע חורבות האָבען געקענט נאָר יחידים, נאָר איינצעלנע יודישע כחות, וועלכע האָבען זיך אינגאַנצען בעפרייט פון יעדען נאַציאָנאַלען באַנד, און געבראַכט דער וועלט די אידעע פון דעם יודישען גאָט, די יודישע הייליגקייט, די יודישע בעגריפען פון גאָט, וועלט און מענש. אָט די בעגריפען האָבען געפונען פאַר זיך נאָר געצעהלטע אַנהענגער אַזוי לאַנג ווי זיי זענען פערבליעבען אין זייער אָריגינעלער, לויטערער געשטאַלט; דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. דאָס אידעאַלע קריסטענטום, די גאָט-לעהרע פון די ערשטע הימעל-טרוימער, פון די ערשטע הויהל- און מדבר-אַסקעטען, איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר מגושם'דיג געוואָרען, האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָראָבגעלאָזען, אַלץ מעהר צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון דעם שטאָרטישען, פערוויקעלטען, וואָכעדיגען לעבען, און אָט דער קאָמפּראָמיס האָט בעשאַפען דעם מלוכה-קריסטענטום, — יענעם קריסטענטום, וואָס שרעקט זיך נישט אָב פאַר קיין פּאַלאַצען, געהט מיט'ן שווערד אין האַנד, זיך אויסקעמפפען מאַכט און עשירות און בעקומט אַלע פּריווילעגיעס פון אַ מלוכה-גלויבען.

פאָרגעקומען איז די דאָזיגע איבערקעהרעניש אין די צייטען פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסען (אין די ערשטע צעהנדליגער פון IV-טען יאָהר-הונדערט) און נאַטירליך האָבען פּאָליטישע מאָטיוואַ אויך געשפּיעלט דערביי נישט קיין קליינע ראָליע. צווישען קאָנסטאַנטינען מיט די פאָרשטעהער פון קריסטענטום איז געשלאָסען געוואָרען אַ מין אָבמאַך, לויט וועלכען די לעצטע האָבען זיך פערפליכטעט צו שטיצען איהם אין קאַמפף מיט זיינע מיט-קיסרים, און דערפאַר בעקומען די פולע פרייהייט, צו האַלטען זיך ביי דעם קריסטליכען גלויבען און איהם צו פערשפּרייטען. עס האָט אַלזאָ געהייסען דערווייל, אַז דאָס קריסטענטום איז בלויז גלייכבערעכטיגט געוואָרען מיט די

איבריגע אמונות פון דער אימפעריע, און די גלייכבערעכטיגונג האט
זיך בעצויגען אויך אויף דעם יודישען גלויבען. קאָנסטאַנטינ׳ס טאָלע־
ראַנץ־עדיקט פון יאָהר 313 האט ערלויבט יעדען בירגער פון לאַנד צו
היטען די אמונה, וואס איהם געפעלט, און אין דעם עדיקט האט זיך
בפירוש געזאָגט, אַז די יודישע פּאַטריארכען, עלטסטע, געמיינדע־
פאָרשטעהער און ראשי־ישיבות האבען די זעלביגע פּריווילעגיעס, וואס
די קריסטליכע און געצענדיענערישע גייסטליכע. אין אַ קורצער צייט
אַרום האט קאָנסטאַנטין נאָך מעהר בעפעסטיגט די דאָזיגע בעשטימונג
דורך אַ רייהע נייע געזעצען, לויט וועלכע אלע יודישע כלי־קודש
(שוהל־בעאַמטע, עלטסטע, לעהרער פון פאָלקס־שוהלען א. אַ. וו.)
זיינען בעפרייט געוואָרן פון די לעסטיגע ארבייטען אין דער שטאָדט־
פערוואלטונג.

די דאָזיגע אונפּאַרטייאישע בעציהונג צו יודען און דער יודישער
אמונה האט זיך אָבער נישט לאַנג געצויגען. קאָנסטאַנטין איז וואס
ווייטער אלץ מעהר ארונטערגעפאלען אונטערן איינפלוס פון קריסטענ־
טום, און צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסען אויך זיין שנאה צו יודען.
האָזיוס, דער בישאָף פון קאָרדובאַ, ווי דער צווייטער קריסטליכער
געלעהרטער עווזעביוס פון קסריה, — ביידע זיינען געווען פערביסע־
נע שונאים פון יודענטום, און גראָד זיינען זיי צו יענער צייט געווען די
נאָהנטסטע יועצים פון קייזער. אין די רעגירונגס־דאָקומענטען פון דעם
פעריאָד ווערט שוין דאס יודענטום אָנגערופען „שענדליכע, פערברעכע־
רישע סעקטע", און באלד דערנאָך (315) ווערט פערעפענטליכט אַ
קייזערליכער עדיקט, לויט וועלכען די יודען ווערט פערבאָטען אַנצונעה־
מען גרים, געגען אַ הארטער שטראָף פאר די גרים גופא, ווי פאר
יענע, וואס וועלען זיך אין דעם בעטייליגען.

די אגיטאציע פון די קריסטליכע מיסיאָנערען האט אויף אַזאַ
אופן בעקומען אַ עפענטליכע שטיצע פון דער רעגירונגס־מאַכט; וואָרום
צוזאַמען מיט דעם פערבאָט אַנצונעהמען גרים, האט זי אויך שטרענג
פערבאָטען יעדען אויסדריק פון פראָטעסט און צאָרן געגען די יודען,
וואס זיינען איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום. יודען זיינען אָבער נישט
וועהר געוואָרן אריבער אינ׳ם לאַגער פון דער נייער אמונה, און די מיס־
יאָנערען האבען זיי געמוזט אונטערקויפען מיט פערשיעדענע גליקען און
וואוילטאָגען; אַזוי דערצעהלט זיך אין אַ אגדה: „די אומות העולם האָ־
בען טענות צו יודען און זאָגען: ביז ווי לאַנג נאָך וועט איהר אומקומען

פאר אייער גאט, ביז ווי לאנג נאך וועט איהר פאר איהם דאס לעבען אוועקגעבען? קומט צו אונז, מיר וועלן אייך מאכען פאר דוכסים, לאנד-הערשער און קריעגס-פיהרער".

עס האט אבער אלץ נאך ווייניג געווירקט; דאן האט קאנסטאנטין איינע נאך דער אנדערער אבגענומען פון יודען אלע פריווילעגיעס, וואס זיי האבען נאך געהאט פון די אלטסטע צייטען. יודישע כלי-קודש זענען געצוואונגען געווארען זיך צו בעטייליגען אין די שווערע שטאדטישע ארבייטען; יודען איז פערבאטען געווארען צו פערשפרייטען זייער גלויבען, צו מל'ן זייערע געצענדיענערישע קנעכט, און אין דער זעלבינער צייט האט די קריסטליכע קירך בעקומען א רייהע בעדייטענדע פריווילעגיעס, וואס האבען איהר מאכט פערגרעסערט און בעפעסטיגט.

אין א בעזונדער שארפער פארם האט זיך ארויסגעוויזען די פיינדליכע פערהאלטונג צום יודענטום פון דער אויפגעקומענער קריסטליכער קירך, — בעת די פערהאנדלונגען פון דעם ערשטען אלגעמיינעם קירכען-קאנגרעס, וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין ניצעא, אונטערן פארזיץ פון קייזער. אט דער קאנגרעס האט געהאט צו בעשטימען די דאגמען (עיקרים) פון דעם קריסטליכען גלויבען, און אין דער רייהע פון די פערשיעדענע תקנות, וועלכע זענען דארט פון די פערזאמעלטע בעשטימט און אנגענומען געווארען, האט זיך געפונען אויך איינע, וואס האט איבערגעריסען דעם לעצטען צוזאמענהאנג צווישען דער קריסטליכער קירך און איהר אורערשטער אבשטאמונג — דאס יודענטום. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם יום-טוב פסח; ביז דאן פלעגען די קריסטען (בעזונדער פון די מזרח-לענדער) פייערן זייער פסח צוגלייך מיט'ן יודישען, לויט דער בעשטימונג פון דעם יודישען נשיא אין ארץ ישראל; דאס האבען די קריסטליכע קהלות פון די מערב-פראווינצען נישט געקענט מוחל זיין זייערע גלויבענס-ברידער פון מזרח, און קאנסטאנטין אליין האט אויסגעדריקט די אונצופריעדענהייט מיט די ווערטער: „פארוואס זאלען מיר עס נאכטאן די דאזיגע גאט-פערשאלטענע, צו פייערן אונזער הייליגען יום-טוב מיט זיי אין איין טאג? צי קען דען נאך געבען א גרעסערע עזות דערפון, צו לאזען די פערהאסטע יודען זאגען, אז מיר קענען נישט פייערן אונזער יום-טוב און איהם ווי געהעריג אבהיטען, נאר מוזען נאכטאן זייער תורה. — פון וויטער אן זאל מעהר קיין געפינג

זאמען נישט זיין צווישען אונז און דעם פערהאסטען פאלק: מיר האבען פון אונזער אויסלייזער אנ׳אנדער וועג בעקומען. דער דאזיגער געדאנק האט ארויסגערופען די צושטימונג פון דער קאנגרעס־מעהרהייט, און ס׳איז בעשלאסען געווארען אבצולעגען דעם קריסטליכען פסח אויף אנ׳אנדער אזוי כדי נישט צו זיין מעהר אבהענגיג פון דעם יודישען קאלענדאר.

אזוי איז די שנאה צו אלעם יודישעם געוואקסען צוזאמען מיט דער פערשפרייטונג פון דער גליל׳עאישער לעהרע וועגען ליעבע און הייליגקייט; דאס ערשטע ווארט פון קריסטענטום נאכדעם, ווי עס איז מעכטיג און שטארק געווארען, איז געוועזען אנ׳ארויסרוף צום קאמפף געגען די „פערהאסטע״ יודען, וועלכע האבען נישט געוואלט פערלאזען זייער גאט און זייער תורה, און די קומענדיגע קריסטליכע דורות האבען הונדערטער יאהרען געפיהרט אט דעם קאמפף מיט פייער און בלוט, — דעם קאמפף פון זיעגער געגען אונבעזיעגבארע. —

א קורצע צייט נאך דער ניצעאישער פערזאמלונג האט קאנסטאנטין בענייט האדריאנ׳ס גזירה, אז קיין יוד טאר נישט אריינקומען קיין ירושלים. די סבה פון דעם בעפעהל איז געוועזען די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אינ׳ם לעבען פון דער אמאליגער יהודה׳עאישער הויפטשטאדט. האדריאנ׳ס „עליא קאפיטאלינא״ האט צוריק בעקומען איהר פריהערדיגען נאמען און איז פערוואנדעלט געווארען פון א געצענדיענערישער שטאדט אין א הייליגען צענטר פארן גאנצען קריסטענטום; קאנסטאנטין האט געלאזען אויפשטעלען א גרויסע קירך אויף דעם ארט, וואו עס זאל, לויט דער לעגענדע, זיך האבען געפונען ישו׳ס קבר, און פון דעמאלט אן ווערט די קירך בעזוכט פון טויזענדער פיליגרימען. פאר יודען איז בעשטימט געוועזען נאר איין טאג אין יאהר, ווען זיי איז ערלויבט געוועזען אריינצוקומען אין זייער אמאליגער הויפטשטאדט און וויינען ביי די חורבות פונ׳ם איינגעפאלענעם בית־המקדש— תשעה־באב (דער 9־טער אב, דער טאג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען).

ביי דעם אלעמען איז קאנסטאנטין נאך אין געוויסע הינזיכטען געבליעבען טריי די פרינציפען פון גלייכהייט און גערעכטיגקייט, און האט נישט נאכגעגעבען די פאדערונגען פון זיינע יועצים. ער האט, למשל, איבערגעלאזען אין זיין קראפט דאס געזעץ, וואס האט בעפרייט די יודישע געזעצלעהרער און אנדערע כלי קודש פון פערשיעדענע

מלוכה־שטײַערן; אויסער דעם, האָט ער זיך זאָגאר אײַנגעשטעלט פאַר
יודען און זײַ געשיצט פון די משומדים, וואָס זענען געוואָרען יודישע
שונאים און פלעגען אויסטראַכטען די שרעקליכסטע בלבולים אויף יודען
און דעם יודישען גלויבען. געגען די דאָזיגע יודישע יודען־פײַנינער האָט
קאָנסטאַנטין ארויסגעלאָזען אַ ספּעציעלען עדיקט, אין וועלכען ס'האָט
זיך געזאָגט: „די נײַע קריסטען פון דעם יהודה'עאישען פאָלק, וואָס
וועלן שטערן די רוהע פון זײַערע פריהערדיגע שטאַם- און גלויבענס-
ברידער און זײַ בעלײַדיגען אָדער שלעכטס טאָן, וועלן שטרענג בע-
שטראָפט ווערן" (336) — ביז אַזוי ווײַט זענען דערגאַנגען די צרות,
וואָס יודען האָבען געליטען פון זײַערע „נײַע קריסטען"!

בעזונדער שטארק האָט זיך צווישען די לעצטע אויסגעצײַכענט
יוסף פון טבריה; אין דער יוגענד איז ער געוועזען אַ מיטגליעד פון
בית דין, און דער נשיא האָט איהם זאָגאר אָנפערטרויט זײַן אײַגענעם
כבוד, בעשטימענדיג איהם פאַר אַ „שליח ציון"; אַזאַ שליח פלעגט
פאָהרען אין די ווײַטע לענדער און צונויפזאַמלען אין'ם נשיא'ס נאָמען
די יעהרליכע נדבות פון די יודישע אײַנוואוינער. אײַנמאָל האָט איהם
דער נשיא געשיקט קײַן ציליציען (קלײַן אזיען); האָט זיך דאָרט יוסף
נאָהנט בעקאַנט מיט אַ בישאָף און מיט איהם אַ סך פערבראַכט. דאָס
האָט אויפגערעגט געגען איהם דער יודישער בעפעלקערונג, און זי האָט
אָנגעהויבען קוקען מיט אַ שטאַרקען חשד אויף דעם „שליח ציון", וועל-
כער איז בכלל נישט בעליעבט געוועזען פאַר זײַן גאוה'דיגער בעציהונג
צו די פּראָווינציעלע דיינים און לעהרער. די מעהר איבערגעגעבענע
יודען האָבען איהם פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבען שטאַרק נאָכצושפּירען,
און ווי גרויס איז געוועזען זײַער צאָרן, ווען זײַ האָבען דעם נשיא'ס שליח
ווירקליך געפונען פערטיעפט איבערן עוואַנגעליום (ברית חדשה)! ווי
יוסף אַלײַן דערצעהלט, זאָלען די יודען איהם האָבען זאָגאַר ארײַנגע-
וואָרפען אין טײַך צידנוס, פון וואַנען ער איז נאָר על פי נס נצול גע-
וואָרען, און ער האָט דעריבער עפענטליך געשוואוירען צו דיענען דעם
נײַעם גלויבען און איהם צו זײַן איבערגעגעבען.

פון דעמאָלט הויבט זיך אָן יוסף'ס קאַריערע אַלס מסור און פײַ-
נינער פון זײַן פאָלק. קענענדיג גוט די יודישע עמפּפינדליכקײַט בנוגע
צו ענינים פון גלויבען, האָט אָט דער פערביטערטער משומד פער-
שפּרײַט אומעטום קלאַנגען, אַז דער אַלטער נשיא, ר' יהודה III, האָט
אויפן טויטען־בעט געפּיהלט אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך דער שענהײַט

פון קריסטענטום, און אז דער איצטיגער יונגער נשיא, הלל II, האט
בעהאלטענערהייד געפיהרט א ווילד, אויסגעלאסען לעבען. צו די דאָזי-
גע ניפטיגע בעליידיגונגען פון דעם יודישען געפיהל האט יוסף נאך צו-
געגעבען א רייהע נסים און וואונדערליכע מעשות, וואס זענען געשעהען
מיט איהם ביז דער „ענטפלעקונג“ פון דעם געטליכען אמת, און אויף
אזא אופן איז ער געוואָרען א גרויסער חשוב ביי די זיילען פון דער
קירך, וועלכע האבען אויסגעפועל'ט פאר איהם ביי קאָנסטאַנטינ'ען
דעם טיטול קאָמעס, וואס האט געדינט, ווי א מין פריי-בריעף
צו מעגען טאָן אלץ אונבעשטראפט. איצט האט דעם משומד'ס
ניפטיגע חוצפה שוין פאר זיך קיין גרענעץ נישט געהאט, און קאָנסטאַנ-
טין אליין האט ענדליך געפונען פאר נויטיג, צו בעשיצען די געפלאָגטע
און בעליידיגטע יודען.

אויב אין דער צייט פונ'ם ערשטען קריסטליכען קייזער האבען
נאך יא עקסיסטירט געוויסע נאָרמען פון מענשליכקייט און יושר, זענען
אָבער אָט די נאָרמען (בנוגע צו יודען) אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען אונ-
טער דער הערשאפט פון דעם ערשטען אינקוויזיטאָר און ברודער-מער-
דער קאָנסטאַנציוס (337—362). מיט זיין הערשען האט זיך
איצט אָנגעהויבען דער ווירקליכער קריסטליכער רעזשים און ממילא אויך
די אונגעהויערע קייט פון ליידען און פיין פאר דער יודישער בעפעל-
קערונג. דאס איז געווען א פאנאטישער דעספאט, וואס האט נישט גע-
וואוסט פון קיינע נאָרמען און געזעצען דאָרט, וואו עס האט זיך געהאַנ-
דעלט וועגען דער אמונה. גלייך אין דער ערשטער צייט פון זיין הער-
שען זענען א גאנצע רייהע געזעצלעהרער אָנגעקלאָגט געוואָרען פאר
פערשידענע פערברעכענס געגען דעם נייעם רעזשים, און דער גרעס-
טער טייל פון זיי האט געמוזט אנטלויפען קיין בבל. חתונה-פערבינדונ-
גען צווישען יודען מיט קריסטליכע פרויען זענען בעשטראפט געוואָרען
מיט'ן טויט, און די זעלבינע שטראָף איז בעשטימט געוואָרען פאר
יענע, וואס האבען געלאָזען מל זיין זייערע שקלאפען. דער גרונד פון
דעם שטרענגען שקלאפען-געזעץ (אין קאָנסטאַנטינ'ס צייטען איז דאס
אויך פערבאָטען געווען; עס האט אָבער געקוממט דערפאר א פיעל לייכ-
טערע שטראָף) איז געווען א דאָפעלער: ערשטענס, זאָל זיך די יודישע
בעפעלקערונג נישט פערמעהרען א דאנק דעם צופלוס פון די שקלא-
פען; און צווייטענס, זאָל א קריסט נישט דינען קיין יודישען האר.
קיין „גאָט-מערדער“.

די אלע בעשרענקונגען זענען געווען געגען די גרונד־געזעצען פון
דער רוימישער קאנסטיטוציע, לויט וועלכער יעדער „פראווינציאל“,
אהן א שום אונטערשייד פון גלויבען, האט פאלשטענדיגע בירגער־
רעכט און קיינער טאר פון איהם די דאזיגע רעכט נישט אוועקנעהמען.
פאר דעם שיצלינג און בעשיצער פון דער הייליגער קירך האבען
אבער נישט עקסיסטירט אינגאנצען די בעגריפען פון רעכט און געזעץ.
עס איז געשאפען געווארען איין נייער אויסגאנגס־פונקט, וואס האט
אלץ מעגליך געמאכט און אלץ אריינגענומען אין דעם סוג פון גלויב־
טען—די קירך. די קריסטליכע קירך מוז הערשען אין לאנד; די
מדינה, די מאכט, דער גאנצער מלוכה־ארגאניזם, — אלץ מוז ווערן
קריסטליך, רוים מוז ווערן די מלוכה פון קריסטענטום.

די רדיפות געגען יודען זענען אויף אזא אופן אריינגענומען גע־
ווארען אינ׳ם עצם סיסטעם פון דער נייער מלוכה־ארדנונג, און די
יודען אין פאלעסטינא האבען באלד דערפיהלט די פאקטישע פאלגען
פון דעם רעזשים. דאס איז געווען אין דער צייט פון די אייביגע
קריעגערייען צווישען דעם רוימישען חיל און די שכנים־פערסיאנער,
ווען די לעצטע האבען זיך בעפעסטיגט אין מערב־אזיע און ארויסגע־
שטופט פון דארט די רוימער; קאנסטאנציוס האט דאן אוועקגעשיקט
אהין א גרויסען חיל, אונטער דער אנפיהרונג פון זיין מיט־קייזער גאלוס.
פון דער מחנה האט א גרויסער טייל, אונטער דער פיהרונג פון לעגאט
אורסיצינוס („ארסקין“), דורכמארשירט פאלעסטינא, און אורסיצינוס
האט געפאדערט פון יודען, זיי זאלען איהם צושטעלען פריש־געבאקען
ברויט פאר דער מחנה אום שבת און זאגאר אום פסח. די געזעצלעה־
רער האבען געזעהען די געפאהר פון געצוואונגענעם שמד, וואס רוקט
זיך אן אויף יודען, זיי האבען אבער קיין אויסוועג נישט געפונען, און
געמוזט מתיר זיין לפי שעה די דערמאנטע שווערע פערברעכענס,
אונטער דעם אויסרייד, אז אורסיצינוס האט דא נישט גוזר געווען קיין
גזירת שמד, און ער וויל נאר ברויט פאר זיינע סאלדאטען. עס האבען
זיך געפונען אזעלכע, וואס האבען דורכאויס געפאדערט, אז יודען זא־
לען זיך מוסר נפש זיין און נישט עובר זיין אויף די געבאטען פון דער
תורה; דאס זענען געווען יענע, וואס האבען גוט געזעהען די אמת׳ע
כונה פון די רוימישע מיליטער־פיהרער און געוואוסט, אז דער זעלבי־
גער אורסיצינוס האט אין א שטעדטיל נעבען טבריה פערברענט א ספר
תורה, ווען ער האט געטראפען יודען לייענענדיג אין איהר.

צו די דריקונגען און רדיפות זענען נאך צוגעקומען די שווערע שטייערן, וואס האבען אויסגעפרעסט פון פאלק דעם לעצטען פערהארעוועטען פערדיענסט. די שטייערן זענען געווען פיער-פינף-פאלי־גע, און איין אגדה פון יענער צייט קלאגט זיך: „אזוי ווי א קלייד, וואס האט זיך פערטשעפעט אן דערנער: ציהסט ארויס איין עק, בלייבט שטעקען דער צווייטער, — אזוי זענען מיר אין דער מלכות עשיו (רוים): מ'האט נאך נישט אבגעצאהלט די ארנוניא (תבואה־, שאף־ שטייערן), מאהנען זיי שוין דעם גלגלת (קאפ־שטייערן). — זיי קומען מיט גזירות אויף יודען: דו האסט געגנב'עט און געטויט! האסטו נישט געגנב'עט און נישט געטויט, טא זאג: ווער האט מיט דיר געגנב'עט, ווער האט מיט דיר געטויט? גיב ברענג ארנוניא, גלגלת און דימוסיא.

די דאזיגע אלע צרות און גזירות האבען ענדליך ארויסגעבראכט דעם פאלק פון געדולד, און ווי אלע מאל האט אויך איצט גליל די ערשטע אויפגעהויבען די פאהן פון אויפשטאנד. עס האט זיך אבגע־פונען א אנפיהרער, אונטערן נאמען נאטראנא, וועלכער האט בע־גייסטערט די קריעגערישע גליל'ער און זיי אויפגעמונטערט צום קאמפף מיט די רוימער, און אין א געוויסער נאכט זענען די רעוואלוציאנערען אין צפורי (וואס האט דעמאלט געהייסען דיאצעזערעא) בעפאלען דעם דארטיגען רוימישען גארניזאן און איהם פערניכטעט. דערנאך האבען זיי זיך בעפעסטיגט אויף דער פאזיציע (צפורי איז געשטאנען אויף א הויכען בארג) און געמאכט פון דארטין אפטע אנפאלען אויף די רוימער פון דער ארומיגער סביבה; דערביי איז די צאהל פון די יודישע קריעגער געוואקסען, און באלד האט דער אויפשטאנד ארומגע־חאפט אויך טבריה, לוד און אנדערע שטעדט אין יהודה און גליל, אזוי, אז גאלום האט זיך דערשראקען און ארויסגעפאדערט פון קאנס־טאנציוס'ען פרישע לעגיאנען; אורסיצינוס האט אבער בעוויזען צו דערשטיקען די יודישע רעוואלוציע, נאך איידער זי האט זיך אינגאנצען פונאנדערגעפלאקערט. די רוימישע לעגיאנען האבען זיך מיט אכזריות נוקם געווען אן די בעזיעגטע יודען און טויזענדער פון זיי געטויט און געפייניגט; צפורי איז אינגאנצען חרוב געווארען, און אויך די איבריגע שטעדט פון דרום ארץ ישראל האבען שטארק געליטען (352). די איבערגעבליעבענע רעוואלוציאנערען האבען געמוזט אגווענדען פערשיע־דענע מיטלען, זיך צו ראטעווען פון אורסיציניוס'ס אכזריות; אנדערע

האָבען זיך אָנגעקלעפּט פּלאָסטערן אויף די נעזער, כּדי מ׳זאָל זיי נישט דערקאָנען, אַ טייל איז אַיינגאַנצען אַנטלאָפען פון לאַנד און אַ סך האָבען זיך בּעהאַלטען אין הויהלען און מערות. צווישען די לעצטע האָט זיך געפונען אויך דער געזעצלעהרער רב הונא (דער צווייטער), און ער דערצעלט: „ווען מיר זענען געווען בּעהאַלטען פון די שונאים אין אונטער-ערדישע מערות, האָבען מיר געהאַט בּיי זיך ליכט; ווען זיי האָבען געבּרענט טונקעל האָבען מיר געוואוסט, אַז ס׳איז טאָג, און ווען זיי האָבען געבּרענט העל, האָבען מיר געוואוסט, אַז ס׳איז נאַכט".

בּיי די רדיפות האָט דער בּיזאַנטישער הויף *) זיך נאָך נישט אָבגעשטעלט. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבען אַ רייהע נייע רעפּרעסיעס געגען אַלע בּיזהעריגע פאָרמען פון דעם יודישען לעבען, און די לאַגע האָט זיך גאָרנישט געענדערט צום גוטען אפילו אויך נאָכדעם, ווי דער מיט-קייזער גאַלוס איז געטויט געוואָרען (פאַר אַ פערראַט געגען קאָנסטאַנציוס׳ען) און אורסיצינוס האָט פערלוירען זיין מאַכט (354). די גאַנצע ניי-רוימישע רעגירונג האָט זיך, אונטער דעם איינפלוס פון די קריסטליכע יועצים, בּעצויגען צו יודען, ווי צו גאָט-לעסטערער אָדער גאָט-לייקענער, און האָט כּסדר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אָבצוזונדערן די קריסטען פון דעם שעדליכען יודישען איינפלוס. עס איז ווידער אַרויסגעלעגט געוואָרען אַ שטרענגע שטראָף אויף די קריסטען, וואָס האָבען זיך צוגעשלאָסען צו יודישע קהלות, און די יודען אַליין זענען געוואָרען מיט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך געווען. דעם פּאַטריאַרך איז פערבּאָטען געוואָרען צו מאַכען זיינע בּעשטימונגען בּנוגע צו דער בּעשטימונג פון די חדשים און יום-טובים, און בּכלל זענען פערוועהרט געוואָרען כּמעט די בּעדייטענדסטע מצוות פון דער תּורה, ווי ס׳איז צו זעהען פון דעם פערשטעלטען בּריעף, מיט וועלכען די ארץ ישראל-לייט האָבען זיך געווענדעט צו דעם ריש-ישיבה פון מחוזא (אין בּבל). אין דעם בּריעף דערצעהלט זיך: „אַ פּאָר איז געקומען פון רקת (טבריה), האָט זיי דער אָדלער (רוימישע בּעאַמטע) געפאַנגען, און זיי האָבען געהאַט בּיי זיך דאָס, וואָס ווערט געאַרבּייט אין לוז (תּכלת צו ציצית); איז זיי זייער זכות

*) דער ערשטער קריסטליכער קייזער, קאָנסטאַנטין דער גרויסער האָט איבּער-געטראָגען זיין רעזידענץ פון רוים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל (בּיזאַנטיע).

בײַגעשטאַנען און זײַ זענען אַרויס בשלום. און נחשונ׳ס אוראײניקלעך (די נשיאים פון בית יהודה) האָבען געוואָלט בשטימען אײן הויפּט-חודש אין יאָהר, האָט זײַ דער ארמי (רוימער) נישט געלאָזען; אָבער די בעלי אספות (די מיטגליעדער פון סנהדרין, געזעצלעהרער) האָבען זיך פערזאַמעלט און האָבען בעשטימט פאַר׳ן הויפּט (-חודש) דעם, ווען ס׳איז געשטאָרבען אהרן הכהן״ (א ב). אין דעם בריעף שפּיגעלט זיך אָב די גאַנצע נויט, אין וועלכע דאָס פּאַלעסטינישע יודענטום האָט זיך געפונען פאַר די לעצטע יאָהרען פון קאָנסטאַנציוס׳עס הערשאַפט; דאָס אויפגעקומענע, וועלטליכע, קריסטענטום אין געשטאַלט פון דער ביזאַנטישער מלוכה, האָט מיט אַ ווילדער פערביטערטקײַט זיך נוקם געווען אָן די שטאָלצע עקשנים, וואָס האָבען מיט בטול און פעראַכטונג געקוקט, אי אויף זײַן וועלטליכער גרויסקײַט, אי אויף זײַנע גײַסטיגע אויפטועכצען און נײַע תורות. די רעגיערונג האָט אַרויסגעגעבען אײַן געזעץ נאָכ׳ן אַנדערן מיט דעם צוועק, צו דריקען יודען און זײַ צו ערניעדריגען; די לעצטע האָבען אָבער גאָרנישט אָנגעהויבען צו טראַכטען אפילו וועגען אונטערגעבען זיך, און די אַלע רדיפות האָבען, פערקעהרט, נאָך שטאַרקער אויפגעוועקט בײַ זײַ דעם נאַציאָנאַלען ערהאַלטונגס-אינסטינקט. שווערע קרבנות האָט יעדער יוד אין יענער צײַט געמוזט ברענגען פאַר זײַן יודישקײַט, פאַר זײַן צוגעבונדענקײַט צו דעם יודישען גאָט און צו דער יודישער תורה. און די קרבנות זענען געבראַכט געוואָרען — פרײַוויליג, נישט געצוואונגענערהייד, ווי אַ נאַטירליכע פליכט, וואָס ליעגט אויף יעדען יחיד בנוגע צום כלל.

אַ גרויסען קרבן אויף דעם מזבח פון כלל האָט געבראַכט דעמאָלט דער נשיא (פּאַטריאַרך) פון די פּאַלעסטינישע יודען, הלל II, דער זוהן פון יהודה III. זעהענדיג מיט וואָס׳רע שענדליכער חוצפה די אַדמיניסטראַציע ערלויבט זיך צו שטערן די טעטיגקײַט פון דעם יהודה׳עאישען סנהדרין און אויף וויפיעל עס פאַלט פון טאָג צו טאָג דער כבוד פונ׳ם פּאַטריאַרכאַט, — האָט דער דאָזיגער איבער-געגעבענער און ווײַטזיכטיגער פאָלקס-פיהרער געפועל׳ט בײַ זיך, צו פערעפענטליכען פאַר׳ן גאַנצען פאָלק דעם סוד, וואָס האָט זיך אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען גערעכענט פאַר אַ עהרען-פּריווילעגיע פון דער נשיאות. ביז דאַן האָט זיך געפיהרט, אַז דער נשיא, אַלס פאָרזיצענדער פון סנהדרין, פלעגט דורך ספּעציעלע שלוחים, מאָלען יעדען חודש בעאָבאַכטונגען איבער די ערשײַנונגען פון דער לבנה.

אויף דעם יסוד פון די בעאבאכטונגען פלעגט ער, לויט א געוויסען געהיימען סיסטעם, בעשטימען די חדשים און יום טובים פון יאהר, מאכען עבור-חדשים, און געבען צו וויסען וועגען דעם אלע יודישע קהלות אין ארץ ישראל און בבל; איצט אבער, צוליעב קאנסטאנציוס׳ עם רדיפות, האט זיך דער סיסטעם נישט געקענט מעהר פראקטיצירען, דען אויסער דעם, וואס די רעגירונג האט פערבאטען דעם סנהדרין צו מאכען די בעשטימונגען, איז בכלל שווער געווארען די קאמוניקאציע צווישען יהודה, וואס איז געלעגען אונטער דער ניי-רוימישער הערשאפט, און בבל, וואס האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון די פערסיאנער, און די בבלי׳שע יודען זענען גאנץ אפט געבליבען אין צווייפעל וועגען די וויכטיגסטע קאלענדאר-פראגען.

און אט, כדי א ענדע צו מאכען מיט דער נישט נארמאלער לאגע, האט הלל איין מאל פאר אלע מאל איינגעפיהרט א פעסטען לוח (קאלענדאר), ד. ה. ער האט פערעפענטליכט דעם גאנצען קאלענדאר-סיסטעם, בײַ וועלכען דאס סנהדרין האט זיך שטענדיג געהאלטען, און נעגעבען דערמיט יעדען איינציגען די מעגליכקייט, זיך צו אריענטירען אין דעם אזוי גערופענעם „סוד העבור“. דאס איז געווען א אונגעוועהנליכער קרבן פון דעם פאטריאטישען נשיא—ער האט מיט דעם שריט אליין איבערגעריסען דעם לעצטען באנד, וואס האט צוזאמענגעקניפט די יודישע קהלות אין אלע לענדער און זיי אבהענגיג געמאכט פון פאטריארכאט. איהם איז דער זיכערער קיום פון יודענטום טייערער געווען, ווי דער כבוד פון זיין הויז, און ווי א אמת׳ער אייניקעל פון זיינע גרויסע זיידעס, האט ער געאפפערט זיין כבוד פאר דעם קיום פון פאלק. די מיטגליעדער פון דעם דעמאלדיגען סנהדרין האבען אינגאנצען מסכים געווען צו דעם אויפטו פון נשיא; זיי האבען גאר דערבײַ נעפאדערט פון זייערע ברידער אין חוץ-לארץ, זיי זאלען זיך נישט אבזאגען פון זייערע אלטע מנהגים בנוגע צום פייערן צוויי טעג יום טוב. „האטש מיר האבען אייך געשיקט דעם סדר פון די יום טובים, זאלט איהר פון דעסטוועגען נישט משנה זיין (ענדערען) דעם מנהג פון אייערע עלטערן“ — האט ר׳ אסי פון ארץ-ישראל נעשריבען צו די יודען אין אלעקסאנדריע, און א עהנליכער אנזאג איז אוועקגעשיקט געווארען אויך קיין בבל (הזהרו במנהג אבותיכם שבידכם). פון דעמאלט אן ווערן אין אלע לענדער, אויסער ארץ ישראל, געפייערט צווישען יודען צוויי טעג יום טוב (יום טוב שני של

גליות), ווי עס האבען אנגעוואנט די גענעץ-לעהרער פון טבריה אין די צייטען פון הלל הנשיא.

די אויסרעכנונג פון הלל'ס קאלענדאר-סיסטעם איז פשוט און קלאר. זי שטיצט זיך אויף עטליכע איינפאכע כללים און איז אזוי לייכט און בעקוועם, אז יעדערער כמעט איז אימשטאנד צוזאמענצושטעלען א הונדערט- און אפילו א טויזענד-יעהריגען לוח (קאלענדאר). דער קערן פון דעם לוח איז די צייט פון א פאלשטענדיגען לבנה-אומקרייז (אדער חודש), וואס מאכט אוים 29 טאג מיט 62 שעה און עפעס; אזא לבנה-יאהר פון צוועלף חדשים האט אלזא אנ'ערך פון 354 טעג. אזוי אבער ווי די ביבלישע יום טובים זענען צוזאמען-געבונדען מיט די צייטען פון יאהר לויט דער זון (פסח אין פריהלינג, סוכות אין הערבסט א. א. וו.) האט מען געמוזט איינשטימען דעם יודישען לבנה-יאהר מיט דעם אלגעמיינעם יאהר לויטן אומקרייז פון דער זון, וועלכער מאכט אוים 365 טעג מיט 6 שעה, ד. ה. מיט עלף טאג מעהר, ווי אינ'ם לבנה-יאהר. מ'האט דעריבער אויסגערעכענט, אז אין א משך פון 19 יאהר גיט דער זון-חשבון א עודף פון 210 טאג (אדער זיבען 30-טאגיגע חדשים) געגען דעם סיסטעם פון לבנה-יאהרען, און כדי איינצושטימען דעם לבנה-מיט'ן זון-יאהר, האט מען געמאכט, אז אין יעדען ציקל פון 19 יאהר, זאלען זיין זיבען עבור-יאהרען, ד. ה. יאהרען וואס האבען נישט 12, נאר 13 חדשים. די חדשים, ווידער, רעכנען זיך כסדר: איינער 29, איינער 30 טאג, און הייסען לויט דעם „מלאים" (פולע) און „חסרים" (פעהליגע); נאר די הערבסט-חדשים חשון און כסליו קענען זיין מלאים אדער חסרים אויסער דער ארדנונג, אבהענגיג פון די בעזונדערע כללים, וואס זענען בעשטימט פאר די יום-טובים פון דעם פריהערדיגען חודש, תשרי, מיט וועלכען ס'הויבט זיך אן דאס יאהר *).

---

*) די ערקלערונג פון דעם יודישען קאלענדאר-סיסטעם איז גענומען פון דובנאוו'ס „Всеобщая исторія Евреевъ"

נײַנטעס קאַפּיטעל

די ישיבות אין בבל

די רדיפות געגען יודען אין פּאַלעסטינאַ, צוזאַמען מיט דער פּערעפּענטליכונג פון דעם קאַלענדאַר־סיסטעם, האָבען אין אַ גרויסער מאָס פּערגרעסערט די בעדײַטונג און דעם אײַנפלוס פון די בבלי׳שע גײַסטיגע צענטערן — די ישיבות. בכבוד׳יג און פערהעלטניסמעסיג רוהיג האָבען דאָ יודען געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסיאַנער, און זײַ האָבען צוגעבראַכט דעם שטודיום פון דער תורה בײַ זיך אין לאַנד ביז יענער הויכער מדרגה, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען אין די גאָלדענע צײַטען פון די ערשטע פּאַלעסטינישע תנאים. צו דער ישיבה אין ס ו ר אַ, וואו ס׳האָבען זיך געזאַמעלט די מסורות פון אַלע צײַטען, איז צוגעקומען די ישיבה אין פּ ו מ ב ד י ת א, וואָס האָט געגעבען אַ נײַע ריכטונג דער יודישער געזעצלעהרע און אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רײַהע ריזיגע גײַסטער. נישט בלויז אין בבל אַלײַן — אויך אין די אַרומיגע לענדער האָט מען זיך געמוזט צוהערן צו די נײַע ווערטער פון די „חריפי דפומבדיתא״ (די שאַרפזיניגע מוחות פון פּומבדיתא), וועלכע האָבען אַרויפגעלעגט אַ אײַגענעם שטעמפּעל אויף דער גאַנצער עפּאָכע.

די בעדײַטענדסטע טרעגער און פאָרשטעהער פון דער נײַער ריכטונג זענען געווען ר ב ה ב ר נ ח מ נ י און זײַנע תלמידים־חברים: אַ ב יי און ר ב א.

ר ב ה ב ר נ ח מ נ י האָט געזאָלט פּערטרעטען דעם פּלאַץ פון

א ריש מתיבתא אין פומבדיתא גלייך נאך רב יהודה'ס טויט; ער האט אבער אבגעטרעטען דעם טיטול א עלטערן געזעלערער פון איהם, טיט'ן נאמען רב הונא בר חינא, און ערשט נאך דעם ווי דער לעצטער איז געשטארבען, איז רבה אוועקגעשטעלט געווארען בראש פון דער ישיבה, וואו עס זענען צוליעב דעם צוגעקומען מאסען תלמידים פון אלע עקען לאנד. אלס געזעלערער האט זיך רבה אויסגעצייכענט מיט זיין טיעפען און שארפזיניגען אנאליז, בנוגע צו די פערשיעדענע סתירות צווישען די משנות און די שפעטער צוגעגעבענע ברייתות אדער סתם מימרות פון חכמים. האלטענדיג זיך ביי דעם כלל, אז דאס שטודיום פון דער הלכה פאדערט א בעזונדער לויטערע, פרעהליכע שטימונג, האט רבה זיך נוהג געווען, אנצוהויבען זיין שעור פאר די תלמידים מיט א געוויסען פרעהליכען וויץ („מלתא דבדיחותא") אדער הארציגער אגדה.

צווישען די אמוראים פון זיין צייט איז רבה געהען דאס, וואס ר' עקיבא איז געווען פאר די ערשטע תנאים. ער האט אויך געמאלט די תורה, „ווי א קיים פון געפלאכטענע רינגלעך", האט ארויסגעפונען דעם צד השוה (דאס געמיינזאמע) צווישען מאסען הלכות און זיי איינגעטיילט אין כללים און קאטעגאריעס. רבה איז דעריבער שטארק בעליעבט געווען אין דער ישיבה און די תלמידים האבען איהם אבגעגעבען נאך מעהר כבוד, ווי דעם אמאליגען בעניער פון דאס בבלי'שע יודענטום, רב'ן. דאגעגען האט איהם דאס פאלק פון פומבדיתא נישט ליעב געהאט פאר זיין שארפען מוסר, און ווען דער המון האט א מאל מתרעם געווען אויף איהם דערפאר, וואס ער קען נישט אויספועל'ן ביי גאט קיין רעגען (דאס איז געווען אין א שטארקער „טריקעניש"), האט רבה מיט פעראכטונג אויסגערופען: „וואס קענען די צדיקים פון דור אויפטאן, ווען דער דור אליין איז זינדיג".

אין רבה'ס צייטען האבען די יודען אין בבל געהאט אויסצו־שטעהן געוויסע פערפאלגונגען מצד דעם פערסישען הויף, וואו אלס קעניג איז געזעסען דער צווייטער פון די סאסאנידען, שבור II (309—379); די יודען צוזאמען מיט די קריסטען זענען דעמאלט גערודפ'ט געווארען אלס אונגלויביגע, און נאר דער זכות פון קעניג'ס מוטער, איפרא הורמיז, וועלכע איז געווען פריינדליך געשטימט צום יודענטום, האט געשיצט די בבלי'שע יודען פון די שווערע גזירות, וואס די דארטיגע קריסטען האבען געמוזט איבערטראגען צו

יענער צײַט. רבה אַלײן איז בעשולדיגט געוואָרען אין דעם, אז ער רעדט אָב זײַנע תּלמידים פון צאָהלען שטײַערן, און ווען מ'האָט איהם געגעבען צו וויסען, אז אַ שליח פון דער רעגירונג געהט איהם פאַנגען, איז ער אנטלאָפען און זיך בעהאַלטען אין די וועלדער ארום שטאָדט. אײַנמאָל האָט ער דערהערט אַ שטאַרקען געריוש פון טריט צווישען די בוימער, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ מחנה חילות, וואָס געהט איהם זוכען, און איז פון שרעק געשטאָרבען. דאַן — דערצעהלט די פאָלקס-לעגענדע — איז אַ צעטעל אראָבגעפאַלען פון הימעל, אויף וועלכען ס'איז געווען געשריבען: רבה בר נחמני איז פערבעטען געוואָרען אין דער ישיבה של מעלה (ישיבה פון אויבען, פון גאָט), און ווען די תּלמידים פון זײַן ישיבה זענען געקומען אין וואַלד, האָבען זײַ געפונען זײַן קערפּער פערהילט און בעשאָטענט פון אַ גאַנ-צער מחנה פויגעל. ווי ס'שײַנט, האָט די בעשולדיגונג געגען רבה'ן מעהר קײַנע אנדערע שלעכטע פאָלגען נישט געהאַט פאַר'ן פאָלק, און דעם קעניג'ס מוטער האָט גלײַך נאָכדעם אַרײַנגעשיקט דעם ריש מתיבתּא אַ גרויסע סומע געלד, ער זאָל עס פערווענדען אויף אַ דבר שבצדקה *).

רבה'ס נאָכפאָלגער אין דער ישיבה איז געווען זײַן פרײַנד רב יוסף (געב. 270, געשט. 333), אַ מענש אַ קרענקליכער און אַ גרוי-סער כעסן. רב יוסף איז געווען אַ אויסנאַהם אין דער ישיבה דערמיט, וואָס ער האָט נישט געהאַלטען שטאַרק פון חריפות, און איז געווען בעריהמט נאָר אַלס „בקי אין משנות, בריתות און מסורות" (שמועות). אויסער זײַן הלכי'שען שטודיום אין דער ישיבה, האָט רב יוסף זיך בעשעפטיגט אויך מיט דער כאַלדעאישער איבערזעצונג פון די הײַליגע שריפטען. די תּורה און אײַנצעלנע טײַלען פון די נביאים צום געברויך פון די פאָרלעזונגען אין בית מדרש (הפטורה) זענען שוין, אײַגענטליך, לאַנג געווען איבערזעצט אין סיריש און כאַלדעאיש. די לעצטע, כאַל-דעאישע, איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרען לויט דער גריכישער איבערזעצונג פון דעם בעריהמטען עקילס, און האָט בעקומען דעם נאָמען תּרגום אונקלוס; די יודען אין מעסאָפּאָטאַמיען, ווידער,

*) רב יוסף, דער ראש מתיבתּא, וואָס האָט בעקומען די דאָזיגע קעניג-ליכע נדבה, האָט זי פערווענדט, אויסצולייזען געפאַנגענע (פדיון שבוים).

וואָס האָבען געערדט סירִיש, דאָבען געהאַט די סירִישע איבערזעצונגען וואָס האָבען געהייסען „פשיטא". דער גרעסטער טייל פון די נביאים איז אָבער געבליבען נישט איבערזעצט, און רב יוסף איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם חסרון ממלא געווען.

נאָך רב יוסף'ס טויט האָט זיך דאָס קאָלעגיום פון דער ישיבה געפונען אין א גרויסער פערלעגענהייט, ווייל עס זענען געווען גאַנצע פיער קאַנדידאַטען אויף צו פערנעהמען דעם פּאָסטען, און דאָס קאָלעגיום האָט זיך נישט געקענט בעשליסען, וועמען פון די פיער אויסצוּוועהלען. די פיער זענען געווען: אביי, רבא, רבי זירא (זעירא II און רבה בר מתנה, און ס'איז געבליבען צו אָרגאַניזירען א קאָנקורס: עס וועט פאָרגעלעגט ווערען די פיער קאַנדידאַטען זעהר א הארבע שאלה, און אַלע וועלן אָבגעבען זייערע שטימען דעם פון זיי, וואָס וועט געבען די בעסטע תשובה. פון דעם טורניר איז אביי ארויס דער זיגער: זיין תשובה האָט קיינער נישט געקענט אָבפרעגען, און ער איז בעשטימט געוואָרען פאַר א ריש מתיבתא

אביי, מיט'ן ביינאָמען נחמני (געב. 280; געשט. 338), איז אלס קינד נאָך געבליבען אָהן עלטערן און ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי רבה'ן אין שטוב. אין כאַראַקטער נאָכגיביג און ווייך, איז אביי געווען שטאַרק בעליעבט ביי יודען, ווי ביי די געצענדיענער, און זיין ליעבלינגס-שפּרוך איז געווען: „שטענדיג זאָל דער מענש זיין קלוג אין זיין גאָטספאָרכטיגקייט; ווייך ענטפערן און שטילען דעם כעס, האַלטען שלום צווישען זיינע ברידער, זיינע קרובים און אַלע מענשען אפילו א גוי אין גאַס, כדי ער זאָל זיין בעליעבט אויבען און געאַכטעט אונטען און אָנגענומען ביי מענשען". נישט קוקענדיג אָבער אויף זיין גרויסקייט אין מדות און אויף זיין שאַרפזיניגקייט אין דעם שטודיום פון דער הלכה, האָט ער פון דעסטוועגען נישט צוגעצויגען אין זיין ישיבה קיין סך תלמידים; דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זיין נאָהנטסטער חבר רבא האָט זיך פון איהם אָבגעטיילט און געגרינדעט א בעזונדער ישיבה אין מחוזא (ביים טייך חדקל), וואוהין עס האָבען זיך איבערגעקליבען מאַסען תלמידים פון פומבדיתא. פאַר'ן צענטר פון דער הלכה האָט זיך אָבער דערווייל נאָך אַלץ גערעכענט פומבדיתא; ערשט נאָך אביי'ס טויט, איז רבא איינשטימיג אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר א ריש מתיבתא, און דער צענטר האָט זיך איבערגעטראָגען קיין מחוזא.

רבא בר-יוסף בר חמא (געב. 299, געשט. 352) פון

מחוזא איז געוועזן רייך, שארפזיניג און גרעסער פון אלע זיינע צייטגענאסען אין הלכה, דאגעגען האט ער אבער געהאט א סך שוואכע זייטען אין מדות און מוסר, וואס האבען איהם געשטעלט נידריגער פון די חברים־אמוראים. א בעזונדער שלעכטען איינדריק האט געמאכט זיין אונגעוועהנליכע גאוה, און ער אליין האט זיך געקלאגט: „דריי זאכען האב איך געבעטען ביי גאט, האט ער מיר צוויי געגעבען און די דריטע נישט. איך האב געבעטען רב הונא׳ם חכמה און רב חסדא׳ס עשירות — האט ער דאס מיר געגעבען; נאר מיין תפילה, איך זאל זיין אזוי עניוות׳דיג און בעשיידען, ווי רבה בר רב הונא — איז נישט אנגענומען געווארען". אויסער זיין פערזענליכען נישט סימפאטישען כאראקטער, האט ער געהאט אויך די שוואכקייטען פון אלע זיינע שטאדט־לייט, און נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס זיי האבען געהאט זעהר א שלעכטען שם אין גאנצען לאנד, האט ער זיך שטענדיג געשטעלט אויף זייער זייט און געזוכט, זיך צו ערוועבען זייער ליעבע.

אין אנהויב — דערצעהלט רבא אין איין ארט — האב איך געגלויבט, אז די מחוזא־לייט וועלן מיך אלע ליעב האבען; דערנאך, ווערנדיג א שופט, האב איך געזאגט: אנדערע פון זיי וועלן מיך ליעב האבען, און אנדערע — האסען. ווען איך האב זיי אבער געוויזען, אז דעם, וואס איך פעראורטייל היינט בעפריי איך מארגען, — האב איך געזאגט: אויב ליעב האבען וועלן מיך אלע ליעב האבען, און אויב האסען — וועלן אלע האסען". דאס דאזיגע יאגען זיך נאך דער צונייגונג פון המון איז שטארק נישט געפעלן געווארען רבא׳ס חברים, און אביי האט אפען ערקלערט, אז אויב א צורבא מרבנן (געזעצלעהרער, געלעהרטער) איז זעהר בעליעבט ביי זיינע שטאדט־לייט, איז עס נישט דערפאר, וואס ער איז בעסער פון אנדערע, נאר דערפאר, וואס ער שטראפט זיי וועניג פאר זייערע פערברעכענס".

אנ׳אנדער סכסוך איז פארגעקומען צווישען רבא׳ן און זיינע חברים איבער א מעהר וויכטיגער פראגע. די איינוואוינער פון מחוזא האבען, ווי ס׳איז שוין בעמערקט געוועזען אין א פריהערדיגען קאפיטעל, געשטאמט פון גרים, און די מעהר מיוחס׳דיגע פאמיליעס האבען זיך נישט געוואלט מיט זיי מתחתן זיין. די מחוזא׳נער איז דעריבער שווער געוועזען צו קריגען יודישע פרויען פאר זייערע קינדער, און ווען זיי האבען זיך געקלאגט וועגען דעם פאר רבי זירא׳ן, האט ער געדרשע׳נט פאר זיי, אז א „גר מעג נעהמען א ממזרת". די

דאָזיגע ערלויבניש, וועלכע האָט אוועקגעשטעלט דער גאַנצער בעפעלקערונג פון מחוזא אויף א ניעדריגער מדרגה און איהר מתיר געווען אזוינס, וואָס איז אלע יודען פערבאָטען, — האָט שטאַרק בעליידיגט די צוהערער, און זיי האָבען געוואָלט רבי זירא'ן פערוואַרפען — דאָס איז געווען אום סוכות — מיט זייערע אתרוגים. דאַן האָט רבא זיך אנגענומען פאַר די בעליידיגטע, און אַרויסטרעטענדיג שאַרף געגען רבי זירא'ן האָט ער זיך אוועקגעשטעלט און געדרשה'נט, אז „א גר מעג נעהמען א בת כהן", פאַרוואָס די מחוזא'ענער האָבען איהם בעגייסטערט געדאַנקט.

די שוואַכקייטען פון זיינע שטאָדט־לייט האָט רבא אַרויסגעוויזען אויך בנוגע צו געלד־ענינים, און גאַנץ אָפט האָט ער זיך אפילו ערלויבט צו פערשקלאַפען די אָרימע יודען, וואָס האָבען זיך מיט עפּעס פערזינדיגט געגען דער תורה. בכלל בעמערקט זיך ביי די בבלישע יודען פון יענער צייט א געוויסע ירידה אין די הינזיכטען פון זיטליכקייט, יושר און יודישער בעשיידענהייט; די אַריסטאָקראַטיע איז געווען פערזונקען אין לוקסוס און פּראַכט, און געזעצלעהרער פלעגען אַרויסגעהן אויסגעפּוצט אין טייערע זיידענע קליידער, אָדער געטראָגען ווערן פון שקלאַפען (אָפט יודען) אין פערגאָלדעטע הימעל־בעטען. עס האָט זיך דאַן אויך אויסגעבילדעט די אמאָליגע פּאַלעסטינישע פעראַכטונג צום עם הארצי'שען המון, און ס'איז ענטשטאַנען ווי א מין בעזונדער אַריסטאָקראַטען־קאַסטע פון תלמידי חכמים, וואָס האָבען געגענזייטיג געשיצט די אייגענע אינטערעסען אויפן חשבון פון געמיינעם פאָלק. רבא אליין האָט זיך מודה געווען, אז ווען עס קומט פאַר איהם זיך משפּט'ען א צורבא מרבנן מיט א המוני'שען יודען, געהט ער נישט שלאָפען פריהער, ביז ער געפינט נישט אויס עפּעס א זכות פאַר דעם ערשטען; ביי יעדען שופט איבערהויפּט האָט דער פּראָצעס פון א תלמיד חכם געמוזט בעטראַכט ווערן פריהער; האָט א מיטגליעד פון דער קאַסטע געבראַכט אין מאַרק סחורה צו פערקויפען, האָבען אלע איבריגע סוחרים געמוזט אָבטרעטען און לאָזען איהם פערקויפען די סחורה צו די פּרייזען, וואָס ער האָט זיך געשטעלט; פון א סך שטאָדטישע אָבצאָהלונגען האָבען זיך די געזעצלעהרער־פּאַטריציער בעפרייט, און רבא איז זאָגאַר פערגאַנגען אזוי וויט אין זיין זאָרג פאַר די אינטערעסען פון דער קאַסטע, אז ער האָט ערלויבט די חברים, זיך אנצו־

געבען פאר אנהענגער פון דעם פייער־קולט, כדי זיי זאלען נישט דארפען צאהלען דעם קאפ־שטייער.

אט די אלע פריווילעגיעס אינ׳ם אלטעגליכען לעבען, וואס די געזעצלעהרער האבען זיך גענומען, האבען ארויסגערופען אין פאלק א טיפע פערביטערטקייט געגען דער אקאדעמישער אריסטאקראטיע. די פאלקס־מאסען האבען אנגעהויבען רעדען מיט א חוזק־טאן פון „די דאזיגע רבנן", און אנדערע פלעגען אפען טענה׳ן: „וואס האבען מיר פון די רבנן? זיי לערנען פאר זיך, זיי לייענען פאר זיך (פאר זייערע אייגענע נוצען)"; אדער: „וואס האבען מיר פון די רבנן? זיי האבען נאך קיינמאל נישט מתיר געווען קיין קראה און נישט גע׳אסר׳ט קיין טויב", ד. ה., אז מיט אלע זייערע פשט׳לעך און פלפולים זענען זיי דאך נישט אימשטאנד עפעס אויפצוטאן געגען דעם, וואס שטעהט אין דער תורה און געגען די בּיזהעריגע מסורות פון פאלק.

נאך דעם אלעמען האט זיך דאס שטודיום פון דער הלכה דאך זעהר פערשטארקט אין יענער צייט און פון אלע עקען לאנד זענען אנגעקומען תלמידים אין רבא׳ס ישיבה. צווישען די דאזיגע תלמידים האבען זיך געפונען א סך, וואס האבען איבערן לערנען פערנאכלעסיגט זייערע וועלטליכע בעשעפטיגונגען, און רבא האט זיי געמוסר׳ט: „איך בעט אייך, קומט נישט צו מיר אין די חדשים פון פריהלינג און הערבסט, ווען איהר פערזוימט די צייט פון שניידען (די תבואה) און זאמלען (די טרויבען), און מוזט דערנאך דעם גאנצען יאהר פערנומען זיין מיט דאגות פרנסה".

רבא׳ס דרשות אין דער ישיבה זענען געווען מעהר בעליעבט פון אביי׳ס; דאס איז געווען דערפאר, וואס זיי האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א גלייכען, לויטערען פערשטאנד און מיט זעהר א אידעלער שארפקייט ביים אונטערשיידען איין זאך פון דער אנדערער.

דער גאנצער תלמוד איינענטליך: דער אוצר פון אנציהענד־שארפזיניגע שאלות, תשובות, פערגלייכונגען און אונטערשיידונגען; דער הויכער געדאנקען־פליה, וואס שטיצט זיך אויף איין פונקט און האפט בליצשנעל ארום א גאנצען לייטער פון אלץ נייע שלוספאלגערונגען און הלכות; די אונגעוועהנליכע דיאלעקטישע פארם, — אט דער גאנצער ריעזיגער בנין איז א פראדוקט פון דער צייט, און תלמודיסטען אים

איינגענטליכען זין פון דעם ווארט, ד. ה. געזעצפארשער-דיאלעקטיקער זענען געווען נאר די דריי: רבה, אביי און רבא.

אלס געזעצלעהרער האט זיך רבא אין זיין צייט גערעכענט פאר דעם איינציגען אויטאריטעט נישט בלויז אין בבל. ער פלעגט זיך נישט אבשטעלן אפילו פאר א כפירוש'ער משנה אדער ברייתא, און דארט, וואו די לעגטע איז געווען געגען זיין לאגישער סברא, האט ער זיך געהאלטען ביי דער סברא.

נישט זעהר געהויבען איז געווען אין יענער צייט די פאליטישע לאגע פון די בבלי'שע יודען. אויפן פערסישען טראן איז נאך אלץ געזעסען דער זעלביגער שבור II, און די יודען אין דער מלוכה האבען פון איהם אויף אזוי פיעל געליטען, אז רבא האט געמוזט אלע מאל אונטערקויפען די הויכע בעאמטע מיט גרויסע סומעס געלד. איינמאל האט זיך זאגאר געמאכט, אז ער, רבא, אליין איז געשטאנען אין געפאהר; דאס איז געווען נאלדעם, ווי ער האט געלאזען הארט בעשטראפען א יודען פאר אויסגעלאסענקייטען מיט א פערסישער גאסען-פרוי, און דער פעראורטיילטער איז פון דער שטראף געשטארבען. פון דעם פאקט האט זיך דער קעניג דערוואוסט, און רבא'ן איז פאר-געשטאנען זעהר א הארבער משפט פאר'ן איבערטרעטען די גרעניצען פון זיין מאכט; דעם קעניגס מוטער האט אבער אבגעווענדט די שטראף פון דעם יודישען ריש-מתיבתא. זי זאל דערביי, לויט דער לעגענדע, האבען געזאגט צום קעניג: „טשעפע דיך נישט מיט די יודען; זייער גאט טוט פאר זיי אלץ, וואס זיי בעטען איהם". פון דער זעלביגער יודענפריינדליכער קעניגין ווערט דערצעהלט, אז זי האט, אויסער דער גרויסער נדבה רב יוסף'ן (זעה ז. 209) ארייגעשיקט אויך רבא'ן פיער הונדערט דינרים, וועלכע ער האט צוטיילט צווישען די געצענ-דינערישע ארימע לייט פון שטאדט; לויט נאך א לעגענדע זאל זי זאגאר האבען ארייגעשיקט איינמאל דעם ריש מתיבתא א קרבן פאר דעם „איינציגען גאט", וואס זאל געאפפערט ווערן לויט די יודישע געזעצען.

מיט רבא'ס טויט (352) פאלט די בעדייטונג פון מחוזא און פומבדיתא הויבט צוריק אן שפיעלען די ראליע פון א גייסטיגען צענטר פאר'ן גאנצען לאנד; דאס איז שוין אבער נישט געווען דער גלאנץ פון די פריהערדיגע צייטען. די גאונות פון בבלי'שען יודענטום האט זיך אזוי ווי אויסגעשעפט, און קיין איינציגער פון רבא'ס נאכפאלגער

איז נישט אימשטאנד געווען זיין פלאץ אויסצופילען. די ישיבה אין פומבדיתא האט ווייטער עקסיסטירט און נאך א סך יאהרען צונעצויגען מאסען תלמידים; די פיהרער פון דער ישיבה זענען שוין אבער איצט כסדר געווען מיטעלמעסיגקייטען, וועלכע האבען גאנץ וועניג בערייכערט דעם איבערגענומענעם מאטעריאל, און איהם בלויז געפפלעגט און דערהאלטען.

צעהנטעס קאַפּיטעל

די וויטערדיגע רוימישע מלכים און די ירידה
פון פּאַטריאַרכאַט

אַ ליכטיגער שטראַהל האָט פאַר יהודה אַ שײַן געטאָן אויף אַ קורצער צײַט מיט דער הערשאַפט פון יוליאַן אַפּאָסטאַט. אַ ברודער פון דעם בעריהמטען גאַלוס און אַ נאָהנטער קרוב פון קאָנסטאַנציוס׳ן אַליין, איז יוליאַן דאָך נישט גלײַך געווען נישט צו גאַלוס׳ן און נישט צו קאָנסטאַנציוס׳ן, און נאָר דורך אַ וואונדער האָט ער בעוויזען צו ווערן פריהער מיט-קייזער און דערנאָך זעלבסט-הערשענדער קייזער פון דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. דאַן האָט יוליאַן גענומען אויף זיך, דורכצופיהרען אין לעבען די פילאָזאָפישע אידעען פון זײַנע יוגענד-לעהרער ליבאַניוס און מאַקסימוס.

דער סך הכל פון די אידעען איז געווען פאָלגענדער: די אונטער-דריקטע פון אַלע סעקטעס און נאַציאָנען מוזען בעפרײַט און געשיצט ווערן, פון די אונטערטאַנען דאַרף אַראָבגענומען ווערן די לאַסט פון שווערע שטײַערן, דאָס הײַדענטום דאַרף צוריק אויפלעבען, נאָר דערבײַ דאַרף עס געריינטגט ווערן פון אַלע נאַרישע אַבערגלויבענס און מאוס׳ע מעשים, וואָס האָבען עס פערמאוס׳ט, און ענדליך: דאָס קריסטענטום דאַרף צוריק אַרײַנגעהן אין די ראַהמען פון אַ געדולדעטען גלויבען. די קריסטליכע גדולים, וועלכע זענען שוין צו-געוועהנט געווען צו דער ראָליע פון הערשער און בעפעהלער, האָבען

זיך שטארק דערשראָקען פאר די נייע איינפיהרונגען פון דעם פילאָזאָפיש-הומאַניסטישען קייזער און איהם געקרוינט מיט'ן שאנד-נאָמען אפּאָסטאַט (אָבטריניגער, אָבגעקעהרטער פון רעכטען וועג); יוליאן האָט זיך אָבער פאר קיין זאך נישט אָבגעשטעלט. ער האָט גלייך נאָך זיין טרויפשטייגען אויף דעם רוימישען טראָן אָבגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס פון קריסטענטום און פערבאָטען יעדען אַקט פון געוואַלט געגען וועמען ס'איז פאר זיין גלויבען. מיט דעם עדיקט זענען שוין ממילא אָבגעפאַלען אַ סך פון די פריהערדיגע ערניעדריגענדע גזירות געגען יודענטום, און דערביי אַליין האָט זיך יוליאן נאָך נישט אָבגעשטעלט. די יודען זענען באַלד נישט נאָר צוריק גלייכגעשטעלט געוואָרען אין זייערע רעכט מיט אַלע איבריגע טיילען פון דער בעפעלקערונג; זיי האָבען אין אַ סך הינזיכטען בעקומען זאָגאַר גרויסע פּריווילעגיעס. און יוליאן אַליין האָט זיך צו זיי בעצויגען מיט אַ בעזונדער הארציגער פריינדשאַפט. איהם האָט טיעף אויפגעבראַכט די פערביטערטע שנאה, מיט וועלכער דאָס קריסטענטום אונטער קאָנסטאַנציוס'עס הערשאַפט האָט בעהאַנדעלט דעם יודישען גלויבען און זיינע אַנהענגער, און זענענדיג אַליין שטאַרק געניויגט צום יודישען רעליגיעזען געדאַנק און צו די יודישע בעגריפען פון מאָראַל און מענשענליעבע, האָט ער געוואָלט אַזוי ווי אָבצאָהלען יודען פאר די אַלע ערניעדערונגען און דריקונגען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויסצושטעהן אונטער דעם פריהערדיגען רעזשים.

אַ בעזונדער ליעבע האָט יוליאנוס געפיהלט צו דעם קולט פון קרבנות, און אין דער הינזיכט איז איהם דאָס יודענטום אויך שטאַרק געפעלען. „אמת, — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע ווערק — די יודען האָבען איצט אויפגעהערט מקריב צו זיין קרבנות און צו גיסען נסכים; דאָס האָבען זיי אָבער געטאָן נישט פון זייער אייגענעם ווילען, נאָר דערפאַר, ווייל די רוימער האָבען חרוב געמאַכט זייער בית המקדש. און דאָך זענען זיי נאָך ביז היינטיגען טאָג מקריב אַ קרבן צו זייער גאָט — חאָטש נישט מיט אַזאַ פּרעכטיגקייט און הייליגער פייערליכקייט, ווי אַמאָל, — דען זיי עסען זייער ברויט אין הייליגקייט (היטען אָב די געזעצען פון טומאה וטהרה) און דאָס דאַווענען איז ביי זיי אויך אַנשטאָט קרבנות און פון יעדער געקוילעטער בהמה גיבען זיי אוועק געוויסע טיילען די קינדער פון אהרן הכהן".

צו די דאָזיגע פּערזענליכע סימפּאַטיעס איז צוגעקומען אויך אַ פּאָליטישער מאָטיוו; יוליאנוס האָט זיך שוין דאַן טראָגעטראָגען מיט'ן

פּעראַנק, צו בעזיעגען די פּערסיאַנער, און ער האָט געוואָלט צוציהען אויף זיין זייט די בבלי׳שע יודען, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ גאַנץ בעדייטענדע ראָליע אין דעם פּערסישען מלוכה־לעבען.

איבער דעם אַלעמען האָט יוליאַנוס אַרויסגעוויזען יודען אַלערליי חסדים, אין די צוויי יאָהר פון זיין הערשען קענען גערעכענט ווערען פאַר אַ גליקליכען פּעריאָד אינ׳ם לעבען פון די רוימיש־פּאַלעסטינישע יודען. מיט׳ן פּאַטריאַרך פון יענער צייט, הלל II, איז דער קייזער געשטאַנען אין אַ בריעפליכען פערקעהר, און אין איינעם פון די דאָזיגע בריעף צו זיין „עהרווירדיגען פריינד", דעם נשיא, האָט איהם יוליאַנוס פערזיכערט אין זיין גוט־געניגטקייט צו יודען און צוגעזאָגט, מבטל צו זיין אַלע אויסנאַהמס־געזעצען, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען געגען זיי אין די פריהערדיגע צייטען. אַזעלכע עפענטליכע בריעף צו דעם יודישען פּאַטריאַרך האָבען, ערשטענס, שטאַרק אויפגעהויבען דעם געפאַלענעם פּרעסטיזש פון דער יודישער אומה אין די אויגען פון די אַרומיגע פעלקער, און חוץ דעם, זענען יודען מיט דער צייט ווירקליך בעפרייט געוואָרען פון אַ סך שווערע גזירות און שטייערן.

דאָס אַלץ איז נאָך אָבער גאָרניִשט געווען אים פערגלייך מיט דער גרויסער בשורה, וואָס יוליאַנוס האָט אָנגעזאָגט דעם יודישען פאָלק, — די בשורה, אַז ער וויל אויף זיינע אייגענע קאָסטען אויפבויען צוריק דעם בית המקדש אין ירושלים, וואו עס זאָל ווידער, ווי אַמאָל, געפייערט און געאָפּפערט ווערען דער נאָמען פון דעם גרויסען איינציגען יודישען גאָט. וועגען דעם פּלאַן האָט ער אין הערבסט פון יאָהר 362 פונאַנדערגעשיקט (פון אַנטיוכיא) דעם פאָלגענדען גריכישען בריעף:

„צו די יודישע קהלות!

נאָך פיעל שווערער פון דער אָבהענגיגקייט אין דער פערגאַנגענער צייט, איז געווען פאַר אייך דאָס, וואָס מ׳האָט אויף אייך אַרויפגעלעגט נייע שטייערן, אייך גאָרניִשט אָנזאָגענדיג פריהער וועגען דעם, און איהר האָט געמוזט אַריינטראָגען אונצעהליגע מענגעס גאָלד אינ׳ם אוצר המלוכה. אַ סך האָב איך אַליין געזעהן, און נאָך מעהר בין איך געוואָהר געוואָרען, ווען איך האָב געפונען די שטייערן־ליסטע, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט צו אייער שאָדען. איך אַליין האָב אָפּגעשאַפט איין אָבצאָהל, וואָס איז שוין געווען בעשטימט פאַר אייך אין דער צוקונפט, און אַראָבגענומען דערמיט פון אייך אַ בעליידיגונג. איך אַליין

האָב איבערגעגעבען דעם פײַער די שטײַער: ליסטע צו אײַער שאָדען, וואָס איך האָב געפונען אין מײַנע ארכיוען, כדי קײנער זאָל ניט קענען מעהר אײַך אָנרופען „גאָט־לעסטערער". אין דעם האָט מײַן ברודער, דער רוהם־ווירדיגער קאָנסטאַנציוס, נישט אַזוי פיעל שולד, ווי פיעל די באַרבאַרען לײַט'ן געדאַנק און גאָטלאָזע לײַט'ן געמיט, וועלכע האָבען ערפונדען אַזאַ אָבשאַצונג. איך אַלײן האָב זײ מיט דער אײגענער האַנד פערוואָרפען אין טיעפען אָבגרונד, כדי עס זאָל בײַ אונז אפילו קײן זכר נישט בלײַבען פון זײער אונטערגאַנג. —

װעלנדיג אײַך נאָך מעהר חסד בעווײַזען, האָב איך ערמוטיגט מײַן ברודער, דעם עהרווירדיגען פאַטריאַרך יולאָס (הלל), אויפצוהערען מאָהנען בײַ אײַך דעם אַזוי גערופענעם אַפּאָסטאָל־שטײַער, און קײנער זאָל אײַך מעהר נישט דריקען בײַ דער אויפמאָהנונג פון אַזעלכע שטײַערן, כדי איהר זאָלט אומעטום אין מײַן מלוכה זײַן פרײַ פון זאָרגען. דאַן, אַזוי געניסענדיג פון מנוחה, וועט איהר קענען שיקען פאַר מײַן מלוכה האַרציגע תפילות צום אַלמעכטיגען וועלט־בעשעפער, וועלכער האָט מיך געשטיצט מיט זײַן רײַנער רעכטער האַנד; דען עס איז שוין אַזוי, אַז די יעניגע, וואָס לעבען אין קימער און זאָרג, זענען פויל אין גײַסט און פועל'ן נישט בײַ זיך, אויפצוהויבען די האַנד אין אַ תפילה צום בורא עולם; די יעניגע אָבער, וואָס האָבען קײנע זאָרגען נישט און פרעהען זיך מיט דער גאַנצער נשמה, קענען גיכער און אײניגער אויסגיעסען זײער האַרץ אין אַ תפילה פאַרן גליק פון דער מלוכה צו דעם אַלערהעכסטען גאָט, וועלכער קען אַמבעסטען מיטווירקען די גליקליכע בענײַאונג פון מײַן מלוכה, ווי איך האָב זי מיר אָנגעצײַכענט. — דאָס זאָלט איהר טאָן, דאַן וועל איך, ענדיגענדיג גליקליך דעם קריעג מיט די פערסיאַנער, בעזוכען די הײליגע שטאָדט ירושלים, וועלכע וועט אויף מײַנע אײגענע קאָסטען בענײַט ווערען (אין דער געשטאַלט), אין וועלכער איהר ווינשט זיך זי צו זעהען שוין אַזוי פיעל יאָהרען; דאָרט וועל איך צוזאַמען מיט אײַך אָבגעבען עהרע דעם אַלמעכטיגען".

דער בריעף האָט, ווי מ'קען זיך פאָרשטעלען, געמאַכט אַ שטאַרקען רושם אין דער יודישער וועלט, און די אגדה האָט אויף יוליאַנוס'ען געלײַענט די נבואה פון דניאל'ן: ובהכשלם יעזרו עזר מעט (און ווען זײ וועלען געשטרויכעלט ווערען, וועט אויף זײ אַ לײַכטע הילף קומען), ד. ה., אַז נאָך די דריקונגען און רדיפות פון די קיסרים

קאנסטאנציוס און גאלוס, וועלן זיי געהאלפען ווערן דורך דעם קיסר יוליאנוס.

און די הילף האט זיך ווירקליך אנגעהויבען צו בעווייזען. יוליאנוס האט זיך גאנץ ערנסט בעצויגען צו זיין הבטחה, און חאטש ער איז געווען שטארק בעשעפטיגט מיט די הכנות צו דער מלחמה מיט די פערסיאנער, האט ער דאך נישט אבגעלעגט דעם פלאן פון רעסטוירירען ירושלים מיט'ן בית המקדש. ער האט בעשטימט זיין נאהענטען פריינד, דעם געלעהרטען אליפיוס פון אנטיוכיא, פארן אויבער-אויפזעהער פון דער גאנצער אונטערנעהמונג, און איהם אנגעזאגט זאגאר, ער זאל זיך נישט אבשטעלן פאר קיינע אויסגאבען און זעהן נאר, אז די ארבייט זאל ארויסקומען וואס שענער און פאלקאמענער. אליפיוס'ען צו הילף זענען בעשטימט געווארען די רוימישע פערוואלטער פון סיריען און פאלעסטינא, וועלכע האבען בעקומען א בעפעהל, צו שטיצען די ארבייט מיט אלעם נויטיגען; און ווען אלע פארבערייטונגען זענען געענדיגט געווען און בוי-מאטעריאל איז אין גרויסע מאסען שוין געלעגען גרייט, האבען די ארבייטער אנגעהויבען אבצורייניגען דעם פלאץ פון די חורבות, וואס זענען דארט געלעגען אנגעהויפט זינט דער דרייהונדערטיעהריגער צושטערונג פון בית המקדש.

און די יודען? ווי האבען זיי זיך בעצויגען צו דער אונערווארטעטער פערווירקליכונג פון זייער אלטען חלום? וועגען דעם איז שווער צו זאגען עטוואס פאזיטיוועס. די יודישע קוועלן פון יענער עפאכע פערשווייגען איינגאנצען יוליאנוס'עס אונטערנעהמונג און דערצעהלען וועגען דעם גארנישט; די שילדערונגען, ווידער, פון די שפעטערדיגע קריסטליכע היסטאריקער וועגען דאס לעבען און ווירקען פון דעם „אבטריניגען" קייזער — זענען זעהר טענדענציעז. לויט איינער פון די דאזיגע קוועלן, האבען יודען פון די ווייטסטע לענדער געשיקט מאסען געלד פאר דער אויפבויאונג פון בית-המקדש און פרויען האבען זייערע ציערונגען אוועקגעשענקט און אליין געהאלפען טראגען שווערע שטיינער צו דער ארבייט. בכלל האט אבער דאס פאלק זיך בעצויגען צו דער זאך זעהר פארזיכטיג און מיט א געוויסען געפיהל פון אונצוטרוי. אינ'ם הונדערטיעהריגען חלום פון דער געפלאגטער אומה איז די צוריק-אויפבויאונג פון בית המקדש שטענדיג געווען פערבונדען מיט דער פארשטעלונג פון א משיח, פון א גאט-געזאלבטען בן דוד, וואס וועט וואונדער בעווייזען און אראבברענגען אויף דר'ערד די מלוכה פון

איינציגען גליק און איינציגער גערעכטיגקייט ; און דא זאל גאר די זאך געשעהען א דאנק דער פשוט'ער איניציאטיווע פון א געצענדיענערישען רוימישען קייזער! די גאנצע ארבייט איז דעריבער געטאן געווארן כמעט אהן דער ממשות'דיגער בעטהייליגונג פון די יודישע מאסען, און ס'איז גענוג געוועזען איין אונגליקס-צופאל ביי דער אבריייניגונג פון די חורבות, אום אבצושטעלן די גאנצע אונטערנעהמונג.

דער צופאל איז פארגעקומען אויף דעם פאלגענדען אופן: ווען מ'האט אבגערייניגט די אלטע חורבות פון בית המקדש און אנגעהויבען איינצוגראבען דעם פונדאמענט, האט זיך פלוצלינג ארויסגעריסען א פייער פון דער ערד און עטליכע פון די ארבייטער זענען פערברענט געווארן. די סבה פון אזא מין אויפרייס אין די אונטערערדישע הויהלען פון בית המקדש איז געוועזען, ווי ס'איז צו גלויבען, די שטארק צוזאמענגעפרעסטע לופט אין יענע מערות, וואס איז פלוצלינג בעפרייט געווארען פון דרוק און האט זיך פעראייניגט מיט די גאזען פון אויבען. ביי א בעגייסטערטען ווילען מצד די יודען, וואלט נאטירליך לייכט געפונען געווארען מיטלען, צו בעזייטיגען די אלע מעגליכע שטערונגען, אום צו קענען פארטזעצען די ארבייט. דא האט אבער די יודישע בעגייסטערונג אינגאנצען געפעהלט, און אליפיוס האט זיך ערלויבט אבצושטעלן די ארבייט ביז א ווייטערדיגער אינסטרוקציע פון יוליאנוס'ען. דער לעצטער האט, איבריגענס, חושד געווען די קריסטען, אז די גאנצע מעשה מיט'ן אויפרייס איז געשעהען נישט אהן זייער וויסען, און ער זאל זיי זאגאר — לויט די דערמאנטע קריסטליכע קוועלן — האבען געדראהעט, הארט צו בעשטראפען דערפאר, נאך זיין צוריקקומען פון דער מלחמה.

צום אונגליק פון דער יודישער אומה האט זיך אט די מלחמה מיט די פערסיאנער זעהר טרויעריג געענדיגט פאר יוליאנוס'ען, און דאס קריסטענטום האט ווידער אויפגעהויבען דעם קאפ. יוליאנוס האט די גאנצע רוימישע מאכט קאנצענטרירט אין איין ארט און אנגענומען אלע מעגליכע מיטלען, צו בעזיעגען די פערסיאנער און צו פערשפרייטען די פליגעל פון דעם רוימישען אדלער איבערן אזיאטישען מזרח; און דאגעגען האט שבור מלכא II זיך אויך געשטעלט פאר א לעבענס-אויפגאבע, צו פערטרייבען די רוימער פון אזיע און צו בלייבען דארט דער איינציגער בעל-הבית.

אייראפא און אזיע האבען זיך ווידער אויפגעשטעלט מיט וואפען

אין די הענד איינע געגען דער צווייטער, און גראד זענען די ענטשיידענדע קריגס-אפעראציעס פארגעקומען אויף דער געביעט פונם יודישען בבל. פירוז-שבור, די פון יודען בעפעלקערטע בבלי'שע שטאדט, האט קאפיטולירט נאך א דריי-טאגיגער שווערער בעלאגערונג און איז אינגאנצען פערברענט געווארען; די פארשטאדט פון דער פעסטונג קטעסיפאן, מחוזא, האט געשטעלט די רויטער א פערביטערטען ווידערשטאנד און איז אויך חרוב געווארען; דא האט אבער יוליאנ'ען זיין גליק פערלאזען. ביי קטעסיפאן זענען די רוימער בעזיעגט געווארען, און יוליאנוס האט פערלוירען נישט בלויז די פרוכט פון זיינע פריהערדיגע נצחונות, נאר אויך זיין לעבען. איהם האט געטראפען א פייל, וואס א קריסט פון זיין אייגענער ארמעע זאל האבען אין איהם געציעלט, און די לעצטע ווערטער פון דעם גרויסען קייזער זענען געוועזען: „דו האסט געזיעגט, גליל'ער!"

די קריסטען האבען זיך, נאטירליך, געפרעהט מיט'ן טויט פון זייער פערביטערטען געגנער און געזעהן אין דעם א צייכען פון הימעל, ווי זיי האבען בכלל אויסגעטייטשט די נישט געלונגענע אונטערנעהמונגען פון דעם גייטטרייכען קייזער; דאגעגען האבען די יודען אין דער רוימישער אימפעריע שטארק בעדויערט דעם טויט פון זייער איבערגעגעבענעם פריינד, וואס האט זיי בעפרייט פונ'ם דרוק פון קריסטיענטום. זיי האבען געהאט א גרונד מורא צו האבען, אז די זיילען פון דער קירך וועלען איצט צוריק ווערן די הערשער פון לאנד און וועלען זיך ווידער נוקם זיין אין יודען פאר די צוויי יאהר פון זייער געוועלטיגען.

זין דער ווירקליכקייט איז דאס אזוי גיך נישט געשעהען. יוליאנ'ס נאכפאלגער, יאוויאן (פון יוני 363 ביז פעברואר 364), וועלכער איז געוועזען געצוואונגען, צו שליסען א שענדליכען שלום מיט דעם פערסישען זיגער, האט אין אלגעמיין געהערשט א צו קורצע צייט, אום צו קענען דורכפיהרען וועלכע ס'איז ענדערונגען אין די געזעצען פון לאנד, און יוליאנ'ס טאלעראנץ-עדיקט איז אויך ווייטער פערבליבען אין זיין קראפט. אין דער הינזיכט האט זיך די לאגע נישט געענדערט אויך אונטער דער הערשאפט פון די צוויי ברידער וואלענטיניאן I (375 — 364) און וואלענס (364 — 378); דער לעצטער, וועלכער האט בעהערשט דעם מזרח-טייל פון דער אימפעריע, איז געוועזען אנ'אריא-

נער *), און האָבענדיג אַליין צו פיהרען אַ הארטען קאַמפף מיט דער
שטאַרקער קאַטוילישער מעהרהייט, איז ער שוין ממילא נעהוען טאָלע-
ראַנט אויך צום יודענטום. אין דעם קאַמפף צווישען די קאַטאָליקען
און אריאַנער איז אַרייַנגעצויגען געוואָרען אויך דער קייזער פון די
מערב-פּראָווינצען, וואַלענטיניאַן I, און ער האָט זיך אויך געהאַלטען
ביי דעם פּרינציפּ פון פריעדען און טאָלעראַנץ. לויט זיינע עדיקטען
האָט יעדער בירגער פון לאַנד זיך געמעגט אויסוועהלען דעם גלויבען,
וואָס איז איהם געפעלן (371), און די יודישע רעליגיאָנס-אַנשטאַלטען
האָבען בעקומען די זעלבינע הנחות, וואָס די קריסטליכע.

פערטיידיגט יודען געגען די געפּלאַנטע רדיפות פון דער קירך
האָט אויך טעאָדאָסיוס I דער גרויסער (379 — 395),
נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אַריבער אויף דער זייט פון
קאַטאָליציזמוס און האָט שטאַרק גערודפ'ט די אַריאַנער. טעאָדאָסיוס
האָט זיך געשטיצט אויף דעם, וואָס די יודישע אמונה איז נישט פער-
באָטען געוועזען אין די געזעצען, און ער האָט בעפוילען, נישט צו
שטערן די יודען אין די פונקציעס פון זייער אמונה. ביי אַ צווייטען
פאַל, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דאָס רעכט פון פּאַטריאַרך,
אַרייַנצולעגען אין חרם געשמד'טע יודען, האָט טעאָדאָסיוס זיך אויך
געשטעלט אויף דער זייט פון פּאַטריאַרך; ער האָט אַרויסגעגעבען אַ
ספּעציעלען בעפעהל, וואָס האָט איבערגעלאָזען דעם פּאַטריאַרך און די
פּרימאַטען (קהלה-פאָרשטעהער) דאָס פולע רעכט, אויסצושליסען
פון דער קהלה די, וואָס זיי געפינען פאַר נויטיג, און בכלל בעפעס-
טיגט די אויטאָריטעט פון פּאַטריאַרכאַט בנוגע צו די אינווענינסטע
אַנגעלעגענהייטען פון דעם יודישען לעבען.

טעאָדאָסיוס האָט זיך, ביים שיצען די יודישע רעכט, נישט
אָבגעשטעלט אפילו פאַר די שאַרפסטע מיטלען, און ווען דער פּאַט-
ריאַרך האָט זיך בעקלאָגט פאַר איהם אויף דעם קאָנסולאַר העזיכ-
יוס, אַז ער האָט ביי איהם אוועקגערויבט זעהר וויכטיגע פּאַפּיערען,
האָט ער דעם אָנגעקלאָגטען פערמשפּט צום טויט; אָט די אַלע קייזער-
ליכע בעפעהלען האָבען אָבער געהאַט נאָר אַ קליינע בעדייטונג אַנטקעגען

*) דאָס איז געוועזען אַ קריסטליכע סעקטע, וואָס איז געשטאַנען נעהנטער צו
די דאָגמען פון יודענטום, ווי צו די גלויבענס-סימבאָלען פון קאַטאָליציזום.

געגען דער סיסטעמאטישער אַגיטאַציע פֿון די פֿאַנאַטישע קירכען-לעהרער, וועלכע האָבען אויפגעוועקט בײַ די קריסטליכע מאַסען אַ גיפטיגע שנאה צו די אַריאַנער, ווי צום יודענטום. געגען דעם דאָזיגען רעליגיעזען פֿאַנאַטיזם איז דאָס געזעץ כמעט אינגאַנצען מאַכטלאָז געווען, און די קריסטען זענען גאַנץ אָפט בעפֿאַלען יודען אין דער צײַט פֿון גאָטעס-דיענסט, האָבען חרוב געמאַכט יודישע שוהלען אָדער זיי פֿערוואַנדעלט אין קירכען, און אין אַלגעמײַן אָנגעטאָן יודען אַלערלײַ נגישות און צרות.

די הויפּט-פֿאַנאַטיקער פֿון יענער עפּאָכע, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער לײַדענשאַפטליכער שנאה צו יודען, זענען געווען יוחנן (יאָהאַנעס) כריזאָסטאָמאָס פֿון אַנטיוכיאַ און אַמבּראָזיוס פֿון מײַלאַנד.

דער ערשטער, כריזאָסטאָמאָס, האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ אויפֿגאַבע צו ערניעדריגען דאָס יודענטום מיט אַלע מעגליכע מיטלען און אויסצוואָרצלען פֿון די קריסטליכע הערצער די לעצטע שפּורען פֿון דער ליעבע און אַכטונג, וואָס זיי האָבען געפֿיהלט צו די יודישע זיטען און רעליגיעזע מנהגים. דער לײַדענשאַפטליכער יודענפֿײַנד האָט זיך נישט געקענט מוחל זײַן דעם פֿאַקט, וואָס די יודישע שוהלען זענען איבערפֿולט פֿון קריסטליכע מענער און פֿרויען; וואָס קריסטען געהען הערען שופר-בלאָזען אום ראש השנה, הערען זיך-צו צו דעם פֿײַערליכען גאָטעסדיענסט אום יום-כפור און בעטײַליגען זיך אין דער יודישער פֿרעהליכקײַט אום סוכות; וואָס קריסטען געהען זאָגאַר זיך משפט'ען געגען פֿאַר יודישע ריכטער, און ער האָט זיך גענומען צו שיטען פּעך און שוועבעל אויף יודען און זייער גלויבען. יעדע אײנציגע פֿון זײַנע פּרעדיגע דרשות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנטיוכיאַ איז געווען אַ מבול פֿון שענדליכע זידלערײַען געגען יודענטום, און אין זײַן שנאה איז ער דערגאַנגען ביז אַזוי ווײַט, אַז ער האָט געפֿונען פֿאַר נויטיג, צו וואָרענען זײַנע צוהערער פֿון די יודישע שוהלען, ווי פֿון „אויסגעלאַסענע טעאַטערן און רויבער-הויהלען".

נאָך מעהר גיפטיג און געפֿעהרליך איז געווען די יודענפֿײַנדשאַפֿט פֿון דעם פֿאַנאַטישען און צוגלײַך אויך וועלטליך-קלוגען בישאָף אַמבּראָזיוס. ווען די קריסטען אין רוים האָבען פֿערבּרענט אַ יודישע שוהל, און דער דעמאָלדיגער צײַטווײַליגער קײַזער (מאַקסימוס) האָט בעפֿוילען דעם סענאַט אָבצובויען די שוהל אויף די קאָסטען פֿון

שטאדט, — האט אמבראזיוס זיך געשטעלט דעם קייזער אנטקעגען און איהם אנגערופען: יוד. דאס זעלבע כמעט איז פארגעקומען מיט טעאדאסיוס'ען, וועלכער האט בעפוילען א געוויסען בישאף אין צפון־מעסאפאטאמיע צו לאזען אויפבויען צוריק די שוהל, וואס די דארטיגע פאנאטישע קריסטען האבען חרוב געמאכט; אמבראזיוס האט זיך גע־ווענדעט צום קייזער מיט אזעלכע שארפע דראהונגען, אז דער לעצטער איז געצוואונגען געווען, אבצורופען זיין בעפעהל צוריק.

טעאדאסיוס האט דאך נאך געפרובט שיצען די גערודפ'טע יודען, און ער האט ארויסגעגעבען א נייעם בעפעהל דעם קאמעס פון די מזרח־פראווינצען, ער זאל שטרענג בעשטראפען די קריסטען, וואס וועלען שטערן יודען אין זייער גאטעס־דיענסט אדער חרוב מאכען א יודישע שוהל (393). וואס פאר א ווערט האבען אבער געקענט האבען די אלע קייזערליכע בעפעהלען געגען דער שטימונג פון דער צייט, געגען דער אטמאספערע פון לאנד, וועלכע איז געווען אנגעזאפט מיט גיפטיגער שנאה צו יודען און אלעם יודישעם? די אכזריות'דיגע ווילד־קייט, וואס האט זיך ארייגעריסען אין לאנד צוזאמען מיט דעם שטראם פון די בארבארישע פעלקער, האט געווירקט אנשטעקענד אויך אויף דעם געביעט פון גלויבען: דער וואנדאליזם האט געהערשט אין דער קירך, ווי אין דער מלוכה־פיהרונג. —

אין זיינע לעצטע יאהרען האט זיך טעאדאסיוס אליין אויך אונטערגעווארפען דער השפעה פון דער דאזיגער יודענפיינדליכער אגיטאציע. דאן האט ער בענייט די אויסנאהמס־געזעצען געגען יודען, וואס זענען ארויסגעגעבען געווארען אין קאנסטאנציוס'עס צייטען. אזוי האט ער פון דאס ניי בעשטעטיגט דעם געזעץ, לויט וועלכען א יוד ווערט שטרענג בעשטראפט פאר מגייר זיין אדער העלפען מגייר זיין זיינעם א שקלאף, און אין דער זעלביגער צייט אויך אבגעשאפט די פריווילעגיעס פון די יודישע כלי קודש בנוגע צו די לעסטיגע שטאדטיגע ארבייטען.

צוזאמען מיט די דאזיגע אלע רדיפות געגען יודען, פאלט בכלל די בעדייטונג פון פאלעסטינא, אלס צענטר פון דעם יודישען לעבען. ארץ ישראל ווערט אלץ מעהר עוואנגעליש, מעהר קריסטליך־הייליג, און די אמאליגע ישיבות און בתי מדרשים ווערן כסדר ארומגערינגעלט פון (אדער פערוואנדעלט אין) קירכען און קריסטליכע הייליגקייטען. דער איינציגער ווינקעל, וואס איז נאך איבערגעבליעבען פאר דער

דאָס פערברענען פון יודישע ספרים

יודישער געזעצלעהרע אין פאלעסטינא, איז געוועז די ישיבה אין טבריה. דא בעמערקט זיך שוין אבער אויך א שטארקע ירידה, און אין א משך פון עטליכע דורות וואקסט נישט אוים פון דאנען קיין איין גרויסער גייסט, וואס זאל איבערלאזען נאך זיך א טיעפען שפור אין דער ענטוויקלונג פון יודענטום. די אמוראים פון דער צייט טוען שוין מעהר קיין זאך נישט-אויף אויף דעם געביעט פון דער הלכה — זיי קאמענטירען בלויז די משנות און האלטען זיך איינגאנצען ביי דער מסורה פון די אלטע. פון בבל האט מען זיך נאך אפילו געווענדעט קיין טבריה מיט צווייפעלהאפטע הלכות; דאס איז געוועזן דערפאר, וואס די געזעצלעהרער אין יהודה האבען דערהאלטען אין א מעהר ריינער געשטאלט די מסורות פון די אלטע אויטאריטעטען, אין דער צייט, ווען די אמוראים אויף יענער זייט פרת און חדקל האבען זיך מעהר גע׳פלפול׳ט און גע׳פשטל׳ט. מיט דער סיסטעמאטישער ירידה פון דעם אקאדעמישען לעבען אין פאלעסטינא זענען אבער אט די מסורות גופא אויך געשטאנען אין געפאהר פערגעסען צו ווערן, און דאס האט ארויסגערופען די נויטיגקייט פון צונויפזאמלען און פובליקירען דעם גאנצען הלכי׳שען מאטעריאל, וואס האט זיך אנגעזאמעלט אין די הונדערטער יאהרען, זינט עס זענען געשאפען געווארען די משנות. דאס זאל האבען געשעהן אין דער צווייטער העלפט פון IV-טען יאהר-הונדערט דורך א גאנצער רייהע אמוראים, פון וועלכע די בעקאנטסטע זענען ר׳ יוסי פון טבריה, זיין תלמיד ר׳ מנא און דעם לעצטענס א חבר ר׳ אבון (אדער ר׳ יוסי בר אבון). זיי האבען צונויפגענומען דעם גאנצען מאטעריאל פון אמורא׳ישע ערקלערונגען צו די רייד פון די תנאים (די משנות) און דאס פערעפענטליכט אונטער׳ן נאמען תלמוד ירושלמי; די דאזיגע ענציקלאפעדישע ארבייט איז געמאכט געווארען אהן א בעשטימטען סדר און בכלל מיט א סך בעדייטענדע פעהלערן, דעריבער האבען זיך די וויטערדיגע דורות בעצויגען צו דעם תלמוד מיט א געוויסער נאכלעסיגקייט, און צו אונז זענען דערגאנגען פון איהם נאר עטליכע טיילען.

פרוכטבארער ווי אויף דעם געביעט פון דער הלכה איז געוועזן אין יענער צייט די טעטיגקייט פון די פאלעסטינישע אגדי׳סטען. די געפלאגטע און געדרודפ׳טע יודישע מאסען האבען געלעכצט נאך טרייסט-ווערטער, נאך ווערטער פון האפנונג און ליעבע, און דאס האט זיי געגעבען די הארציגע אגדה. דאס דרשה׳נען פאר׳ן עולם איז געווארען

אַ בעדייטענדער טייל פון דער פאָלקס-ערציהונג, און אויך אַט די דרשות האָבען אָנגעהויבען אין יענער צייט געזאַמעלט צו ווערן פאַר די קומענדיגע דורות, אונטערן נאָמען מדרש.

דאָס איז דער סך הכל פון דער יודישער אַקאַדעמישער טעטיג־קייט אין פאַלעסטינא פאַר די ערשטע דורות פונ׳ם רוימישען קריסטענ־טום. ווי געזאָגט, איז די דאָזיגע טעטיגקייט געווען כמעט אינגאַנצען קאָנצענטרירט אין דער רעזידענץ פון פאַטריאַרכאַט, אין טבריה; פאַקטיש האָבען אָבער די פאַטריאַרכען זיך גאָרנישט בעטייליגט אין די אַלע אונטערנעהמונגען, און פון זייער טעטיגקייט איז בכלל קיין זכר נישט געבליבען אין דער געשיכטע. פון ר׳ גמליאל V, דעם נאָכפאָלגער פון הלל II, איז בעקאַנט נאָר זיין צוזאַמענשטויס מיט דעם קאָנסולאַר העזיכיוס איבער געוויסע פאַפירען, פאַרוואָס דער לעצטער איז פון קייזער טעאָדאָסיוס I פערמשפט געוואָרען צום טויט; דאַגעגען איז אַזוי גוט ווי גאָרנישט בעוואוסט פון ר׳ גמליאל׳ס נאָכ־פאָלגער: ר׳ יהודה IV און ר׳ גמליאל VI (דער לעצטער). דאָס זענען געווען שאָטען-קעניגען, אָפיציעלע פירשטען אָהן וועלכער ס׳איז פאַקטישער מאַכט. זיי האָבען נאָך אַלץ געטראָגען דעם טיטול „דורכלויכט“ און גענאָסען פון אַלע דערצו-געהעריגע זכיות, זיי האָבען אפילו נאָך געשיקט שלוחים אין אַלע קהלות פון דער דיאַספאָראַ צו זאַמלען די פרייוויליגע שטייערן פאַר׳ן „הויף“; זייער מאַכט איז אָבער וואָס ווייטער אַלץ מעהר בעגרענעצט געוואָרען, און צוזאַמען דערמיט איז די יודישע אויטאָנאָמיע אויך געוואָרען אַ בלויזער נאָמען אָהן אַ ממשות׳דיגען אינהאַלט.

עלפטעס קאפיטעל

דער אונטערגאנג פון פאטריארכאט

מיט דער ענדע פון IV-טען יאהר הונדערט קומט פאר א פרויסע איבערקעהרעניש אינ'ם לעבען פון דער רוימישער מלוכה. די וועלט-אימפעריע צופאלט און עס ענטשטעהען צוויי זעלבסטשטענדיגע מלוכות: די פון מזרח און די פון מערב אדער די ביזאנטינישע (קאנסטאנטינאפאל) און די איטאליענישע (רוים). די יודען פון דער פריהערדיגער אימפעריע זענען איצט אלזא ארונטערגעפאלען אונטער צוויי בעזונדערע רעזשימען מיט בעזונדערע מושלים: דער גורל פון סיריען, פאלעסטינא און עגיפטען איז פון איצט אן געלעגען אין די הענד פון די ביזאנטינער, און די איבריגע יודישע קהלות זענען, ווי פריהער, געבליבען אבהענגיג פון רוים; די נייע ארדנונג האט אבער יודען בכלל וועניג גליק געבראכט.

דער ערשטער ביזאנטינישער שאטען-קעניג ארקאדיוס (895—408) אדער, ריכטיגער, זיינע אלמעכטיגע יועצים רופיניוס און עוטראפיוס זענען נאך געווען אין א געוויסער מאס גינסטיג געשטימט צו יודען. רופיניוס האט ליעב געהאט געלד, און אזוי ווי יודען האבען שוין פון לאנג זיך געהאט איבערצייגט אין דער צויבער-קראפט פון דער מטבע און פערשטאנען ווי אזוי זיך מיט איהר צו בענוצען, האט ער ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע געזעצען פון זייער טובה וועגען. איין געזעץ (296) האט בעשטימט, אז די יודישע זעלבסט-שטענדיגקייט בלייבט אונבעריהרט, און דער, וואס וועט שטערן מיט

וואס ס'איז די יודען אין זייערע אינווענינגסטע ענינים, וועט הערט בעשטראפט ווערן. אנ'אנדער בעפעהל האט בעשיצט די „דורכלויכטען פאטריארכען" פון זידלערייען, און ווען דער המון אין איליריען האט חרוב געמאכט א יודישע שוהל, האט ארקאדיוס בעפויהלען אנצעווענדען ערנסטע מיטלען געגען דער פערברעכערישער מוטוויליגקייט (397). ארקאדיוס האט בענייט און בעשטעטיגט אויך קאנסטאנטינ'ס געזעץ, אז די פאטריארכען, ווי די יודישע כלי קודש בכלל, זענען פטור פון די שטאדטישע ארבייטען גלייך מיט די קריסטליכע גייסטליכע, און דאנעגען האט ער אין א קורצער צייט ארום פערבאטען יודען, זיך צו בענוצען מיט זייערע אייגענע בית דין'ס. לויט דעם בעפעהל האבען יודען מיט אלע זייערע שטרייטיגקייטען און אנגעלעגענהייטען — אפילו *רעליגיעזע* — זיך געמוזט ווענדען צו דער ארטיגער געריכטס-מאכט; נאר בדיעבד, ווען ביידע בעלי דינים האבען איבערגעגעבען זייער סכסוך א יודישען דריי-געריכט, האט דער אורטייל געהאט א יורידישע קראפט.

די יודען האבען אויף אזא אופן געפונען דערווייל אין דער רעגירונג א געוויסען שוץ געגען די רדיפות מצד דעם קריסטליכען המון; באלד האט זיך אבער די לאגע אין דער הינזיכט אינגאנצען געענדערט. דער נייער הערשער, *טעאדאסיוס* II, האט זיך אינגאנצען אונטערגעווארפען דעם איינפלוס פון די פאנאטישע גייסטליכע, און אלע פאקטישע אנפאלען אויף יודען און יודישע שוהלען זענען כמעט ווי סאנקציאנירט געווארען פון דער רעגירונג. דאס איז געווען דער אנהויב פון יענער שרעקליכער עפאכע אין דער יודישער און מענשליכער געשיכטע, וואס איז בעקאנט אונטערן נאמען *מיטעלאלטער*; דאס קריסטענטום איז געווארען *מעהר* ווי די הערשענדע אמונה פון לאנד, — עס איז געווארען די איינציג-בערעכטיגטע און איינציג-אמת'ע גלויבענספארם, וואס איז א *חוב* פאר אלע בירגער און *מוז* פון אלע אנערקענט ווערן, אזוי אז די, וואס זאגען זיך אב פון איהר, פערליערען דערפאר א גרויסען טייל פון זייערע בירגערליכע זכיות.

טעאדאסיוס האט פערבאטען יודען צו בויען נייע שוהלען — זיי האבען געמעגט בלויז רעמאנטירען זייערע אלטע שוהלען, און דאס אויך נאר דעמאלט, ווען זיי האבען שוין געהאלטען ביים איינפאלען. אנ'אנדער עדיקט האט פערבאטען יודען צו האלטען קריסטליכע שקלאפען, צו משפט'ען צווישען א יוד און א קריסט און אין אלגעמיין צו

פֿערנעהמען װעלכען ס'איז פּאָסטען אין דער געזעלשאַפֿט אָדער אין דער רעגיערונג.

מיט דער הערשאַפֿט פֿון טעאָדאָסיוס II איז פֿערבונדען אויך דער אונטערגאַנג פֿון פּאַטריאַרכאַט, נישט קוקענדיג אויף דעם, װאָס דער לעצטער פּאַטריאַרך, ר' גמליאל VI, איז געװען אַ גרויסער חשוב אינ'ם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער הויף און האָט אפילו בעקומען אױזעלבע אויסצייכנונגען, װאָס קיינער פֿון די לעצטע פּאַטריאַרכען האָט זיי נישט בעקומען. ער האָט געהאַט דעם טיטול פּרעפֿעקט מיט אַ עהרען־דיפּלאָם, און הגם דאָס האָט קיין פּאַקטישע מאַכט נישט געגעבען, האָט עס דאָך געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אין יענער צייט, אַלס אויסדריק פֿון דער קייזערליכער גוט־געניגטקייט; ר' גמליאל האָט דעריבער געקוקט אויף זיך, װי אויף אַ פּריװיליגירטען שיצלינג פֿון הויף, און ער האָט זיך ערלויבט איבערצוטרעטען די גרענעצען פֿון זיין מאַכט. ער האָט געלאָזען אויסבויען נייע שוהלען, האָט געדינט אַלס שופֿט צװישען יודען און קריסטען און איבערהויפּט עובר געװען אויף די קייזערליכע בעשטימונגען. דאָס איז ענדליך דערטראָגען געװאָרען צו טעאָדאָסיוס'ען, און ער האָט צוגענומען ביי ר' גמליאל'ן אַלע זיינע פּריװיליעגיעס, איבערלאָזענדיג איהם בלויז דעם טיטול פּאַטריאַרך (415).

דאָס איז געװען אַ שװערער קלאַפּ פֿאַר'ן שטאָלצען פּאַטריאַרך, נאָך װעלכען ער האָט נאָר אַ קורצע צייט געלעבט, און אַזוי װי קיין מענליכען יורש פֿון דער נשיאות האָט ר' גמליאל נאָך זיך נישט איבערגעלאָזען, איז מיט איהם צוזאַמען אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען (425) די גרויסע דינאַסטיע פֿון הלל'ס שטאַם, װאָס האָט גאַנצע פֿיער מיט אַ האַלבען יאָהרהונדערט געפֿיהרט דעם פֿאָלק און איהם ערצויגען. דער פּאָסטען פֿון אַ יודישען פּאַטריאַרך איז בטל געװאָרען, און מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר שפּעטער האָט דעם טיטול איבערגענומען דער קריסטליכער בישאָף פֿון ירושלים, װעלכער איז מיט דער צייט געװאָרען אַ פֿינפֿטער זייל פֿון דער קריסטליכער קירך אין דער רוימיש־ביזאַנטינישער אימפּעריע.

אַזוי האָבען זיך די װאָלקענס פֿון קריסטענטום אַלץ שװערער און פֿינסטערער פֿערצויגען איבער דעם הימעל פֿון דער יודישער װעלט. די רדיפֿות נעגען יודען און יודישע קהלות זענען װאָס װייטער אַלץ מעהר אַריין אינ'ם עצם סיסטעם פֿון דער נייער מלוכה־פֿיהרונג, און באַלד האָט דאָס פֿייער פֿון דער דאָזיגער בלוטיגער יודענפֿיינדשאַפֿט

זיך צופלאַקערט אין אַ הייסען קאַמפף. דעם סיגנאַל צו דער בירגער-מלחמה האָט געגעבען אַלעקסאַנדריע; דאָ האָבען נאָך פון די עלטסטע צייטען אָן געהערשט אייביגע קריגערייען און סכסוכים צווישען די פערשידענגלויביגע בעפעלקערונגען, און אין דער לעצטער צייט זענען די צוזאַמענשטויסען נאָך שטאַרקער געוואָרען, אַ דאַנק דער הערשאַפט פון דער קירד; עס איז געגרינדעט געוואָרען אַ פּאַרטיי פון קריסטליכע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען זיך געשטעלט פאַר אַ ציעל, אויפצורייצען דער גאַנצער אָרטיגער בעפעלקערונג געגען יודען, פערשפּרייטענדיג וועגען די לעצטע אַלערליי פאַלשע בלבולים. דאָס האָט די יודען שטאַרק אויפגעבראַכט און זיי האָבען בעשלאָסען, זיך נוקם צו זיין אָן די נייע הימעל-מענשען.

איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז יודען האָבען בעמערקט אין טעאַטער איינעם פון די דאָזיגע אַגיטאַטאָרען, מיט'ן נאָמען היעראַקס, האָבען זיי איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון דער מאַכט, אַלס אויפהעצער פון פּאָגראָמען און רציחות און ער איז שטרענג בעשטראָפט געוואָרען; דערנאָך האָבען זיי צונויפגעזאַמעלט (דורך אַ פאַלשען פייער-סיגנאַל) אַלע קריסטען פון שטאָדט אויף איין פּלאַץ, און אָנגעמאַכט צווישען זיי אַ בעדייטענדען חורבן. אָט די נקמה האָט אָבער יודען זעהר טייער געקאָסט. דער בישאָף ק י ר י ל, אַ פאַנאַטישער גייסטליכער פון אַמבראָזיוס'עס חדר, האָט גלייך נאָכדעם אָנגערייצט געגען יודען די קריסטען פון דער גאַנצער סביבה און דער אויסבּרוך פון זייער כעס איז געווען אַ שרעקליכער: זיי האָבען צורויבט און חרוב געמאַכט אַלע הייזער און שוהלען פון די יודישע קוואַרטאַלען און די איבערגעבליבענע האַלב-נאַקעטע יודען אינגאַנצען פערטריבען פון שטאָדט (415). די אכזריות'ען פון דעם פּאָגראָם האָבען אויפגעבראַכט אפילו די פאָרשטעהער פון דער מאַכט, און דער פּרעפעקט פון שטאָדט, אָרעסטעס, האָט זיך געווענדעט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַ אָנקלאַגע איבער די פערברעכערישע מעשים פון דעם פאַנאַטישען גייסטליכען; דאָרט האָט אָבער קיריל געפונען פאַר זיך הייסע פערטהיידיגער, און זיינע מעשים זענען פון דער רעגיערונג גערעכטפערטיגט געוואָרען. דאָס האָט דעם אַלעקסאַנדריניִשען בישאָף צוגעגעבען נאָך מעהר מוט, און איינער פון זיינע אָנהענגער האָט זיך אָפען אַרויפגעוואָרפען אויף דעם „פערדעכטישען" פּרעפעקט און איהם שיער נישט פערשטיינט — ביז אַזוי ווייט איז דער-

נאגנגען די ליידענשאפטליכקייט פונ׳ם קאמפף פאר דער גרויסער ליע־בע פון קריסטענטום!

און נישט בלויז געגען יודען — די פאנאטישע קעמפפער פאר קריסטוס׳עס תורה זענען עס אויך געווען יענע, וואס האבען איינגע־טונקט זייערע הענד אינ׳ם בלוט פון דער בערימטער היפאטיא; די דאזיגע גייסטרייכע פרוי האט געלייענט לעקציעס אין דער אלעק־סאנדריניש׳ער אקאדעמיע און איז געווען טיעף געשעצט אין די ציווילי־זירטע קרייזען פאר איהר גרויסקייט אין חכמה און אין מדות; נאר די פרעדיגער פון דער קירך האבען געפונען אין איהר שרעקליכע חטאים און האבען איהר בעשטראפט לויט אלע געזעצען פון דער קריסטליכער ליעבע: די „שווארצקינסטלערין" איז ארויסגעריסען געווארען פון איהר טראגבעט, געשלעפט געווארען נאקעטערהייד איבער די גאסען און ענדליך געטויט געווארען אויף א ווילד־אכזריות׳דיגען אופן אין איינער פון די שטאדטישע קירכען. „אזוי זענען זיך, נאך א סך יאהרען פון קריעגעריי און ארומרייסעניש׳ען צונויפגעגאנגען דאס יודענטום און דער העלעניזם, ליידענדיג פון איין געמיינזאמען שונא — די קריע־געריש׳ע קירך. דער העלעניזם האט זיך געפונען אין דעם צושטאנד פון דער לעצטער נסיסה: עס איז אפגעשטארבען אין איהם נישט בלויז דאס געצענדינערײ, נאר אויך דאס בעסטע, וואס ער האט בעזעסען: די שאפונג פונ׳ם פרייען פילאזאפישען געדאנק, פון דער פרייער קונסט. דאס יודענטום, דאגעגען, האט זיין פאזיציע נישט אפגעטרעטען: עס האט געקעמפפט פאר זיין עקסיסטענץ מיט דעם נייעם שונא, וואס איז געווען מעהר געפעהרליך פונ׳ם אלטען, געצענדינעריש׳ען, און וועט נישט אויפהערען צו פיהרען אט דעם נישט גלייכען קריעג אויך ווייטער, אין דעם פערלויף פונ׳ם גאנצען מיטעלאלטער"... (דובנאוו).

פון די רדיפות אין אלעקסאנדריע האט די קירך געוואונען איין־איינציגען יודען: א לעהרער פון מעדיצין, מיט׳ן נאמען אדאמאנ־טיוס; ער האט זיך געשמד׳ט און בעקומען א ערלויבניש, זיך אומצו־קעהרען צוריק קיין אלעקסאנדריע. די איבריגע יודען האבען איבערגע־טראגען די צרות מיט׳ן גירוש און נישט פערלייקענט דעם גאט פון זייערע אבות. דערפאר האט די קירך א סך פערדינט פון איהרע רדיפות אין די קלענערע צענטערן, וואו דאס יודישע בעוואוסטזיין איז געווען נישט אזוי שטארק ענטוויקעלט; אין דער שטאדט מאהאן (מאגאנא), למשל, אויף דער אינזעל מינארקא, האבען אלע יודען כמעט זיך

אויסגעשמד'ט, נישט קענענדיג אריבערטראגען די רדיפות, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן פון דעם דארטיגען בישאף.

אין יענער צייט האבען אויסגעבראכען שטארקע אונרוהען געגען יודען אויך אין אנטיוכיא, און אויך דא האבען די קריסטען צורויבט דעם גרעסטען טייל פון די יודישע הייזער און אוועקגענומען ביי יודען איינגאנצען זייערע שוהלען. דער סירישער פרעפעקט האט וועגען דעם פאגראם מודיע געווען אין קאנסטאנטינאפאל, און טעאדאסיוס האט בעפוילען, אבצוגעבען יודען זייערע שוהלען צוריק; דאן האט דער בעריהמטער קריסטליכער אסקעט שמעון פון אנטיוכיא זיך געווענדעט צו טעאדאסיוס'ען מיט א בריעף, אין וועלכען ער האט אויסגערעכענט אלע יסורים און שרעקליכע שטראפען, וואס ערווארטען איהם, דעם קייזער, אין גיהנם דערפאר, וואס ער האט זיך אנגענומען פאר די פון גאט פערשאלטענע יודען. און דער בריעף האט געווירקט: טעאדאסיוס האט צוריק אפגערופען זיין בעפעהל און דערצו אראבגעזעצט פון זיין אמט דעם פרעפעקט, וואס האט נישט מסכים געווען מיט דער פאליטיק פון די קריסטליכע גדולים (423).

בעזונדער טרויעריג זענען געווען די פאלגען פון די רדיפות געגען יודען אויף דער גריכישער אינזעל קרעטא. דא האט די שרעקליכע ווירקליכקייט שטארק אויפגעבראזט די אלטע יודישע משיח-חלומות, און באלד האט זיך בעוויזען איינער, מיט'ן נאמען משה, וואס האט זיך ארויסגערופען אויסצולייזען אלע יודען פון גלות מיט דער הילף פון געטליכע וואונדער. די געפלאגטע יודען האבען געגלויבט אין די הבטחות און זיך מאסענווייז צונויפגעזאמעלט ארום דעם פערגעטערטען אויסלייזער; דאן האט דער לעצטער זיך אוועקגעלאזען מיט דער מחנה צום ים און געהייסען די אנהענגער זיך ארייננווארפען אין איהם אהן מורא, פערזיכערענדיג זיי, אז דאס וואסער וועט זיך שפאלטען, ווי אמאל דאס וואסער פון ים סוף, ווען יודען זענען ארויס פון מצרים. געענדיגט האט זיך די „אויסלייזונג" מיט א מאסע דערטרונקענע, צווישען וועלכע ס'האט זיך געפונען אויך דער משיח אליין (440), און די איבערגעבליבענע האבען זיך פון גרויס פערצווייפלונג כמעט אלע אויסגעשמד'ט.

ביי דער גאנצער פערביטערונג, מיט וועלכער עס זענען דורכגעדרונגען געווען די בעציהונגען צווישען יודען און קריסטען אין יענער צייט, האבען זיך דאך געפונען איינציגע פארשטעהער פון ביידע

צדדים, וואס האבען גראד נישט שלעכט געלעבט צווישען זיך און א סך געלערנט איינער פון אנדערן; אזוי אבער, ווי פון דער יודישער זייט איז פערבאטען געווען איבערצוגעבען א כן אומות העולם „דברי תורה", האבען אועלכע בעציהונגען געמוזט געהאלטען ווערן בסוד. יודען האבען מורא געהאט איבערצוגעבען א קריסט די למודים פון תורה, ווייסענדיג, אז ער וועט זיי שפעטער איבערדרעהען און בענוצען צו פאלעמישע צוועקען, און ווען דער קאטוילישער הייליגער היעראנימוס האט געלערנט די העברעאישע שפראך ביי דעם יודישען חכם בר חנינא, האט דער לעצטער זיך געמוזט אויסבעהאלטען פון דער עפענטליכקייט און געהן צום הייליגען אין זיין קלויסטער-קעלער, ווען קיינער האט איהם נישט בעמערקט. מיט דער צייט האט היעראנימוס גענומען לערנען אויך די הייליגע שריפטען אין ארגינאל (העברעאיש), און דאס האט איהם אין די שפעטערדיגע יאהרען געגעבען די מעגליכקייט צו שאפען זיין בעריהמטע לאטיינישע איבערזעצונג פון דער ביבעל, — די „וואולגאטא", וואס האט אין א משך פון איבער טויזענד יאהר געדיענט אלס פערמיטלער צווישען די אייראפייאישע פעלקער און די „הייליגע שריפטען". היעראנימוס האט זיך געלאזען איבערצייגען פון די יודישע חכמים אויך בנוגע צו דער פראגע וועגען די „אפאקריפען" (די נישט הייליגע טיילען פון דער ביבעל) און איז בכלל געווען א פלייסיגער תלמיד פון די בעלי האגדה אין יענער צייט; ער האט דעריבער מורא געהאט, מ'זאל איהם נישט חושד זיין אין א צו גרויסער השפעה פון יודישע חכמים, און האט אומעטום ארויסגעשטעלט זיין שנאה צו יודען. „איך פעראכט — שרייבט ער — מיט א אונאויסדריקבארען האס די יודען, וועלכע פערשילטען נאך ביז היינטיגען טאג אונזער גאט אין זייערע שוהלען".

אין א צווייטען ארט שילדערט ער מיט א שטארקער צופריעדענהייט די בעליידיגונגען און צרות, וואס עס שטעהען אויס די יודישע פילגרימען, וועלכע קומען קיין ירושלים בעווייגען די חורבות פון זייער הייליגטום. ער שרייבט: „ביז דער איצטיגער צייט איז די נישט גלויבינע איינוואוינער (יודען) — זינט זיי האבען געהרג'עט גאט'ס דיענער און בעזונדער גאט'ס זוהן — פערבאטען אריינצוקומען אין ירושלים; זיי לאזט מען אריין אהין נאר צו קלאגען; זיי מוזען קויפען פאר געלד די ערלויבניש צו בעוויינען די חורבות פון זייער מלוכה. יענע, וועלכע האבען אמאל אבגעקויפט קריסטוס'עס בלוט, צאהלען איצט פאר

זײַערע טרערען, און דאָס װײנען אפילו קומט זײ אויך נישט אַן אומזיסט. אין דעם טאָג, װען ירושלים איז אײַנגענומען און חרוב געװאָרען דורך די רוימער (תשעה באב), זעהסטו, װי עס געהט דאָס בעטריבטע פאָלק, װי עס שלעפען זיך שװאַכע פרויען און אַלטע לײַט, אָנגעטאָן אין סמאַטעס, װאָס װײַזען אַרוים גאָט׳ס כעס שוין אין דער אויסערליכער קלײדונג זײערער. עס קלויבט זיך צונויף אַ עולם פון די דאָזיגע אומגליקליכע, און דאָרט נעבען דעם שטראַהלענדיגען קרײַץ, אויף װעלכען דער האַר (קריסטוס) האָט צום לעבען ערװאַכט; דאָרט, װאו עס לײַכט און פלאַטערט די פאָהן פון קרײַץ, — דאָרט בעװײַנט די חורבות פון זײַן טעמפעל דאָס אונגליקליכע און דאָך נישט מיטלײַדס-װירדיגע פאָלק. די טרערען שטעהען נאָך בײַ זײ און די אויגען, די הענד ציטערן און די האָר זענען צופלאָסען, — און דער סאָלדאַט פאָדערט שוין פריש געצאָהלטס, אום צו לאָזען זײ װײַטער װײנען...״

פאָלעמיזירט מיט יודען און געפּרעדיגט שנאה צו זײ האָט אויך אַ צװײטער זײל פון קריסטענטום אין יענער צײַט — דער הײליגער אויגוסטינוס פון אַפריקאַ. ער האָט אויך, װי היעראָנימוס, געזעהען אין יודען נאָר אַ פאָלק, װאָס האָט גאָט׳ס זוהן געטויט און איז פון גאָט פערשאָלטען, און געהאָלפען אויף אַזאַ אופן מאַכען די שנאה צו דער יודישער אומה פאַר אַ אָרגאַנישען טײל פון דעם קריסטליכען גלויבען. אָט די שנאה האָט שפּעטער געשאַפען פאַר יודען יענע קײט פון שײַטערהויפענס, פײַן-געריכטען און אַנדערע אכזריות׳ען אין נאָמען פון דער הײליגער אמונה, — יענע שוידערהאַפטע קײט, װאָס איז געװאַקסען צוזאַמען מיט דער פערשפּרײטונג פון קריסטענטום און הערט נאָך ביז הײַנטיגען טאָג נישט אויף צו שטיקען דאָס יודישע לעבען אין אַלע לענדער פון דער קריסטליכער הערשאַפט. —

צוועלפטעס קאפּיטעל

דאס יודענטום אין בבל (די אָבשליסונג פון תלמוד)

נאָכדעם ווי די נשיאות אין יהודה איז אונטערגעגאַנגען, האָט דאס פּאַלעסטינישע יודענטום אינגאַנצען פערלוירען זיין פריהערדיגע בעדייטונג אַלס גייסטיגער מיטעלפּונקט פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען לעבען, און דעם פּלאַץ האָט פערנומען דאס יודישע בבל מיט איהר פירשטליכען ריש גלותא און איהרע גרויסע ישיבות. דאָ האָט זיך גראָד אין דער צייט בעוויזען אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון ווייטזיכטיגע, רייכע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען קאָנצענטרירט אַרום זיך די בעסטע כחות פון בבלי'שען יודענטום און עס צוריק צוגעבראַכט ביז דער מדרגה, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אין דער עפּאָכע פון די בעריהמטעסטע געזעץ-לעהרער.

דער בעדייטענדסטער און גרעסטער פון דער גרופּע אמוראים איז געווען **רב אשי בר שימי** (געב. 352 געשט. 427) פון סורא. ער האָט פעראייניגט אין זיך די גרינדליכע בקיאות פון די סורא'ענער מיט דער אַנאַליטישער חריפות פון די „**בני פומבדיתא**", און איז דעריבער פון אַלע אָנערקענט געוואָרען פאַר אַ שטאַרקען אויטאָריטעט אין דער יודישער געזעץ-לעהרע. אין דעם משך פון די צוויי און פופציג יאָהר, וואָס ער איז געשטאַנען בראש פון זיין ישיבה אין סורא (מתא מחסיא) האָבען זיך אין פומבדיתא געביטען זיעבען ראשי ישיבות, און נהרדעה אפילו, וואָס האָט זינט דער צושטערונג אין אָדענאַט'ס צייטען, כמעט קיין ראָליע נישט געשפּיעלט, האָט אויך

בעקומען א געוויסע בעדייטונג ; קיינער אבער פון די אלע אמוראים
האט זיך נישט געקענט פערגלייכען מיט דעם פיעלזייטיגען און געניא-
לען ר ב א ש י , ארום וועלכען עס האבען זיך צונויפגעזאמעלט טויזענ-
דער תלמידים פון אלע עקען לאנד. סורא האט צוריק בעקומען דעם
גלאנץ, וואס זי האט געהאט אין די צייטען פון איהר ערשטען גרינדער
(ר ב) און אלע האבען זיך פרייוויליג אונטערגעווארפען דעם איינפלוס
פון איהר פיהרער ; נישט נאר די אמוראים — די ע ק ז י ל א ר כ ע ן
אפילו האבען אויך זייערע שטאלצע קעפ געבויגען פאר דעם גייסטיגען
פיהרער און לעהרער פון דער גאנצער אומה. זיי פלעגען קומען קיין
סורא פייערן די הערבסט-יום-טובים , און דא זענען אויך פארגעקומען
די יעהרליכע פייערונגען לכבוד דעם „ריש גלותא״, אין וועלכע ס'האָ-
בען זיך בעטייליגט דעפוטאציעס פון אלע יודישע קהלות אין דער פער-
סישער מלוכה. אלע פאלקס-אנגעלעגענהייטען , אלע פראגען , וואס
האבען בעריהרט אלגעמיינע אנגעלעגענהייטען פון דעם בבל'יש-יודישען
לעבען זענען בעהאנדעלט געווארען אין דער רעזידענץ פון דעם איינ-
פלוסרייכען „ר י ש - מ ת י ב ת א״ , און אהין פלעגט אויך דער „ריש
גלותא״ קומען , האטש ער האט געוואוינט גאר אין אנ'אנדער שטאדט.

די פאליטישע לאגע פון די יודען אין בבל איז פאר דער צייט
פון רב אשי'ס אקאדעמישער טעטיגקייט געוועזען זעהר א גוטע. איבערן
לאנד האט דעמאלט געהערשט דער יודענפריינדליכער סאסאנידישער
קעניג י ע ז ד י ג ע ר ד I (420 — 399) , וועלכער האט זיך נישט אונ-
טערגעגעבען דער השפעה פון די מאגען (גייסטליכע) און זיך בעצויגען
טאלעראנט צו די פרעמד-גלויביגע. צו יודען איז יעזדיגערד געווען
בעזונדער גוט געניגט , און אין די פייערליכע טעג פון הויף האבען
זיך דארט געפונען פערטרעטער אי פון עקזילארכאט , אי פון די גרע-
סערע ישיבות ; ווי ס'דערצעהלט זיך , האט דער קעניג אליין אמאל
אין ארדנונג געבראכט דעם גארטעל אויפ'ן עקזילארך ה ו נ א ב ר נ ת ן,
און בעמערקט דערביי : „איהר זענט א פאלק פון כהנים און דארפט
טראגען אייערע גארטלען ווי כהנים״.

און אט , אין דער רוהיגער צייט, האט דער גרויסער ר ב א ש י ,
אדער ווי זיינע צייט-חברים האבען איהם גערופען : ר ב נ א א ש י
(אונזער רבי), אנגעהויבען טראכטען וועגען א ריעזען-ווערק פארן פאלק,
וועלכעס זאל ארייננעהמען אין זיך א ל ץ , וואס דער יודישער גייסט
האט געשאפען אין דעם משך פון די אלע הונדערטער יאהרען זינט די

נבואה האט זיך פון יודען אבגעטאן. ער האט זיך דער ערשטער גענו-
מען צוזאמענשטעלן, סיסטעמאטיזירען און צונויפזאמלען דעם אונגע-
הויערן מאטעריאל פון הלכות, שמועות און ערקלערונגען צו דער משנה
און מאכען דערפון איין ווערק, איין ארגאנישע פערבינדונג פון
דער משנה מיט אלץ, וואס האט א שייכות צו איהר — דעם תלמוד.
די דאזיגע ארבייט האט ביי רב אשי'ן צוגענומען די גאנצע פופציג
יאהר פון זיין טעטיגקייט אלס ריש מתיבתא, און ווי ס'איז צו דרינגען
פון געוויסע קוועלן, האבען אויך די קאלעגיומס פון די איבריגע ישיבות
זיך אינטענסיוו בעטייליגט אין דער סיסטעמאטיזירונג פון דעם תלמודי-
שען מאטעריאל. די ארבייט איז צוגעגאנגען לויט דעם פאלגענדען
סדר: אין די צוויי אקאדעמישע חדשים פון יאהר (ירחי הכלה) האט
רב אשי, בעת זיינע שעורים פאר די תלמידים, גענומען דעם טעקסט
פון א בעשטימטער משנה און איהם בעלויכטען לויט אלע תוספתות,
בריתות און אנדערע ערקלערונגען, וואס בעציהען זיך צו דער משנה,
אזוי אז אין א משך פון דרייסיג יאהר זענען אין די שעורים בעהאנ-
דעלט געווארען אלע משנות, אינאיינעם מיט די תלמודישע ערקלע-
רונגען צו זיי, „און די יודישע געלעהרטע האבען דערזעהן פאר זיך,
אנשטאט א כאאטישען פלאנטער פון פערשידענע שפארעריייען און
פשט'לעך, א בעשטימטען סיסטעם, מיט דער הילף פון וועלכען
עס איז לייכט נאכצופאלגען די ענטוויקלונג פון יעדען געזעץ בעזונדער
דורך זיינע אלע דריי סטאדיומס: די תורה, די משנה און די גמרא"
(דובנאוו).

ווענען דעם, צי רב אשי האט אנגעהויבען פערשרייבען דעם
סיסטעמאטיזירטען תלמודישען מאטעריאל, — זענען נישט דערגאנגען
צו אונז קיין גענויע קוועלן; עס עקסיסטירט דעריבער א השערה, אז
סיי די משנות, סיי די תוספתות און בריתות זענען איבערגעגאנגען פון
דור צו דור מונדליך, נישט פערשריבענערהייט, און רב אשי האט
אויך נאר אריינגעבראכט א בעשטימטען סדר אין דעם כאאטישען
מאטעריאל און איהם צונויפגעשטעלט, אבער נישט פערשריבען.
לויט דער השערה האבען די יודישע פיהרער פון דער עפאכע זיך נאך
אלץ געהאלטען ביי דער אלטער מיינונג, וואס האט בעטראכט די
שריפטליכע פערקערפערונג פון דער מונדליכער מסורה פאר א פער-
ברעך, און בעזונדער זאל אט די מיינונג זיך האבען דעמאלט פער-
שטארקט צוליעב דעם, וואס דאס קריסטענטום האט אנגעהויבען זיך

צוצושרייבען אלע ערשיינונגען פון דער יודישער נבואה און מטילא אויך די אויסדערוועהלטקייט פון גאט. אין איין אגדה איז דער געדאנק זאגאר דייטליך אויסגעדריקט; דארט זאגט זיך: „משה האט געוואלט, אז די משנה זאל זיין פערשריבען, נאר ווייל גאט-ברוך-הוא האט גע-קוקט אין דער צוקונפט און געזעהען, אז די אומות העולם וועלן אמאל איבערזעצען די תורה און לייענען זי אויף גריכיש און זאגען: מיר זענען בני ישראל, מיר זענען גאט'ס קינדער, — האט ער געזאגט (איך וועל כביכול געבען א סימן): ווער עס בעזיצט מיינע מיסטעריען, דער איז מיין קינד. און וואס זענען עס די מיסטעריען? דאס זענען די משנה און דער תלמוד (די תורה שבעל פה)".

מיט דער צונויפשטעלונג פון תלמוד האט רב אשי אלזא פערענ-דיגט דעם ריעזיגען בנין, וועלכען דער גרויסער ר' יהודה הנשיא I האט אנגעהויבען בויען מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק; זיין ארבייט איז אבער געווען אהן א ערך שווערער און פערוויקעלטער. די משנה האט געגעבען טרוקענע הלכות אין דער געשטאלט פון אבגעפאסטע געזעץ-פאראגראפען; דאגעגען דער תלמוד האט ארייגענומען אין זיך אויך די לעבעדיגע בעוועגונג, די ענטוויקלונג פון יעדען געזעץ און זיין גייסטיגען אינהאלט, און געגעבען דערמיט יעדערן די מעגליכ-קייט אריינצודרינגען אין דעם עצם מהות פון דער יודישער געזעצגע-בונג. רב אשי האט אבער דאס גאנצע ווערק נישט געענדיגט: ער אליין מיט זיינע חברים האבען נאך געהאט צופיעל מחדש צו זיין, צופיעל אויפצוטאן אין דער הלכה, אום זיך צו קענען איינגאנ-צען איבערגעבען דער ארבייט פון זאמלען און סיסטעמאטיזירען. די פערענדיגונג פון דעם בבל'ישען תלמוד איז דעריבער אויסגעפאלען אויף דעם גורל פון רב אשי'ס נאכפאלגער, און אזוי ווי די יודישע לאגע אין לאנד האט זיך אין דער צייט שטארק פערערגערט, איז די ארבייט אזוי ווי איבערגעריסען געווארען אויף עטליכע צעהנדליג יאהר.

אנגעהויבען האבען זיך די רדיפות געגען יודען אין פערסיען נאכדעם, ווי אויפן טראן איז ארויף יעזדיגערד II (456), וועל-כער האט זיך איינגאנצען אונטערגעגעבען דעם איינפלוס פון זיינע יועצים — די פאנאטישע מאגיער (אמגושים). יעזדיגערד האט גוזר געווען אויף יודען נישט צו היטען שבת — א גזירה, וואס האט געמוזט טיעף אנגרייפען די שטאלצע יודישע בירגער, וועלכע האבען ביז אהער בכלל נישט געוואוסט פון קיין רעליגיאנס-צוואנג. אט די גזירה האט

זיך אפילו נישט לאנג געהאלטען, ווייל יעזדיגערד איז באלד געהרג'עט געווארען; יודען האבען אבער דערפון נישט פערדיענט: זיין נאכפאָלגער פ ע ר ו ז (פירוז רשיעה) האט זיי גאנצע צעהן יאהר פערפאָלגט מיט שרעקליכע גזירות און אכזריות'ען. ער האט געלאָזען אויסהרג'נען א גאנצע העלפט איינוואוינער פון דער שטאָדט איספאהאן און חוץ דעם האט ער אוועקגערויבט יודישע קינדער און זיי ערצויגען אין דעם פערסישען גלויבען. די יודען אין בבל זענען דאס ערשטע מאָל אוועקגעשטעלט געווארען געגען דעם נסיון פון ש מ ד, און אויך דאָ האבען זיך גלייך בעוויזען מערטירער־קדושים, וואס האבען זייער לעבען מקריב געווען פאר דער גרויסער ירושה פון די פריהערדיגע דורות. דער עקזילארך ה ו נ א מ א ר י ב ר מ ר ז ו ט ר א מיט צוויי חברים געזעצלעהרער, א מ י מ ר ב ר י נ ק א און מ ש ר ש י א ב ר פ ק ו ד, זענען בעשטראָפט געווארען מיט'ן טויט פאר עובר זיין דעם קעניגס צוואנגס־בעפעהלען, און מיט זיי האט זיך דער רייסטער פון די מערטירער־טויטען נישט געענדיגט.

ביי אזעלכע בלוטיגע רדיפות האט שוין מעהר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגען פאָרטזעצען די אקאדעמישע טעטיגקייט. די ישיבות זענען חרוב געווארען אָדער זיי זענען געשטאַנען ליידיג; ווער עס האט געקענט, איז אנטלאָפען פון לאנד, און בּיסליכוויין איז ענטשטאַנען א מאסענהאפטע אויסוואנדערונג: אין דרום־זייט ביז אראביען און אין מזרח־זייט — ביז אינדיען, וואו עס זענען שוין געווען פון פריהער בעדייטענדע יודישע קאָלאָניעס. די דאָזיגע קאָלאָניעס האבען עקסיסטירט אלס פרייע רעפובליקען אָהן א שום שייכות נישט צו רוים און נישט צו פערסיען, דערפאר האבען זיי אויך קיין בעשטימטען יודישען כאראקטער נישט געהאט און נישט געוואוסט פון די אלע ענדערונגען, וואס זענען פאָרגעקומען אין דעם פאָליטישען און גייסטיגען יודישען לעבען. איצט, מיט די איינגעוואנדערטע יודען, וועלכע האבען מיטגעבראכט מיט זיך א אוצר פון יודישען וויסען, האבען אָט די אבגעריסענע קבוצים בעקומען א יודישען אויסזעהען. אין אינדיען איז זאָגאר איינגעפיהרט געוואָרען א מין נשיאות, און איינער פון די בבלישע אימיגראנטען, מיט'ן נאָמען י ו ס ף ר ב ן, האט בעקומען פון דעם בראהמינישען קעניג דעם טיטול הויפטלינג (מארדעליאר) מיט א גאנצער ריהע פריווילעגיעס, וועלכער איז איבערגעגאנגען פון איהם

ירושה צו זײַנע קינדער און קינדס קינדער —, צווײַ און זיבעציג און צאָהל.

צום גליק פון די פערסישע יודען האָבען די רדיפות אויפגעהערט גלײַך נאָך פעראָז'ס טויט. זײַנע צווײַ נאָכפאָלגער האָבען צוריקגעשטעלט די אָרדנונג אין לאַנד, און ביסלעכווײַז האָט זיך צוריק בעגײַסט אויך די אַקאַדעמישע טעטיגקײַט אין די גרעסערע ישיבות. סורא און פומבדיתא האָבען ווידער צוגעצויגען תלמידים פון גאַנצען לאַנד און באַלד האָבען זיך אויך געזעץ-לעהרער בעוויזען, וועלכע זענען צוועקגעשטעלט געוואָרען בראש פון די צענטערן און פון דאָרט פערשפרײַט גאָט'ס וואָרט אין אַלע שיכטען פון דער אומה.

די בעדײַטענדסטע צווישען דער איצטיגער פלעיאַדע אמוראים זענען געוועזען רבינא און רב יוסי, פון וועלכע דער ערשטער איז אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר אַ ריש מתיבתא אין סורא און דער אַנדערער — אין פומבדיתא. אַט די צווײַ לעצטע אמוראים האָבען זיך ענערגיש גענומען צו פערענדיגען דעם בנין פון תלמוד, און זײַער גאַנצע טעטיגקײַט איז געוועזען געווידמעט דער גרויסער אויפגאַבע. ווי רב אשי, האָבען זיי אויך געאַרבײַט צוזאַמען מיט אַ גאַנצען קאָלעגיום פון חברים און תלמידים, און דאָס ווערק איז דורך זיי נישט בלויז פאָלשטענדיג פערענדיגט, נאָר אויך אָבגעשלאָסען געוואָרען. רבינא און רב יוסי האָבען סאַנקציאָנירט די פערענדיגטע צונויפשטעלונג און זי אָנערקענט פאַר אַ גאַנצען, פאַרטיגען בנין, צו וועלכען עס לאָזט זיך שוין מעהר קײַן זאַך נישט צוגעבען (499) — מיט זיי איז דער תלמוד פערחתמ'עט געוואָרען אויף אייביג.

דער „תלמוד בבלי" (רופט זיך אויך גמרא) שטעלט פאָר מיט זיך, אַ גאַנץ בעזונדערע שאַפונג, וואָס האָט צו זיך קײַן גלײַכען נישט אין דער ליטעראַטור-וועלט פון אַלע פעלקער און קען נישט געמאָסטען ווערן מיט דעם מאַסשטאַב, מיט וועלכען מ'מעסט געוועהנליך די ווערק פון דער אַלטער וועלט. דאָס איז אַ אונגעהויערע ענציקלאָפעדיע, אין וועלכער עס זענען לעבעדיג פערקערפערט גאַנצע זעקס הונדערט יאָהר פון דעם יודישען שאַפען אויף די פערשיעדענסטע געביעטען. „דער תלמוד, ווי ס'זאָגט שוין דער נאָמען אַלײַן („לעהרנען"), איז לכתחילה צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען נישט אַזוי ווײַט אַלס קאָדעקס פאַר'ן פראַקטישען לעבען, ווי אַלס ספר צום לעהרנען, וואו יעדער יוד קען געפינען אַלע ידיעות, וועלכע זענען איהם נויטיג. דאָס איז

דער „אוניווערזיטאַס ליטעראַרום" פון יודאַיזם, די גרויסאַרטיגסטע פון אַלע ספּעציעל-יודישע און אַלגעמײַן-מענשליכע חיבּורים, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן צוזאַמען מיט די יודען פון יענע דורות. אין תּלמוד בּעגעגנען זיך צוזאַמען מיט רעליגיעזע און יורידישע אָבּהאַנדלונגען, אויך ערקלע-רונגען איבּער אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע, מעדיצין, מאָראַל, היסטאָריע, און דערבײַ גלײַך אַנעקדאָטען, לעבּענס-שילדערונגען שפּריכווערטער, לעגענדעס און משונה'דיגע מײַנונגען, וואָס האָבּען זיך אויסגעבּילדעט, ווי ס'איז צו גלויבּען, אונטער דעם אײַנפלוס פון די המוניסטישע אײַנ-בּילדונגען אָדער פון די פּערסישע נאַרישע גלויבּערײַען אין רוחות, שדים און כּשוף. (דובּנאָוו).

פון דעם תּלמוד ירושלמי שײַדט זיך דער בּבלישער תּלמוד אונטער מיט זײַן פאָלשטענדיגקײַט, סיסטעמאַטישער צונויפשטעלונג און אַנאַליטישער שאַרפקײַט. די אָבּהאַנדלונגען פון דעם בּבלי'שען תּלמוד ווירקען שטענדיג אויפ'ן מוח און וועקען איהם: דער פערשטענדיגער לעזער קען אין איהם נאָכפאָלגען יעדען געדאַנק פון זײַנע ערשטע רעגונגען אַן בּיז דאָרט אַהין, וואו ער פערגעהט זיך אין אַ קאָפּ-שווינדעלנדער, אונבּעגרײַפליכער הויכקײַט. דאָס פאָלק האָט דעריבּער זיך ענגער צוזאַמענגעלעבּט מיט דעם תּלמוד, ווי מיט דעם פּאַלעסטי-נישען; ער איז געוואָרען דער לעבּענס-אָטעם, די נשמה פון דער אומה; די שפּעטערדיגע דורות האָבּען מיט איהם געלעבּט, אין איהם אַלץ געזעהן און אַלץ געפונען: דער קאָפּ-מענש טיעפע חקירות, און דער מענש פון געפיהל — שטימונגען און האַרציגע בּילדער. אין דעם משך פון איבּער טויזענד יאָהר האָט די גאַנצע אויסערליכע וועלט, די נאַ-טור, די מענשליכע געזעלשאַפט מיט אַלע איהרע געוואַלטיגע געשעהע-נישען אַזוי ווי נישט עקזיסטירט פאַר דעם יודישען פאָלק; פאַר איהם איז דאָס אַלץ געוועזען נישט מעהר ווי אַ פאַנטאָם, אַ צופעליג שאָטען-בּילד — די אמת'ע ווירקליכקײַט האָט זיך פאַר איהם געעפענט אין תּלמוד. דאָס איז געוועזען די אײנציגע פולע, ווירקליכע, ליכטיגע וועלט — די וועלט פון דער יודישער אומה. קײַן אמת איז אין די יודישע אויגען קײַן אמת נישט געוועזען, אַזוי לאַנג ווי ער איז נישט סאַנקציאָנירט געוואָרען דורך דעם אַלוויסענדען תּלמוד, און אפילו די תּורה גופא מיט דער נבואה איז צו זיי איצט צוגעקומען נאָר דורך זײַנע אויסטײַטשונגען און ערקלערונגען.

אַזוי האָט דער בּבלישער תּלמוד אויסגעאַרבּעט אַ פּילפּאַ-

ווירקונג אויף דער ווייטערדיגער אויסבילדונג פון יודענטום. א) ער האט געגעבען דעם פאלק מאטעריאל פאר אַ ל ז ײַ ט י ג ע ן, ר ע ל י ג י ע־ זען און ב י ר ג ע ר ל י כ ע ן, קאדעקס, וואס האט ארומגענומען יעדען שריט, יעדע בעוועגונג פון דעם אלטעגליכען לעבען, און אויף אזא אופן אבגעזונדערט דער יודישער אומה פון די פעלקער, צווישען וועלכע איהר איז אויסגעקומען צו לעבען. ב) ער האט ערצויגען דעם פאלקס־גייסט און איהם געבילדעט אין אַ בעשטימטער ריכטונג. „די תלמודישע הלכה, מיט איהר פיינער שארפזיניגער דיאלעקטיק האט שטארק מיטגעווירקט צו פערשארפען דעם יודישען פערשטאנד און צו ענטוויקלען אין איהם אַ אייגענטימליכען לאגישען טראכטען; זי האט געהאלטען דעם פערשטאנד אין אייביגער אנגעשטרענגטקייט, האט איהם נישט געלאזען איינשלאפען און כסדר געוועקט און געמינטערט“. ג) ער האט געפלעגט דעם גייסט פון פאלק, איהם געצערטעלט און געבילדעט מיט זיינע מאראל־פילאזאפישע און פאעטישע אגדות. „די אגדה האט געגעבען דעם פאלק הויכע מאראלישע בעגריפען, האט אין איהם געפלאנצט אלטעגליכע קלוגהייט, האט איהם געטרייסט אין זיינע ליידען מיט האפנונגען אויף גליקען אין דער צוקונפט (אויף ד ע ר אדער אויף י ע נ ע ר וועלט), האט אונטערגעהאלטען אין איהם זיין נאציאנאלען געפיהל און איהם געוויילט מיט היסטארישע אדער פאעטי־ שע לעגענדעס“ (דובנאוו).

צוזאמען מיט די אויסגערעכענטע מעלות, האט אבער דער איינפלום פון תלמוד געהאט אויך שלעכטע זייטען. די שטארקע הלכי־ שע בעגרענעצונגען בנוגע צו זאכען פון דעם אלטעגליכען לעבען, די סיגים און סיגים צו סיגים האבען ביסליכווייז אריינגעבראכט אַ טויטע טרוקענקייט אין דעם יודישען גלויבען און איהם פערוואנדעלט אין אַ ריהע זינלאזע חומרות און פארמאליטעטען; אַ דאנק דעם הלכי׳שען פלפול האט זיך אויסגעארבייט אין דעם יודישען פערשטאנד אַ שטארקע נייגונג צו קאזואיסטיש־קלייגליכע פשט׳לעך, און די וועלט־אנשויאונג פון דער תלמודישער אגדה האט צופיעל אבגעזונדערט דעם יודען פון דער ארומיגער וועלט און איהם צופיעל חשיבות צוגעשריבען, פלאנצענדיג אין איהם דעם בעוואוסטזיין, אז ער איז דער צענטער פון דער גאנצער יצירה און די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען נאר פון זיינעט וועגען.

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל

די ווייטערדיגע רדיפות געגען יודען אין פּערסיען:
די „סבוראים"

די מיטאַרבייטער פון דעם גרויסען בנין האָבען נאָך געלעבט, די שפּורען פון די פריהערדיגע פערפאָלגונגען זענען נאָך נישט פערווישט געווען, און איבער די יודען אין פערסיען האָט זיך שוין אַ נייער שטורם איבערגעטראָגען, — אַ שטורם, וואָס האָט די יודען פון געדולד אַרויסגעבראַכט און זיי געצוואונגען זיך צו נעהמען פאַר'ן געוועהר. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם בעריהמטען מאַצדאַק, וואָס האָט געוואָלט רעפאָרמירען דעם פייער-גלויבען פון די מאַגיער און בכלל פערשפּרייטען אין דער וועלט די ממשלה פון דעם גוטען ליכט-גאָט הורמיז. דער מקור פון אַלדאָס שלעכטס — האָט מאַצדאַק געפּרעדיגט, — און בייזס אויף דער וועלט, איז נאָר די קנאה-שנאה צווישען מענשען, די תאוה צו בעזיצען יענעמס עשירות אָדער יענעמס פרוי; דער איינציגער אויסוועג, צו פערשפּרייטען אין דער וועלט די ממשלה פון ליכט און גוטסקייט, בלייבט דעריבער, נאָר איינצופיהרען אַ אָרדנונג, ביי וועלכער אַלע פערמעגענס און אַלע פרויען זאָלען געהערען צו אַלע.

די דאָזיגע לעהרע פון פאַלשטענדיגער קאָמוניסטישער גלייכהייט האָט געפונען פאַר זיך מאַסען אָנהענגער, און אַזוי ווי צווישען זיי איז געווען אויך דער קעניג אַליין, האָט ער בעפוילען אַלע בירגער

פון זײַן מלוכה, זײ זאָלען אָנהויבען צו לעבען געמײנשאַפטליך. נאַטירליך, האָט אַזאַ סין בעפעהל געמוזט אַרויסרופען אַ איבערקעהרעניש אין לאַנד, און ווײַל די יודישע אײַנוואוינער האָבען אַממעהרסטען געליטען פון דער נײַער אָרדנונג, האָבען זײ געקעמפט געגען איהר מיט די שאַרפסטע מיטלען; דאָס איז געווען אַ קאַמפף אויף לעבען און טויט נישט אַזוי ווײַט פאַר'ן פערמעגען פון דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס האָט געזאָלט צורויבט ווערן פון דעם פערווילדעטען המון, ווי פאַר דער רײַנקײַט פון די יודישע פרויען און טעכטער, וואָס איז געשטאַנען אין געפאַהר, פערשוועכט צו ווערן פון די צורײַצטע „קאָמוניסטען“, און בראש פון דעם קאַמפף איז געשטאַנען דער יונגער און העלדישער עקזילאַרך מר זוטרא II. ער האָט צונויפגענומען אַרום זיך אַ מחנה פון פיער הונדערט העלדישע יודישע קריעגער, וועלכע האָבען בעזיעגט דעם חיל פון דער רעגירונג און אין אַ משך פון גאַנצע זיבען יאָהר בעוויזען צו דערהאַלטען כמעט אַ זעלבסטשטענדיגע יודישע מלוכה'לע, מיט מחוזא אַלס הויפט־שטאָדט.

ענדליך זענען אָבער די פערסיאַנער דאָך בײַגעקומען די יודישע רעוואָלוציאָנערען; דערבײַ איז דער עקזילאַרך אַלײן געפאַנגען געוואָרען, און די פערביטערטע זיגער האָבען איהם געקרײַציגט נעבען דער בריק פון מחוזא צוזאַמען מיט זײַן גרײַז־גרויען זײדען מר חנינא (520). די איבריגע מיטגליעדער פון דעם עקזילאַרכישען הויז האָבען געמוזט אַנטלויפען פון פערסיען, און זײ האָבען געראַטעוועט מיט זיך אויך דעם נאָר וואָס געבוירענעם יורש פון עקזילאַרך — דעם אײנציגען צווײַגעל פון דוד המלך'ס אָבשטאַמונג. איבער די שטאַרקע רדיפות מצד דער רעגירונג האָט זיך אָבגעשטעלט אין יענער צײַט אויך דאָס אַקאַדעמישע לעבען פון לאַנד: די תלמידי חכמים זענען זיך צולאָפען און די ישיבות זענען געשטאַנען וויסט. פון דעסטוועגען האָבען זיך דאַן אין דער פערסישער אַרמעע דאָך געפונען אַ סך יודען, און בעת דער מלחמה מיט דעם ביזאַנטינישען קריעגספיהרער בעליזאַר, האָט דער פערסישער הויפט־מאַרשאַל אָבגעגעבען ספעציעל אַ וואָפענשטילשטאַנד, כדי די יודישע סאָלדאַטען זאָלען קענען פײַערן דעם יום טוב פסח.

פרײַ אָבגעאָטעמט האָבען די יודען אין פערסיען אונטער דער הערשאַפט פון כאָזרעאָס נאַשירוואַן (532—579). אין זײַן צײַט האָבען יודען נישט געוואוסט פון קײנע רדיפות, און דאָס האָט זיך

באלד אבגערופען אויך אויף דער גײַסטיגער ענטוויקלונג פון בבל'ישען יודענטום. די ישיבות זענען צוריק בענײַט געוואָרען, אלע נאציאָנאלע אינסטיטוציעס האָבען ווידער אָנגעהויבען פונקציאָנירען און די איבער־געריסענע קײַט פון דער מסורה האָט זיך, אזוי פון זיך אַלײַן, ווידער צונויפגעבונדען. פון יענער צײַט זענען דערגאנגען צו אונז די נעמען פון רב גיזא, ריש מתיבתא אין סורא, רב סימונא, ריש מתיבתא אין פומבדיתא, און אײַנעם א דריטען געזעצלעהרער, רב רבאי. אָט די אלע חכמים מיט זײַערע תלמידים האָבען געזעהען פאַר זיך זײַער אײַנציגע אויפגאבע אין דער אַרבײַט פון שטודירען דעם תלמוד, ערקלערן די שטעלן אין איהם, וואָס זענען אונפערשטענדליך, און בכלל מסביר זײַן דעם מאַטעריאל פון מסורות און הלכות, וואָס איז שוין סאנקציאָנירט געוואָרען פון די אמוראים, — פון וואנען עס זאָל שטאַמען אויך דער נאָמען סבוראים.

מיט דעם אַרויפשטײַגען אויפ'ן טראָן פון נאשירוואנ'ס זוהן (הורמיז IV 579-589) האָט זיך די יודישע לאַגע ווידער פערערגערט. הורמיז האָט זיך אונטערגעוואָרפען דעם אײַנפלוס פון די מאגיער, וועלכע האָבען געוואָלט אָבהאַלטען דעם אונטערגאנג פון זײַער גלויבען דורך רדיפות איבער אנדערש־גלויבינגע, און אונטער דעם דרוק פון זײַנע פערפאָלגונגען זענען די ישיבות ווידער חרוב געוואָרען.

אין דער צײַט פון דעם קעניג האָבען זיך אָנגעהויבען אין לאַנד שטאַרקע אונרוהען, וואָס האָבען זיך געענדיגט מיט א בלוטיגען טראָן־וועקסעל: דער העלדישער קריעגס־פיהרער באהראם־שטובין האָט אוועק־גענומען פון הורמיז'ן די הערשאַפט און זיך אַלײַן ערקלערט פאַר קעניג פון פערסיען (590). אין דער איבערקעהרעניש האָבען יודען א שטאַרקען חלק געהאַט, און באהראם האָט זיי דערפאַר אָבגעדיענט מיט פער־שידענע זכיות און הנחות; זײַן הערשאַפט האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטען, און ווען דער געזעצליכער טראָן־יורש האָט — מיט דער הילף פון ביזאנטינישע מחנות — צוריק אײַנגענומען פערסיען, האָט ער אַכזריות'דיג בעשטראָפט אויך די געטרײַע אָנהענגער פון דעם אוזורפאַטאָר — די יודען. נישט קוקענדיג אויף דעם, האָט זיך פון דעסטוועגען די יודען דערנאָך נישט שלעכט געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון דעם קעניג (כאָזרו II, מיט'ן בײַנאָמען פערואז 590—628). און פאַר זײַן צײַט זענען צוריק רעסטוירירט געוואָרען אויך די בעריהמטע אקאַדעמיעס — כורא און פומבדיתא.

פיערצעהנטעס קאַפּיטעל

יודען אין די אייראָפּעאישע לענדער

אין דער צייט, ווען די יודען אין פערסיען זענען געשלידערט געוואָרען פון די היסטאָרישע געשעהענישען דאָ אַרויף און דאָ אַראָב, און האָבען אַליין אויך אַרויסגעוויזען שטאַרקע אויסדריקען פון לעבענס-קראַפט און איניציאַטיווע, — אין דער צייט איז דאָס יודענטום אין'ם ביזאַנטינישען מזרח אַזוי ווי איינגעשלאָפען אינגאַנצען, אונטער דעם דרוק פון דער אַרומיגער פעראַכטונג, און האָט נישט אַרויסגעוויזען קיינע שפּורען פון אַקטיווער לעבענסקראַפט. די ביזאַנטינישע מלוכה, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אויך דאָס הייליגע לאַנד, האָט אָנגעווענדעט בנוגע צו יודען הויז דער רוימישער פערריסענער גאוה אויך די גריכישע ניפטיגקייט. בעקומענדיג איהר גייסטיגע יניקה נאָר דורך דער קירך, האָט די ביזאַנטינישע בעפעלקערונג זיך ערצויגען אויף די שפּריכווערטער און בעגריפען, וועלכע האָבען געזעהן אין יודען גאָט-מערדער און פערברעכער, און די פאָלגען דערפון האָבען זיך אַרויסגעוויזען אי אין אַלטעגליכע מעשים, אי אין אָפיציעלע מלוכה-געזעצען.

לויט די איינפיהרונגען פון טעאָדאָסיוס דעם יונגערן זענען די יודען אין דער ביזאַנטינישער מלוכה אויסגעשלאָסען געוואָרען פון יעדען מין עהרען-פּאָסטען און אויך קיין נייע שוהלען האָבען זיי נישט געטאָרט בויען. די דאָזיגע אַלע בעגרענעצונגען זענען זעהר

שטרענג אָבגעהיט געוואָרען פון טעאָדאָסיוס'עס נאָכפאָלגער, און גאַנץ אָפט זענען די מלכים אַליין פערנאַנגען אין זייער גיפטיגער יודענפיינדשאַפט נאָך ווייטער פונ'ם צעווילדעטען המון. אַזוי איז פאָרגעקומען, למשל, מיט דעם אויפגעקומענעם קייזער **צענאָ**, וועלכען מ'האָט דערצעהלט וועגען אַ בלוטיגען צוזאַמענשטויס אין אנטיוכיא בעת איינעם פון די לוסטשפּילען. די קאָנקורס-פּאַרטייען האָבען זיך דאָ געטיילט אויף גרינע און בלויע, און ווען מ'האָט דעם קייזער איבערגעגעבען, אַז די גרינע האָבען צווישען אנדערע אויך אַ סך יודען געהרג'עט און זייערע טויטע קערפּער'ס אַריינגעוואָרפען אינ'ם פייער פון דער אונטערגעצונדענער שוהל, — האָט ער געענטפערט: **די גרינע דאַרפען נאָר דערפאַר בעשטראָפט ווערן, וואָס זיי האָבען פערברענט בלויז די טויטע יודען און נישט אויך די לעבעדיגע!**

ביי דעם אַלעמען האָבען די ביזאַנטינישע יודען דאָך גענאָסען דערווייל די פולע פרייהייט אין די אַנגעלעגענהייטען פון גלויבען און די רעגירונג האָט זיי אין דעם נישט געשטערט. דער ערשטער, וואָס האָט זיי בירגערליך נאָך מעהר גערדיקט און דערצו נאָך אַרויפגעלעגט אויף זיי די צוואַנג פון רעליגיעזע פערפאָלגונגען איז געוועזען **יוסטיניאַן** (527—565). פון איהם שטאַמט דאָס שענדליכע געזעץ, לויט וועלכען יודען זענען נישט בעגלויבט אַלס עדות געגען אַ קריסט; די שומרונים זענען אין דער הינזיכט אַוועקגעשטעלט געוואָרען נאָך ניעדריגער: זייער עדות-זאָגען האָט איינגאַנצען נישט געהאַט קיין יורידישע בעדייטונג און אפילו אָבזאָגען זייער ירושה האָבען זיי אויך קיין רעכט נישט געהאַט. דאָס איז געוועזען אַ אַקט פון נקמה געגען די פערביטערטע שומרונים, וואָס האָבען נישט געקענט רוהיג אַריבערטראָגען דעם יאָך פון די גזירות און רדיפות און עטליכע מאָל געפּרובט מורד זיין אין דער קייזערליכער ממשלה.

בכלל האָט אָבער יוסטיניאַן זיך בעצויגען גלייך צו יודען ווי צו די שומרונים, און אַרויפגעלעגט אויף זיי אַלע מעגליכע פליכטען, נישט לאָזענדיג זיי דערביי געניעסען פון קיינע זכיות.

„זאָלען זיי קרעכצען, — האָט דער קייזער געשריעבען אין זיין בעפעהל וועגען יודען און שומרונים, — זאָלען זיי קרעכצען אונטער דעם יאָך פון די שווערע שטאַדטישע אַרבייטען, זיי זאָלען אָבער דערפאַר נישט בעלויהנט ווערן מיט קיין עהרענטיטול: זיי מוזען בלייבען

אין דעם פערצווייפעלטען צושטאנד, אין וועלכען זיי האבען איבערגעלאזען זייערע נשמות".

יוסטיניאן האט אונטער א שווערער שטראף פערבאטען יודען, צו פייערן דעם יום-טוב פסח, און יעדעס מאל, ווען דער יודישער פסח איז אויסגעפאלען אין איין צייט מיט דעם קריסטליכען, האבען די יודען זייער יום טוב געמוזט אינגאנצען אבלעגען, כדי עס זאל נישט הייסען, אז די קריסטען האלטען זיך ביי דעם יודישען קאלענדאר. כאראקטעריסטיש איז דערביי דאס, וואס דער דאזיגער בעפעהל איז ארויסגעגעבען געווארען צוליעב א געוויסער קריסטליכער סעקטע, וואס האט זיך ווירקליך פעסט געהאלטען ביי דעם יודישען קאלענדאר און געפייערט דעם יום טוב גלייך מיט יודען; נאר אנשטאט צו צווינגען די ווידערשפעניגע קריסטען, זיי זאלען זיך אונטערגעבען די בעשטימונגען פון דעם ניצעאישען קירכען-קאנגרעס, האט יוסטיניאן געפונען פאר בעסער צו דריקען דער יודישער בעפעלקערונג און אנצוגרייפען איינעם פון איהרע שטארקסטע געפיהלען.

ביי אנאנדער פאל האט זיך יוסטיניאן ערלויבט נאך שטארקער אנצוגרייפען די רעליגיעזע געפיהלען פון דער יודישער בעפעלקערונג. עס איז פארגעקומען, אז די מיטגליעדער פון א יודישער קהלה זענען זיך פונאנדערגעגאנגען אין די מיינונגען וועגען דעם, צי די פרשיות פון דער תורה און די קאפיטלעך פון דער הפטורה דארפען געלייענט ווערן בעת'ן דאווענען נאר אין אריגינאל (העברעאיש) אליין, אדער מ'דארף זיי גלייך איבערזעצען אין דער לאנדעשפראך, כדי די עמי הארצים און פרויען זאלען זיי אויך פערשטעהן. די געזעצלעהרער און דער מעהר ארטאדאקסישער טייל פון די מתפללים איז, נאטירליך, געווען געגען דער איינפיהרונג פון גריכיש — די שפראך פון די יודישע פייניגער און דער קריסטליכער קירך — אין דעם יודישען גאטעסדיענסט, און דער שטרייט איז ענדליך דערגאנגען ביז אזוי ווייט, אז יוסטיניאן אליין האט זיך געמוזט אריינמישען אין דער זאך. ער האט דאן בעפויהלען, אז די יודען מוזען זיך בעת'ן גאטעסדיענסט בענוצען מיט גריכישע (אדער לאטיינישע — אין די איטאליענישע פראווינצען) איבערזעצונגען פון דער ביבעל, און האט זיי דערביי רעקאמאנדירט די קריסטליך-צוגעפוצטע סעפטואגינטא. יוסטיניאן האט דאן אויך פערבאטען די אגדה'שע דרשות, וואס פלעגען געהאלטען ווערן יעדען שבת אין די שוהלען און בתי מדרשים, און אויף אזא אופן האט ער געגלויבט

צו פֿערבאַטען די טראַדיציאָנעלע יודישע אויפֿפֿאַסונג פֿון די הייליגע שריפֿטען מיט די אויסטייטשונגען פֿון דער ביבעל אינ'ם זין פֿון קריסטענטום (553).

די זאָרגען פֿון דעם ביזאַנטינישען הויף פֿאַר'ן גליק פֿון דער יודישער נשמה האָבען זיך אויסגעדריקט נאָך אין אַ גאַנצער רייהע פֿערבאָטען און בעפֿעהלען. די יודען האָבען אין זייערע שוהלען נישט געטאָרט אויסשרייען אין דער הויך דעם אויסרוף: ד' אלהינו, ד' אחד (גאָט, אונזער גאָט, איז איינציג), ווייל דאָס איז אַ שאַרפֿער פּראָטעסט געגען דער אָנגענומענער דריי־איינינקייט פֿון קריסטענטום; זיי איז פֿערבאָטען געוועזען אויסצורעדען דעם פֿערז „קדוש, קדוש, קדוש ד' צבאות" (הייליג, הייליג, הייליג איז דער האר צבאות), ווייל דאָס איז אויך פֿון דער קריסטליכער זייט אויסגעטייטשט געוואָרען, ווי אַ רמז אויף דער דריי־איינינקייט, און דער יודישער בעל־תפֿילה פֿלעגט דערצו צוגעבען נאָך אַ זאַץ געגען דער דרייהייט; און ענדליך האָבען די רוימישע בעאַמטע אין די יודישע שוהלען אַכטונג געגעבען, אַז קיינער זאָל נישט וואַגען צו לייענען עפֿענטליך די קאַפּיטלעך פֿון ישעיהו, וואו די פֿערשטויסענע יהודה'עאישע הויפּטשטאָדט (ציון) ווערט פֿונ'ם נביא געטרייסט און געצערטעלט מיט ליכטיגע האָפֿנונגען אויף דער צוקונפֿט.

וועגען פֿאַקטען פֿון צווינגען יודען צום שמד אין יוסטיניאַנ'ס צייטען זענען צו אונז קיין קוועלען נישט דערגאַנגען. עס איז בעקאַנט בלויז, אַז ווען דער ביזאַנטינישער קריגס־העלד בעליזאַריאָ האָט זיך אָנגעקלאָזען אין אַפֿריקאַ געגען די וואַנדאַלען און איינגענומען די שטאָדט באָריאָן (אין מאַוריטאַניע־מאַראָקאָ), האָט ער איבער געוואַלט אויסגעשמד'ט די דאָרטיגע יודישע קהלה און די שוהל פֿערוואַנדעלט אין אַ קירך.

געענדיגט האָט זיך די רייהע פֿון יוסטיניאַנ'ס אכזריות'ען מיט אַ בלוטיגען צוזאַמענשטויס. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין קסריה, בעת אַ פֿאָרשטעלונג אין צירק, וואו די קריסטען האָבען זיך ווידער פֿערטשעפּעט מיט די שומרונים; דאָ האָט ביי די שומרונים געפּלאַצט די געדולד, און זיי האָבען זיך מיט אַ פֿערביטערט־ווילדען צאָרן אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זייערע פֿייניגער און בעליידיגער. צו זיי איז באַלד צוגעשטאַנען אויך די יודישע יוגענד, און ווען דער קייזערליכער פּראָקאָנסול סטעפֿאַנוס איז געקומען צולויפֿען מיט סאָלדאַטען אויפֿן פּלאַץ פֿון דעם צוזאַמענשטויס, האָבען די צובונטעוועטע איהם געצוואונגען פֿריהער צו

אנטלויפען, און דערנאך — אויסגעפונען זיין בעהעלטעניש (פאליציי-הויז, פרעטאריום) און איהם דארטען געטויט (556). די פרוי פון דערהרגעט'ען איז גלייך אוועקגעלאפען קיין קאנסטאנטינאפאל און איבער געגעבען דעם גאנצען אינצידענט; דאן האט יוסטיניאן בעפויהלען דעם פראקוראטאר פון גאנצען מזרח, אמאנציוסען, וועלכער האט געהאט זיין רעזידענץ אין אנטיוכיא, ער זאל זיך נוקם זיין אן די מורדים. און דער בעפעהל איז אויסגעפיהרט געווארען מיט דער געוועהנליכער אכזריות פון יענע צייטען: די אנפיהרער זענען געקעפט און אויפגעהאנגען געווארען און די איבריגע האט מען אבגעהאקט די הענד.

מעהר בעדייטענד און מיט מעהר קרבנות איז געוועז דער אויפשטאנד פון די יודען אין אנטיוכיא אין די צייטען פון דעם טראנ-רויבער פאקוס (602—610). דער דאזיגער קעניגליכער מערדער האט די יודען איבערגעגעבען אינגאנצען אין די הענד פון די גיפטיגע נלחים, וואס האבען נישט אויפגעהערט זיי צו פייניגען און צו דער-צערנען; ווי ס'ווייזט אויס, איז שוין אבער דעמאלט די מאס איבער-פולט געוועזן, און די יודען פון אנטיוכיא האבען פון פערצווייפלונג גע'פועל'ט ביי זיך, זיך איינמאל פאר אלע מאל נוקם צו זיין אן די אכזריות'דיגע שונאים. זיי זענען דאן בעפאלען די קריסטען פון שטאדט און אנגעמאכט צווישען זיי א חורבן: הונדערטער האבען זיי דער-שטאכען און פערברענט, און דעם גיפטיגען פאטריארך אנאסטאזיוס האבען זיי דערהרג'עט און זיין קערפער ארומגעשלעפט איבער די גאסען. זייער צארן בכלל האט אזא פחד ארויפגעווארפען אויף די ארומיגע שטעדט, אז פאקוס האט זיך געזעהן געצוואונגען ארויסצו-שיקען געגען די מורדים א גרויסע מחנה סאלדאטען. ערשט דעמאלט זענען די נקמה-צורייצטע יודען בעזיעגט געווארען און די קריעגס-פיהרער האבען איבער זיי אויסגעאיבט די שרעקליכסטע שטראפען (604).

אין א קורצער צייט ארום האבען די יודען ווידער געפונען א געלעגענהייט זיך נוקם צו זיין אן זייערע פייניגער. דאס איז פאר-געקומען אויף דעם פאלגענדען אופן: כאזרו II דער קעניג פון פער-סיען איז געוועזן א איידים פון דעם ביזאנטינישען קייזער מאוריציוס, ביי וועלכען פאקוס האט אוועקגערויבט דעם טראן; און אט האט זיך דער פערסישער קעניג ארייגעריסען מיט א מורא'דיגען חיל אין די גרענעצען פון דער ביזאנטינישער און פערנומען גאנץ קליין

אזיען און סיריען. אונטער דער צייט איז הערַאקליוס געוועהלט געוואָרען פאר א קיסר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ער האָט אויפגע-פאָדערט די פערסיאַנער צו פערלאָזען דאָס ביזאַנטינישע לאַנד; די לעצטע האָבען איהם אָבער נישט געפאָלגט, און א גרויסע פערסישע מחנה, אונטער דער אָנפיהרונג פון שַׂרבַּאַרזאַ, האָט זיך אַראָב-געלאָזען פון די לבנון-בערג, כדי אָבצורייסען פאַלעסטינא פון דער ביזאַנטינישער אימפעריע. צו דער ערשיינונג האָבען די יודען נישט געקענט בלייבען גלייכגילטיג: די מפּלות פון דעם ביזאַנטינישען חיל האָבען פונאַנדערגערייצט זייער פאַנטאַזיע, און אין זיי האָט ערוואַכט די האָפנונג, זיך ענדליך נוקם צו זיין אָן די בלוטיגע רוימער פאַר די אַלע הונדערטער יאָהרען פון נגישות, גזירות און פיין. די קריגע-רישע שטימונג האָט באַלד ארומגעחאַפּט גאַנץ פאַלעסטינא, און ווי אין די אַלטע צייטען, האָט אויך איצט טבריה געדיענט פאַר דעם הויפּט-צענטער פון אויפשטאַנד; דאָ האָט זיך געפונען איינער מיט'ן נאָמען בנימין, וואָס האָט בעזעסען א אונגעהויערע עשירות, און ער האָט עס פערווענדעט, אויסצוהאַלטען דעם יודישען חיל און איהם צו בעוואָרנען מיט אַלעם נויטיגען; דערביי זענען אַלע יודען אויפגעפאָדערט געוואָרען, זיך צו שטעלן אין די רייהען פון דער פערסישער אַרמעע און צו קעמפפען מיט איהר צוזאַמען געגען דעם געמיינזאַמען שונא — די ביזאַנטינער. אויף אַזאַ אופן איז שַׂרבַּאַרזאַ'ס מחנה געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און ווען ער האָט אָנגעהויבען מאַרשירען מיט איהר אויף דעם וועג קיין ירושלים, וועלכע ער האָט געוואָלט גלייך אָבנעהמען פון די קריסטען, זענען צוגעשטאַנען צו איהר אויך די יודען פון דרום-פאַלעסטינא. מיט אַזאַ אונגעהויערער מחנה איז שַׂרבַּאַרזאַ'ן נישט שווער אָנגעקומען איינצונעהמען די שטאָדט, און ווי די קריסטליכע קוועלען פון יענער צייט ווילען האָבען, זענען דאַן דורך די זיעגער אויסגעקוילעט געוואָרען אין ירושלים ביז נייַנציג טויזענד קריסטען. די זעלביגע קוועלען גיבען אָן פאַר א פאַקט אויך דאָס, אז די יודען, זייענדיג פערשכור'ט פון דער דורשט נאָך נקמה, האָבען אָבגעקויפט ביי די פערסיאַנער די קריסטליכע געפאַנגענע, אום צו קענען אויסאיבען איבער זיי אכזריות'דיגע שטראָפען. נאַטירליך, זענען די אַלע ידיעות אין א גרויסער מאָס איבערטריבען, האָטש עס לאָזט זיך גלויבען, אז דער צאָרן פון פאָלק, וואָס האָט זיך געזאַמעלט אין דעם משך פון הונדערטער דורות, האָט דאָס מאָל אויסגעבראָכען מיט

א אונגעהויערליכער קראפט, און אריינקומענדיג ווי זיגער אין זייער הייליגער הויפטשטאדט, וואו זיי איז ביז אהער פערבאטען געוועזען אפילו א פוס אוועקצושטעלען, — האבען זיי די בעזיגטע געגעבען צו פיהלען דעם שטורם פון פערשכור'טער נקמה. די יודישע מחנות האבען זיך מיט א בעזונדער פערביטערטקייט ארויפגעווארפען אויף די קריסטליכע הייליגע און הייליגטימער; זיי האבען צושמעטערט אלע קירכען און מאנאסטירען פון ירושלים מיט איהר אומגעגענד און דערביי געטויט און געפייניגט די גלחים און נזירים. איינע פון די ראזיגע מחנות, וואס האט געצעהלט ביז צוואנציג טויזענד יודען (פון טבריה, דמשק, די אינזעל ציפערן א. א.) האט זיך אוועקגעלאזען צו דער שטאדט צור, וואו זי האט זיך געזאלט פעראייניגען מיט דעם דארטיגען יודישען גארניזאן און בעפאלען די קריסטען פון שטאדט אין דער ערשטער נאכט פון זייער פסח; דאס האט זיך אבער די יודען נישט איינגעגעבען איבער דעם, וואס די קריסטען האבען זיך דערוואוסט פון דער אונטערנעהמונג און גענומען געפאנגען אלע יודען פון שטאדט. אבריסענדיג אויף אזא אופן די שטאדטיגע יודען פון דער אנגעקומענער מחנה, האבען זיי געדראהעט דער לעצטער אויסצוהרג'נען זייערע געפאנגענע יודען, און ווען די בעלאגערער האבען אנגעהויבען חרוב צו מאכען די קירכען פון דער אומגעגענד, האבען די קריסטען פון שטאדט ווירקליך געענטפערט אויף דעם מיט טויזענדער ארא‌בגעווארפענע יודישע קעפ. ביי די אנגעקומענע איז דאן געפאלען דער מוט און זיי האבען פערלאזען די שטאדט מיט בעדייטענדע אבידות.

ארום פירצעהן יאהר האבען די יודען מיט די פערסיאנער געבעל־הבתי'וועט אין פאלעסטינא. וועגען די בעציהונגען, וואס האבען זיך איינגעשטעלט אין דער ערשטער צייט צווישען די ביידע בעלי בתים, זענען צו אונז קיין ידיעות נישט דערגאנגען; בעקאנט איז נאר, אז יודען האבען זיך שטארק געפרעהט מיט דעם נצחון און געזעהן אין איהם א צייכען פון הימעל. די פלוצלונגע איבערקעהרעניש אין דער פאליטישער לאגע פון יודען אין פאלעסטינא האט געווירקט זאגאר אויף די קריסטען גופא, און פיעל פון זיי האבען זיך מגייר געוועזען. פון די לעצטע האבען זיך יודען בעזונדער גרוים געהאלטען מיט איינעם א פערגעטערטען און בעריהמטען קריסטליכען קדוש, וועלכער איז איבערגעגאנגען צום יודענטום נישט נאר פרייוויליג, נאר אויך מיט

א שטארקער בעגייסטערונג ; דער דאזיגער הייליגער האט א סך יאהרען פערבראכט אינ'ם קלויסטער אויפן בארג סיני, פערזונקען אין תפלות און סגופים, און פלוצלונג האט זיך ביי איהם דערוועקט א צווייפעל אינ'ם אמת פון קריסטענטום. ווי ער אליין האט ערקלערט, האבען איהם א לענגערע צייט געפייניגט די נאכט־ערשיינונגען פון קריסטוס'ען מיט זיינע אפאסטאלען און תלמידים פון איין זייט, און משה'ן מיט די יודישע נביאים און חכמים — פון דער צווייטער ; דאס האט איהם געבראכט דערצו, אז ער האט ענדליך פערלאזען דעם בארג, געוואנדערט לאנג דורכ'ן מדבר, און איז געקומען קיין טבריה צו די יודישע געזעצלעהרער. דא האט ער זיך מגייר געוועזען, חתונה געהאט מיט א יודישע פרוי, און איז געווארען איינער פון די ווארימסטע קעמפפער פאר די אמת'ען פון יודענטום.

ביי דעם אלעם איז די האפנונג, וואס יודען האבען געלעגט אויף די פערסישע זיעגער, נישט ערפילט געווארען. די פערסיאנער האבען וואס ווייטער אלץ מעהר אנגעהויבען צו קוקען אויף זיך, ווי אויף די איינציגע בעלי בתים פון לאנד, און אויסער דעם, וואס זיי האבען יודען נישט אבגעגעבען די גרעסערע פונקטען פון פאלעסטינא, ווי עס איז געוועזען אבגעמאכט צווישען זיי, האבען זיי דער יודישער בעפעלקערונג שטארק געדריקט און בעלעסטיגט מיט שווערע שטייערן. דאס האט ארויסגערופען צווישען יודען א שטארקע אונצופריעדענהייט מיט די פערסישע קאמפפס־ברידער, און די דאזיגע אונצופריעדענהייט האט זיך נאך שטארקער פונאנדערגעקאכט נאכדעם, ווי דער פערסישער פיהרער פון פאלעסטינא האט א גרויסע צאהל אנגעזעהענע יודען פערשיקט קיין פערסיען. עס האבען זיך אנגעהויבען הערן שארפע ווערטער געגען די נייע מושלים, וואס יודען אליין האבען זיי אריינגעבראכט אין לאנד, און אט די יודישע ענטטוישונג האט דער ביזאנטינישער קייזער פערשטאנען אויסצוניצען. דער לעצטער, העראקליוס, האט זיך אונטער דער צייט בעפרייט פון אלע שטערונגען, וואס זענען איהם געשטאנען אין וועג (די אווארען), און האט אנגעהויבען זיך גרייטען צו א שארפען ארויסטריט געגען די פערסיאנער, אום אבצונעהמען פון זיי די פערכאפטע ביזאנטינישע פראווינץ ; ער האט אבער פערשטאנען, אז די יודען קענען איהם דא שטארק בעהילפיג זיין, און איז געקומען אין א נאהנטער בעציהונג מיט די „אונצופריעדענע“ אין פאלעסטינא. דער פארשטעהער פון די לעצטע איז, ווארשיינליך,

געװען דער אויבען דערמאָנטער בנימין פון טבריה, און מיט איהם האָט הערַאקליוס געשלאָסען אַ פאָרמעלען אָבמאַך, לויט װעלכען די יודען איז געזיכערט געװאָרען אַ פאָלשטענדיגע אַמניסטיע, אויסער פערשידענע קלענערע הנחות (627). דערװייל זענען אַ סך זייטיגע בעדינגונגען אויך זעהר גינסטיג געװאָרען פאַר דעם ביזאַנטינישען קייזער, און די ענדע איז געװען, אַז ער האָט געצװאוּנגען די פערסיאנער, צו פערלאָזען פאַלעסטינאַ, און דאָס הייליגע לאַנד איז װידער אַרונטערגעפאַלען אונטערן קריסטליכען קרייץ. אויף זיין טאַרשרוט קיין ירושלים, האָט הערַאקליוס זיך אָבגעשטעלט אין טבריה, װאו דער רייכער בנימין האָט איהם מיט זיין מחנה זעהר גאַסט-פריינדליך אויפגענומען, און װען דער קייזער האָט אין אַ אָפענהערציגען שמועס געפרעגט דעם יודישען אַריסטאָקראַט, פאַרװאָס ער האָט אַרויסגעװיזען אַזאַ פערביטערטע שנאה צו די קריסטען, — האָט בנימין איהם קורץ געענטפערט: „װייל זיי זענען שונאים פון מיין גלויבען".

אין ירושלים האָבען הערַאקליוס'ען בעגעגענט די נזירים און גייסטליכע פון שטאָדט, מיט'ן פאַטריאַרך מ אָ ד ע ס ט ו ס בראש, און זייער ערשטע בקשה איז געװען, אַז ער זאָל אויסראָטען אַלע יודען פון פאַלעסטינאַ אַלס נקמה פאַר זייערע מעשים בנוגע צו די בעזיעגטע קריסטען. דער קייזער האָט זיך דאַן פערופען אויף דער הבטחה, װאָס ער האָט יודען געגעבען, זיי נישט צו בעשטראָפען פאַר זייערע אַרויסטרעטונגען; נאָר װען די הייליגע האָבען איהם ערקלערט, אַז הרג'ענען יודען איז זעהר אַ אָנגענומענע עובדא ביי גאָט און אַז זיי װעלען בעשטימען אַ בעזונדער תענית פון אַ גאַנצע װאָך, כדי אויסצוקויפען זיין זינד (פון ברעכען די הבטחה), — איז דער פרומער הערַאקליוס מרוצה געװאָרען ממלא צו זיין זייער בקשה. דאַן איז אַרויסגעגעבען געװאָרען אַ בעפעהל, צו פאַנגען יודען אין די גאַסען, װי חיות אין פעלד, און זיי צו טויטען אָהן אַ שום דין און משפט. ביי דער געלעגענהייט האָט הערַאקליוס בעניייט אויך דעם אַלטען עדיקט פון האַדריאַנ'ס און קאָנסטאַנטינ'ס צייטען, לויט װעלכען די יודען איז פערבאָטען געװאָרען מיט אַ פוס אַרויפצוטרעטען אויף דער ערד פון זייער אַמאָליגער הויפּטשטאָדט—די שטאָדט פון דעם הייליגען ק ב ר. אַזוי האָבען די פאַלעסטינישע יודען איצט װידער אָבגעצאָהלט פאַר דער קורצער צייט פון זייערע ליבטיגע האָפנונגען — דער קרייץ האָט טריאומפירט! הערַאקליוס אַליין האָט, איבריגענס, נאָך דערלעבט צו זעהן,

אַז די הייליגע שטאָדט מיט גאַנץ פאַלעסטינאַ, סיריען און מצרים זענען אויף אייביג אָבגעריסען געוואָרען פון ביזאַנטיען, ווי פון דער קריסטליכער הערשאַפט בכלל, און זענען אַרונטערגעפאַלען אונטער דער ממשלה פון די קאַליפען, די נאָכפאָלגער פון דעם נביא פון מעקקאַ. די ביזהעריגע פערפאָלגער מיט'ן קרייץ אין דער האַנד, האָבען איצט אליין אָנגעהויבען שפירען דעם טעם פון רעליגיעזער פערפאָלגונג, חאָטש די האַלבע לבנה איז אין איהרע רדיפות קיינמאָל נישט דערגאַנגען ביז די אכזריות'ען פון קרייץ.

דערווייל אָבער איז נאָך דער קרייץ אַלמעכטיג געווען און די יודען פון גאַנץ אייראָפּאַ האָבען זיך געפונען אונטער זיין הערשאַפט. „צוזייט און צושפּרייט אין דער גאַנצער וועלט, — זאָגט איין בעריהמטער בעאָבאַכטער פון יענער צייט — זענען די יודען אונטערגעוואָרפען דעם רוימישען יאָך, און לעבען דאָך לויט זייערע אייגענע געזעצען". פון דער כאַראַקטעריסטיק איז אמת נאָר דער סוף: דעם רוימישען יאָך זענען יודען נישט אונטערגעוואָרפען געווען, ווייל רוים אליין איז שוין דעמאָלט געווען אונטערגעוואָרפען און פערשקלאַפּט פון די באַרבאַרישע שטאַמען וועסט-גאָטען, אָסט-גאָטען, געפידען, הערולען און לאַנגאָבאַרדען), וואָס האָבען איהר די קרוין פון קאָפּ אַראָבגעריסען און מיט די פיס געטרעטען. יודען האָבען, אמת, פון דער איבערקעהרעניש קיין סך נישט פערדינט; אַ נקמה אָן רוים האָבען זיי אָבער דערלעבט. די דאָזיגע אַלמעכטיגע אימפּעריע איז צופאַלען געוואָרען, אויף איהרע חורבות זענען ענטשטאַנען נייע פעלקער מיט נייע מלוכות, און ווי אויף ירושלים אַמאָל, האָט מען איצט אויף רוים אויך געקלאָגט: „די האַרינטע פון פעלקער, די פירשטין פון לענדער איז אַ בעטלערין געוואָרען". *)

צו אונז זענען נישט דערגאַנגען קיין קלאָרע ידיעות וועגען דער

*) ביי דער פערוויסטונג פון רוים דורך די וואַנדאַלען פון צפון אַפריקאַ, האָט דער פיהרער פון די לעצטע, גייזעריך, אַוועקגעפיהרט מיט זיך קיין אַפריקאַ די הייליגע כלים פון בית המקדש, וואָס טיטוס האָט געבראַכט קיין רוים. מיט 80 יאָהר שפּעטער זענען די דאָזיגע כלים דורך דעם ביזאַנטינישען קייזער יוסטיניאַן געבראַכט געוואָרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פון דאָרטען האָט מען זיי איבערגעפיהרט קיין ירושלים.

ראליע, וואס יודען האבען געשפיעלט אין דעם פראצעס פון רוים׳ס אונטערגאנג; זיכער איז אבער, אז יודישע קאלאניעס האבען זיך שוין דאן געפונען אין דעם גאנצען שטח פון דער אימפעריע. מילאן, גענוא, נעאפאל, סיציליען, מעסינא, אגרעגענטא און אלע אנדערע שטעדט פון אויבער- און אונטער-איטאליען האבען געהאט בעדייטענדע יודישע ישובים נאך פון די אלטסטע צייטען אן, און פון דארטין האבען זיך די יודען פערקליבען אויך אין די ווייטע מערב-פראווינצען פון דער אימפעריע — גאליען, גערמאניען און שפאניען.

אין א בעזונדער לאגע האבען זיך געפונען די יודען אין איטאליען נאכדעם, ווי עס איז ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון דעם אסט-גאטישען קעניג טעאדאריך (493). דער דאזיגער הערשער, וואס האט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען, איז פון דער קריסטליכער קירך דאך פערהאסט געוועזען, ווייל ער האט אנגעהערט צו די אריאנער (די וואס האלטען, אז גאט דער זוהן איז נאר ענליך צו גאט דעם פאטער, אבער נישט גלייך צו איהם), און כדי איהם צו דערצערנען האבען די קאטוילישע גייסטליכע נישט אויפגעהערט צו רודפ׳ען יודען געגען זיין ווילען. דער מלוכה-פערשטאנד האט טעאדאריכען אונטערגעזאגט, אז קוים לעבען די יודען לויט זייערע אייגענע געזעצען מוזען זיי שוין ממילא האבען אויך אייגענע ריכטער און אייגענע לעהרער, און אין דעם זין האט ער בעהאנדעלט אויך אנדערע אנגעלעגענהייטען פון דעם יודישען לעבען; די קאטוילישע גייסטליכע האבען זיך אבער נישט געוואלט אונטערגעבען די פעראָרדנונגען פון דעם אפיקורסי׳שען הערשער, און גאנץ אפט איז געקומען צו בלוטיגע קאנפליקטען צווישען זיי און די פארשטעהער פון דער קייזערליכער מאכט, ביי וועלכע די לעצטע האבען זיך איינגעשטעלט פאר יודען און בעשטראפט זייערע בעליידיגער.

וואס עס געהערט צו טעאדאריכען אליין, האט ער אויך יודען נישט ליעב געהאט, און זיין אידעאל איז געוועזען, זיי ארונטערצוברענגען אונטער די פליגעל פון דעם הייליגען גלויבען. ווענדענדיג זיך ביי א געוויסער געלעגענהייט צו דער יודישער קהלה אין מילאן, האט ער מיט היץ אויסגעשריגען: „וואס זוכסטו, א יודא, צייטליכע רוה, ווערענד דו קענסט די אייביגע נישט געפינען איבער דיין פערקשנט׳ער בלינדקייט!" א צווייטער פאל איז פארגעקומען מיט די

יודען פון גענוא, וועלכע האבען געבעטען ביים קייזער א ערלויבניש צו פערשענערן זייער שוהל; „מיר גיעבען אייך די פערלאנגטע ערלויבניש, — האט טעאדאריך זיי געלאזען ענטפערן — אבער מיר פעראכטען דעם פערלאנג, וואס שטאמט פון אייער פעראירטקייט. פון דעסטוועגען, קענען מיר נישט בעפעהלען אין ענינים פון אמונה, און צווינגען וועמען ס'איז צו גלויבען נעגען זיין געוויסען". די ערלויבניש איז, איבריגענס, ארויסגעגעבען געווארען בלויז אויף דעם איינציגען מאל, און בכלל איז דעמאלט יודען פערבאטען געוועזען, צו בויען נייע שוהלען און זיי צו פערשענערן.

כאראקטעריסטיש פאר דער שטימונג, וואס האט געהערשט דאן אין די קרייזען פון דער קירך בנוגע צו יודען, איז דער פירוש אויף תהלים, וואס איז פערבליעבען פון טעאדאריכ'ס נאהנטסטען יועץ און פריינד קאסיאדאר. דאס איז געוועזען א געפיהל פון פערביטערטען כעס צו די פערעקשנ'טע בעלי גאוה'ס, וואס ווילען נישט זעהען דעם ליכטיגען אמת. „הערט, איהר יהודה'ער, — שרייט אויס מיט צארן דער פילאזאפישער מפורש — פערנעהמט, איהר הארטבעשולדיגטע, וואס דער תהלים-זינגער אסף רעדט וועגען קריסטוס'עס געבורט! איהר פערשטעהט דאך נישט אפילו די ווערטער פון אייערע איינענע נביאים! געהט צו די פאטער'ס פון דער קירך; זיי וועלן עפנען אייערע אויערן, און איהר וועט, מיט גאט'ס הילף, געראטעוועט ווערן פון אייער איי‎ביגער טויבקייט". און גלייך נאך דעם מוסר השכל ווערן די „טויבע" יודען אנגערופען מיט אזעלכע נעמען, ווי „ווילדע איזולען", „שלאנגען און לייבען", „הינט" א. ג. א.

ביי דער גאנצער אנטיפאטיע צו יודען פון די טאן-געבענדע פערזאנען אין דעם אסטגאטישען איטאליען, האט זיך דא יודען פון דעסטוועגען בעדייטענד בעסער און רוהיגער געלעבט, ווי אין דעם ביזאנטינישען מזרח, און זייער לאגע איז פערבליעבען נישט געענדערט אויך אונטער דער הערשאפט פון טעאדאריך'ס נאכפאלגער: זיין טאכטער אמאלאזונטא און איהר מאן טעאדאט. די יודען האבען זיך דעריבער אויך געפיהלט צוגעבונדען צו דער דינאסטיע, און ווען דער ביזאנטינישער חיל, אונטער דער אנפיהרונג פון דעם בעריהמטען וועליזאריא, האט זיך אריינגעריסען אין איטאליען (536), האבען איהם די יודען געשטעלט א שטארקען ווידערשטאנד. דער דאזיגער העלדישער בעזיעגער פון די וואנדאלען, וועלכער האט שוין געהאט איינגענומען

גאנץ סיציליען און א גרויסען טייל פון דרום-איטאליען, האט אין נעא-
פאל געפונען פאר זיך א פערביטערטען מעלטינגען געגנער אין דער
געשטאלט פון די יודישע איינוואוינער. זיי האבען געוואוסט, וואס זיי
האבען צו ערווארטען פון דער ביזאנטינישער הערשאפט, און וועהרענד
די גריכישע בעפעלקערונג פון שטאדט, האט זיך גלייך געוואלט אונ-
טערגעבען, האבען די יודען מיט א אונגעוועהנליכער העלדישקייט
געקעמפפט געגען די ביזאנטינער און זיי אבגעהאלטען א לאנגע צייט
הינטער די טויערן פון שטאדט. עס האט שוין זאגאר געהאלטען דער-
ביי, אז בעליזאריא זאל אינגאנצען אויפגעבען די בעלאגערונג, און
נאר דורך א שווינדעל האט זיך איהם איינגעגעבען אבצונארען די יודי-
שע קעמפפער. וועלכע האבען אין שטאדט גופא נאך אויך נישט
אוועקגעלעגט דאס געוועהר פון האנד און נישט אויפגעהערט צו ווער-
פען טויט און פייער אין די רייהען פון דער ביזאנטינישער מחנה. נאך
דעם אויסגאנג פון דער מלחמה, זענען די לעבען-געבליבענע יודען
זיך צולאפען אין פערשידענע ערטער, און די היסטארישע קוועלען פון
יענער צייט וויסען גארנישט צו דערצעהלען וועגען דעם גורל פון די
דאזיגע העלדען.

אזוי האט זיך געענדיגט די ממשלה פון די אסטגאטען אין
איטאליען. בעליזאריא האט נאך א לענגערע צייט געמוזט קעמפפען
מיט זיי; ענדליך האט ער זיי אבער אינגאנצען בעזיעגט, און איטאליען
איז געווארען א ביזאנטינישע פראווינץ, וואס האט זיך געפונען אונטער
דער השגחה פון א עקזארך אין ראווענא (554). פאר יודען איז אט
די ענדערונג געווען א שווערער קלאפ: זיי זענען ארונטערגעפאלען
אונטער די בעריהמטע געזעצען פון יוסטיניאנ׳ס קארעקס און האבען
געמוזט אויסשטעהן אלערליי בעגרענצונגען און ערניעדריגונגען.

די הערשאפט פון די ביזאנטינער אין איטאליען האט זיך
אבער אויך נישט לאנג געהאלטען. מיט פירצעהן יאהר שפעטער
האבען זיך די ריזען-שטארקע לאנגאבארדען ארייננעריסען אין לאנד,
און יוסטיניאנ׳ס יורש האט זיי געמוזט אבטרעטען גאנץ צפון-איטאליען.
די מושלים פון דעם שטאט, וועלכע זענען געווען האלב געצענדיגע-
ריש האלב אריאניש, האבען זיך צו יודען בעצויגען פאלשטענדיג טאלע-
ראנט, און אין דער גאנצער לאנגאבארדישער געזעצזאמלונג געפינט
מען נישט קיין איינציגען געזעץ געגען יודען. אט די גוטע בעציהונג
צו יודען האט זיך נישט געענדערט אפילו אויך שוין נאכדעם, ווי די

לאנגאבארדען זענען איבערגעגאנגען צום קאטוליציזם. דאס איז געווען
דערפאר, וואס די ערשטע פיהרער פון דער קירך אין יענער צייט,
די פויפסטען, זענען גראד געווען מענשען מיט סבלנות און יושר.
גרעגאר דער ערשטער, דער פויפסט (590—604), וואס
האט בעגרינדעט און בעפעסטיגט די אלוועלטליכע ממשלה פון קאטולי-
ציזם, האט זיך געהאלטען ביי דעם פרינציפ, אז אזוי ווי די יודען
טארען זיך נישט נעהמען איבעריגע רעכט, וואס זיי האבען נישט, אזוי
טאר מען ביי זיי נישט אוועקנעהמען די רעכט, וואס זיי האבען שוין.
גרעגאר האט אויך צוגערעדט יודען איבערצוגעהן צום קריסטענטום און
האט זיי דערפאר צוגעזאגט פערשידענע זכיות און פריווילעגיעס; ער
האט אבער געגען זיי קיינע געוואלט-מיטלען נישט אנגעווענדעט און
האט אויסגערעדט די פראווינציעלע בישאפען פאר זייער שלעכטער
בעציהונג צו יודען. דאס איינציגע, אויף וואס גרעגאר האט שטרענג
מקפיד געווען, איז געווען דאס, אז יודען זאלען נישט האלטען קיין
קריסטליכע שקלאפען: אין דעם האט ער געזעהן א פערברעך געגען
דעם קריסטליכען כלל, לויט וועלכען א „נישט-גלויביגער" טאר קיין
מאכט נישט האבען איבער א גלויביגען

גאנץ אנדערש ווי אין ביצאנץ און איטאליען האבען אויסגעזעהן
די יודישע ישובים אין די מערב-לענדער פון דעם אמאליגען רוים —
פראנקרייך (גאליען) און שפאניען. דער שטראם פון די בארבארישע
פעלקער, וואס האט פערפלייצט די דאזיגע לענדער, האט פונאנדער-
געטרייסעלט אלע יסודות פון זייער געזעלשאפטליכען לעבען און איהם
איינגאנצען צושרויפט. די רוימישע רעליגיעזע און וועלטליכע ארדנונגען
זענען אזוי ווי אונטערגעגאנגען פון זיך אליין, און די ניי-ענטשטאנענע
מלוכות מיט די געצענדיענערישע אדער האלב-קריסטליכע פעלקער האבען
זיך אויסגעבילדעט גאנץ זעלבסטשטענדיג — אהן דער השגחה פון די
רוימישע בשמה-פערזארגער. עס האט גענומט א לאנגע צייט אריבער-
בעט ביז דער קאטוליציזם האט בעקומען די אויבערהאנד אין מערב
איראפא, און אזוי לאנג האבען אויך די יודען, וואס האבען זיך
אויפגעהאלטען אין די לענדער, נישט געוואוסט פון קיינע שטערונגען
און רדיפות. די לעצטע הויבען זיך אן צוזאמען מיט'ן זיעג פון דער
קירך — אהן דער געלייטערטער אמונה און אהן די הויכע בעגריפען
פון דער הייליגער ליעבע האבען צו די פעלקער פון קיין רעליגיעזע
טבעה נישט געוואוסט. —

די אײַנוואַנדערונג פון יודען אין די צווײ פּראָווינצען פאַלט אױס כּמעט אין אײן צײַט מיט דער רוימישער רעפּובליק אָדער מיט דער הערשאַפט פון די צעזאַר׳ס. די יודישע סוחרים פון אַלעקסאַנדריע און קלײן אַזיע, וועלכע זענען צוליעב זײערע געשעפטען געקומען קײן איטאַליען, ווי די יודישע קעמפּפער וועלכע זענען פון וועספּאַסיאַנ׳ען און טיטוס׳ען אַלס געפאַנגענע פערטריעבען געוואָרען אין די ווײַטע רוימישע מקומות, — דאָס זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען, פרײַוויליג אָדער געצוואונגענערהײד, אױסגעטרעטען פאַר די שפּעטערדיגע דורות דעם וועג צו די גאַלישע און איבערישע פּראָווינצען. אָנגעקומען ווי געשעפטסלײַט אָדער ווי געפאַנגענע, מיט׳ן זעקעל אָדער אים שקלאַפען-קלײד, זענען די יודען אין פראַנקרײַך און שפּאַניען באַלד אויסגעגלײַכט געוואָרען אין זײערע רעכט מיט דער אײַנגעבוירענער בעפעלקערונג, און די גערמאַנישע פראַנקען און בורגונדען, וואָס האָבען די בײדע לענדער אײַנגענומען, האָבען גערעכענט די יודען פאַר רוימער. אין דער פון קעניג כלאָדוויג געגרינדעטער פראַנקישער מלוכה (צו דער ענדע פון V-טען יאָהר-הונדערט) האָבען יודען אויסגעמאַכט אַ בעדײַטענדען טײל פון דער אַלגעמײנער בעפעלקערונג; יודען האָבען געוואוינט אין אָבערנע, קאַר-קאַסאָנע, אָרלעאַנס ביז הויך אין צפון — אין פּאַריז און בעלגיען. בעזונדער רײַך איז געווען דער יודישער ישוב אין דער אַלט-גריכישער האַפענשטאָדט מ אַ ר ס ע ל, וואָס האָט אויך געהײסען „ה ע ב ר ע א י ש ע ש ט אָ ד ט", אין א ר ל ס, וואו זײ האָבען ביז׳ן זעקסטען יאָהרהונדערט זיך בענוצט מיט דער גריכישער שפּראַך, און אין דער אומגעגענד פון נ אַ ר ב אָ נ א, וואו אַ געוויסער בארג האָט זאָגאַר געטראָגען אַ יודישען נאָמען (מאָנס יודאיקוס).

אין די לענדער האָבען יודען אַ סך יאָהרען געלעבט רוהיג און צופריעדען, זיך בעשעפטיגענדיג מיט ערד-אַרבײט, האַנדעל און מעדיצין. די גאַלישע יודען פלעגען טראָגען צוזאַמען מיט אַ ביבלישען אויך אַ אַלגעמײנעם נאָמען (אַרמענטאַריוס, גאָזאָלאַס, פּריסקוס, סידעריוס) און בכלל האָבען זײ זעהר גוט געלעבט מיט דער אַרומיגער בעפעלקערונג. עס פלעגען פאָרקומען זאָגאַר חתונות צווישען יודען מיט קריסטען, און די קריסטליכע גײַסטליכע פלעגען בעטען יודען צו זיך אָדער זיך בעטײליגען אין יודישע שמחות און מאָלצײַטען. דאָס דאָזיגע צוזאַמענלעבען צווישען יודען און קריסטען איז נישט געשטערט געוואָרען

מיט קיין זאך אפילו נאכדעם, ווי כלאדוויג איז אריינגעטרעטען אין דער קאטוילישער קירך — די לעצטע איז איהם זעהר דאנקבאר געוועזען פאר זיין שריט (זי האט איהם געגעבען דעם טיטול: „ערשטער זוהן פון דער קאטוילישער קירך”) און האט פון איהם קיין איבריגע שטרענגקייטען בכלל נישט געפאדערט. אין דעם משך פון דער צייט האט אפילו איין קירכען-פערזאמלונג געפרובט איבעררייסען די דאזיגע פריינדליכע בעציהונג צווישען יודען און קריסטען; דאס האט זיך אבער נישט איינגעגעבען. דארט האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, וואס קריסטליכע גייסטליכע געהען צו יודען עסען, און דער קאנגרעס (וואן, 465) האט ארויסגעטראגען א רעזאלוציע, אז דאס איז די גייסטליכע פערבאטען, „ווען וועהרענד די קריסטען געניעסען ביי יודען אלע שפייזען, זאגען זיך די לעצטע (די יודען) אב פון א סך קריסטליכע שפייזען, און עס זעהט אויס, אזוי ווי די קריסטליכע גייסטליכע וואלטען געשטאנען נידריגער פון די יודען”, א עהנליכע החלטה איז אנגענומען געווארען אין א ג ד אין יאהר 506, און נאכדעם האבען די ווייטען פון דער קירך נאך אלץ נישט אויפגעהערט צו מוסר'ן דעם עולם פאר דער צו-נאהנטער חבר'שאפט מיט יודען

די ערשטע יודענפיינדליכע שטימונג נישט מצד דעם קירך, נאר אויך מצד דער מלוכה האט זיך ארויסגעוויזען אין בורגונדיען (דער מזרח-טייל פון דער גאלישער מלוכה) נאכדעם, ווי דער קעניג סיגיזמונד האט אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען (516). דער דאזיגער קעניג האט דער ערשטער אוועקגעשטעלט א שייד-וואנט צווישען יודען און קריסטען, און לויט זיין בעשטעטיגונג איז פערבאטען געווארען נישט בלויז גייסטליכע, נאר אפילו אויך געוועהנליכע קריסטען צו עסען ביי יודען (517). פון בורגונדיען האט זיך די שנאה צו יודען פערשפרייט אויך אין די איבריגע פראנקישע פראווינצען, און אין די קירכען-בעשטימונגען פון די יאהרען 538 און 545 רעדט זיך שוין וועגען דעם, אז יודען זאלען זיך נישט ווייזען אין די גאסען וועהרענד דעם קריסטליכען פסח, „ווייל זייער ערשיינען איז א מין בעליידיגונג פאר'ן קריסטענטום”. אין די זעלביגע בעשטימונגען ווערן אויך שטרענג (אונטער דער שטראף פון חרם) פערבאטען געמישטע חתונות צווישען יודען מיט קריסטען, און קוים האט א קריסטליכער קנעכט פון א יודען אנגענומען דאס יודענטום, האט איהם דאס געזעץ, לויט דער החלטה פון די קאנגרעסען, נישט אנערקענט פאר קיין פרייען אפילו אין דעם

פאל, ווען דער יודישער בעל הבית האט איהם בעפרייט, „ווייל ס'איז נישט קיין יושר צו לאזען פריי אזוינעם, וואס שטאמענדיג פון קריסטליכע עלטערן, וויל ער דאך לעבען לויט די יודישע מנהגים".

אזוי איז די שנאה צו יודען וואס ווייטער אלץ מעהר אריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, און מיט דער צייט האבען אויך דא זיך אנגעהויבען ווייזען יענע געשטאלטען פון פאנאטיש-ווילדע הייליגע, וואס האבען געוואלט בעגליקען די נשמות פון די „פערעקשנ'טע" יודען איבער געוואלט, זיך נישט אבשטעלענדיג דערביי אפילו פאר די שרעקליכסטע מיטלען. אזא העלדישער קעמפפער פאר'ן הייליגען גלויבען איז געווען דער בישאף אוויטוס פון קלערמאן, וועלכער איז געווען פאר די יודען פון פראנקענלאנד דאס, וואס דער בלוטיגער קיריל איז געווען אמאל פאר די יודען פון אלעקסאנדריע.

דעם דאזיגען בישאף זענען די יודען פון זיין יעפארכיע געווען ווי א דארן אין די אויגען, און ער האט יאהרען-לאנג געהאלטען אין איין דרשה'נען פאר זיי און אויפווייזען די גרויסקייט און שענקייט פון דעם קריסטליכען גלויבען. ווען ער האט אבער געזעהן, אז די יודען בלייבען טויב צו זיינע דרשות און לאזען זיך בשום אופן נישט „איבערצייגען" מיט גוטען, איז ער געפאלען אויף אנ'אנדער איבערצייגונגס-מעטאדע: ער האט אנגערייצט דעם קריסטליכען המון, און דער לעצטער איז בעפאלען די יודישע שוהל און זי גלייך געמאכט מיט דער ערד! און דערביי האט זיך דער הייליגער נישט אבגעשטעלט; ער האט די יודען אזוי לאנג גערודפ'ט און געפייניגט ביז ער האט זיינם אויסגעפיהרט: איין יוד האט זיך געשמד'ט. איז אבער דער משומד פעראכט און פערהאסט געווארען פון דער גאנצער יודישער קהלה, און ווען ער האט נעפרובט דורכגעהן די גאס אין זיינע ווייסע שמד-קליידער, האט איהם א יוד אבגעגאסען מיט שטינקענדיגען אייל; דאס האט שטארק אויפגעקאכט דעם קריסטליכען המון, און ער האט זיך, אונטער דער אנפיהרונג פון הייליגען פאסטוך, ארויפגעווארפען אויף די יודען און פיעל פון זיי אויסגעהרג'עט. דאן האבען די יודען ענדליך נאכגעגעבען און פינף הונדערט פון זיי זענען מרוצה געווארען זיך אבצושמד'ען, כדי נצול צו ווערן פון טויט (די טריי געבליבענע יודען זענען אנטלאפען קיין מארסעל, 579).

די ידיעה וועגען דעם גרויסען „נצחון" האט זיך גלייך פער-

שפרייט איבערן גאַנצען לאַנד, און דער יום־טוב פון בעגליקען מיט טבילה־וואַסער פינף הונדערט יודישע נשמות איז געפייערט געוואָרען מיט אַ אונגעוועהנליכער פרייד. פון די ווייטסטע שטעדט זענען גייסטליכע געקומען זיך בעטהייליגען אין דער הייליגער שמחה, און דער בישאָף גרעגאָר פון טור האָט אויפגעפאָדערט דעם פרומען איטאַליענישען דיכטער וועגאַנטיוס פאָרטינאַטוס, ער זאָל בעזינגען די העלדישע עובדא פון דעם גרויסען אוויטוס.

אין די איבריגע פראָווינצען פון דער פראַנקישער מלוכה זענען די אָנפאַלען אויף יודען נישט אַזוי העפטיג געװען; דאָרט האָט מען זיי אָבער אויך נישט אויפגעהערט צו דריקען און צו בעליידיגען. יודען איז פערבאָטען געוואָרען צו פערנעהמען דעם פּאָסטען פון ריכטער און שטייער־אָבדינגער, „כדי עס זאָל נישט אויסזעהען, אַז די קריסטליכע בעפעלקערונג איז זיי אונטערגעגעבען"; לויט די החלטות פון אַן אַנדער קאָנגרעס זענען יודען פערפליכטעט געוואָרען אָבצוגעבען כבוד די גייסטליכע, און רעדענדיג מיט אַ גייסטליכען האָט זיך דער יוד נישט געטאָרט זעצען פריהער, איידער דער ערשטער האָט דאָס איהם ערלויבט. עטליכע מלכים פון יענער צייט האָבען אפילו געפרובט נאָכטאָן די מעשים פון דעם גרויסען אוויטוס; אַזוי האָט דער קעניג שילפעריק געצוואונגען די יודען פון זיין מלוכה צום שמד; ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן פון גרויס פרומקייט, און האָט די נייע קריסטען נישט געשטערט צו לעבען לויט אַלע געזעצען פון יודענטום.

דער זעלביגער קעניג שילפעריק האָט געהאַט ביי זיך אַלס יועץ און נאָהנטען פריינד אַ יודען מיט'ן נאָמען פּריסקוס, וועלכער איז געווען זעהר געשעצט פאַר זיין עהרליכקייט און בילדונג. דער קעניג פלעגט זיך מיט דעם יודען אָפט בעראַטען וועגען וויכטיגע ענינים און האָט איהם בכלל אויך שטאַרק ליעב געהאַט; ער האָט זיך אָבער נישט געקענט שענקען דעם פאַקט, וואָס פּריסקוס איז אַ יוד, און נישט אויפגעהערט איהם איינצורעדען, ער זאָל זיך שמד'ען. איינמאָל האָט דער בישאָף גרעגאָר פון טור זיך געטראָפען ביים קעניג מיט פּריסקוס'ען און זיי האָבען צוזאַמען פערבראַכט; דערנאָך האָט דער קעניג, אין שפּאַס, ארומגענומען פּריסקוס'עס קאָפּ, איהם עטוואָס אָנגעבויגען, און זיך אָבגערופען צום בישאָף: „קום, נאָט'ס דינער, לעג אַרויף דיינע הענד אויף איהם". דערהערענדיג דאָס, האָט פּריסקוס מיט שרעק זיך אַ ריס געטאָן און בעפרייט דעם קאָפּ פון קעניג'ס

הענר; דאן האט דער קעניג אויסגערופען: „א, דו אונטריַיער שטאם, וואס גלויבט נישט אין גאט'ס זוהן ו" און ווען פריסקוס האט אויף דעם געענטפערט: „גאט האט קיינמאל נישט חתונה געהאט און נישט געקענט האבען קיין זוהן. ער אליין האט געזאגט דורך דעם נביא משה: איך בין גאט, און קיין אנדערער אויסער מיר איז נישטא ו" — האט זיך ענטוויקעלט א הייסער וכוח צווישען איהם מיט'ן בישאף. דער לעצטער האט מיט א גאנצער רייהע אויסטייטשונגען פון דער תורה און די נביאים געוואלט דערווייזען דעם אמת פון די קריסטליכע דאגמען, און דאגעגען האט זיך פריסקום געהאלטען ביי דעם פשוט'ען מענשליכען פערשטאנד. „עס קען נישט זיין, — האט דער יוד געטענה'ט — אז גאט זאל זיך פערוואנדלען אין א מענשען, געבוירען א קינד פון א פרוי, ליידען צרות און שטארבען. און צו וואס האט ער עס געוואלט טאן? צו וועלכען צוועק האט ער זיך געזאלט ערניעדריגען און ווערן א בשר-ודם? האט ער דען נישט געקענט ארויסשיקען נייע נביאים און אפאסטאלען, כדי ארויפצופיהרען דעם מענשען אויפ'ן וועג פון אמת?" ביי אזא לאגישער ניכטערקייט מצד דעם יודישען עקשן האבען נאטירליך די אלע מגיד'ישע ארגומענטען פון דעם הייליגען בישאף קיין ווירקונג נישט געקענט האבען, און דער קעניג האט איהם ענדליך אבגעלאזען; ער האט אבער דערביי נישט אויפגעהערט צו זוכען מיטלען געגען דער יודישער עקשנות, און זעענדיג, מיט עטליכע יאהר שפעטער, אין פאריז, האט ער דארט פיעל יודען אבגעשמד'ט איבער געוואלט (581).

דא האט זיך דער קעניג ווידער גענומען אויך צו דעם פערעקשנ'טען פריסקום און האט איהם איינגעזעצט אין תפיסה; דער הייסער יוד איז דאן איינגעגאנגען אויף א קלייגער פאלשקייט: ער האט זיך אבגעבעטען ביים קעניג אויף א געוויסער צייט, כלומר'שט אום בייצעוואוינען די חתונה פון זיין זוהן אין מארסעל, וועלנדיג דערוויַיל צוזאמענגעהמען זיין פערמעגען און אויסוואנדערן פון לאנד. ער האט דאס אבער נישט דערלעבט: געהענדיג איינמאל שבת אין שוהל, איינגעהילט אין טלית, איז איהם בעפאלען א געוויסער יודישער משומד, מיט'ן נאמען פאטיר, און אויפן ארט דערשטאכען. די דאזיגע רציחה האט אויפגערודערט דער גאנצער בעפעלקערונג פון שטאדט, און פאטיר'ן האט מען געוואלט אפילו ארויסשלעפען פון דער קירך, וואו ער האט זיך בעהאלטען, נאר דער קעניג, וועלכער איז געוועזן פאטיר'ס מיט-פאטער, האט איהם נישט געלאזען בעשטראפען און פערשיקט אין

דער שכני'שער בורגונדיע, וואס האט זיך אין יענער צייט געפונען אונטער דער ממשלה פון קעניג גאנטראם. אויך דא אבער האט דעם רוצח זיין גורל געפונען: די קרובים פון דערהרג'עטען האבען איהם אבגעזוכט און מיט זיין טויט אבגעווישט דאס פערגאסענע בלוט.

נאך שילפעריק'ס טויט איז דאס פראנקישע לאנד ארונטערגעפאלען אונטער דער ממשלה פון די בורגונדער, וואס האבען מיטגעבראכט מיט זיך א שטארקען רעליגיעזען פאנאטיזם און ממילא אויך א גיפטיגע שנאה צו יודען. די יודען אין דעם לאנד זענען פאר יענער צייט, א דאנק די שווערע אויסנאהמס-געזעצען, פעראכט און ערניעדריגט געווארען פון די העכערע, ווי פון די ברייטע פאלקסשיכטען, און די שמד-רדיפות געגען זיי זענען געווען אזוי שטארק, אז דער פויפסט גרעגאר האט געפונען פאר נויטיג, אבצוהאלטען דעם שטראם פונ'ם קירכליכען פאנאטיזם און צו מוסר'ן די קריסטליכע הייליגע פאר זייערע אכזריות'דיגע מעשים (591). מיט עטליכע צעהנדליג יאהר שפעטער האט דער פאריזער קירכען-קאנגרעס ארויסגעגעבען א רייהע נייע בעשטימונגען געגען יודען, און דער קעניג קלאטאר II האט די בעגרענצונגען בעשטעטיגט (615). נאך שרעקליכער איז געווען די בעציהונג צו יודען פון קלאטאר'ס זוהן, דאגאבערט. דער לעצטער האט זיך געוואלט בעזונדער אויספיינען מיט זיין רעליגיעזער התלהבות, און ווען טויזענדער יודען פון דער שכנ'ישער וועסט-גאטישער מלוכה האבען זיך געוואלט ראטעווען ביי איהם אין לאנד פון די דארטיגע אכזריות'דיגע רדיפות, האט ער אנגעווענדט געגען זיי די שרעקליכסטע מיטלען און ענדליך אויך בעפויהלען צו טויטען די אלע יודען, וואס וועלן זיך ניט שמד'ען אין דעם בעשטימטען טאג (629). די דאזיגע שרעקליכע רדיפות זענען פארגעקומען אין איין צייט מיט די רדיפות געגען יודען אין ביזאנטיען, און דאס האט געדיענט די היסטאריקער אלס יסוד פאר דער לעגענדארישער השערה, אז דער קייזער הערקליוס פון קאנסטאנטינאפאל האט אנגעגעבען דאגאבערטען, ער זאל אויך, אזוי ווי ער, פערטיליגען די יודען פון זיין מלוכה, ווייל די שטערנזעהער (אסטראלאגען) האבען איהם, הערקליוס'ען, נביאות געזאגט, אז ביזאנטיען וועט חרוב ווערן דורך א „געמל'טען פאלק". דאס לעצטע איז, איבריגענס, מקוים געווארען, נאר נישט אזוי, ווי הערקליוס האט זיך עס פארגעשטעלט: די געמל'טע אראבער האבען זיך, אונטער

דער פאָהן פון איסלאַם, ווי אַ שטורם אַריינגעריסען אין ביזאַנטיען און זי חרוב געמאַכט.

אויף וויפיעל דאַגאָבערט׳ס בעפעהל איז דורכגעפיהרט געוואָרן — איז נישט בעשטימט. יעדענפאַלס איז אַ פאַקט, אַז יודען זענען פערבליבען אינ׳ם פראַנקענלאַנד אויך נאָך דאַגאָבערט׳ס ממשלה, און נישט שפּעטער, ווי אין יאָהר 630, האָט דער קירכען-קאָנגרעס אין רהיימס אַרויסגעגעבען נייע תקנות נעגען דער צו שטאַרקער קרובה׳שאַפט צווישען יודען און קריסטען.

צום גליק פון די פראַנקישע יודען איז די מעראָווינגישע דינאַסטיע וואָס ווייטער אַלץ שוואַכער געוואָרען, און די פאַקטישע הנהגה פון לאַנד איז כמעט אינגאַנצען איבערגעגאַנגען צו די אַזוי גערופענע מאַיאָרדאָמ׳ס (פיהרער פון קעניגליכען הויף). די לעצטע, ווי מלוכה-פיהרער מיט אַ פּראַקטישען פערשטאַנד, האָבען פערשטאַנען, אַז די יודען מיט זייער ריהרעוודיגקייט און געשעפטליכע פעהיגקייטען קענען ווערן אַ בעדייטענדער שטאַנד מיט גרויסע נוצען פאַר׳ן לאַנד. זיי האָבען זיך דעריבער בעצויגען צו יודען פיעל טאָלעראַנטער און געזעהן אָבצושוואַכען די ווירקונג פון די קירכליכע גזירות און תקנות.

אין דייטשלאַנד, וואָס האָט צו יענער צייט עקסיסטירט אַלס אַ טהייל פון דער פראַנקישער מלוכה, אונטערן נאָמען אויסטראַזיע, זענען די יודען אויך אָבהענגיג געוועזען פון די מעראָווינגישע מלכים. דאָ האָבען יודען געלעבט נאָך פון די צייטען פון דער רוימישער הערשאַפט, און ווי איינינע פאָרשער ווילען האָבען, זאָלען די ערשטע יודען פון די רהיין-פּראָווינצען גאָר אָבשטאַמען פון די לעגיאָנען, וואָס האָבען זיך בעטהייליגט אין חורבן פון בית המקדש. דאָס זאָלען האָבען געוועזען אורא‍ייניקלעך פון די שענע ציונ׳ס טעכטער, וועלכע די קריגע-רישע וואַנגיאָנען האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך אַלס געפאַנגענע אויף די ברעגעס פון רהיין און מיין,—אַלס געפאַנגענע און אַלס לוסט-פרויען. די פון יודישען און גערמאַנישען בלוט געבוירענע קינדער זענען פון די מוטער׳ס ערציהונג געוואָרען אינ׳ם יודישען גלויבען, ווייל די פאָטער׳ס האָבען זיך ווענען זיי איבערהויפּט ווענינ געקימערט, און אָט די האַלב-בלוטיגע יודען זאָלען עס האָבען געוועזען די ערשטע גרינדער פון די יודישע קהלות אין וואָרמס און מיינץ. אַלענפאַלס איז בעקאַנט, אַז אין קעלן אויפן רהיין האָט זיך געפונען אַ גוט איינגע-אָרדענטע יודישע קהלה נאָך מיט אַ צייט פריהער, איידער דאָס קריסטענ-

טום איז נתעלה געוואָרען. די פיהרער און חשוב'ע מיטגליעדער פון דער קהלה (אונטער'ן טיטול־נאָמען היערע'ר, אַרכיסינאַגאָגוס אָדער פאַטרעס סינאַגאָגארום) האָבען פון די פאַר־קריסטליכע קיסרים געהאַט פערשיעדענע פריווילעגיעס, וועלכע דער ערשטער קריסטליכער קייזער, קאָנסטאַנטין, האָט ביי זיי אָבגענומען. שפּעטער, בעת דער הערשאַפט פון די פראַנקישע מלכים, האָט זיך יודען דאָ אויך פון דעסטוועגען לייכטער געלעבט, ווי אין די פראַנקישע מערב־פראָווינצען, און אין דער געזעצנעבונג פון דעם לאַנד פאַר יענער גאַנצער עפּאָכע געפינט מען נישט קיין שום געזעץ געגען יודען.

א בעזונדער בעדייטענדע ראָליע אין דער יודישער, ווי אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, האָט געשפּיעלט דער יודישער ישוב אין שפּאַנ־יען. נאָך יהודה און בבל האָט דאָס יודישע שפּאַניען דעם שטאַרקסטען אנטהייל גענומען אין דער אויסבילדונג פון יודענטום, און ווי אין יענע לענדער אַזוי אויך דאָ, זענען מיט יעדען טריט ערד פערבונדען טייערע חרבנות פאַר דער יודישער אומה.

די ערשטע איינוואַנדערונג פון יודען אויף דער שענער פּירענעאישער האַלב־אינזעל פערליערט זיך אין דער אוראַלטער פערגאַנגענהייט. דאָס זענען אָהן שום ספק געוועזען יודען, וואָס האָבען זיך דערשלאָגען אַהער צוליעב געשעפט אָדער דורך אנדערע סבות, נאָך אין די צייטען פון דער רוימישער רעפּובליק. אַט דער קליינער יודישער קבוץ איז בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרען מיט די קרבנות פון די אונגליקליכע מרידות אונטער וועספּאַסיאַנען, טיטוס'ען און האַדריאַנען, ווען די רוימער האָבען, לויט א געוויסער לעגענדע, אוועקגעפיהרט קיין שפּאַניען ביז אַכציג טויזענד יודישע געפאַנגענע. אויף וויפיעל די יודען זענען געוועזען מאַסענהאַפט בעזעצט אין געוויסע טיילען פון שפּאַניען, בעווייזען די נעמען, מיט וועלכע די דאָזיגע טיילען זענען אנגערופען געוואָרען אין די אַלטע צייטען. די שטאָדט גראַנאַדאַ האָט זיך גערופען די „יודענשטאָדט", ווייל זי איז געוועזען אינגאַנצען בעפעלקערט פון יודען; דעם זעלבינען נאָמען האָט געטראָגען דאָס אוראַלטע, פון די פיניקיער אויפגעבויטע טאַררעקאָנאַ; אין קאָרדאָווא האָט זיך פון אַלטע דורות אָן געפונען א יודען־טויער און ביי סאַראַגאָסאַ — א פעסטונג, וועלכע האָט אין דער אַראַבישער צייט געהייסען רוטאַ אַל יאַהוד (יודישע פעסטונג)

*) שפּאַנישע יודען גופא האָבען זיך נישט בעגנוגענט מיט דעם

פאקט, וואס זייער קאלאניע האט דא גענאסען אלע בירגערליכע רעכט, נאך איידער די וועסטגאטען און די אלע איבריגע אנגעלאפענע פעלקער האבען א פוס אוועקגעשטעלט אויף דער שפאנישער ערד — זיי האבען דורכאויס געוואלט דערוויזען, אז זיי זענען בכלל די ערשטע איינוואוינער פון דעם לאנד און זענען דא פערווארפען געווארען נאך אין די צייטען פון בית ראשון. אפשר דערפאר טאקי האבען די שפאנישע יודען נישט געוואוסט פון קיינע בעגרענצונגען אין דער גאנצער עפאכע פון רוים'ס הערשאפט, און אפילו שפעטער, אין די צייטען פון קריסטענטום, איז זייער לאגע אויך געבליבען פעסט. די איבערער און רוימער, וועלכע זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטום, האבען פריינדליך פערקעהרט מיט זייערע יודישע שכנים, און קיין אהנונג נישט געהאט פון דעה פערביטערטען קאמפף צווישען יודענטום און דער קירך.

די דאזיגע טאלעראנטע בעציהונג צו יודען מצד דער מלוכה און מצד דעם פאלק האט זיך נישט געענדערט אויך שפעטער, נאכדעם ווי די גערמאנישע פעלקער-שטאמען (זוועווען, וואנדאלען און וועסטגאטען) האבען פערפלייצט דאס לאנד און געגרינדעט דא די זעלבסטשטענדיגע וועסטגאטישע מלוכה. די וועסטגאטען זענען צופעליג געווען אריאנער, וועלכע האבען זיך בעצויגען פיינדליך צו די קאטוילישע איינוואוינער פון לאנד; די יודען דאגעגען האט זיך אונטער זייער ממשלה גאנץ פריי געלעבט, און זיי זענען געווען אין אלע הינזיכטען גלייכבערעכטיגט מיט דער הערשענדער בעפעלקערונג. פון דער גלייכבערעכטיגונג האבען גענאסען אויך די יודען אין דער פראווינץ נארבאנא און אין די אפריקאנישע קאלאניעס, וואס האבען אנגעהערט צו דער וועסטגאטישער מלוכה. זיי זענען דעריבער געווען איבערגעגעבען דער וועסטגאטישער דינאסטיע, און ווען די פראנקען מיט די בורגונדער האבען זיך געוואלט אריינרייסען אין לאנד דורך דעם גאלישען גרענעץ-פאס, צופוסענס פון די פירענעען, האבען די דארטיגע יודישע איינוואוינער ארויסגעשטעלט געגען זיי א בעוואפענטע קראפט, ארויסווייזענדיג דערביי אונגעוועהליכע העלדישקייטען און א שטארקען קריעגערישען מוט.

אזוי האבען יודען אבגעלעבט אין שפאניען א גאנצע רייהע דורות און קיינער האט זייער מנוחה נישט געשטערט; אט די יודישע מנוחה האט זיך אבער גלייך געענדיגט, ווי נאר דער קאטוליציזם האט איבערגענומען די ממשלה אין זיינע הענד, און דער ערשטער קאטוילישער

קעניג, רעקאַרעד, איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפֿען אין שפּאַניען אַ מחיצה צווישען דער יודישער און קריסטליכער בעפֿעלקערונג; רעקאַרעד אַליין האָט פֿאָרגעלעגט דעם סינאָד אַ רייהע גזירות געגען יודען, און די פֿאָרשטעהער פֿון דער קירך האָבען דעם פֿאָרשלאַג, נאַטירליך, אָנגענומען. אויף אַזאַ אופֿן איז יודען פֿערבאָטען געוואָרען, זיך מתחתן צו זיין מיט קריסטען, צו בעזיצען קריסטליכע שקלאַפֿען און צו פֿערנעהמען וועלכען ס'איז עפֿענטליכען פּאָסטען; דערביי איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אז די קינדער פֿון געמישטע חתונות (צווישען יודען און קריסטען) מוזען ערצויגען ווערן אין דעם קריסטליכען גלויבען (589). די דאָזיגע בעגרענצונגען, וואָס האָבען אוועקגעשטעלט די יודען אויף אַ ניעדריגערער מדרגה פֿון דער אײַנגעבוירענער בעפֿעלקערונג, האָבען שטאַרק אָנגעגריפֿען דעם שטאָלץ פֿון די יודישע בירגער, און בעזונדער האָט אויף די לעצטע שלעכט געווירקט דער פֿערבאָט, נישט צו האַלטען קיין קריסטליכע שקלאַפֿען. דאָס איז געווען אַ גזירה, וואָס האָט געמוזט פֿיהרען צו אַ פֿאָלשטענדיגען חורבן פֿון דעם יודישען פֿערמעגען, ווייל אין יענע צייטען האָט קיין ווירטשאַפֿט נישט געקענט אויסקומען אָהן דער ביליגער אַרבײַטס-קראַפֿט פֿון געקויפֿטע לייב-אייגענע; יודען האָבען דעריבער אָנגעווענדט פֿערשיעדענע השתדלות'ען מבטל צו זיין די דאָזיגע גזירה, און האָבען געפּרובט פֿאָרלעגען דערפֿאַר דעם קעניג אַ גרויסע סומע געלד.

רעקאַרעד האָט זיך אָבגעזאָגט פֿונ'ם יודישען געלד און בעקומען דערפֿאַר אַ שטאַרקען יישר כח פֿון פּויפּסט גרעגאָר; זיין גרויסע אידעע איז אָבער אויך נישט פֿערווירקליכט געוואָרען, און ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזען, האָבען יודען גאַנץ וועניג געשפּירט דעם יאָך פֿון קעניג'ס גזירות. די סבה דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס לויט דער וועסטגאָטישע קאָנסטיטוציע איז די פּאַקטישע ממשלה איבערן לאַנד געלעגען אין די הענד פֿון די פֿעאָדאַלען (אדעל-לייט, פּריצים), און די לעצטע האָבען גראָד גוט געלעבט מיט יודען. זיי האָבען ערלויבט יודען צו קויפֿען שקלאַפֿען און האָבען בכלל זיך גאָרנישט גערעכענט מיט די גזירות פֿון קעניג. ביי אַזאַ נאַכלעסיגקייט זענען די געזעצען געגען יודען פֿערגעסען געוואָרען אין אַ גאַנץ קורצער צייט, און רעקאַרעד'ס נאָכפֿאָלגער אויף דעם וועסטגאָטישען טראָן האָבען אויך נישט אַרויסגעוויזען קיין שום אָבנייגונג בנוגע צו יודען.

דער ערשטער פֿון די דאָזיגע נאָכפֿאָלגער, וואָס האָט ווידער

אנגעהויבען רודפ'ען יודען איז געווען סיזעבוט (612—620). א צייט-חבר פון דעם ביזאנטינישען קייזער הערקליוס, איז סיזעבוט אין זיינע פערפאלגונגען געגען יודען פערגאנגען נאך ווייטער פון דעם ערשטען. סיזעבוט האט בעניים פאר יודען דעם פערבאט צו קויפען שקלאפען, און אפילו פון די אלטע שקלאפען האבען זיך אויך יודען געמוזט אבזאגען. די יודען האבען זיך ווידער געווענדעט צו די פאקטישע מושלים פון לאנד, וועלכע האבען זיך בעצויגען צו דעם גאנצען ענין פיעל לייכטער; דאס האט דעם קעניג נאכמעהר אויפגערייצט און ער האט בעפוהלען, ארויסצוטרייבען פון לאנד אלע יודען, װאס װעלען ביז א בעשטימטען טערמין נישט אננעהמען דעם קריסטליכען גלויבען. און דער בעפעהל האט געווירקט: א סך שוואכע נאטורען האבען זיך דערשראקען און אנגענומען לפנים דאס קריסטענטום. די שטארקערע, דאגעגען, וואס האבען אויף אזא פשרה אויך נישט געוואלט איינגעהן, האבען עמיגרירט אין די שכני'שע לענדער (613).

סיזעבוט'ס נאכפאלגער איז געווען סווינטילא. ער איז געווען פונקט דער היפך פון סיזעבוט'ן, און האט אבגעשאפט אלע גזירות געגען יודען: פאר זיין צייט האבען זיך אלע פערטריבענע אומגעקעהרט אין זייער פאטערלאנד און די כלומר'שט געשמד'טע — צו דעם גלויבען פון זייערע אבות (621—31). געהערשט האט ער אבער נישט לאנג: זיינע מעשים זענען נישט געפעלען געווארען די ווילען פון דער קירך, און זיי האבען אויף זיין שטוהל ארויפגעזעצט איינעם מיט'ן נאמען סיזענאנד. דער לעצטער איז געווען אינגאנצען אונטערגעווארפען דעם איינפלוס פון די גייסטליכע, און דער קירכען-קאנגרעס אין טאלעדא (633), וואס איז פארגעקומען אין זיין צייט, האט בעשלאסען, אז הגם מ'דארף זיך נישט בענוצען מיט קיין צוואנגס-מיטלען, אום צו שמד'ען יודען, דארף מען דאך נישט דערלאזען, עס זאלען זיך אומקעהרען צום יודענטום יענע, וועלכע האבען שוין געהאט אנגעהערט צו דער קירך. אויף דיזען סמך איז די משומדים שטרענג פערבאטען געווארען, צו היטען יודישע מנהגים און בכלל צו האבען א מגע ומשא מיט יודען. די אפענע יודען האט זיך אין דער צייט אלזא פרייער געלעבט, ווי די בעהאלטענע — די משומדים; באלד איז אבער די מנוחה פון די ערשטע אויך געשטערט געווארען. אויף דעם וועסטגאטישען טראן איז ארויף חינטילא, און זיין ערשטע עוברא איז געווען, צו בענייען סעזיבוט'ס בעפעהל: זיך שמד'ען אדער

פערלאָזען שפּאַניען. דער ראָזינגער פּאַנאַטישער קעניג האָט געוואָלט בעוואָרענען דער קירך אויך אויף דער צוקונפט, און לויט זיין פאָרשלאַג איז אויף דעם צוזויפגערופענעם קירכען-קאָנגרעס (טאָלעדאָ, 638) אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ שבועה פאַר אַלע קומענדיגע וועסטגאָטישע מלכים, אַז זיי וועלען היטען די קאַנאָנישע געזעצען געגען יודענטום.

חינטילאַ'ס גזירות האָבען ווידער ארויסגערופען אַ יודישע מאַסען-אויסוואַנדערונג און די איבערגעבליבענע משומדים האָבען געמוזט אונטערשרייבען אַ איינשטימונגס-אַקט (פלאַצידום), אַז זיי וועלען טריי דיענען דער קירך און היטען איהרע געבאָטען.

פופצעהנטעס קאפיטעל

יודען אין אראביען

דאס לעבען פון יודען אין אראביען אין דעם יאהרהונדערט פון מחמד'ס אויפטרעטען און ווירקען בילדעט א ליכטיגען בלאט אין דער פינסטערער יודישער גלות-געשיכטע. דא, אינ'ם דרום-מערב ווינקעל פון אזיען, זעהען מיר דעם יודען מיט א שטאלץ אויפגעהויבענעם קאפ, אהן א שום פחד פאר הייליגע קירכען-לייט און וועלטליכע טיראנען. גלייך אין אלע הינזיכטען מיט דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג פון לאנד, האבען יודען דא ענטוויקעלט א פיעלזייטיגע קראפט, וואס האט זיי גאנץ אפט אוועקגעשטעלט בראש פון גרויסע אראבישע שבטים. יודען זענען דא נישט בלויז בעאיינפלוסט געווארען פון דעם ארומיגען לעבען, נאר אויך אויף איהם א איינפלוס געהאט; מיר בעגעגנען דא יודען אלס טאן-געבער פון דער גאנצער סביבה, אין וועלכער זיי געפינען זיך, אמאל אין דער געשטאלט פון גייסטיגע וועג-ווייזער, אמאל אלס דיפלאמאטען און פאליטישע טוער און אפט אויך אלס קריגערישע העלדען.

די ערשטע איינוואנדערונג פון יודען אויף דער פרייער אראבישער האלב-אינזעל איז איינגעהילט אין א נעבעל פון לעגענדעס: דא זאלען זיך האבען געפונען יודען נאך פון די צייטען פון יהושע בן נון אדער דוד המלך. היסטאריש וואקסט זיך דער ערשטער יודישער ישוב אין אראביען צוזאמען מיט'ן צווייטען יאהרהונדערט פון דער קריסטליכער צייטרעכנונג; די ערשטע איינוואנדערער זענען, ווי ס'איז

צו גלויבען, געווען אנטלאָפענע פון יהודה אין די צייטען פון איהר פּאָ-ליטישען אונטערגאנג, און אין די שפּעטערדיגע יאָהרהונדערטער זענען די קאָלאָניעס פערמעהרט און פערגרעסערט געוואָרען מיט מאסען אַנטלאָפענע פון ביזאנטיען, פּערסיען און אַלע אַנדערע לענדער, וואו יודען איז אויסגעקומען צו לייַדען. אַנגעקומען אין דעם לאַנד פון אונבעגרענצטער פרייהייט, קריגערישען העלדען-מוט, ליידישער וועלטלעכקייט און פּאטריארכאַלע לעבענס-פאָרמען, האָבען די יודען זיך גלייך צוגעפּאַסט צו דער ארומיגער סביבה און זיך ענג צוזאַמענגעלעבט מיט דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג; ווי די שבטים פון צפון-אַראַביען האָבען די יודען דאָ אויך געלעבט איינגעטיילט אין בעזונדערע גרופּען, מיט בעזונדערע שייכען אָדער פּאַטריאַרכען; אַזעלכע זענען געווען די שטאַמען בענו (בני)-נאַדהיר, בענו-קוראַיזאַ און בענו-נאַכּדאַל.

די דאָזיגע יודישע שטאַמען האָבען געהאַט זייער מיטעלפּונקט אין דער שטאָדט יאַטריב (מעדינאַ), וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פרוכטבאַר-שענער געגענד. כדי זיך צו שיצען פון די שכני'שע בעדוּאינען, האָבען יודען בעפעסטיגט זייערע שטעדט מיט פעסטונגס-ווענט; דערביי האָבען זיי אויך, ווי די אַראַבער, זיך בעשעפטיגט מיט ערד-אַרבייט און פיה-צוכט.

פיעל זייטיגער און קולטורעלער איז געווען דאָס לעבען פון די יודישע קאָלאָניעס אין דרום-אַראַביען (תימן), אין דעם לאַנד, „וואו דער שטויב איז גאָלד, וואו עס וואַקסען אויס די געזינדסטע מענשען און די מוטער'ס געבוירען זיי אָהן שמערצען". דאָ האָבען יודען געלעבט נישט אַלס בעזונדערע שבטים, נאָר אינאיינעם מיט די אַראַבער, וועלכע האָבען זיך מעהר פערנומען מיט האַנדעל, און זייער איינפלוס אויף דער אַראַבישער סביבה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין אַ משך פון גאַנצע פינף הונדערט יאָהר האָט דאָס קריסטענטום זיך דאָ קיין אָרט נישט געקענט געפינען

צוליעב דער פערוואַנדשאַפט צווישען די יודען און אַראַבער בנוגע צום בלוט (די אַראַבער רעכנען זיך אויך פאַר סעמיטען), ווי בנוגע צו דער שפּראַך און די מנהגים, האָבען זיך די יודען זעהר ווייניג אונטערגעשיידט פון זייערע שכנים. די יודישע שבטים האָבען געפיהרט מלחמות צווישען זיך, און עס פלעגט זאָגאָר פאָרקומען, אַז אַ יודישער שבט האָט זיך פעראייניגט מיט אַן אַראַבישען, כדי צוזאַמען צו בעקעמפען אַן אַנדער יודישען שבט. יודען זענען נישט אָבגעשטאַ-

נען פון די אראבער אויך אין דער הינזיכט פון פאעזיע; ווי די לעצטע האבען זיי אויך געהאט דיכטער, וואס האבען געזונגען פון און פאר'ן פאלק.

ביי דער גאנצער אויסערליכער עהנליכקייט צו די אראבער, האבען יודען פון דעסטוועגען דאך אפגעהיט זייערע רעליגיעזע און נאציאנאלע טראדיציעס און זיי איבערגעגעבען פון דור צו דור. די אראבישע יודען האבען געפייערט די יודישע יום-טובים אין דער צייט, געפאסט אום יום-כפור, זיך אפגעהיט פון טרפה שפייזען און שטרענג געהאלטען שבת — אפילו אין דער צייט פון א מלחמה. זייער צוגעבונדענקייט צו דעם לאנד פון דער יודישער פערגאנגענהייט און צוקונפט האבען די אראבישע יודען אויסגעדריקט דערמיט, וואס זיי האבען בעת'ן דאווענען געהאלטען דאס געזיכט געווענדעט צו ציון (מזרח), — ווי אלע יודען אין די גלות-לענדער, און אויף וויפיעל ס'איז צו גלויבען, האבען זיי געהאט בעציהונגען מיט די גייסטיגע יודישע צענטערן אין בבל, פון וואנען זיי האבען בעקומען אנווייזונגען וועגען די פערוויקעלטע פראגען פון דעם יודישען רעליגיעזען לעבען, ווייל זיי אליין האבען זיך ווייניג אפגעגעבען מיט רעליגיעזע למודים. דער איינציגער אקאדעמישער פונקט פאר די אראבישע יודען, איז געוועזען א ווייניג-בעדייטענדע ישיבה אין יאטריב; דא האט מען זיך אבער אויך בעשעפטיגט נאר מיט אגדי'שע בעארבייטונגען פון דעם ביבלישען מאטעריאל. די שענע פארצייטיגע שילדערונגען פון דער ביבעל זענען א דאנק דער שטארקער דיכטערישער פאנטאזיע פון די אראבישע יודען פערפוצט און פערשענערט געווארען מיט פערשידענע צוגעטראכטע שטריכען און עפיזאדען, און מיט דער צייט האבען אט די צוגעפוצטע מעשות אנגעהויבען ארומגעהן צווישען דער יודישער, ווי צווישען דער אראבישער בעפעלקערונג, אלס געשעהענע פאקטען פון דער ווייטער פערגאנגענהייט.

אויף אזא אופן איז דער פאעטיש-רעליגיעזער אינהאלט פון די הייליגע שריפטען פערשפרייט געווארען אין דער אראבישער וועלט, און צוזאמען מיט איהם זענען ביסליכווייז אריינגעדרונגען אין דער וועלט אויך געוויסע יודישע פארשטעלונגען און רעליגיעזע בעגריפען. יודען האבען די אראבער געגעבען א בעשטימטע צייט-רעכנונג, וואס האט זיי די אויגען געעפענט, פון יודען האבען די אראבער איבערגענומען נאך פיעל אנדערע עלעמענטארע ידיעות, פון וועלכע זיי האבען פרי-

הער קײן אהנונג נישט געהאט, און דאס דאזיגע ענגע צוזאמענלעבען פון די בײדע שבטי'שע בעפעלקערונגען האט ענדליך געבראכט דערצו, אז גרויסע מאסען פון די אראבער זענען אינגאנצען אריבערגעגאנגען צום יודענטום. דער איבערגאנג גופא איז זײ נישט שווער אנגעקומען, װײל דער מנהג פון מלה האט זיך בײ זײ פראקטיצירט נאך פון אלטע צײטען; אגב האט דערבײ א סך מיטגעווירקט אויך דער פאטריארכאלער סיסטעם פון דעם אראבישען לעבען: האט דער שײך (דער עלטסטער פון שבט) זיך מגייר געווען, איז גלײך דער גאנצער שבט געווארען יודיש-גלויביג. אין דרום-אראביען האט זאגאר עקסיסטירט א גאנצע מלוכה פון אזעלכע יודישע אראבער; דאס זאל, לויט דער אראבישער פאלקס-לעגענדע, האבען געשעהען אויף דעם פאלגענדען אופן:

אײנער פון די דרום-אראבישע (יעמענישע, תימני'שע) קעניגען מיט'ן נאמען אבו קאריבא אסעד טאבאן, האט אין פינף הונדערטען יאהר אונטערגענומען א קריעגסצוג געגען פערסיען און געגען די אראבישע פראווינצען פון ביזאנטיען, און דורכגעהענדיג די שטאדט יאטריב (מעדינא), האט ער דארט איבערגעלאזען זײן זוהן פאר א בעפעהלער. די אײנוואוינער פון שטאדט זענען אבער בעפאלען דעם זוהן און איהם געטויט, און אבו קאריבא האט זיך אומגעקעהרט צוריק, בדי זיך נוקם צו זײן אן די פערדעטער. ער האט בעלאגערט די שטאדט מיט זײנע גרויסע חילות און געלאזען אויסהאקען אלע פאלמענבוימער ארום שטאדט, פון וועלכע די אײנוואוינער, אממעהרסטען יודען, האבען זײער גאנצע יניקה געצויגען. דערווײל האט זיך געמאכט, אז דער קעניג איז שווער קראנק געווארען, און אין דער גאנצער געגענד ארום האט זיך קײן וואסער נישט געפונען, אויף צו שטילען זײן ברענענדען דורשט. האבען זיך די בעלאגערטע דערפון דערוואוסט, און צווײ פון זײ, די יודישע חכמים קאאב און אסאד, זענען אוועק צום קעניג אין געצעלט, פועל'ן בײ איהם, ער זאל אראבנעהמען די בעלאגערונג פון שטאדט. און מיט דער בקשה אלײן האבען זיך די יודישע שלוחים נישט בעפריעדיגט, דען געענדיגט האט זיך די השתדלות דערמיט, אז אבו קאריבא האט נישט בלויז אראבגענומען די בעלאגערונג פון שטאדט, נאר אויך אנגענומען דעם יודישען גלויבען. דעם קעניג האבען גלײך נאכגעטאן די מיטגלידער פון זײן סוויטע, און מיט דער צײט האט זיך די גאנצע אראבישע בעפעלקערונג פון דער יעמענישער מלוכה מגייר געווען.

דאס איז דער אינהאלט פון דער לעגענדע; פאקטיש האבען זיך אין יעמען מגייר געווען נאר די אויבערשטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, און דאס יודישקייט פון די דאזיגע גרים האט אויך קיין גרויסע ממשות נישט געהאט. א ערנסטע בעציהונג צום יודענטום האט ארויסגעוויזען ערשט קאריבא'ס יונגסטער זוהן אדער איינעקעל, מיט'ן נאמען זארעה דהו-נאוואס (530—520). ער האט זיך צוגעגעבען דעם העבראישען נאמען יוסוף (יוסף) און זיין צוגעבונדענקייט צו דער יודישער אומה איז דערגאנגען ביז אזוי וויט, אז ער האט בעשלאסען זיך נוקם צו זיין אן די ביזאנטינער דערפאר, וואס זיי דריקען „זיינע ברידער" — די יודען. דער ערשטער אקט פון אט דער נקמה איז געווען דאס, וואס אויף דהו-נאוואס'עס בעפעהל איז געפאנגען און געטויט געווארען א גאנצע מחנה ביזאנטינישע קריסטען-סוחרים, וועלכע זענען דורך תימן געגאנגען קיין אינדיען. פון דער עוברא האט אבער נאר געליטען דער אינדיש-אראבישער האנדעל, וויל די קריסטען האבען אויפגעהערט צו קומען קיין אראביען. און די גערודפ'טע ביזאנטינער האבען אויך נישט געשוויגען: זיי האבען אנגערייצט איינעם פון די קריסטליכע פירשטען, וואס איז געווען אונטערגעווארפען דהו-נאוואס'ן, ער זאל מורד זיין אין דעם לעצטען און די מרידה האט זיך געענדיגט מיט א מפלה פון דעם יודיש-גלויביגען קעניג (521); באלד איז ער אבער ווידער צו די כחות געקומען און האט זיך גענומען נאך מיט מעהר פערביטערטקייט קעמפפען געגען די קריסטען פון אראביען. לויט געוויסע קריסטליכע קוועלען האט דהו-נאוואס דעמאלט אויסגעהרג'עט מאסען קריסטען פון דער שטאדט נאדזשראן, וועלכע האבען זיך אבגעזאגט אנצונעהמען דעם יודישען גלויבען, און אויך די קריסטען פון די איבריגע שטעדט אין זיין מלוכה האט ער שטארק גערודפ'ט און פערפאלגט. דאס האט ארויסגערופען א שטארקע אויפרעגונג אין די לענדער פון דער קריסטליכער וועלט, און די גרעסטע זיילען פון דער קירך האבען אנגעהויבען זיך משתדל זיין ביי עטליכע מלכים, זיי זאלען ארויסטרעטען געגען דעם שרעקליכען יודישען קייזער. פון געוויסע זייטען האט מען אפילו אנגעהויבען רעדען וועגען איינזעצען אין געפענגעניש די יודישע געזעצלעהרער פון פאלעסטינא און האלטען זיי אלס משכון אזוי לאנג, ביז דהו נאוואס וועט זיך נישט אבזאגען פון זיינע רדיפות געגען די קריסטען אין אראביען. בעזונדער היים זענען ארויסגעטרעטען פאר די גערודפ'טע קריסטען די בישאפען

דום און שמעון פון סיריען ; דער ערשטער איז אליין אוועק קיין קאנסטאנטינאפאל, און וויזענדיג דעם קייזער, יוסטינוס I, א צוריסענעם און צוטרעטענעם עוואנגעליום, האט ער פערביטערט אויסגערופען : „אט דעם היליגען ספר האב איך מציל געוועזן פונ׳ם פייער, אין וועלכען דער יודישער מלך חאט איהם ארייגעווארפען ; וועט דער גרויסער קייזער זיך איצט נישט אנגעהמען פאר אונז זענען מיר אלע פערלוירען !“ דער שוואכמוטיגער און גרוי-אלטער יוסטינוס איז אבער גראד פערוויקעלט געוועזן אין א שווערער מלחמה מיט פערסיען, און ער האט דעם היליגען שתדלן געענטפערט : „הימיארא (תימן) איז צו-ווייט פון אונז : איך קען נישט שיקען קיין חיל אין אזא ווייטער שטרעקע דורך זאמדיגע מדבריות. דערפאר וועל איך שרייבען צו דעם נעגוס פון אבעסיניען (עטיאפיע) ; ער געהערט אויך צו דער קירך אזוי ווי מיר, און איז נעהנטער צו אראביען“.

און דער נעגוס האט דעם פארשלאג אנגענומען. ער האט אוועקגעשיקט א גרויסען חיל אויף שיפען צו די ברעגעס פון אראביען, וואו עס זענען גלייך איבערגעגאנגען אויף זיין זייט אלע קריסטען פון לאנד ; דער איבערראשטער יודישער קעניג האט געפרובט צונויפזאמלען זיינע כחות און זיך אנטקעגענשטעלען דעם שטארקערן שונא ; די איבריגע אראבישע פירשטען האבען איהם אבער אלע פערראטען, און זעהענדיג, אז ער האט פאר זיך קיין רעטונג נישט, האט ער בעשלאסען, צו שטארבען בעסער אליין, איידער ארייצופאלען צו די זיעגער אין די הענד : ער איז מיט זיין פערד ארויף אויף א הויכען פעלזען און האט זיך ארייגעווארפען אין די שטורמדיגע וואליעס פון ים (530).

די זיעגענדע עטיאפיער האבען זיך נאך דעם ארייגעריסען אין לאנד מיט פייער און שווערד, געראובט, געהרג׳עט און מאסען יודען גענומען געפאנגען. דאס איז געוועזן די ענדע פון דער יודיש-תימנ׳ישער מלוכה, וואס איז איבער נאכט ענטשטאנען און איבער נאכט פערשוואונדען געווארען.

אין יענער צייט האט זיך די יודען פון צפון אראביען אויך נישט רוהיג געלעבט. די יודישע קהלה אין יאטריב איז ארייגעצויגען געווארען אין דעם פלאנטער פון די אייביגע קריגערייען צווישען די פערשיעדענע אראבישע שבטים, און געענדיגט האט זיך דער צוואטענשטוים דערמיט, אז די שטאדט איז ארונטערגעפאלען אונטער דער הערשאפט פון די אויסיטען און הכדראזשיטען, אנשטאט דעם, וואס

זי איז פריהער געלעגען אין די הענד פון צווײ יודישע שבטים.

א בעזונדער פלאץ צווישען די יודישע מיוחסים, וואס זענען בעזיעגט געװארען בעת יענע ארומרײַסעניש׳ען, פערנעהמט דער פירשט און דיכטער שמואל אבן-עדיה (געב. 500, געשט. 560). זײַן נאמען איז פעראײביגט געװארען אין דער אראבישער פאעזיע פון דעם פאר׳מחמד׳נישען פעריאָד און די לעגענדע האט איהם בעקרוינט מיט א רײַהע העלדישקײַטען און װאונדערליכע מעשים. שמואל איז געװעזען דער ראש פון א קלײנעם שבט און האט בעװאוינט דעם פרעכטיגען בארג-שלאָס אלאבלאק, וואו עס האבען זיך געשיצט אלע גערודפ׳טע און פערפאָלגטע. דערצו איז ער געװעזען בעריהמט אין דער גאנצער סביבה אלס בעגאַבטער דיכטער, און װען עס האט זיך געמאכט אמאל, אז דער קענדיטישער פרינץ אימרולקײַ׳ס, איז פערפאָלגט געװארען פון אנ׳אנדער פירשט, און קײנער האט נישט געװאגט איהם בײַ זיך אַרײַנצולאָזען — האט אימיצער דעם פרינץ אנגעװיזען אויף דער שוץ-פעסטונג פון דעם יודען שמואל. „װער איז ער?“ — האט געפרעגט דער פערװאָגעלטער פרינץ און קעניג פון אלע אראבישע דיכטער. „דאס איז דער יוד שמואל אבן-עדיה; נעהם מיט מיט זיך דעם דיכטער רביע, װעט ער דיך פארשטעלען פאר איהם“ — האט מען איהם געענטפערט, און אין גיכען איז ער, אימרולקײַס, מיט זײַן שענער טאכטער און דער סװיטע אויפגענומען געװארען פון דעם יודישען פירשט און דיכטער. דעם פערפאָלגטען פרינץ איז אבער די מנוחה אין שלאָס װעניג געװעזען: ער האט זיך דורכאויס געװאָלט נוקם זײַן אן די קעניגליכע רוצחים פון זײַן פאטער; האט ער זײַן טאכטער מיט זײַנע פירשטליכע פאנציר׳ס איבערגעלאָזען בײַ שמואל׳ן, און אלײן איז ער אװעק קײן קאָנסטאנטינאָפאָל, צו געװינען פאר זיך דעם ביזאנטינישען קײזער. דאן האבען דעם פרינצ׳ס שונאים, און בעזונדער דער ראש פון די גהאסאנידען, בעלאגערט שמואל׳ס פעסטונג און געפ׳ערט פון איהם, ער זאל זײ ארויסגעבען די כלי-זיין פון דעם אנטלאָפענעם אימרולקײַס. שמואל האט זיך אָב-געזאגט, נאכצוגעבען די פאָדערונג, און װײַל די פעסטונג גופא איז געװעזען אונבעצװינגבאַר, האבען די פארבאַרען זיך בענוצט מיט א אונ-געװעהנליכער אכזריות געגען דעם בעלאגערטען העלד: זײ האבען פון דער אם אװעקגענומען זײַנם א זױג-קינד, און געדראָהעט, עס פאר איהם אין די אויגען צו טויטען, אויב ער װעט די פערלאנגטע װאפען

ניִשט אַרויסגעבען. און אויך דאָס האָט שמואל'ן ניִשט וויַיבער געמאַכט ; „פערראַט איז אַ האַלזבאַנד, וואָס ראָסטעט קיינמאָל ניִיט : — האָט דער העלדיִשער דיִכטער געענטפערט די תלינים פון זיַין קיִנד — טוט וואָס איִהר ווילט, איִך וועל די וואָפען ניִשט אַרויס-געבען !" און די אַכזרים האָבען דאָס קיִנד געשחט'ען. פון דער מעשה שטאַמט דאָס אַראַביִשע שפּריִכוואָרט : געטריַי ווי שמואל.

איִן שמואל'ס וועגען איז נעגאַנגען אויך זיַין זוהן שאַריַיך, און ווען דער בעריִהמטער דיִכטער מיַימון אַשאַ איז צופעליִג געבראַכט געוואָרען איִן שאַריַיכ'ס שלאָס צוויִשען אַ גאַנצער רייהע געפאַנגענע, האָט ער זיִך געווענדעט צו איִהם מיִט די פערזען :

זיַי ווי שמואל, ווען איִהם געקוועלט האָט
דער קריִעגער מיִט זיַין וואָפען :
„שטעה צוויִשען עלענדקיַיט און פערראַט !
וועהל דיִר פון די צוויַי, אַ טרויריִגע וואַהל !"
און ער געענטפערט האָט דאָך געפאַסט : „טויט דיַין געפאַנגענעם, ניִשט פערראַטען וועל איִך מיַין גאַסט !"

אַזוי האָבען די יודען פון צפון אַראַביִען זיִך אויך נאָהנט צו-זאַמענגעלעבט מיִט די אַרומיִגע שבטים, און איִן ניִכען איז יאַטריִב וויִעדער אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון די יודיִשע בני-קוריַיזא און בני נאַדיר.

זעכצעהנטעס קאַפּיטעל

מחמד אין זיינע מלחמות מיט יודען

דער שטאַרקער אײַנפלוס פון יודישע אידעען און בעגריפען אויף די שבטים פון דער פאַרערשטער אזיען, וואָס איז געוואַקסען צוזאַמען מיט דער יודישער בעפעלקערונג אין אראַביען, האָט אין אָנהויב פון זיבעטען יאָהרהונדערט בעקומען אַ שאַרפען, בולט'ען אויסדריק, אין דער געשטאַלט פון אַ נײַעם גלויבען. מחמד, „דער נביא פון מעקקאַ און יאַטריב", איז נישט געווען קיין זוהן פון דעם יודישען שטאַם; זײַן גײַסטיגע יניקה האָט ער אָבער געצויגען פון יודענטום, און נאָר די צונויפשמעלצונג פון דער יודישער וועלט-אַנשויאונג מיט דער פלאַמענדער פאַנטאַזיע פונ'ם פאַעטישען מדבר-קינד איז אים-שטאַנד געווען צו בעשאַפען דאָס גרויסע ווערק פאַר פעלקער און דורות — דעם איסלאַם.

אין די פריעדליכע פערזאַמלונגען פון די אַראַבישע און יודישע שבטים, וואַנדערנדיג פון שטאָדט צו שטאָדט אויף מערק און יריד'ען, צווישען שכנים און פרײַנד, — אומעטום האָט אַבדולאַה'ס זוהן (מחמד) געהערט רעדענדיג פון דער אמונה אין אײן אײנציגען גאָט, וואָס האָט אַלץ בעשאַפען און הערשט איבער אַלע וועלטען, פון אַ פּאַטריאַרך אַברהם, וואָס האָט זיך איבערגעגעבען צו דינען אָט דעם אַלמעכ-טיגען גאָט, פון רעליגיעזע געבאָטען, וואָס צײַכנען אויס די אמת-גלויביגע פון געצענדינער, און פון נאָך אַנדערע יודישע פאָרשטעלונ-גען און בעגריפען, דאָס האָט דעם עמפּפינדליכען נאַטור-קינד ערײַנ-

געפירט אין א וועלט פון געטליכע ועהונגען און הימלישע בילדער. מחמד'ס ערשטער נבואה-אויסרוף איז דער גרונד-געדאנק פון משה'ס תורה: „ס'איז נישטא קיין גאט, אויסער אללאה (אל)!" און ערשט שפעטער האט ער זיך ערלויבט צוצוגעבען צו דעם עיקר די ווערטער: „און מחמד איז זיין נביא". אינ'ם ערשטען פעריאד האט מחמד איבערהויפט גערעדט וועגען דער איינציגקייט פון דעם אלמעכטיגען גאט און וועגען די שענדליכקייטען און אכזריות'ען פונ'ם געצענדיענעריי. די דאזיגע בעציהונג צו די יסודות פון יודענטום און צו יודען גופא האבען זיך אבער באלד געענדערט צום ערגערן, און אין גיכען זעהען מיר דעם נביא פון מעקקא ארויסטרעטענדיג געגען יודען, ווי געגען געפעהרליכע שונאים.

ארויסטרעטענדיג מיט די ערשטע התגלות'ען אין זיין געבורטסשטאדט מעקקא, האט מחמד געפונען גאנץ ווייניג אנהענגער פאר זיין נייער תורה. דא האט זיך געפונען דער אלטער קאאבא-טעמפעל מיט זיינע דרייהונדערט געטער, און די פאנאטישע געצענדיענער האבען דעם יונגען לעסטערער פון זייערע הייליגטימער געוואלט פערשטיינען. אנגערופען זיך אויף זיין התגלות און זי אנערקענט האבען בלויז עטליכע איינגעזעהענע תושבים פון דער יודישער יאטריב, און דאס האט מחמד'ן בעוואויגען אריבערצוטראגען דעם צענטר פון זיין טעטיגקייט אין יאטריב גופא (622).

אין דעם נייעם צענטר האט מחמד קודם כל אנגעהויבען ארבייטען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. ער האט יודען פארגעשטעלט די זאך אזוי, אז זיין שטרעבונג איז, צו פערשפרייטען דאס יודענטום אין גאנץ אראביען, און אריינקומענדיג אין שטאדט אום יום-כפור, האט ער ווירקליך אויסגערופען: „מיר דארפען גיכער פון די יודען פאסטען דעם טאג". דער „נביא" האט זאגאר בעפוילען זיינע אנהענגער, זיי זאלען בעת די תפילות האלטען די אויגען געווענדט צו ירושלים.

אזוי האט זיך מחמד אלץ מעהר מקרב געווען צו יודען, און נישט קענענדיג אליין שרייבען, האט ער אפילו געהאלטען א יודישען שרייבער, וועלכען ער האט דיקטירט זיינע „נבואות". ביי דעם אלעם האט ער אבער פון דעסטוועגען דא קיין גרויסען ערפאלג נישט געהאט און נאר געצעהלטע יודען זענען געווארען זיינע מיטהעלפער (אנסארען). די איבריגע האבען זיך בעצויגען מיט א געוויסען בטול צו דעם

חוצר־דיגען נביא, וואס האט קיין גרויסע קענטעניש ניט ארויסגע-
וויזען און איז נאך דערצו געווען זעהר פערדארבען און אויסגעלאסען.
די יודען האבען חוזק געמאכט: „קוקט נאר אן דעם נביא, וואס ווערט
קיינמאל נישט זאט און האט שטענדיג מיט ווייבער צו טאן; איז ער
ווירקליך א נביא, טא זאל ער זיך מיט זיין נביאות אבגעבען, און נישט
מיט ווייבער"; אדער: „ווען מחמד וואלט זיין א אמת'ער געטליכער
נביא, וואלט ער ארויסגעטרעטען אין יהודה, דען נאר דארט ענט-
פלעקט זיך גאט צו זיינע אויסדערוועהלטע". בעזונדער שארף זענען
ארויסגעטרעטען געגען מחמד'ן דער יוד פנחס אבן עזורה, דער
זוהן פון א אראבישען פאטער און א יודישער מוטער קאאב אבן
אשראב, דער הונדערט-יעהריגער דיכטער אבו אפאק און דער
געלעהרנטסטער יוד פון גאנץ הערושאם אבדאללאה. זיי האבען מיט
א בעזונדער פערגלייכונג אויסגעלאכט דעם נביא פון מעקקא און
חוזק געמאכט פון זיינע נבואות, גארנישט אהנענדיג, אז אט דער
הילפלאזער טרוימער וועט אין גיכען הערשען איבער מיליאנען און האל-
טען אין זיינע הענד דעם גורל פון א גרויסען טייל פון דער יודישער
אומה.

דער פערביטערטער מחמד האט געפיהלט דערוויל זיין שוואכקייט
און זיך נישט ווייסענדיג געמאכט פון דער יודישער חוזק'דיגער בעציהונג
צו איהם. „מיט דעם פאלק פון דער שריפט, — האט ער אנגעזאגט
זיינע אנהענגער — זאלט איהר שטרייטען אויף א'נ'אנשטענדיגען אופן
און זאגען: מיר גלויבען אין דעם, וואס איז אונז און אין דעם, וואס
איז אייך ענטפלעקט געווארען; אונזער גאט און אייער גאט איז איינער
און מיר דיענען איהם געטריי".

דער דאזיגער מצב האט זיך אבער נישט געקענט לאנג האלטען.
פון איין זייט האבען די יודען אנגעווענדעט אלע מיטלען, אבצוציהען
פון מחמד'ן זיינע אנהענגער, און זיי איז אפילו געלונגען אבצורעדען פון
איהם דעם אנגעזעהענסטען בירגער פון יאטריב, וואס האט געזאלט
אויסגעוועהלט ווערן פאר א קעניג פון שטאדט; פון דער צווייטער זייט
ווידער, האבען אויך די גלויביגע גופא אנגעהויבען צושטעהן צו מחמד'ן
און פאדערן פון איהם א בעשטימטע ערקלערונג וועגען זיין בעציהונג
צום יודענטום. זיי האבען געזעהען, אז יודען בכלל דערווייטערן זיך
פון איהם, און אפילו די יודישע אנהענגער זיינע הערן אויך נישט אויף
אבצוהיטען די יודישע געבאטען, און זיי האבען געזאגט: „איז די תורה

א גאָטליך ווערק, טאָ זאָלען מיר אויך אָפּהיטען איהרע געבאָטען".
דאַן האָט מחמד ערשט זיך בעשלאָסען צו מאַכען א געוואַגטען שריט: ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבען דער יודישער תורה, נאָר זיך אינגאַנצען אָבגעזאָגט פון איהר. מיט דעם אקט האָט ער אי אויפגעהויבען זיין פּרעסטיזש אלס געזעצגעבער, אי זיך צוגעפּאסט צו דעם לעבענסלוסטיג-ליידענשאַפטליכען כאַראַקטער פון זיין פאָלק, פאַר וועלכען די געזעצען פון דער תורה זענען געווען צו שטרענג און צו-האַרב.

מחמד האָט פערעפענטליכט א לאַנגע סורא (התגלות), פול מיט זלזולים געגען יודען, און געהייסען זיינע אָנהענגער ווענדען פון דאַן אָן זייערע אויגען נישט צו מזרח-זייט (ירושלים), נאָר צו מערב, צו דער זייט פון מעקקא מיט איהר קאַאַבאַ-טעמפעל. דעם תענית פון יום-כפור האָט ער אָבגעשאַפט, און אַנשטאַט איהם בעפעסטיגט די תעניתים פון דעם חודש ראַמאַדאַן, וועלכען די אַראַבער האָבען הייליג געהאַלטען נאָך פון אוראַלטע צייטען (624). דאָס זעלבע האָט ער געטאָן אויך מיט נאָך אַנדערע געבאָטען פון דער תורה: דעם שבת פערביטען אויף פרייטאָג, און פון אלע טרפה מאכלים פערבאָטען נאָר חזיר און פליישׁ פון א נבלה, וואָס די אַראַבער האָבען פאַר איהם אויך נישט געגעסען.

א דאַנק דער דאָזיגער צופּאַסונג צו די טראַדיציעס פון דעם אַראַבישען פאָלק און צו זיין כאַראַקטער, איז די צאָהל פון מחמד'ס אָנהענגער צווישען די אַראַבער געוואַקסען, און צוזאַמען דערמיט איז געוואַקסען אויך זיין גאוה און זיין אכזריות'דיגע חוצפה. דער פריהערדיגער פרעדיגער פון יודענטום האָט איצט אַליין פערשפּרייט די שענדליכסטע בלבולים אויף יודען, און נאָך די ערשטע נצחונות, וואָס ער האָט אָבגעהאַלטען איבער די אַראַבישע געצענדינער, איז ער אַרויסגעטרעטען אין א אָפענער מלחמה מיט די יודישע שבטים דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפען זיין אויטאָריטעט און זיין הייליגקייט.

די ערשטע קרבנות פון מחמד'ס צאָרן זענען געווען די יודען פון שבט קיינוקא. זיי האָט מחמד איבער א קליינינקייט אַרויסגעפאָדערט צום קאַמפּף, און די פאַרשטעהער פון דעם שבט האָבען איהם דרייסט געענטפערט: מיר זענען פריעדליכע מענשען און ווילען זיך

מיט דיר פערבינדען; אזוי אבער, ווי דו ווילסט נאר א צוטשעטשעניש
אבי זיך מיט אונז צו שלאגען, וועלן מיר דיר ווייזען, אז אונז פעהלט
אויך קיין מוט נישט". און זיי האבען ווירקליך נישט וועניג מוט ארויס-
געוויזען, קעמפפענדיג גאנצע פופצעהן טאג געגען מחמד'ס שטארקער
מחנה. ענדליך זענען זיי אבער בעזיעגט געווארען, און נאר די השתד-
לות פון דעם שטארקען אבדאלאה אבן אובי האט זיי מציל געוועזן פון
מחמד'ס שווערד *).

נאך דעם צוזאמענשטויס, אין וועלכען די יודען האבען בעקומען
א געוויסע שטיצע פון אראבער, האט מחמד פערעפענטליכט די סורא,
אין וועלכער עס זאגט זיך: א, איהר גלויביגע, שליעסט ניט קיין
פערבינדונג נישט מיט קריסטען, נישט מיט יודען: זיי קענען זיך אליין
בעשיצען. ווער עס בעפריינדעט זיך מיט זיי, איז איינער פון זיי, און
גאט פערטראגט נישט דעם זינדיגען פאלק. אין דעם אויפרוף האבען
די איבערגעבליבענע יודישע שבטים געזעהען א געפאהר פאר זיך,
און זיי האבען זיך פערבונדען מיט די אראבישע שבטים, וואס זענען
אויך געווען פיינדליך געשטימט צו מחמד'ן. די לעצטע האבען אבער
פערראטען זייערע יודישע קריגס-חברים, און מחמד האט ווידער
אבגעהאלטען א נצחון איבער זיינע יודישע שונאים, אן וועלכע ער האט
זיך אכזריות'דיג נוקם געווען (אויף זיין בעפעהל זענען זיבען הונדערט
יודישע קעמפפער געטויט געווארען אין מיט'ן מארק און די איבריגע
האבען געמוזט אויסוואנדערן 627 — 625). מיט א יאהר שפעטער איז
מחמד ארויסגעטרעטען געגען די יודען פון דער געגענד חיבר, און
דא איז איהם דער נצחון אנגעקומען פיעל שווערער. די יודישע קריגע-
גער האבען דא ארויסגעוויזען אונגעווענליכע העלדישקייטען און
מחמד'ס מחנה האט א סך געליטען און נישט וועניג קרבנות געבראכט,
ביז איהר איז געלונגען אריינצודרינגען אין די יודישע פעסטונגען. צו
מחמד'ן אין די הענד זענען דאן אריינגעפאלען אלע אוצרות פון די רייכע
חיבר'ישע יודען, און זיינע קריגער זענען צוריקגעקומען פון דער מלחמה
בעלאדען מיט כל טוב.

---

*) די בעזיעגטע, אין א צאהל פון זיבען הונדערט מאן, האבען דאן אויס-
געוואנדערט קיין פאלעסטינא

צווישען די טראָפּעען פון דער חיבר'ישער מלחמה האָבען זיך געפונען אויך צוויי שענע יודישע פרויען, וועלכע מחמד האָט איבערגעלאָזען פאר זיך: סאפיא, די טאָכטער פון זיין טויט־פיינד הויעי, און זיינאב, די שוועסטער פון דעם העלדישען מאַרהאב; וועגען דער לעצטער, זיינאב, דערצעהלט די אראבישע לעגענדע, אז זי האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אָן דעם רוצח פון איהרע גלויבענסברידער, און האָט אריינגעשיט ניפט אין'ם עסען, וואָס זי האָט דערלאַנגט צום טיש. מחמד האָט אָבער דערשפירט דעם גערוך פון גיפט, און האָט גלייך אויסגעשפיגען דעם ביסען פון מויל אין דער צייט, ווען איינער פון דער סוויטע האָט געגעסען מעהר פונ'ם פערגיפטעטען פלייש און איז געשטאָרבען. ווען מחמד (וועלכער האָט נאָכדעם געליטען פון דער פערגיפטונג א לאנגע צייט) האָט געפרעגט זיינאב'ן, פאַרוואָס זי האָט עס געטהאָן, האָט זי קאַלטבלוטיג געענטפערט: „דו האָסט מיין פאָלק פערשאַפט אונמענשליכע יסורים. איך האָב מיך דעריבער געטראַכט: ביזטו בלויז א העלדישער בעזיגער, וועל איך דורך גיפט בעפרייען מיין פאָלק פון א פייניגער; ביזטו־זשע א נביא, וועט דאָך דיך גאָט וואָרנען פון מיין פלאַן און עס וועט דיך נישט שאַדען". דער ענטפער האָט דעם נביא נישט בעפריעדיגט: ער האָט זי געהייסען טויטען.

מחמד'ס טויט האָט ארויסגערופען ביי יודען א שטאַרקע שמחה: זיי האָבען געגלויבט, אז די אראבער וועלען זיך אין גיכען אויסניכטערן פון זייערע איינבילדונגען וועגען מחמד'ס געטליכקייט; דאָס איז אָבער נישט געשעהען. די קריעגס־לוסטיגע אראבער זענען בעהערשט געוואָרען פון א שרעקליכען רעליגיעזען פאַנאטיזם, און זיי האָבען די העסליכע בלעטער פון קאָראַן נעגען יודען אויפגענומען מיט דער זעלביגער בעגייסטערונג, ווי די בלעטער פון יודען און דער יודישער תורה. דער קאָראַן איז געוואָרען דאָס הייליגע בוך פאַר א גרויסען טייל פון דער מענשהייט אין דריי ערד־טיילען, און אזוי ווי ער איז פול מיט פיינדליכע אויפרופען געגען די פערזענליכע שונאים פון נביא (די יודען), האָט ער ערצויגען אין די מחמד'נישע פעלקער (ווי דאָס עוואַנגעליום אין די קריסטליכע) א שטאַרקע שנאה צו די זעלבע.

„דאָך האָט די פערשפרייטונג פון איסלאַם, אַלס א גלויבען, וואָס שטיצט זיך פאַרט אויף דער ביבלישער וועלט־אַנשויאונג, געהאַט אויך גוטע פאָלגען פאַר יודען: דער איסלאַם האָט אויפגעוועקט

די שלאָפענדע כהות פון מורח און בעשאפען א נייע אלגעמיין-מענשלי-כע קולטור, צו וועלכער די יודען זענען אויך צוגעשטאנען. די פאלי-טישע נצחונות, ווידער, און די טעריטאָריאלע בערייכערונגען פון די מושלמענער האָבען גאנץ אָפט געבראכט מיט זיך א ישועה פאר די יודען, וואָס זענען געפייניגט געוואָרען און אויסגעשטאנען אלערליי רדיפות אין די דעמאָלדיגע קריסטליכע מלוכות. (רובנאוו)

אינהאַלט פון פיערטען באַנד

גלות=עפּאָכע

די איבערגאַנגס=צייט

זייט

ערשטעס קאַפּיטעל: די לאַגע אין יהודה און דער נייער גייסטיגער צענטער אין יבנה 3

צווייטעס קאַפּיטעל: די פולשטענדיגע שפּאַלטונג צווישען יודענטום און קריסטענטום; די ליטעראַטור 37

דריטעס קאַפּיטעל: די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון יודענטום און דער נייער אויפשטאַנד געגען רוים 58

פיערטעס קאַפּיטעל: די בלוטיגע מלחמה אין יהודה . . 81

פינפטעס קאַפּיטעל: דער נייער צענטער אין גליל . . 109

זעקסטעס קאַפּיטעל: די לאַגע פון די יודען אין בבל און פּערסיען 158

זיעבעטעס קאַפּיטעל: די מלוכה=איבערקעהרעניש אין בבל און די ירידה פון רוים 173

אַכטעס קאַפּיטעל: יהודה אונטער די ערשטע קריסטליכע מלכים 189

ניינטעס קאַפּיטעל: די ישיבות אין בבל . . . 204

צעהנטעס קאַפּיטעל: די ווייטערדיגע רוימישע מלכים און די ירידה פון פּאַטריאַרכאַט 213

עלפטעס קאַפּיטעל: דער אונטערגאַנג פון פּאַטריאַרכאַט . 225

צוועלפטעס קאַפּיטעל: דאָס יודענטום אין בבל (די אָבשליסונג פון תלמוד) 233

דרייצעהנטעס קאַפּיטעל: די ווייטערדיגע רדיפות געגען יודען אין פּערסיען; די „סבוראים" 241

פיערצעהנטעס קאַפּיטעל: יודען אין די אייראָפּעאישע לענדער 244

פופצעהנטעס קאַפּיטעל: יודען אין אַראַביען . . 270

זיעבצעהנטעס קאַפּיטעל: מחמד און זיינע מלחמות מיט יודען 278